This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

5 1968

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

אכטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

מײַ

1968

אינהאַלט

זײַט

ארן ווערגעליס. דאָס געזאנג וועגן קאַלמענס הענט (פּאָעמע) 3

איציק קיפּניס. אונטערוועגנס (דערציילונג. פאָרזעצונג). צייכענונגען פון מ. גאָרשמאַן 10

שיקע דריז (צום 60־טן געבורטסטאָג). א כאָלעם. — א מענטש דארף זײַן א מענטש און אנד. לידער 58

מייער יעלין. דעם זיידנס שטעקן (דערציילונג . . . 62

שימען קריוואָשעין. צוויי דועלן (דאָקומענטאַלע דערציילונג) 68

מאָטל טאלאלאיעווסקי. צו ברייטע ראכוועסן (לידער 71

אלעקסאנדער גובניצקי. די „ייִדישע שטוב“ (דערציילונג. סאָף) 74

הירש בלאָשטיין. נײַע לידער 91

ראָזע לייקינא. מײַנע וואָגלענישן. ארײַנפיר — ש. גאָרשמאַן 95

עדואַרדאס מעזשעלײַטיס. מענטש. — דער עפּל. — מײַן מאמע איז די ערד (לידער 113

הערץ ריווקין. דער טאטע מיטן זון (דערציילונג . . . 115

י. יאקיר. ער איז געווען א זינגער פון זײַן דאָר . . . 115

יעשוע לאצמאן. אזא סימכע אף די פעלדער. — אין באגינען־פלאם און אנד. לידער 120

אויסלענדישע נאָוועלן. דזשאָן בערי. דער צוהערער. קליפאָרד דע סײַמאק. א ווירדיקער קעגנער. צייכענונגען פון ג. פאָנדאפולאָ 122

טעוויע גען. אויג־אף־אויג מיט זיך אליין 134

צום 150־טן געבורטסטאָג פון קארל מארקס. נאָכעם אויסלענדער. קארל מארקס׳ פּאָליטישע פּאמפלעטן 140

אף די וועגן פון הײַנטצײַטיקײַט. מוישע נאָטאָוויטש. דער גוטער מענטש אין קאָבריאנסקיס נײַע דערציילונגען. אווראָם גאָנטאר. איך קאָן ניט מאסקים זײַן 144

באָריס בוריאן. דער מײַסטער און זײַנע ווערק (וועגן סקולפּטאָר זאיִר אזגור) 148

קאָמענטארן פון רעדאקציע. ליטעראַרישע פיגמייען און פערעץ מארקיש 152

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאטשיק. דער „קליין בראנט־שפּיגל“ 154

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען 155

פארשיידנס 156

כראָניק 90, 92, 151

נאָטיצן אפן קאלענדאר 159

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פאראנטוו. סעקרעטאר),

ב. מילער, י. פאליקמאן,

ס. פרײַ, י. ראבין, ר. רובין.

ארן ווערגעליס

דאָס געזאַנג וועגן קאַלמענס הענט

ערשטער טייל

1

וועגן קאַלמען איז אריַין אין הויכן קאָרן,
האָט ער דערהערט באַ סקירדעס אַ געזאַנג:
„אַראָפּלאָזן די האַנט וועסט אַף אַ דאָרן,
און אופהייבן די האַנט וועסט מיט אַ זאַנג"... —
איז ער געבליבן שטיין אין פעלד דערשיטערט,
דערפילט אין אַרבל פון דעם כאַקי־העמד
אַ ווייטעק אין די אָפּגעהאַקטע גלידער,
אַ פוסטקייַט דאָרט, ווו ס׳דאַרפן זיַין די הענט.

ניט זינג, ניט זינג, פאַרהאָרעוועטער זינגער,
ניט זוך קיין ענטפער — צי גערעכט, צי ניט גערעכט,
ס׳האָט קאַלמען איצט אַפילע ניט קיין פינגער
אַף אָפּרײַסן אַ בלימל פון דער ערד.
פון זינט ער האָט אין קריג די הענט פאַרלאָרן,
האָט אים געפּלאָגט איין־אײנציקער געדאַנק:
די האַנט, וואָס האָט געקאָרטשעוועט אַ דאָרן,
וועט קיינמאָל שוין ניט אופהייבן קיין זאַנג.

2

ס׳איז ברייט דאָס פעלד און פול מיט אַלע כיינען,
מיט פּרוכט, מיט שפּיל, מיט זומער־לעב און פאַרב,
און קאַלמענען עס וויל פון זיך אנטוויינען,
כאָטש לייג אַוועק זיך אַף דער ערד און שטאַרב.
וואָס דאַרף אַ צײַטיק פעלד צוויי פוסטע אַרבל?
וואָס דאַרף עס אָט דעם ווייטעק אָן אַ מאָס?
דאָס פעלד דאַרף הענט, וואָס קאָנען טאָן אַן אַרבעט,
וואָס קאָנען זאַנגען שנײַדן, קאָסיען גראָז.
און קאַלמען שטייט, ווי אָפּן פראָסט, און ציטערט,
באַך הייסן קריג — דאָס ערשטע מאָל אין פעלד.
אָ זינגער, זינגער! זינג אים ניט די לידער,
פון וועלכע שווער דער אָטעם אים פאַרפעלט.

3

דאָס פעלד פאַרלויפט דעם וועג אים. זאַנגען רוישן.
ער ווענדט זיי אָפּ, די זאַנגען, מיט די קני,
פאַרהייבנדיק די פיס, ווי אין אַ כוישעך,
כאָטש ליכטיק איז אין פעלד דער אינדערפרי.

באקאנט דאָס אָרט איז: די באַזונטע ריאָלקע,
דער פליין — א ברייטער ראכוועס פאר דעם בליק,
און ס׳דאכט זיך אים: אפילע אָט דער וואָלקן —
דער זעלבער, וואָס מיט פינעף יאָר צוריק.

צי ווייסן זיי, די זאנגעלעך די שטאָלצע,
די פלאקסענע פארברוינטע קאָרן־קעפ:
ווען קאלמענס הענט מ׳זאָל ברענגען פון שפיטאָל איצט,
זיי וואָלטן אָן דעם גוף דאָ אופגעלעבט...

4

אינמיטן פעלד דערזעט ער שטיין א צעדער,
צעוואקסן אין דער ברייט און אין דער לענג.
עס טוט דער בוים א טרייסל מיט די בלעטער:
„גוטמאָרגן, דאָברי מאזל. דו געדענקסט?..” —
און קאלמענען דערמאָנט זיך א באגינען,
מע האָט געענדיקט קאָרטשעווען דאָס פעלד.
איין צעדער נאָר, א שלאנקן און א גרינעם,
האָט קאלמענס שארפע האק מיט גנאָד פארפעלט.
ער האָט געוואָלט, דער בוים זאָל אים דערמאנען,
פארבלײַבנדיק דאָ שטיין — זאָל זײַן, מיט גוואלד, —
אז אָט דאָס ברייטע פעלד ביראָבידזשאנער
געווען אמאָל איז א געדיכטער וואלד.

און נאָך קומט אפן זינען יענע רעגע,
ווען ס׳לעצטע מאָל געשטאנען דאָ ער איז,
מיט יעדער צווײַג פון צעדער זיך געזעגנט,
אליין ווי אָט דער צעדער־בוים — א ריז.
א שפאס געטאָן האָט קאלמען: „דאָברי מאזל!
דו קוקסט אזוי, גלײַך וואָלסט מיך ניט דערקענט.
אוי, נאָכן קריג כ׳וועל שינדן פון דיר פאסן,
אָן איידעס האָסטו — מײַנע שטארקע הענט”...

דער זעלבער בוים... ווי שלאנק און הויך געשטיגן,
פארוואָרצלט זיך נאָך שטײַפער קעגן ווינט.
אף גרינער צווײַג עס הוידעט זיך א וויגל —
געלאָזט האָט דאָ א פויערטע איר קינד.
און קאלמענען צו זיך ער רופט, א סוואָרע:
„ביסט, דאָברי מאזל, כ׳זע, פון צאָרעס מיד.
מיט וואָס ווּעסטו מיר שינדן איצט די קאָרע?
איך בין א גוואר, און דו — אן אינוואליד!”

5

ווען קאלמען מײַדט דעם צעדער אויס מיט ווירדע,
א ווײַטער קלאנג דערטראָגט זיך צו אים קוים —
צי ס׳רופט דאָס קינד זײַן מאמע פון דער סקירדע,
צי קאלמענס יוגנט רײַסט זיך פונעם בוים...
ניין, ניט דאָס קינד,
ס׳פארגאנגען לעבן אויך ניט,
דאָס האָט א ווינט א שפיל געטאָן פארשײַט,
פארשטויבטע זאנגען האָבן זיך צערויכערט,
ווי ס׳וואָלט דער פאל געטליִעט דאָ ניט ווײַט.
מיט אומרו קוקן אין דער הייך די שניטער,
פון גראָווע כמארעס ווייסן זיי דעם מיין.

ארן ווערגעליס איז אלט געוואָרן פופציק יאָר.

אין צוזאמענהאנג מיט אָט דער דאטע פאַר־עפנטלעכן מיר זײַן פּאָעמע „דאָס געזאנג וועגן קאלמענס הענט". דאָס ווערק איז געשאפן גע־וואָרן מיט צוואנציק יאָר צוריק און איז ניט געווען געדרוקט.

די רעדקאָלעגיע און די רעדאקציע פון „סאָ־וועטיש היימלאנד" באגריסן הארציק ארן ווער־געליסן און ווינטשן אים פיל פּרוכטבארע, גליק־לעכע יאָר.

א מיידל שרײַט: „ס׳רוקט אָן זיך א געוויטער!" —
און אפן ווינט זי בלײַבט פארציטערט שטיין.
צעשויבערט, בלייך זי שטייט אנטקעגן אלעמען,
א רעגע קוקט זי זיך נאָך אײַן מיט ווײ
און טוט פון אָרט א ריס זיך:
„קאלמען! קאלמען!"
און ס׳בלײַבט אין האלדז איר שטעקן דער געשריי.
אָט איז ער, איר געליבטער, בא די גארבן.
זיך אומגעקערט. צי ס׳האָט זיך אויסגעדאכט?
ער טוט א טרייסל מיט צוויי פּוסטע ארבל,
ווי גלײַך דעם ווינט ער וואָלט אין זיי געבראכט.
ער שטייט. ער רירט פון אָרט זיך ניט. עס יאָמערט
דער שנײַדנדיקער ווינט, וואָס האָט אהער
געבראכט פון דער פארענדיקטער מילכאָמע
א וואלקן, ווי אן אויסגעהיטע טרער.
„אוי, קאלמען, קאלמען! דאָס בין איך דאָך, בראָכע"...
יאָ, קאלמען זעט: אנטקעגן ווינט זי שטייט,
די ווײַסע הענט — פון גרויס דערשרעק פארבראָכן,
אין אויגן — פון באגעגעניש די פרייד...

צווייטער טייל

1

א יונג — א ריז, א ריז אָן הענט,
צום הימל דאָס געזיכט פאריסן.
דער קוי׳ך אין אויגן זײַנע בלענדט,
די קראפט ארײַן איז אין די פיס אים.
פון הארץ די פּײַן — זי וועט פארגיין,
מ׳האָט דען אזוי דעם יונג געכאָוועט,
אז זײַן ער זאָל, ווי פּראָמעטיי,
צום גרויסן אומגליק צוגעקאָוועט?
אויב פײַער האָט ער יאָ געגארט,
אין שלאכט געטראָגן הייליק פײַער —
איז ער דאָך ווערט, ווי יענער גוואר,
פון ווײ זיך גרויסמוטיק באפרײַען.

2

ס׳איז דורכגעגאַן אַ שאָ, ניט מער,
די שאָ געבראַכט האָט אַ געוויטער,
און קאַלמען זיצט שוין אַף דער ערד
מיט בראָכען און מיט אַלע שניטער.
צי ס׳טוט אים וויי נאָך? יאָ, געוויס —
מ׳האָט אים די הענט ניט אָפּגעגעבן.
נאָר אַלץ, וואָס נאָגט אים און פאַרדריסט,
האָט ער געדעקט מיט גלוסט צום לעבן.

עס טוט אים בראָכעס האַנט אַ ברי,
מיט אַ געזונטן כיין פאַרגאַפט אים —
אַן אָנגעגאָסענע מיט מי,
אַן אויסגעגאָסענע פון זאַפטן.
די האַנט איז אומרויִק. זי וויל
זיך אָנשפּאַרן אַף קאַלמענס פּלייצע.
דאָס פעלד מיט כמאַרעס איז פאַרהילט,
עס דראָ׳ט דעם קאָרן אַ פאַרפלייצונג!
„וואָס טוט מען, קאַלמען? דו ביסט דאָך
אַזויפיל וואָסערן אַריבער,
פאַרנעם זשע איצט דעם עלטסטנס אָרט
און גיב דעם קוי׳ך דייַנעם אונדז איבער".

עס טוט זיך קאַלמען ניט קיין ריר —
אַזאַ געבאָט שוין באַ סאָלדאַטן:
ווער ס׳קאָן ניט האַלטן קיין גראַנאַטע,
דער קאָן ניט זייַן קיין קאָמאַנדיר...

3

אַ דאָרפיש יִנגל אַפּן שליאַך —
נאָך ווייַט פון סטויג, און עפּעס שרייַט שוין,
ער בייַסט אַן עפּל, שטיפט און לאַכט,
און זיך אַליין פאַטשט מיט אַ בייַטשל.
אין לענדן אַ געזונטע קראַפט.
ער לויפט מיט אַ פאַריסן קעפּל,
זייַן מויל פאַרשניטן איז אין זאַפט,
אַף ציינער וועפּט זיך אויס דער עפּל.
די הויט פון פּרוכט אַף רויטער ליפ —
ווי אַף אַ קאַוון־שניט אַ גרעזל,
און, גלייַך ניט ער האָט ערשט געשטיפט,
געבליבן שטיין...
„איך האָב פאַרגעסן,
ווער ס׳איז דער עלטסטער דאָ... נאָר שאַט —
אַליין צו טרעפן כ׳בין אַ באַלן..."
און ס׳קוקט אַף קאַלמענען דער יאַט,
אַף זייַנע אָרדענס און מעדאַלן.
די שניטערס קוקן. בראָכע קוקט.
באַם יִנגעלע די אויגן גלאַנצן:
„נו, האָדיע, קאָמאַנדיר, גענוג —
אַ בריוו אייַך פון מעטעאָסטאַנציע".

4

דער בריוו איז קורץ, דער בריוו איז שטרענג.
ער ברענגט קיין טרייסט און גיט קיין אייצעס.
א שווערע דײַגע בלויז ער ברענגט:
ס'הייבט מאָרגן אָן זיך די פארפלייצונג.
מע איז געבליבן זיצן שטיל.
מע האָט געקוקט אין הימל בלאַסע,
ווײַל יעדער איינער האָט דערפילט:
דאָס ברויט שטייט ביזן האלדז אין וואסער.

5

ס'דערמאָנט זיך קאלמען... נאָכאמאָל
ער לעבט איצט איבער יענע ווייען...

דאָס איז געווען אונטער אָריאָל.
אַף א פארסארפעט פעלד — טראנשייען.
באם הויכן ראנד דער סוינע ליגט,
און מיר — ווי אפן דנאָ פון פליאגע.
און מאָרגן — אָדער אונדזער זיג,
אָדער א טויט אין דער אטאקע.
און פלוצעם ברענגט דער וועסטאָוואָי
די נײַס, אז זײַן וועט א געוויסער.
פארפלייצונג איז פאר אונדז דער טויט.
דאָס וואסער וועט אונדז דאָ פארגיסן...

עס ווערן קאלמענס אויגן פײַכט,
ווי שווימען וואָלט דאָרט זײַן געוויסן:
„דעם אָנגריף אָנגעהויבן גלײַך!
דעם וועג פארלאָפן דעם געוויסער!"

דריטער טייל

1

ס'האָט קאלמען זיך געמאכט אָן אָרט צווישן די שניטער
און, ווי ער וואָלט געווען א פאסטעך דאָ באם שניט, —
די שפעלעך, די זאנגען, גארבנוויַיז געפיטערט,
דערנאָכדעם זיי אין סטויג פארטריבן און געהיט.

דאָס קאָרן האָט געקניט, צו וואָרצלען צוגעפאלן,
גלײַך קאָרעטעס מיט וואסער וואָלט עס דאָרט געזוכט,
נאָר קאָסעס זײַנען עס מיט קלינגערײַ באפאלן,
די ערשטע האָבן זיי דאָס קאָרן־ברויט פארזוכט.

דערנאָך געפרוווט דאָס ברויט האָט קאלמען. מיט די ציינער
די קערנדלעך צעמאָלט. געקײַט און זיך געקוויקט.
ער האָט געפילט, ווי דאָ, אַף אָט דעם פעלד דעם קליינעם,
דאָס הארץ זײַנס טײַעט אָפּ פון איימעדיקן קריג.

ער איז געווען מיט זאכן פּאָשעטע פארנומען —
באוואָרנט און באשטאט, אז אין א ווײַטן סטאן
צום טרינקען זאָל מען ברענגען וואסער פונעם ברונעם,
צום עסן זאָל מען ברענגען קאשע מיט פאזאן.

דעם אָפּרו דאָ געהיט אזוי ווי אף מילכאָמע,
געוווסט האָט דער סאָלדאט די פּרײַז פון א פּריוואָל.
נאָך שווערער מי האָט מען אָטכײַעט די נעשאָמע
מיט א פאַרבענקטער ליד...

2

אין שכיינעסדיקן וואלד

בא האָלצהעקער געווען איז איצטער אויכעט שניט־צײַט,
געוואַרט האָבן אף סאָסנעס ניט דערבויטע ווענט.
און פּלוצעם איז געקומען קאַלמען א פאַרשוויצטער
און אויסגעשריגן: „הענט! דעם פעלד עס פעלן הענט!"
מע האָט דערזען: בא קאַלמענען זײַנען די אַרבל
פאַרשטעקט אונטער דעם רימען — הייסט עס, אז דער מענטש
האָט שוין מיט זײַנע הענט געטאָן א שווערע אַרבעט,
און ווען ער רופט צו מי, איז ווי ער וואָלט געבענטשט.
דער וואלד האָט זיך צערוישט: „דאָס ברויט איז איצטער וויכטיקער!
גייט ראַטעווען דאָס פעלד! גייט, האָלצהעקער, אהין!"
און ס'האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין פעלד צו די קאָלווירטניקעס
די שניטער פונעם וואלד, דער טײַגעס שטאַרקע זין.

דאָס קאָרן האָט געקניט, צו וואָרצלען צוגעפאַלן,
גלײַך קאָרעטעס מיט וואסער וואָלט עס דאָרט געזוכט,
און קאָסעס זײַנען עס מיט קלינגערײַ באַפאַלן, —
דאָס נײַע ברויט מיט כיישעק האָבן זיי פאַרזוכט.

פערטער טייל

1

באגינען. ס'איז פאַרסקירדעוועט דאָס קאָרן.
ארום די סטויגן טראָגט זיך א געזאנג:
„אראָפּלאָזן די האנט וועסט מיט א דאָרן,
און אופהייבן די האנט וועסט מיט א זאנג!"

זיי גייען ביידע: קאַלמען גייט און בראָכע.
דאָס מיידל שטיפט. דאָס לעבן אין איר ברויזט.
דעם פוס זיך מיט א שטעכעלקע פאַרשטאָכן —
א ווונק צו קאַלמענען: נו, שלעפּ ארויס...
אינמיטן פעלד מע שטעלט זיך אָפּ באַם צעדער,
צום אַלטן שטאַם די פּלייצעס צוגעלענט.
און קאַלמען זעצט זיך צו. בא בראָכען בעט ער:
„פאַרדריי מיר א ציגאַר... מיט דײַנע הענט".

2

דער בוים — דער זעלבער. שלאַנק און הויך געשטיגן,
פאַרוואָרצלט זיך נאָך שטײַפער קעגן ווינט.
אף גרינער צווײַג ניטאָ איז שוין דאָס וויגל —
מ'האָט אָפּגעטראָגן צ'ריק אהיים דאָס קינד.
פון גראָז די רייכעס שלעפּערן און רייצן.
ס'דערגייט צו קאַלמענען א שטיל געוויין קוים־קוים —
צי ס'האָט דאָס פעלד דערפילט שוין די פאַרפלייצונג,
צי עפּעס מוירעדיקס דערפילט עס האָט דער בוים...

3

עס הייבט זיך אָן... עס הייבט זיך אָן!
א ציטער
נעמט דורך די סטויגן. ס׳טוט א בלאָז מיט קעלט.
דאָס טראָגט זיך אַף דעם פעלד א ניַי געוויטער.
א ווירבל־ווינט, א שטויב־געדריי אין פעלד.
א וויַיסער בליץ האָט אלעמען פארבלענדעט
און זיך מיט האסט פארשניטן אין דער ערד.
ווו אָנגעהויבן זיך, און ווו — געענדיקט?
ניטאָ קיין בליץ... דער צעדער, ווי א בער,
וואָס אינעם שלאָף א קויל האָט אים געטראָפן,
טוט צו דער הייך די וואָרצלען א פאריס,
און שווער, ווי יענער בער,
ווי ער — פארשלאָפן,
פאלט ער אוועק
דעם מענטשן צו די פיס.

4

און קאלמען קוקט דעם יוגנט־כאווער זיַינעם
אין קרוין, ווי אין א פּאָנעם, גלייַך אריַין,
און ס׳ערשטע מאָל א טרער אין אויג נעמט שיַינען
בא דעם סאָלדאט.
און ס׳טוט א שפּאר די פּיַין
נאָך שטארקער פון געוויטער.
און דער רעגן —
דער גוסרעגן אין פעלד ברעכט אויך שוין אויס,
און ס׳דוכט: ארויס די וועלט איז פון די ברעגן,
און זי וועט באלד אלץ איַינשלינגען, און — אויס...

5

נאָר אין געקנאל פון דונערן און בליצן
דערהערט זיך שטיל און היימיש בראָכעס קאָל:
„אזוי געדיכט די קרוין איז, אז באשיצן
זי וועט פון רעגן אונדז״...
און קלאָר ווערט מיטאמאָל,
אז אויך באשיצט פון רעגן איז דאָס קאָרן,
און אז א טיפן זין האָט יענץ געזאנג:
„אראָפּלאָזן די האנט וועסט אַף א דאָרן,
און אופהייבן די האנט וועסט מיט א זאנג!״

1948



איציק קיפּניס

אונטערוועגנס

קאַפּיטל פינף

קאַפּישטש און אומגעגנט

אונדזער שטעטל עוואקויִרט זיך. די ווײַספּאָליאקן זײַנען שוין גאָר נאָענט. וויטשענקאָ האָט שוין געדעדט וועגן דעם אָפּן. פאַרן קינדערהיים האָט מען אויסגעטיילט געלט און פּראָדוקטן.

פריידקע פאָרט ניט מיט איר אנשטאלט. זי בלײַבט איבער מיטן קינדערהיים — ס׳איז אזוי אָפּגערעדט געוואָרן.

דאָס שטעטל ווערט צוביסלעך אויסגעליידיקט. מאמעס טראָגן מוירע אין די אויגן. בא טאָ־טעס לאָזן זיך אָפּ די הענט. דער דרויסן, כאָטש ער איז נאָך א זומערדיקער, פאלט ער דאָך ארײַן אין אן אומבאשטימטן קאָליר, ווי מיר וואָלטן מיט אים וואָס א רעגע ווײַטער געוואָרן אַלץ ווינציקער זיכער.

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד״ נומ. 4 פון 1968.

איך און נאָך א בינטל אזעלכע באָכערים און יונגעלײַט לאָזן זיך צום ארויס־פון־שטאָט, ווו ס׳וואַרט אף אונדז א פור.

סראָליק דער באַלעגאָלע האָט אָנגענומען א פור מיט פאַרשוינען, און ער פירט זיי אזש קיין קאָפּישטש.

א וועג, ווו איך בין קיינמאָל אף מײַן לעבן ניט געפאָרן און קיינמאָל ניט געקלערט פאָרן.

אגעווו, בין איך שוין בא סראָליקן אף דער פור געווען אן אָנגעוואָרפענער. די דראַבינעס האָבן זיך שוין אָן מיר אויך געגוג צעשפּאַרט. נאָר סראָליק איז צו מיר גוט פאַר א סאך זאכן, וועט ער מיך לאָזן נאָכגיין נאָכן וואָגן. דאָרטן, ווו מע וועט קאָנען, וועל איך זיך ארופכאפּן צו אים אף דער קעלניע, אז די פיס זאָלן א ביסל אָפּרוען.

דער וועג אהין איז א ווײַטער און א זאמדיקער. אויך די אָנגעלייגטע פאַרשוינען טאָפּטשען דעם שיטנדיקן זאמד און גייען נאָך נאָכן וואָגן ווי די קאָטעקלעך.

מיט אונדז איינעם איז געפאָרן מוישע הערשל דעם קאַצעווס. אמאָל האָב איך זיך געכאַ־ווערט מיט זײַן עלטערן ברודער. א ביסל זײַנען מיר מיט מוישען פונדערווײַטנס, ווײַל ער האָט א שײַכעס צו מיסכער, מעג זײַן אפילע אָרנטלעכער, איז עס מיר ניט צום הארצן. ער פאַרעגט־פערט זיך אליין, אז ער טוט עס גאנץ צײַטווײַליק. ער וועט עס וואַרפן און אפילע גאָר גיך. ער וועט בעטן באַם „זעם־אָטדיעל" א שטיקל ערד הינטער דער שטאָט, ער וועט זיך דאָרטן אוועק־שטעלן א שטוב און, אז סע וועט זיך אים מאכן מיט וועמען צו כאַסענע האָבן, וועט ער בלײַבן בא ערדארבעט. מער ווײַל ער גאָרניט, און צו קיין אנדערע זאכן ציט אים ניט.

ער האָט זיך א סאך מאָל געשאַדכנט, אָט דער מוישע, צו מײַן פריידקען. זי כאַפּט זיך ניט אָן אָן אים, מיסטאָמע דערפאַר, וואָס ער איז א ווײַסער, א בעלאָבריסער, אזוי האַלט זי גראַדע פון אים. א שטילער און א גאנץ באַשיידענער מענטש.

איצט גייען מיר ביידע נאָך נאָך סראָליקס וואָגן, ס׳זאָל זײַן די פערד גרינגער. ניט נאָר מיר — אלע פאַרשוינען שלעפּן זיך איבערן זאמד צופוס. הינטער סע גייט מיט א שטעגעלע דורכן וואַלד און ווער ס׳שלעפּט זיך נאָך פון הינטן. איינקע, די מער בראַווע, שפּאַנען אָן־אָ העט אפריער פאַר דער פור. מיר ביידע האַלטן זיך אָן באַם זאדאָק פונעם וואָגן, און מיר שמועסן זיך געמיטלעך. מיר האָבן זיך ארײַנגעצויגן אינעם אונטערוועגנס, און מיר האָבן קימאַט ווי ארויסגעלאָזט פונעם געדאַנק דאָס, וואָס מיר גייען אוועק פון דער היים, ווײַל סע דאַרפן אהער קומען מענטשן, וואָס האָבן אונדז פײַנט, נאָך איידער זיי האָבן אונדז געזען, אוועלכע מיר זײַנען.

זיי גייען מיט גאָלדענע פּאַגאָנעס, און זיי האָבן ליב שנײַדן בא אַלטע יידן בערד און בא יונגע די צינגער פון די מײַלער. אין כאָטשען (דאָס איז א דאָרף אזא) האָבן זיי בא אלע דרײַ זין בא ווערוולס ויסגעשניטן די צינגער.

מיר האָבן שוין גערעדט מיט מוישען פון דעם אויך. ער האָט זיך פאַרגינט זאָגן, אז עפּשער זײַנען מיר א פּאַסקודנע אומע אזא, וואָס מע מעג אונדז טאָן, וואָס מע טוט קיין יידן ניט. האָבן מיר פון דעם געשמועסט. איצטער האָבן מיר זיך צוגעוווינט צום וועג, און מיר מיינען, אז מיר זײַנען פון שטענדיק אָן אזעלכע: אונטערוועגנס־מענטשן, וואנדערער און גאָר.

אָט האָט זיך סראָליק גאָר געשטעלט פּאשען די פערד, און מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין קופּקעלעך. יעדערער בײַסט איבער לעם זײַן קאָמפּאַניע. מוישע האָט ארויסגענומען א שטיק געבאַקטן לעבער פון א פּאטשיילקע. ער האָט אָנגעשניטן מיטן מעסערל גרויסע ריפּטלעך. מיר זאָלצן אים צו, און מיר עסן אים ביידע אָן ברויט. מוישע איז פּעסט בא זיך, אז ער וועט פאַר־פירן אן אייגענע ווירטשאַפט.

— און איך וועל צו אײַך קומען צוגאַסט, — זאָג איך. — איר וועט מיך פירן צו אײַערע בינשטאָקן. א געלעגער וועט איר מיר געבן אין שײַער אפן פרישן היי.

— איר וועט דענסטמאָל זײַן א באַוווּסטער שרײַבער, — האָט מיר מוישע געענטפערט. — און איך מיט מײַן מישפּאָכע וועלן האַלטן פון־אײַערטוועגן א באַזונדער אויבער־שטיבל, וואָס וועט שטיין צוגעקליבן פון יאָר צו יאָר און וואַרטן נאָר אף אײַך.

איך בין געווען צופרידן, וואָס סע איז שוין טונקל אין דרויסן און מוישע זעט ניט, ווי איך בין רויט געוואָרן. איך האָב געדאַנקט אין הארצן אָט דעם־אָ שטילן באָכער. איך האָב זיך געוואָלט פאָרשטעלן זײַן קומענדיק ווײַב אין האַלב־שטאָטישן, האַלב־דאָרפישן אָנטאָן, מיט אָפּ־געבערענטע הענט אונטער די פאַרקאַטשעטע אַרבל. ער איז אויך אָפּגעבערענט, אז אפילע די ווײַסע ברעמען זײַנען בא אים טינקעלער געוואָרן. און איך, פאַרוואָס לייגט זיך אים אזעלכס אפן געדאַנק, אז איך קאָן ווערן א שרײַבער און וווינען אין די גרויסע שטעט? אין זײַן אַרט ריידן פּילט זיך עפּעס אזא שיינער אָפּשײַ צו מיר... אויב אזוי, האָב איך צו אים אן אנדער באַקאַשע. אויב ס׳איז עמעס, אז ער האָט האָסאָגעס פאַר שרײַבער, וועלן זיי געוויס צו אים פאַרפאָרן דורכאַנאַנד, און מיר, וואָלט איך וועלן, זאָל זײַן דערלויבט אין יענער צײַט צו אים קומען,

זיך ארומדרייען אין הויף, ווי אַן אייגענער מענטש. און נאָך האָב איך געקלערט, אַז ווען דער זעלבער מוישע נעמט זיך אָן מיט קויעך און אָרגאַניזירט בא אונדז א גרויסע בײַשטעטלדיקע קאָלאָניע און עפּשער גאָר א קאָמונע, וואָס האָט לעם זיך סאָד און פעלד, אַן אייגענע מיל, א סאַזשלקע, א קוזניע, א טארטאַק, ווען ער טוט זיך א נעם, וואָלט ער עס בא הײַנטיקער צײַט אויסגעפירט. ער איז א גוטער באַלעבאָס, און דאָרטן... דאָרטן וואָלט זיך אָפּגעזוכט אַן ארבעט פאַר מיר אויך. מעג זײַן א הארבארניע, מעג זײַן אַן אנדער זאַך.

מע נעמט צונויף אהינצו די אָרעמשאַפט פון שטעטל, מיט זייערע ווײַבער און קינדער — ארבעט, קינדערלעך! די קרעמערלעך, די קליינע הענדלער, די דאָרפס־גייער, די באַלמעלאָכעס וואָלטן זיך אויך א צי געטאָן צו אונדז, און מירן האָבן ברויט מיט קוילעטש, און מיט דער הילף פון דער ראַטנמאַכט וועלן מיר אָפּטאָן פון זיך דעם אומכיין, וואָס האָט זיך צו אונדז דויערס־לאנג געקלעפּט.

■

אין קאָפּישטש האָט מען אונדז אופגענומען פאַר געסט, ווי מיר האָבן זיך אליין ניט געריכט. דאָס איז א גרויס דאָרף מיט א פּאָר צענדליק ייִדישע מישפּאָכעס, צעוואָרפן איבער דער גאַנצער גרייס און לענג פונעם פויערשן ייִשעוו. די ייִדן זײַנען דאָ אלע באַזעסענע און פעסטע.

מיט אונדז איז געווען גוט די יוגנט, און צו אונדז האָבן זיך אויך געשאַרט די אלטע לײַט. יעדערער האָט געוואָלט געווינען אַן אוירעך צו זיך אין שטוב ארײַן. רו זיך אויס, עס, טרינק און דערציי, דערצייל, ברודערקע, וואָס הערט מען עפּעס אף דער וועלט?!

אייניקע פון זיי ווילן אפילע ניט גלייבן, אַז סע קומט אויס ציטערן ווי א לולעוו פאַרן אָנקומען פון א פּעטליורען, פון א באַלאַכאָוויטשן. ווײַזט אויס, אַז דאָס דאָרף שטייט א ביסעלע בא זײַט אויס פון דעם שליאַך און אַזויאַרום אויך ווײַט פון די געשעענישן. זיי הערן אויס די אלע זאַכן, ווי אַן אלטע מײַסע פון דער פאָרעמדיקער מעגילע. כאָטש זיי שאָקלען א ביסל צו מיט די קעפּ, נאָר פון אלץ איז צו דערקענען, אַז קיין עמונע האָבן זיי אין דעם ניט, ס'איז פּאָשעט א טשיקאַווע מײַסע. געווען א האָמען, האָט ער געוואָלט פאַרטיליקן דאָס גאַנצע פאָלק מיט ייִדן... אייסעך וואָס! און ווי דער עמעס איז, האָט ער דאָך דערנאָך טאַקע געקראָגן די מאַפּאָלע! איז דאָך אוואדע גוט, פאַרשפּאָרט מען דאָך אוואדע אלע געשעפטן, און דערום דאַרף מען נעמען צו ביסעלעך בראַנפן. אויב ניט, אויב איר טרינקט ניט קיין סאַמאָהאָן, טאָ נאַט אײַך א ביסל עפּלווײַן, וואָס איר האָט נאָך אַזאַ מעסיקעס און אַזאַ שטאַרקײַט ניט פאַרזוכט, זינט איר לעבט.

קלאָר. די קאָפּישטשער ייִדן קאָנען צונעמען א גאַסט, דעריקער — שאַבעס, ווען זיי האָבן צײַט, ווען זיי זײַנען מערער אין שטוב.

דערצו וואַקסן בא די קאָפּישטשער ייִדן שיינע מוידן, געזונטע און ניט קיין פאַרשלאָפענע. דער איינער כיסאָרן איז נאָר אין דרינען, וואָס אפילע די קאָפּישטשער מיידלעך, אַז זיי וואַקסן אונטער, האָבן זיי א נאַטור ארויסקוקן אף כאַסאַנים, ניט אַזוי זיי, ווי די מאַמעס זייערע... אַזוי, אַז אף מײַן כאַווער מוישען האָבן זיך ארופגעוואָרפן באַלאָנים פון אלע זײַטן און ס'איז שיר ניט אויסגעבראָכן קיין מאַכלויקעס צווישן אייגענע גלידשוועסטערקינדער...

מיר האָט דאָ באַזונדערס אָפּגעגליקט. איך האָב דאָ געטראָפן ביידע שוואָגערלעך, אָשערן און שויעלן, בוזיעס ייִנגערע ברידער. ביידע זײַנען זיי דאָ לערער, און זיי פילן זיך דאָ ווי גאַנצע שטאָט־באַלעבאַטים.

קומט שאַבעס נאָך מיטיק, ווען די עלטערע לייגן זיך שלאָפן, שיט זיך ארויס דאָס יונגווארג אף דער גאַס, אָשער מײַנער איז דאָרט דער גאַנצער ראָש־ווערישן, און מע גייט. די גאַנצע כאָפּטע גייט צו גיטלען דער אלמאָנע.

גיטל די אלמאָנע זיצט אין א נײַער שטוב. נאָך א יונגע פרוי, וואָס דער מאַן איז בא איר פרי געשטאָרבן, און בא איר איז דאָ אַן איידל טעכטערל פון זיבעצן־אכצן יאָר, אויב צוואַנציק, איז שוין טאַקע א סאַך, און קיינער וועט ניט זאָגן, אַז ס'איז א מאַמע מיט א טאָכטער — שוועסטער און גענוג! אהינצו, אַז מע קומט זיך צונויף שאַבעס באַטאָג, נעמט מען אוף פון אלעם ערשטן דעם אוילעם שטיל און בענימעסדיק. און דערנאָך, אבי מע צעגייט זיך א ביסל, קאָן מען שוין טאַנצן און זינגען, שפּילן אין פאַנדן און צוקלערן אלערליי פריילעכע פאַרווײַלונגען. קיינער וועט דיר קיין קרום וואָרט ניט זאָגן... אַמאָל נאָר א פויערטע שטעלט זיך ארײַן בא איר גאַנצער פאַרנומענקײַט, טוט א וויש די ליפּן און רופט זיך אָן מיט א שמייכל... „או היטלי יאַק נא וועסילי, יעיבאָהו“, דאָס הייסט, אַז בא גיטלען איז קיין אײַנהאָרע פריילעך, ווי אף א כאַסענע, זאָל איך אַזוי געזונט זײַן.

איך וואָלט געדאַרפט בלײַבן אף מײַן אכסאַניע און זיך צעלייגן, אַזוי ווי מײַנע באַלעבאַטים

טועז. אויב ניט שלאָפֿן, איז ליגן און אַרײַנקוקן אין אַ ביכל אָדער אין אַן אַלט סייפֿערל, אָבער אָשער מיט שויעלן ווילן עס ניט דערלאָזן, און מוישע אויך. שלעפּט מען מיך נאָך זיך, און איך זיץ ווי אַ געלײמטער אי בא גיטלען דער אַלמאָנע מיטן אײנציק אײדל טעכטערל, אי בא יִיצכאָק דעם אַלטן, וואָס ער האָט קיין אײַנהאָרע פֿיר מוידן, אַזוי ווי די דעמבן, און אַלע שוין צײַט צו לײַטן.

— פֿאַרוואָס זײַט איר געקומען אַזוי ווינציק? — פֿרעגט ער, אָט דער יִיצכאָק. — סלאָוועשנע איז דאָך נישקאָשע פֿון אַ שטאָט.

ס'איז ניט גאָר באַקוועם, אַז אַלע טאַנצן און זינגען און מאַכן זיך פֿריילעך און דו זיצסט ווי אַ זײַטיקער אײדעס. אויב גיטל גייט ניט אַוועק פֿון שטוב, רעד איך נאָך מיט איר, כאָטש זי רעדט ווינציק און אײַנגעהאַלטן. אָבער אָשער האָט זיך פֿונמײַנטוועגן אויך פּאָסטאַרעט. אָשער האָט צי עפּנטלעך, צי בעסאָד אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג, אַז איך, דער שוואָגער זײַנער, זײַן געשטאָרבענער שוועסטערס מאַן, בין ניט אַבי ווער. איך שרײַב. פֿון מיר ווייסט מען שוין אַפֿילע אין קראַסנע, אויב ניט נאָך ווײַטער, און אַז הײַנט ווילן מיך אַלע בעטן, אַז איך זאָל פֿאַר זיי עפּעס פֿאָרלייענען.

מוישע האָט ערנסט און סאָליד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

פֿון דעם מאָמענט אָן האָבן ניט נאָר די מיידלעך, נאָר אַפֿילע די ייִנגלעך פֿון קאָפּישטש אָנגעהויבן קוקן אָף מיר גאָר אַנדערש. אייניקע, שוין גאָר פֿון די קלוגע, האָבן גענומען דרייען מיט די פּיסקעס און וואַרפֿן אַפֿילע שטעכווערטלעך. אײנער מיינט, צי קלײַב איך זיך אָפּטמאָל זיי ניט באַשרײַבן. וואָרעם נישקאָשע, סע מאַכט ניט אויס, וואָס זיי זײַנען דאָרפֿישע, זיי זײַנען אויך מעווינים אָף אַ טשאַד.

יִיצכאָק דער אַלטער איז שוין עטלעכע יאָר אַן אַלמען. ער איז ניט קיין בייזער טאַטע בא זײַנע גאָדלדיקע פֿיר טעכטער.

בא דעם דאָזיקן יִיצכאָקן בין איך אײנמאָל אינמיטן דער וואָך געווען אין שטוב. ער לעבט טאַקע אָרעמער פֿון אַנדערע קאָפּישטשער ייִדן. וועהאָרײַע, זײַן שטוב, ווי זי איז גרויס, באַשטייט זי נאָר פֿון אײן צימער, און דער דיל איז אַן ערדענער, און די טעכטער נייען קלײדלעך פֿאַר די דאָרפֿישע מיידלעך און ווײַבלעך.

ערגעץ־ווו האָט מיר אָף זיי געריסן דאָס האַרץ. אַ קוק טאָן אָף זיי, זײַנען זיי דאַפֿקע געזונטע און פֿרישע. לעבעדיקע און באַרײדעוודיקע. נאָר אַז מײַן גלוסט צום שרײַבן איז געקומען צו מיר אַהער, אין מײַן קאָפּישטשער גאָלעס, און מיך גענומען אונטערשטורכען, איך זאָל זיך ערגעץ פֿאַרשטעקן אין אַ ווינקל, ווו קיינער זעט ניט, און זאָל שוין גיכער עפּעס נעמען פֿאַרצייכענען, און שרײַבן — שרײַבן אין קורצע שורעלעך, אין גרויסע און גרעסערע, מיט אַ פּען צי מיט אַ בלײַשטיפֿט, אין העפֿט אָדער אָף אַ גלאַטן בויגן, אַבי שרײַבן, האָב איך געזען פֿאַר זיך אַ בילד אַ ביסעלע מאָדנע און אַזאַ, פֿון וועלכן קיינער האָט דאָ אין מײַן אָנוועזנהײַט ניט גערעדט. איך האָב געזען אַ דאָרפֿישע שטוב. רופֿט עס, אויב איר ווילט, יִיצכאָקס שטוב, כאָטש זי מוז זײַן אַ ביסעלע נידעריקער פֿון דער, ווו איך בין געווען. איך האָב געזען אַ זומער־פֿאַרנאַכט, ווען די זון פֿאַרגייט און גיסט רויטע שײַן גלײַך אַהער אין די פֿענצטער אַרײַן. נאָר פֿון אינווייניק צו די פֿענצטער שלאָגט זיך צוריק אָפּ אַ שײַן פֿון אַ סאַך ברענענדיקע ליכט, וואָס שטייען אין די לײַכטער אָפֿן ערדענעם דיל אויסגעשטעלט, און צווישן דעם ליכט־קרײַז ליגט אַ מאַמע, אַ געשטאָרבענע דאָרפֿס־מאַמע, נאָך גאָר ניט קיין אַלטע.

דער ייִד, זאָל ער הייסן יִיצכאָק, זיצט אין זײַנע צעבראָכענע צעטריקנטע שטיוול אין דער קאָרענער קאַפּאָטע און ווי ער וואָלט זאָגן: „האָדי! האַלעווײַ זאָל עס געווען אַלצדינג אויסגעכאַפּט און אויסגעריסן געוואָרן, נאָך אײדער איך בין צו מײַן סייכל געקומען... אַז וואָס וועל איך טאָן אָן איר?“

און פֿיר גרויסע מיידלעך אין ציצענע ברייטע קאָפּטעלעך וויינען געשמאַק. אַזוי געשמאַק, אַזוי הייס, אַז די קלײדלעך קלעפּן זיך צו זייערע לײַבער.

די מאַשינעס שטייען צוגעדעקטע. בא זיי איז הײַנט „שאַבעס“. זיי נייען ניט, און דער אַוועקגייענדיקער מאַמען איז עפּעס מאָדנע גוט פֿון דעם, און זי קלערט:

„מיר זאָל זײַן פֿאַר מײַנע טעכטער!“

צוויי קליינע פֿויער־מיידלעך מיט באָרוועסע פֿיסלעך און צעלײאַמצעוועטע צעפּלעך ציִען זיך פֿון דרויסן אָף די שפּיץ פֿינגערלעך. אָן־אָ האָבן זיי אײַנגעקוועטשט ביידע נעזלעך אין אײן טאַפֿליע און זיי שטורכען אײנע די צווייטע מיט די עלנבויגנס.

אַ טײַערער ייִד אָט דער יִיצכאָק. טײַערע מיידלעך די טעכטער זײַנע. ווען איך בין אַ גאָט, גיב איך אים אַרויס אין אײן טאָג פֿיר אָרדערס אָף כאַסאַנים, יעדער כאָסן איז אַ מענטש, וואָס מע קאָן זיך אָף אים פֿאַרלאָזן און איז באַזונדערס צוגעפּאַסט צו אײנער פֿון די שוועסטער. די

שוועסטער וועלן זיך צעגיין אין פֿיר באַזונדערע הײַזער, נאָר ווּ וועלן מיר אַהינטאָן דעם אַלטן יִיצכאָק? די טעכטער וועלן דאָך אים וועלן יעדערע צו זיך?

איך האָב צוגעזאָגט די שוועסטער, אַז איך וועל זיך נאָך אַמאָל צו זיי אַראָפּכאַפּן אין זייער עק דאָרף, כאָטש פֿון יענעם פֿאַל אָן זע איך אַלע מאָל זייערע פֿענצטער באַגאָסן מיט יענער רויטער שײַן און איך בין מיט עפּעס געגליכן צו די צוויי פּויערשע מיידעלעך, וואָס ציִען זיך אָף די שפּיץ פֿינגער און שיר וואָס זיי קוועטשן ניט אויס מיט די נעזער די אונטערשטע טאַפּ־ליע פֿונעם פֿענצטער. איך וואָלט זיך אויך אַהין צוגעשטעלט. איך וויל אויך עפּעס זען.

■

„קנישעס מיט סימיע און סמעטענע מיט וואָל״ וואָלט דאָס דאָזיקע קאַפּיטעלע געקאָנט הייסן.

ניט נאָר איר און אײַערע גלײַכנס, נאָר אויך איך האָב קיינמאָל ניט געגעסן קיין סמעטענע, וואָס זאָל זײַן געדיכט איבערגעמישט מיט לאַנגע דינע האָר פֿון שעפּעלעך, דאָס הייסט מיט וואָל, מיט שוואַרצער צי מיט ווײַסער, נאָך ניט קיין איבערגעאַרבעטער. דערפֿאַר האָט זיך מיר עס פֿאַרגעדענקט אָף לאַנגע יאָרן.

איך האָב זיך פֿיל מאָל געיישעווט מיט אָשערן און מיט גיטלען דער אַלמאָנע (וואָס אָשער האָט צו זיי אָן אַרײַנגאַנג און דערום זײַנען זיי געוואָרן אויך מײַנע אייצעגעבער), צו וואָס איך קאָן זיך דאָ נעמען. און ס'איז געבליבן, אַז די „וואָוונאָטשעסקעס״, די וואָלבערשטער, קאָנען מיר געבן עסן און טרינקען, דערפֿאַר וואָס איך וועל לערנען מיט זייערע פֿיר אייניקלעך. קיין געלט וועלן זיי, עמעס, ניט צאָלן (געלט וואָלט מען מיר געגעבן, ווען איך האָב אַ מעגלעכקײַט אָנצונעמען נאָך אַ פֿינף אָדער זעקס קינדער). טאָ זאָל דערווײַל זײַן אָן געלט. אַגעוו, צו קיין געלט בין איך ניט איבעריקס געוווינט געוועזן און האָב אָן דעם גרינג געקאָנט אויסקומען.

מיט די באַלעבאַטים האָט זיך צונויפֿגערעדט פֿאַר מיר אָשער אַליין. שויעל איז נאָך אַ יונגער און זייער אַ שעמעוודיקער. קאָן זײַן, אַז אויב איך וועל דאָ בלײַבן, זאָל איך אים צולערנען אַ ביסל רוסיש. ער דאַרף עס נייטיק האָבן. און גיטלס טאָכטער, די שטאָטיש־אײדעלינקע, וואָס איז נאָך קיין איין מאָל, אייגנטלעך, אין קיין גרויסער שטאָט ניט געוועזן, זאָל בא מיר אויך נעמען אַן אוראָק.

די גאַנצע צײַט, וואָס מיר האָבן זיך געדולט וועגן מײַנע באַלעבאַטים, בין איך בא זיי קיין איין מאָל אין שטוב ניט געוועזן. אָשער האָט אַליין געפֿירט די אונטערהאַנדלונגען און מיר דער־נאָך אַלץ איבערגעגעבן.

איצט ווייס איך שוין אָט וואָס: לערנען מיט די קינדער וועל איך בא זיי אין שטוב נאָר אין די פֿרימאָרגנס, פֿון נײַן ביז צוועלף, און קעסט גיבן זיי מיר אַ קײַלעכדיקע וואָך. שלאָפֿן וועל איך קאָנען בא גיטלס שווער־און־שוויגער — צוויי אַלטע לײַט, וואָס וווינען אין אַ גרויסער און גערײַמער דירע. דאָס איז אַן אַלטע אויסגעוואַרעמטע הילצערנע שטוב, און זיי האָבן גאָר־ניט קעגן אַזאַ שאָכן, ווי איך בין.

און פֿאַרטיק.

זונטיק אינדערפֿרי בין איך אין אַ גוטער שאָ אַוועק צו מײַנע נײַע באַלעבאַטים.

יענע האָבן מיר קוים געענטפֿערט אָף מײַן גוטמאָרגן. ניט ווײַל זיי זײַנען צו מיר שלעכט, נאָר ווײַל זיי זײַנען פֿאַרנומען. בא זיי שטייען אין שטוב צוויי וואָוונאָטשעסקעס, וואָל־באַרשטן, ווי די העלפֿאַנדן אין דער גרייס, און די פּויערים ברענגען אַהער וואָל צום קעמען. אַזוי אַז ווען האָבן זיי צײַט אויסצורײדן מיט אַ מענטשן אַ וואָרט?..

אויב איך וועל וועלן מיט זיי ריידן, — האָט מיר אַ דיק פֿאַרשמאָלצן ווײַבל, ווײַזט אויס, אַ שנור זייערע, אַ זאָג געטאָן אינמיטן דעם טומל, — זאָל איך צו זיי קומען שאַבעס.

— שאַבעס, — זאָגט זי, — האָבן אַלע צײַט. — און זי שמייכלט. ווײַזט אויס, אַ ליטוועטשקע.

— שלוימע, בראָכקע, כאַנע, כאַצקל! ווּ זײַט איר דאָרט? דער נײַער רעבע איז געקומען!

דאָס איז געוועזן אַ מאַנצבלשע שטים, וואָס האָט זיך געגעבן אַ טראָג פֿון דעם רויך מיטן שטויב, וואָס די צוויי מאַשינעס האָבן אופֿגעהויבן.

געזען האָב איך אים ניט, און ווער דאָס איז, איז מיר דערווײַל שווער געוועזן צו טרעפֿן.

איך בין צוגעגאַנגען צום אָפּגעדעקטן באַשטויבטן טיש, — דאָס, פֿאַרשטיי איך, וועט זײַן מײַן ווערקשטאַט, און איצט דאַרף מען זוכן דאָס געצײַג.

שלוימע, מײַן עלטערער טאַלמיד, וואָס האָט זיך דער ערשטער באַוויזן מיט באָרוועסע קויטיקע צוויי פֿיס, האָט מיר טייקעף אָפּגעשטעקט אַ קורצן און קאַלטלעכן שאָלעם־אַלייכעם... ער האָט נאָך קיין האַלב וואָרט מיר ניט געזאָגט, און איך אים. ער איז גלײַך אַרופֿגעקראָכן מיט

די באָרוועסע פיס אַף דער לאַנגער באַנק און גענומען עפּעס שלעפּן פון דער געקאַלכטער ווינקל־פּאָליטשקע.

— שלוימע, גיכער, דערלאַנג כאָלימאָנטשיכען א קוואָרט וואַסער, — האָט דער זעלבער מאַנצבל א רוף געטאָן.

און שלוימע איז אַוועק א פריילעכער, שאָרכענדיק מיט די באָרוועסע צוויי פיס איבערן קויטיקן פּאָל, פּאָלגן דעם טאַטן אָדער דעם זיידן א גאַנג.

איך האָב זיך ניט באַוויזן אומקוקן, וווּהין מײַן איינציקער טאַלמיד איז פאַרשווּנדן געוואָרן, ווי אַן עלטערע ייִדענע מיט א טונקל געקנייטשט פּאָנעם האָט מיר צוגעטראָגן א גראָבן לײַוונטענעם טישטעך און אַנידערגעלייגט אַפן ברעג טיש און באַלד דערלאַנגט א האַלב לעבל ברויט, א מעסער, גראָבע זאַלץ (אין אַן ערדן זאַלצערל) און א טעלער סמעטענע. דאָס ערשטע מאָל זינט איך לעב, אַז מע גיט מיר עסן סמעטענע פון א גרויסן טעלער.

— גייט וואַשט זיך!

אָט דאָס זײַנען געווען די דרײַ ווערטער, וואָס איך האָב פון איר געהערט.

און איך בין אַוועקגעגאַנגען אין קיך אַרײַן זוכן די קוואָרט, וואָס שלוימע האָט מיר אין א רעגע אַרום געבראַכט, ווײַל ער האָט אין איר געטראָגן דער פּויערטע א טרונק. ער האָט די קוואָרט אַוועקגעשטעלט, אָבער ער האָט זי גלײַך צוריק א כאַפּ געטאָן, מיר אָנגעשעפּט אינעם הילצערנעם עמער א פולן שעפּ וואַסער און האָט מיר א קוק געטאָן גלײַך אין די אויגן — א סימען, אַז ער איז מיט מיר געוואָרן היימישער.

— יענער רעבע, — האָט ער אָנגעהויבן און מיך איניינוועגס נאָכאַמאָל באַקוקט, — איז געווען אַן אַלטער, ער האָט שוין ניט געקאָנט אַרומגיין.

אַף די הענט האָבן זיך בא מיר אָנגעצויגן הערעלעך וואָל, וואָס זײַנען קענטיק אַרומגעשווּמען אין דער וואַסער. דער האַנטעך האָט אויך אַף זיך געהאַט ניט ווינציק וואָל. איך האָב געקוקט אַפן ברענענדיקן אויוון, אַף דער שטוב, וואָס איז פול מיט ראַש און מיט פאָרעך. כ'האָב נאָכאַמאָל ווי אומגערן א וויש געטאָן די הענט מיטן נאָזטיכעלע און בין אַוועק מיט שלוימעלען צום טיש. אייגנטלעך, האָב איך נאָך אַפילע ניט געקלערט וועגן עסן, נאָר וויבאַלד די ייִדענע האָט עס מיר דערלאַנגט און געהייסן זיך גיין וואַשן, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דער אָפּמאַך איז דאָך בא אונדז אַזוי געווען — קעסט א גאַנצן טאָג און לערנען מיט די קינדער נאָר א האַלבן טאָג.

אַן אַנדערשמאָל איז עס גאָר ניט אַזוי שלעכט.

סע שאַדט ניט זיך אָפּקילן מיט א ביסל פרישער סמעטענע. ס'מיר נאָר ניט באַקוועם, וואָס א גאַנצער טעלער. ווער ס'ניט געוווינט עסן סמעטענע אַפן טעלער, קאָן עס אים נאָך פאַרשאַטן אויך.

שלוימע איז אַוועקגעלאָפן צונויפקלײַבן די איבעריקע קינדער, און איך האָב אָפּגעטריבן פון זיך ערגעץ צו אַלדי שוואַרצע יאָר דעם „ניט שיין".

„יאָ שיין, ניט שיין. עס, אַז מע גיט דיר".

איך האָב זיך אָפּגעשניטן ברויט און גענומען טונקען אין טעלער אַרײַן. נאָר וואָס טוט מען — צוזאַמען מיט דער סמעטענע שלעפּן זיך נאָך לאַנגע זשמוטעס האָר, דאָס הייסט ניט קיין האָר, נאָר וואָל, עמעסע שאָפענע וואָל. די סמעטענע ווערט גאָר ווי שנעער דערפון: ווײַס, ווײַס און אינמיטן א סטעזשקעלע שוואַרץ.

נו, מאַכטייסע. די שיינקײַט, רעבע, בין איך שוין אײַך מויכל, אָבער וויאַזוי עסט מען דאָס? ערשטנס, גיט עס ניט צו קיין אַפּעטיט, און צווייטנס, איז עס שלעכט צום שלינגען.

נו, וואָס טוט מען איצטער? ווען איך האָב דאָ אָשערן, וואָלט איך אים געפרעגט:

— עסן? צי ניט עסן?

עסן האָר, געדיכט אײַנגעפּעטיקט אין סמעטענע, קאָן איך ניט. איך קאָן עס פּאָשעט ניט אַראָפּשלינגען. וואָס וועלן אָבער מיינען די נײַע באַלעבאַטים מײַנע? זיי וועלן מיינען, אַז איך בין אַן איבערקלײַבער, און איך קאָן נאָך פּאָשעט בלײַבן אָן א שטעלע.

— אײַזיק, — מאַך איך צו זיך אַליין, — פאַרמאַך די אויגן און עס. אויב ניט, טאָ טו א מאַנע צו זיך די קאַץ, וואָס זיצט אָן־אָ אַנטקעגן דיר אַפן פענצטער, רוף זי צו און טייל זיך מיט איר צוביסלעך: דיר א לעפל, איר א לעפל. פאַר געדיכטער סמעטענע וועט דיר יעדע קאַץ זאָגן א דאַנק.

און די מאַשינעס טראַסקען אין שטוב, און די פּויערים דרייען זיך אַרום אויף און אָפּ, און מײַנע טאַלמידים זיצן שוין אַלע אַרום טיש. דעם אַלטן צעבלעטערטן כומעש, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן, האָב איך באַטראַכט, און ער געפעלט מיר ניט. איך וועל קריגן בא אָשערן אַנדערע ביכער.

— גיט אהער, קינדער, אײַער פאפיר, וועלן מיר דערווײַל שרײַבן.

נאָר פונעם טינטער שלעפן זיך אלע מאָל ארויס גרויסע האָר און זיי טוען א פיר איבערן פאפיר, א קלעק אף א האלבן בלעטל. פונדעסטוועגן לערנען מיר. מיר שרײַבן. מיר שרײַבן טאקע אונדזערע אייגענע נעמען:

שלוימע,

בראָכקע,

כאנע,

כאצקל.

שלוימע איז אלט צוועלף יאָר, כאצקל — אכט. כאצקל קאָן נאָך אליין ניט שרײַבן, שרײַבט ער בא מיר אף קריץ. בראָכקע שמאָרעט צופיל מיט דער נאָז, און זי קוקט אלע מאָל צום פענצטער. זי וויל ארויסלויפן אין דרויסן, אז זי כאלעשט. זי גייט אויס. דאָרטן שפילן זיך אירע כאווערטעס פריסקע מיט האנדזשען. זיי מאכן ברויטלעך פון זאמד. איך פיל איר מיט. איך וויל אויך אין דרויסן ארויס. איך וואָלט זיך מעכײַע געווען. נו, אף דערוף וועט אינגיכן זײַן צוועלף אזייגער. כאנע קער שוין זײַן דער צווייטער שנורס. זי זאָגט ניט „קום“, זי זאָגט „קים“.

— רעבע, — זאָגט זי צו מיר און שטעלט אָן אף מיר א פאָר אויגן מיט א צעעפנט מויל, — איך וועל באלד קימען.

זייער אידל פון איר זײַט. אזא קליינס זאָל סייכל האָבן אָנשטאָט „איך וויל דאָס אָדער יענץ“, זאָגן „איך וועל באלד קומען“. דאָס איז דאָך א כידעש אין דער וועלט. דאָס אליין זאָגט אידעס, אז ביז מיר זײַנען דאָ אויך געווען לערערס און טאלמידים און זייער האָרעוואניע איז ניט געגאנגען אומזיסט.

ס'נאָך ניט געווען קיין פולע צוועלף, ווי די שנור, די ליטווועטשקע, שוין ניט די שוויגער, האָט ווײַטער געבראכט צום טיש יענעם גראָבן טישטעך און דאָס זעלבע זעלצערל, דעם מעסער, דאָס האלבע ברויט, און אף ווארמעס האָט מען מיר געגעבן הייסע, פרישע קנישעס מיט סימיע און ווײַטער — סמעטענע.

איך האָב געהערט, אז מע עסט סימיע. פויערים מאכן פון אים פארשיידענע מײַכאָלים. נאָר איך האָב נאָך ניט געזען, וויאזוי מע עסט דאָס. דאָך האָב איך זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אז ס'איז סימיע, און איך האָב גענומען עסן. פון דעם טונקעלן ווייצענעם טייג און פונעם געפילעכץ שלאָגט א פארע, נאָר סע קומט מיר אויס שלעפן פון מויל גאנצע זשמעניעס האָר, און די סמעטענע איז קימאט ווײַטער די זעלבע, וואָס אינדערפרי. ווײַטער געשמאקע, קילע, ווײַטער אין א גרויסן טעלער. נאָר וויאזוי קאָן מען אויספירן, אז זיי זאָלן דערלאנגען די סמעטענע באזונדער און די וואָל באזונדער?

— איר זײַט ניט הונגעריק? — איז דורכגעלאָפן די דיקלעכע שנור און מיך א פרעג געטאָן מיט א שמייכל.

— אָ, וואָס רעדט איר וואָס? — האָב איך איר געענטפערט און געפילט, ווי עס קיצלען אין גאָרגל די ניט אראָפּגעשלונגענע צעפּעלעך וואָל. — אין שטאָט זעען מיר עס דען?

אין דער זעלבער רעגע האָב איך אָבער געפילט, אז איך מעג זיך שוין רעכענען ארבעטסלאָז. און סע איז אזוי געווען.

אף מאָרגן בין איך צו דער קנעלונג ניט געגאנגען.

אז די שנור, די ליטוועטשקע, האָט אין טעג ארום באגעגנט אָשערן, בא זיי אין געסל גייענדיק, האָט זי אים אומיסטן אָפּגעשטעלט. בא איר גאנצער פארנומענקײַט האָט זי דאָך פאר אים געוואָלט אויסריידן דאָס הארץ.

— אניט, — זאָגט זי, — האָבן מיר פון דער אָדראזע ניט געזען, אז ס'ניט פאר אונדז קיין רעבע, אז דער מענטש קוקט גאָר ניט אהער. אים דארף מען אוועקסטעלן אין אן אפטייק דארף מען אים אוועקסטעלן.

אגעוו, ס'טוען מיר באנק די כעוורע, דעריקער שלוימקע מיטן ברייטן נעזל און מיט די געזעצטע אייוורים. איך האָב בעפיירעש געזען, אז מיט דער צײַט וואָלט איך מיט אים געקאָנט ווערן כאווער. און א כאווער, אז מע האָט אפילע א קליינינקן, איז עס זייער פון די גוטע זאכן.

■

אָשערן האָב איך דערציילט, אז איך גיי קיין וויקאָוויטש און קיין לעסקעוויטש. דאָרטן שטייען רויטארמייִשע טיילן, איך וועל זיך עפשער צושלאָגן צו א טייל.

זיך געזעגנט און באדאנקט פאר גאסטפרײַנטלעכקײַט.

ייִצכאָקן מיט די טעכטער אויך געזאָגט א גוטן טאָג.

— שוין? אזוי גיך? — האָבן זיי מיך אַלע ווי אין איין קאָל געפרעגט.

און איך האָב זיי געענטפערט, אז אויב ס׳וועט זײַן באשערט, וועלן מיר זיך נאָך זען.

ס׳האָט מיר אָפּגעגאָלטן — ס׳האָבן מיך אַנגעיאָגט צוויי רויטארמייער, וואָס האָבן געטראָגן א פּאַקעט פון קאַפּישטש קיין וויקאָוויטש. איז מיר אי פרייליכער, אי איך פארשפּאָר פרעגן דעם וועג. איינער איז אַן עלטערער מיט א באָרד, און דער אנדערער איז נאָך גאָר א יונג באָכערל, האַלעווײַ — זיבעצן. א גאַנצן וועג האָבן מיר פרייליך פארבראַכט, נאָר ערשט שפּעטער, אז איך האָב זיך דערוווּסט, מיט וואָס זיי קערן זיך אָן איינס צום צווייטן, האָב איך ערשט באמערקט, ווי געראָטן זיי זײַנען איינער אינעם צווייטן. ס׳מיר ארוף אפן גדאנק וועגן זייער היים, און איך האָב דערזען, ווי לעבעדיק, א פּרוי, פּילימאָנא הייסט זי, פּילימאָנא איוואַנאָוונא. און זי טוליעט אזוי שטארק צום הארצן די בריוו, וואָס זי דערהאַלט פון אָט די צוויי רויטארמייער, וואָס איינעם געהערט זי זיך אָן ווי א ווײַב און איינעם — א מאַמע.

זיי זײַנען שוין צוויי יאָר אין דער רויטער ארמיי. די גאַנצע צײַט זײַנען זיי געווען אין באַזונדערע ערטער, און ערשט מיט א כוידעש צוריק האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן. איצט האַלטן זיי זיך אזוי שטארק איינער מיטן צווייטן, אז אפילע א געוויינלעכן גאַנג, אז זיי האָבן געדאַרפט אויספירן, האָט דער פאָטער אויך געפּויעלט, מע זאָל זיי שיקן אינצווייען.

די פעלדער זײַנען אָפּגעשניטן, און זיי ליגן ברייט און ראַכוועסדיק. אהין, ווײַטער פון שליאָך, איז אויך, ווי א ליכטיקער שפּיגל, אײַנגעפורעמט א קײַלעכיקע אָזערע און ווײַסע ברינזל־דיקע געגנדזעלעך שווימען אף איר ארום — א סימען, אז א דאָרף איז שוין ניט ווײַט.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט א טויבער שאָס און נאָך א שאָס, און א כמאַרע האָט זיך גלײַך אַנגעצויגן אפן שיינעם דרויסן, און מיסטאמע אויך אף אונדזערע פּענעמער.

דער טאַטע האָט א זאָג געטאָן מיט זײַן רוסישן ברייטן אויסשפּראַך:

— עטאָ דאַליאָקאָ (ס׳איז ווײַט).

דאָך האָבן זיי בײַדע א צי געטאָן אף די אַקסלען די רימענס פון די ביקסן און גענומען פעסטער שטעלן דעם טראָט.

איך האָב זיך איצט קלאָר אויסגעמאָלט, ווי אונטערן זעלבן הימל און אף די זעלבע פעל־דער, וואָס מיר טרעטן, איז פאַראַן די „זײַט” און יענע „זײַט”. יענע זײַט איז דאָרט, ווו די ווײַספּאָליאַקן זײַנען. און פאַר יעדן שאָס, וואָס ס׳האָט געטאָן פון דאָרטן, האָט זיך מיר אָפּגע־ריסן אין הארצן און איך האָב זיי געוווּנטשן דעם אייביקן טויט.

זייערע שאָסן טראָגן מיט זיך פינצטערקײַט, ווילדקײַט און רעציכע. און מיטאַמאָל... מיט־אַמאָל איז מיר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. מײַן הארץ איז געוואָרן פול מיט טרייסט. יעדער שאָס איז פאַר מיר געוואָרן ווי אַן אופגעעפנט פענצטער צו גרעסערער ליכטיקײַט, צו פרײַערער לופט. און געוואָרן איז עס צוליב איין וואָרט, וואָס מײַן שאַכן פון דער רעכטער זײַט האָט נאָך א לאַנגער פּויזע מיט א ברייטן שמייכל און האַנאַע ארויסגעזאָגט:

— עטאָ נאַשי ביוט! (דאָס שלאָגן די אונדזעריקע!)

מע טרײַבט דעם פּאָליאַק אין האַלדז־און־נאַקן ארײַן. ס׳איז מיר פּאַשעט געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.

די דערפער מיט די שטעט, די נעענטערע און די ווײַטערע, וועלן אַלע ווערן צוריק אונדז־זערע. די מענטשן, וואָס זײַנען אונדז ברידער, וועלן צוריק אָן אָטעם טאָן מיט א פרײַער ברוסט. די מיידלעך מיט די באָכערים וועלן ווײַטער זינגען איבער די פארנאַכטן אוקראַיִנישע לידער, און די לערער וועלן צוריק רופן די קינדער אין די שולן. דאָס לעבן וועט ווײַטער ווערן ווי א לעבן דאַרף זײַן.

אפן פעלד האָבן זיך געפּיטערט א פּאָר פערדלעך. די הארבסטיקע זון האָט געוויזן אפן האַלבן טאָג, און סע האָבן זיך שוין אויסגעזען די פּלויטן פונעם נאָענטן ניט באַקאַנטן דאָרף.

■

אין וויקאָוויטש האָב איך געטראָפן א קליינע רויטארמייִשע טייל. איך האָב זיך געמעלדעט צום קאָמאַנדיר, און איך האָב אים דערלאַנגט מײַנע פּאַפּירן.

ער האָט זיי באַקוקט, מיר פארגעבן קורצע עטלעכע פראַגן און מיר געהייסן בלײַבן. פארע־כענען אין טייל וועט מען מיך קאָנען ערשט אינעם נאָענטן דאָרף, ווײַל דאָרט געפינט זיך די קאַנצעליאַריע און דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק.

דער קאָמאַנדיר פון מײַן ווזוואָד האָט זיך מיט מיר געטיילט מיט זײַן שינעל. איך בין מיט קיין זאַך ניט געווען צוגעגרייט צום הארבסט, און סע האָבן זיך אָנגעהויבן קאַלטע אָפּדער־נאַכטן — איז ער געבליבן אין זײַן וואַרעמער ארמייִשער גימנאַסטיאָרקע, און אף מיר האָט ער

אָנגעפּיאַלעט זײַן שינעל, ווײַל איך בין נאָך ניט געווען אײַנגאַנצן קיין צוגענומענער, האָב איך קיין אייגענע מונדיראַוואַניע ניט געהאַט, נאָר געגאַנגען זײַנען מיר שוין אײַנעם פון וויקאָוויטש קיין ליסקעוויטש. און אַז מיר זײַנען געשלאָפן אין אַ ייִדישער שטוב, האָב איך שוין אַף זיך אַליין געמיינט, אַז איך בין שוין אַן אַרמייער, נאָר אַ פריש אַרײַנגעקומענער האָט מיך מערער אופגענומען פאַר אַ שטוביקן.

מײַן ווזוואָדנער קאָמאַנדיר האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער ט׳מיך לערנען שפּילן אַף אַ האַרמאָניע און איך זאָל אים לערנען שפּילן אַפן פידל. מיר זאָלן אײַנעם גרייטן די פּאָליט־פאַרגעבונגען, אַז מירן האָבן צײַט. אָט־אָט האָט בא מיר געדאַרפט געבוירן ווערן און אויסוואַקסן אַ גוטע כאַווערשאַפט. אָט־אָט, האָב איך געמיינט, פאַל איך אַרײַן אין אַ גוטער שול, ווו איך וועל זיך אויסרײַבן פאַר אַ שטיקל מענטש. אָבער אַ נישטיקע קרענק, אַ צוקילונג, אַ ביסל היץ, וואָס האָט מיך אָפּגעמוטשעט אַ קאַרגע וואָך צײַט, האָט מיך אָפּגעריסן פון מײַן נײַעם וועג, אַף וועלכן איך האָב זיך געזאָלט געווען שטעלן. דער קאָמאַנדיר אַליין, אַ הויכער, אַ פעסטער מאַנספּאַרשוין, — פאַר וועלכן איך האָב זיך געפילט אַ ביסל אָפּהענטיק, — איז געשטאַנען לעבן מײַן קאַנאַפּע. ער האָט מיר היימיש און כאַווריש אַ טאַפּ געטאָן דעם קאָפּ און מיר אָנידערגעלייגט אונטערן קישן מײַנע דאָקומענטן.

פאַרוואָס האָט ער עס געקוקט אַף מיר אַזוי מילד, גערעדט ווי מיט אַ גלײַכן? פאַרוואָס האָט דער קאָמאַנדיר פון מײַן ווזוואָד זיך מיט מיר געהאַלטן אַזוי נאָענט? צי דען האָט מײַן אויסערלעכער אויסזען בא זיי געקאָנט אַרויסרופן גוטע געפילן?

אינדערפרי האָבן זיי מיט מיר גערעדט, זײַנען לעם מיר געשטאַנען, און וואַרמעס־צײַט זײַנען זיי עפּשער געווען פונקט אין אַזאַ שטוב און פונקט אין אַזאַ דאָרף פאַר צען אָדער צוועלף ווערסט פון מיר. אָבער די צוועלף ווערסט זײַנען שוין געווען ניט קיין צוועלף, נאָר פינף הונדערט, ווײַל איך בין געבליבן צוריק אין מײַן ציווילן וואַכעדיקן אָנטאָן און זיך אָפּגעשטעלט צוריק צווישן שטוביקע ציווילע מענטשן. צווישן אַזעלכע בין איך אויסגעוואַקסן, און צווישן אַזעלכע וועל איך שוין מיסטאָמע שטאַרבן.

איין זאַך האָט מיך נאָר אַזוי ווי געפרייט: סע האָבן מיך, דוכט זיך, פײַנט געהאַט די שטוביקע לײַט און געוואָלט פון מיר פּאַטער ווערן... און עפּשער גיב איך ניט אַזוי ריכטיק איבער דעם דאָזיקן געפיל, עפּשער האָבן זיי נאָך ניט געוווסט, אַז דאָס בין איך דער, וועמען זיי האָבן פײַנט.

די מײַסע דערפון איז גאָר פּאַשעט און איז קימאַט אַפילע ניט ווערט, מע זאָל זי דאָ ברענגען אַף פּאַפּיר.

אָט דאָס־אָ ליסקעוויטשער באַלעבאַטישע געזינד האָט קרויווים, און זייער פאַרמעגלעכע, בא אונדז אין שטעטל, און עמעצער פון די דאָזיקע פאַרמעגלעכע און פאַרפרומטע קרויווים איז געווען דאָ אין ליסקעוויטש ניט לאַנג צוריק צוליב מיסכער־זאַכן.

שאַבעס באַם טיש האָט דער גאַסט זייערער, איך ווייס ניט אַקוראַט, צי דאָס איז געווען זי אַליין, אונדזער ברײַנדל, די שניטקרעמערן, צי איר מאַן פײַטל די ציג, נאָר שאַבעס נאָך וואַרמעס איז אַרופגעגאַנגען אַ רייד וועגן סלאָוועשנער גוטע און שלעכטע „גײַסטער״, און מע האָט געשעלטן אײַנעם אַן אײַזיקלען, וואָס מאַכט אומגליקלעך די שטאָט, וואָס לערנט אַ שטאָט מיט קינדער מעכאַלעל־שאַבעס זײַן בעפּאַרהעסיע, וואָס שלעפּט די קינדער אין די טעאַטערס און אין די שקאָלעס אַרײַן און מע האָט שוין, דוכט זיך, באַלד צוגעמאַכט ביז איין כיידער.

מיילע, נו... לאָמיר זיך מעשאַער זײַן, אַז די היגע שטוביקע דאָרפס־ייִדן ווייסן נאָך ניט, מיט וועמען זיי ריידן און פון וועמען זיי ריידן, נאָר דערווײַל שעלטן זיי מיך גאַנץ פײַן, און בעשאַס מע זאָגט אַף מיר אײַזיקל, זאָגט מען עס מיט יאַשטשערקעס... נו, אויב ס׳איז אַזוי, אויב גווירים שעלטן מיך, בין איך דאָך שוין גאָר ניט אַזוי פּוסט און אויסגעליידיקט, ווי איך מיין... און אויב ברײַנדל די שניטקרעמערן און פײַטל די ציג בארעדן מיך, וואָלטן מיך וועלן דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער, איז דאָך שוין גאָר קיין אומלע ניט, וואָס דאַנילאָוו, דער קאָמאַנדיר, האָט אַף מיר געקוקט גוט. אַלנפאַלס, איך האָב זיך ניט וואָס צו פילן שולדיק דערפאַר. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פון דער שטוב מעג איך וואָס פריִער אַוועקגיין, וואָרעם דערוויסן זיי זיך, אַז דאָס בין איך דער, וועמען זיי און זייערע קרויווים שעלטן, קאָנען זיי נאָך מיר אָפּטאָן דער רועך ווייסט וואָס.

און איך, דער נאַר, בין נאָך אַלץ אַזוי נאַיִוו און ס׳איז נאָך בא מיר אַלץ געפּוילעט, אַז די גווירים, די פּיאַווקעס, די בלוטזויגערס און די פרומע צורעס האָבן זיך ניט וואָס צו ברוטשקען. מע האָט דאָך זיי שוין געכאַפּט בא דער האַנט. מע האָט דאָך שוין פון זיי אַראָפּגעריסן די מאַסקע: אויס גאַטס גאַנאַווים, אויס פרומע צורעס, קאַשערע בעהיימלעך, נאָר פּאַשעטע גאַנאַווים, בלוטזויגערס, זיך אָנגעקאָרמעט מיט פּרעמדס. וואָס זשע קאָנען זיי מערער טײַנען? זאָלן

זיי ענטפערן, ווי יעדער פּראָסטער גאַנעוו: „ס'איז אײַערס? נאַט אײַך אָפּ“. ניין, דאַרפן זיי נאָך כאַדאָרים פאַר די קינדער. פאַר וועמענס קינדער? זייערע אייניקלעך האָבן זיי דאָך אָנגעטאָן אין קנעפּ און צעשיקט אין די גימנאַזיעס אַרײַן? איז פאַרוואָס זשע גייט זיי אַזוי שטאַרק אָפּ דער כיידער? און איר זאָלט זיי אָנקוקן! איז בא פײַטלען א באָרד, ווי א בעהיימישער ווידל, און זי, בריַינדל, גייט אין א פּאַטשיילע מיט צוויי עקן, און די פּאָליצעס האָבן זיך בא זיי געבראָכן פון די בעסטע געוואַנטן און די בעסטע זײַדנס, עמעס, זיי האָבן אַלע מאָל געגעבן א שיינע נעדאָווע.

— אָט קוקט אונדז אָן „אינמיסטן“, מיר מיִען זיך ניט נאָר פאַר דער־וועלט, מיר ווילן זיך עפּעס אײַנשאַפן פאַר יענער־וועלט אויך.

און זיי האָבן זיך בעפיירעש פאַרגעשטעלט יענע־וועלט אין דעם זעלבן געמיטלעכן אויסזען ווי די היגע: א שטאָט מיט קאַפּצאָנים, א שטאָט מיט מעשאָרסים, און ער, פײַטל די ציג, קעסיידער מיט א גוט וואָרט, קעסיידער מיט א נעדאָווע, מיט א גמילעסכעסעד. קאָן דען זײַן עפּעס לײַטישער? און דאָ קומען מענטשן און מע וואַרפט אַראָפּ דעם קייסער, און נאָכן קייסער דעם פּאָרעץ מיטן גאַלעך — פײַטל דער ציגס בעסטע קוינים. אַראָפּ, אַראָפּ צו אַלדי שוואַרצע יאָר. וואָס זשע וועט ווערן מיט פײַטלס קלייט מיטן גאַנעק, וואָס איז אַזוי געוווינט פון אַלע יאָרן, אַז שיינע קאַרעטעס זאָלן זיך לעם אים אָפּשטעלן?..

דערמאָנסט זיך נאָר אין פײַטלס גאַנעק, אַזוי וואַקסן אויס פאַר דײַנע אויגן פּריצישע קאַרעטעס מיט ברענענדיקע פערד, מיט אָנגעפּרינדעטע שמײַסערס, און אויבנאָן זיצן פּריצים און פּריצטאַלקעלעך, און דער מאַזשאַריער גאַלעך גיט פײַטלען די האַנט, און דער פּעטרעטיער פּאָרעץ בײַט זיך איבער מיט פײַטלען מיט א גמילעסכעסעד.

אַזעלכע פײַנע מענטשן! אַזעלכע איידעלע לײַט, און אינמיטנדערינען...

אויס!.. ניע נאַדאָ!.. מע דאַרף ניט קיין פּריצים, מע דאַרף ניט קיין געלט־זעק, מע דאַרף אויך ניט קיין שטעטלדיקע גווירים מיט קיין איידעלע שניטקרעמער.

דענסטמאָל ווערט פײַטל פרום און פרעגט מיט א קאָשערער מינע: ווער זשע וועט געבן א נעדאָווע דעם אָרעמאַן, ווער וועט אויסהאַלטן דעם בעסמעדרעש?

זאָגט מען אים, אַז בא מאַרקסן און בא לענינען שרײַבט זיך, אַז מע דאַרף ניט קיין נעדאָווע, מע דאַרף ניט קיין ראָוו, מע דאַרף ניט קיין טאַלמעטוירע. דאָ ווערט פײַטל בלייך. די לאַנגע שמאָלע ווײַדלדיקע באָרד נעמט זיך שאָקלען ווי בא א דערשראָקענער ציג. ער האָט געמיינט, אַז דאָס אַלץ וואַקסט נאָר פון די היגע סמאַרקעס. צום סאָף הערט ער גאָר זאַכן, וואָס די אויערן ווערן בא אים צעדויבעט: הייסט עס, אַז עס גייט פון גרויסע קעפּ און איצט ווערן אײַנגעפלאַנצט אָט די דאָזיקע דינים אין לעבן.

— באַטיושקאַ! קאַק זשע וואַשי זאַקאָני? קאַק זשע וואַש באָג?[1] — פרעגט פײַטל די ציג באַם מאַזשאַריער גאַלעך.

אים וואָלט ניט אַרן, סע זאָלן גילטן דעם גאַלעכס זאַקאָנעס. דעם ראָוו וואָלט ער אַרײַנגעשיקט נאָך א זעקל ווייצענע מעל, נאָך א פונט טיי און וואָלט עס אַלץ אײַנגעלאַדעט.

אָבער דער גאַלעך שווײַגט א ביסל און ענטפערט אים אין א היפּשער ווײַלע אַרום:

— פאַניע פײַטעל, א וואַשי זאַקאָני? א וואַש באָג?..[2]

אָבער אײַער גאָט, דער ייִדישער, איז דאָך עפּעס א היפּש ביסל עלטער פון אונדזערן. אַדעראַבע, זאָגט איר!..

אוןביידע לײַט צענעמען די הענט. וואַש באָג, נאַש באָג. אַז סע גייט אָן, איז עס א סכוירע, און אַז ניט, איז כאָטש לייג זיך און לאַך.

אַגעוו, אָפן האָט ער עס ניט אַרויסגעוויזן, פײַטל, אַז ער האָט אונדז אַזוי פײַנט. איך הער פון אים קעסיידער:

— קום אַרײַן, אײַזיקל, זיץ א ביסל. ס'הײַנט סײַווי ניטאָ וואָס צו טאָן. דער מיסכער איז געשלאָגן. אַלץ איז געשלאָגן.

דערנאָך האָבן אים די פּאָגראָמען אויסגעשלאָגן די פענצטער, און ער האָט שטילערהייט אַרויסגעקוקט אָף די פּאָליאַקן. האָט ער די טאַפּליעס צוריק אַרײַנגעשטעלט. אין דער גרויסער שטוב האָט מען צו אים אַרײַנגעזעצט דעם „סאָיוז“ (פּאַריין), און אין די קלענערע כאַדאָרים, וואָס לעם קלייט, וווינט ער אַליין. און דער מיסכער איז בא אים אַלץ געשלאָגן. די קינדער זײַנען זיך בא אים צעפאָרן לערנען, און ער עפנט נאָך אָפּ אַלע טאָג די קלייט, קוקט אַרויס.

[1] — פּאַטערל! ווי זשע איז מיט אײַערע געזעצן, ווי זשע איז מיט אײַער גאָט? [2] — פאַניע פײַטל, און אײַערע געזעצן? און אײַער גאָט? (רוסיש)

דער איקער, וואָס אויסערלעך איז ער גוט, כאָטש לייג אים צו צו א מאַקע, און אינווייניק איז ער פול מיט גאַל און מיט קלאָלעס.

אנומלטן האָב איך אים אין א שאַבעס באַטאָג באַגעגנט, ווי ער איז געגאַנגען נאָכן שלאָף. איין הויז איז בא אים געווען פאַרשטעקט איבערן אויער פון שטיוולעט און די ווײַסע גאַטקעס האָבן זיך אַרויסגעזען. מיך דערזען, מאַכט ער:

— אײַזיק, סערצע, גייסט מיסטאַמע אין בעסמעדרעש אַרײַן לערנען פיירעק?

— איך גיי אײַך דאָרטן אָפּ צו א מיניען?

— פאַרוואָס טאַקע ניט? וואָס איז? דו קענסט כאָלילע ניט? דײַן טאַטע האָט דיך ניט געלערנט?

■

ווען אַשער ווייסט, אַז איך בין ניט געזונט, וואָלט ער מיך אַליין ניט אָפּגעלאָזן. ער וואָלט מיר אָדער געדונגען א פור, אָדער ער וואָלט אויך מיטגעגאַנגען, סע זאָל זײַן פריילעכער. סײַווי לאָז איך איבער בא די היגע ייִדן א קוויטעלע, אַז זיי וועלן גיין קיין קאַפּישטש אין וואָלאָסט אַרײַן, זאָלן זיי עס אים איבערגעבן, און אַליין פרעג איך, דורכוואַנען מע גייט קיין סלאָוועשנע.

בא אונדז אין דער היים איז שוין צוריק שטיל. די פּאָליאַקן זײַנען דענסטמאָל אַפילע ביזן שטעטל ניט דערגאַנגען.

זיי ווײַזן מיר אָן דעם קירצסטן וועג. דאָס איז דורך וואָראָביאָוווער קרעטשמע.

פון וואָראָביאָוווער קרעטשמע האָב איך געהערט. בא אונדז אין שטעטל זײַנען פאַראַן צוויי מישפּאָכעס, וואָס מע רופט זיי די וואָראָביאָווער. זיי זײַנען פון דאָרטן אריבערגעפאָרן צו אונדז און זיי זײַנען געוואָרן אויס ייִשוווניקעס.

איך זאָל אַמאָל אַליין אָנשפּאַרן אין דער דאָזיקער קרעטשמע, האָב איך זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, און דעריקער איינער אַליין גיין טאַפּן א וואַנט און זיך דערפרעגן, וויאַזוי דער־לאַנגט מען זיך קיין וואָראָביאָוווער קרעטשמע?

אַמאָל גייסטו אַזוי איבער א פרעמדן ליידיקן שליאַך, און דיר דוכט זיך, אַז דו קומסט אַרויס פון א שטייך, דו האָסט ניט קיינס און קיינעם. אָט דאָ איז דײַן וווינונג, אָט דאָ אָפּן שליאַך איז דיר באַשערט צו טאָגן און צו נעכטיקן, און דער וועג איז לאַנג ווי די אייביקײַט, און די פיס דײַנע שטייט נאָך פּאָר א סאַך צו מעסטן און צו שפּאַנען, ביז דו וועסט צום סאָף פון דײַנע יאָרן, צום סאַמע זון־פאַרגאַנג דײַנעם, זיך דערלאַנגען צו אָן אָפּשטעל און ווי א גאַסט אָף א סטאַנציע איבערזײַן דאָרט א שטיקל צײַט, ביז דער טויט וועט צו דיר א קלאַפּ טאָן אין טיר און זאָגן:

— קום!..

■

א מידער און אָן אָפּגעשוואַכטער בין איך דערקראָכן צום ערשטן און בעסטן הויף אין וואָראָביאָוווער קרעטשמע. איך ווייס ניט, צי האָב איך א קלער געטאָן וועגן אָן אויסוואַל צי ניט, איך בין שוין געווען צופּיל מיד, איך זאָל צײַט האָבן קלײַבן, סײַדן מע וועט מיך פון דעם הויף אַרויסטרײַבן אָדער ניט אַרײַנלאָזן, וועל איך שוין דאַן זיך לאָזן זוכן עפּעס אַנדערש.

די פאַרגייענדיקע זון האָט זיך געל געזעצט אָף די שײַערן, ווי אויך אָף דער אָפּגע־קאַלכטער דאָרפישער שטוב. א הינטל, האַלב ווײַס, די צווייטע העלפט צוגעמישט מיט לאַנגע טונקעלע האָר, האָט מיך פאַרזיכטיקלעך באַשמעקט, און פון זײַן מינע האָב איך געקאָנט מאַכן אָן אויספיר: „דו ווילסט גיין אין שטוב, דאָרטן איז אָן דיר שוין אויך דאָ געגוג. נאָר גיי שוין, גיי, אָן אַנדער ברײַרע האָסטו...“

פון דעם ערשטן קאַבאָלעס־פּאָנעם בין איך געוואָנען ווי צופרידן. דאָס הייסט, פאַר א שטיקל הינטל דאַרף מען זיך גראַדע היטן, ס׳זאָל ניט א ביס געבן הינטן־אַרום. אָבער פאַר דעם דאָזיקן הינטל אַנטשולדיק איך זיך. טאָמער איז מיר כאָלילע אַרופּגעקומען א צענטל מאַכשאָווע אַזאַ. ס׳איז בעפּיירעש ניט פון יענעם שניט און ניט אין אַזאַ שטוב איז עס אויסגעוואַקסן.

ווערדיק איך האָב זיך געפילט מיד און גלײַכגילטיק צו אַלץ, האָב איך זיך צום אַלעם ערשטן געוואָלט א וואַלגער טאָן אָף דער פּריזבע. אָבער ערגעץ צאַנקט נאָך א שטיקעלע גלײַ־כער געדאַנק:

מע דאַרף פריִער א פרעג טאָן, צי וועט מען דיך לאָזן איבערנעכטיקן, וואָרעם סע ווערט דאָך שוין נאַכט אין דרויסן. אין דער פינצטער וועט מיר זײַן ערגער אומצוגיין טאַפּן א וואַנט אין א פרעמד דאָרף.

אין שטוב איז שוין געווען אינגאנצן טונקל. א מאטע רויטע שײַן איז נאָר געפאלן אף די אָבראזן. אינווייניק האָב איך געטראָפן עטלעכע מיליטער־מענטשן. ס'האָט מיר א שלאָג געטאָן א מלאָש צום כאלעשן, צי בין איך אָפטמאָל ניט ארײַנגעפאלן אין קיין נעץ; וועלכע ערטער אויסגעמיטן, פון וועלכע שלעק ניצל געוואָרן, און דאָ ניט געוואַרט און ניט גערִיכט. און דעריקער ווען? בעשאס איך האָב ניט קיין קויעך פאר קיין פליג.

— טאָווארישטשי! — דערהער איך פון דער טונקל א קאָל. — נאשעווא פּאָלקו פּריבילאָ, שטאָ לי?[1] — און איך דערזע שוין א רויט בענדעלע, א שטערנדל, און סע גייט מיר אראָפּ א שטיין פונעם הארצן.

— כ'וועל בא אײַך קאָנען איבערנעכטיקן, באלעבאטים? — טו איך שטיל א פרעג.

— יאקאָס פּאָמיסטעמאָס[2], — ענטפערט מיר א פויער אין א לײַוונטן העמד, וועלכן איך האָב נאָך אפילע גוט ניט געזען, און ער איז צו מיר שוין אזוי גוט.

איצט גיי זוך אָפּ די וואָגשאָלן, אף וועלכע מע זאָל קאָנען וועגן דעם מענטשנס גוטסקײַט.

— פונוואנען גייט א יונגערמאן?

— איך גיי פון קאָפּישטש, פון ליסקעוויטש, קיין סלאָוועשנע גיי איך.

— פון ליסקעוויטש, נאָך הײַנט?

— הײַנט...

— ווער שטייט איצט אין ליסקעוויטש?

— זנאמאָ נאשי![3] — האָט א באסאָווע שטים געענטפערט פון צווישן די רויטארמייער.

איצט האָב איך אים שוין געזען גוט. א מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט צוויי שווארצע וואָנצעס, מע זעט גלײַך, אז ס'איז א וואָיאקע. ער איז געזעסן אפן דיל און גערייכטעוועט א זאָטל, און א צווייטער, א ייִנגערער, האָט בישכיינעס מיט אים גערייכטעוועט דאָס צײַמל.

— איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס שלעפּט איר זיך ארום פון ליסי קיין סטריסי, פּונקט איר וואָלט ניט געהאט וואָס צו טאָן? — האָט דער וואָיאקע זיך אופגעהויבן מיט א קרעקטש פון דער ערד און זיך אויסגעקערעוועט צו מיר. — ווײַז נאָר א קוק טאָן די דאָקומענטן דײַנע. — און ער איז צוגעגאנגען צו מיר מיטן גרייטן.

איך האָב אים געוויזן מײַנע פּאפּירן, איינעם, דעם צווייטן, געהאָלפן איבערלייענען.

— מיילע, זאָל שוין זײַן אזוי. — און אז ער האָט א ביסל אויסגעגלײַכט די אייוורים נאָכן לאנגן זיצן אפן דיל, האָט ער צוגעגעבן ווי מיט ביטל: — נעכטיק יאָ, נעכטיק ניט!..

אוודע איז מיר געווען ליבער די באציִונג פון דאנילאָוון דאָרטן אין ליסקעוויטש און פון מײַן ווזוואָדנעם קאָמאנדיר. נאָר איך טאָר דאָ אויך ניט זינדיקן, ביפראט איך בין קיין בעסערס ניט ווערט.

זיך אָפּגערוט א ביסל אין הויף אף דער פּריזבע. דער פארגאנגענער טאָג איז געווען א זוניקער, אזוי אז אין דרויסן איז נאָך איצט אויכעט ווארעמלעך, און די מידקײַט האָט זיך צוביסלעך אָפּגערוקט פון מיר. פארקערט, איצט בין איך גרייט, ווען דאָס זאָל, לעמאָשל, זײַן סענדעריוקע, זיצן מיט פּאָליען, מיט דער מיטלסטער פון די שוועסטער, אפן גאנעק און עפּשער ארײַנשמועסן ביז שפּעט אין דער נאכט ארײַן. מיר איז ליב, וואָס האלב וועג האָב איך שוין דורכגעמאכט, און דאפקע צופוס געטראָפן דעם וועג, קימאט ניט פרעגנדיק בא קיינעם. וואָס דארף מען מער. אפילע דער באלעבאָס אליין האָט באמערקט, אז איך בין גוט געגאנגען...

אינגיכן האָט א שיין מיידלקעלע פון וואָסערע פופצן־זעכצן יאָר, נאָר זייער אן איידעלינקע, געבראכט צו טרײַבן די פּי פון פעלד און עפּשער פון וואלד. דאָ זײַנען דאָביידע זאכן. זי האָט מיך א רעגע באקוקט, ווי עפּעס א נײַע זאך, און דערנאָך פונדעסטוועגן שטיל א זאָג געטאָן: גוטנאָוונט!

א יונגיטשקער רויטארמייער, טאקע נאָך גאָר א יונגס, מאמעש בלוט און מילך, איז ארויסגעשפּרונגען פון שטוב און איר געהאָלפן פארטרײַבן די פּי. ער האָט זי אפילע גוטמוטיק אָנגענומען פאר די פינגער פון דער לינקער האנט, וואָס זי האָט געהאלטן אראָפּגעלאָזן, און זי האָט אים אויך קינדעריש און כאוועריש געקוקט אין די אויגן ארײַן. טאקע צוויי שיינע כאוויירימלעך, — האָב איך א קלער געטאָן צו זיך, — יונגיטשקע, ליבינקע, נאָר זיי האָבן מיר אויסגעזען מערער ווי א ברודער מיט א שוועסטער. קאָן זײַן, אז דערפאר האָב איך אזוי געקלערט, וואָס איך האָב זי קיינעם ניט געוואָלט פארגינען. אָט דאָס־אָ קינד האָב איך געוואָלט טוליען צו זיך, האלטן בא זיך אפן שויס, בא זיך לעם בוזעם און זיך טישען מיט איר. צוויי שיינע

---

[1] — דאָ: כאוויירים, דאָס זײַנען אונדזעריקע צוגעקומען? (רוס.); [2] — מיר וועלן ווי־ס'ניט־איז זיך באַשטאטן (אוקר.); [3] — נאטירלעך, אונדזעריקע (רוס.).

בלויע אויגן. ליכטיקע, שיין אויסגעפּלאָכטענע צעפּ, און אַזאַ אײדלקײַט איז בײַ דעם אויסגעגאָסן אױפֿן פּנים, אַז כאָטש לייג זיך די רעגע און שטאַרב צוליב איר.

אין שטוב, אַז די עלטערן האָבן געגעבן וועטשערע, האָבן זיי אויך אַזוי געמאַכט, אַז די טאָכטער זאָל זיצן לעם דעם יונגינקן רויטאַרמייער. זיי האָבן זיך, ווײַזט אויס, היפּש געקאָכעט אין זייער איינציק טעכטערל, און פֿאַר פּאָטיעכע־וועגן האָבן זיי זיך געוואָלט צוקוקן, וויאַזוי וועט זי אויסזען, אַז זיי וועלן זוכע זײַן און זי דערלעבן זען מיט אַ גלײַכן. די מאַמע איז אויך אַן אָנשטענדיקע, אַ געשטעלטע, און כאָטש זי איז גענוג פֿאַרהאָרעוועט, אָבער ס׳איז דאָ אַ שיינקײַט אין איר גאַנג און ס׳זײַנען דאָ אויף איר פּנים סימנים פֿון יוגנט, וואָס ווילן זיך נאָך ניט אויסלעשן. מיר איז ניט שווער אויסצומאָלן, ווי ליב ס׳איז מיר געווען די דאָזיקע שטוב צוזאַמען מיט אירע מענטשן. וואָס דאַרף מען מער. ס׳האָט זיך מיר די גאַנצע צײַט אויסגעוויזן, אַז איך בין דאָ אַ היגער, אַ שטוביקער, און ניט פֿון ערשט. אַלע ווינקעלעך זײַנען מיר נאָענט און באַקאַנט. אָט וועלן זיך די רויטאַרמייער אין אַ פּאָר טעג אַרום צעפֿאָרן, וועלן מיר זיך בלײַבן אַליין, „דיד דאַ באַבאַ“ און מירן זיך טאָן אונדזער טאָגטעגלעכע, וואָכעדיק־באַשיינטע אַרבעט. איך וועל גיין מיטן ציפּ דרעשן אױפֿן שײַער. דער שווער וועט פֿאָרן אין וואַלד אַרײַן אויסקאָסיען אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט גראָז. נאַסטיושקע מײַנע וועט אַכטונג געבן אויף די פּי און מיר עפּעס פֿאַרנייען און פֿאַרשטשאָבען, וואָס מע דאַרף, און די שוויגער וועט אַכטונג געבן אויף דער שטוב, וועט ווייקן פֿלאַקס צום קעמען. אַרבעט, ניט פֿאַרשטערט זאָל ווערן, איז דאָ גענוג.

אַז דער יונגער רויטאַרמייער האָט געזאָגט נאָכן עסן: „אַ דאַנק“, האָט דער מיט די שוואַרצע וואָנצעס אים זייער גראָב איבערגעקרימט. ער איז, ווײַזט אויס, אַ רובאַקאַ, נאָר פֿון יענע. און דערפֿאַר האָט ער ניט ליב קיין סענטימענטן. נאָר סע מאַכט ניט אויס, זײַנע כאַווײרים האַלטן פֿון אים סײַווי, פֿינף פֿאַרשוין זײַנען זיי, דוכט זיך, דאָ.

און נאָך וועטשערע זײַנען אַלע געגאַנגען שלאָפֿן. מיך האָט נאַסטיושקע דורכגעפֿירט אין שטאַל אַרײַן, געגעבן אַ ריינעם זאַק אויף צו פֿאַרשפּרייטן דאָס היי און אַ סוויטקע אויף זיך אײַנדעקן. דאָס הינטעלע איז איר געטרײַ נאָכגעלאָפֿן. דאָס הינטעלע, וואָס איז אַ שטומע צונג, האָט, ווײַזט אויס, אויך ליב נאַסטיושקען מיטן גאַנצן הינטישן הערצל. הײַנט וואָס זאָל טאָן אַ מענטש, אַז ער דערזעט אַזאַ ליב און אײדל קינד? מענטש, מענטש, פֿאַרוואָס ביסטו ניט ייִנגער אַ ביסעלע, ניט ספּריטנער און ניט געזינטער? דאַן וואָלסטו עפּשער געקאָנט אויף עפּעס האָפֿן. ווי? און איך האָב זיך געטוליעט אונטער דער סוויטקע און געפֿילט, אַז איך גיי אויס, אַזוי וואָלט איך וועלן זײַן איינס מיט דער־אָ קליינער נאַסטיושקען מיט מײַנער. און איר טאַטע, און איר מאַמע, און איר שטוב, און איר בעהיימעלע זײַנען מיר אַזוי נאָענט, זיי זײַנען מיר אויף אַזויפֿיל מײַנע, אַז איך ווייס טאַקע ניט, וויאַזוי בין איך ניט אויסגעוואַקסן אין אָט דעם וואַלד, מיט די קאָראַווע דעמבעס, מיט די קוריניעס, וווּ פֿויערים זומערן און ווינטערן דאָ לעם זייערע קושאַרעס. ניין, סע קאָן ניט זײַן! איך בין דאָ אַ היגער און בין געוויס אויסגעוואַקסן אונטער איין הימל מיט נאַסטיושקען, זיך געקײַקלט מיט איר צוזאַמען אויף איינע און די זעלבע לאָנקעס, וואָרעם אויב ניט, וויאַזוי וואָלטן זיי מיך ליב געהאַט און וויאַזוי וואָלטן זיי מיך געלאָזן, איך זאָל זי אַזוי געשמאַק אַרומנעמען און דריקן צו מײַן האַרצן? אַ געזונט אויף דיר, מײַן שיינס, מײַן ציכטיקס און מײַן אײדעלינקס.

נו, שלאָפֿן, שלאָפֿן.

און געשמאַק צונויפֿגעדריקט זיך אינעם היי, אַ סך ייִנגער ווי איך בין אינדערעמעסן, מיט אַ באַטאַמטער רו נאָך דער מידקײַט, וואָס האָט גענאָגט אין די קני, ווער איך אײַנשלאָפֿן. ניט ווי אין דער פֿרעמד, נאָר ווי בײַ זיך, אַנדערש געזאָגט, ווי די דאָזיקע פֿרעמד וואָלט שוין פֿון לאַנג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין מײַנס אײגנס.

■

גאַנצפֿרי האָב איך זיך ווײַטער אױפֿגעכאַפּט מיטן געדאַנק וועגן נאַסטיען. איך האָב צו איר געשמייכלט, און ס׳איז מיר געווען גוט אױפֿן האַרצן.

אין שטוב האָב איך געטראָפֿן נאָר די מוטער. אָבער ס׳איז געווען פֿרי. סע קאָן ניט זײַן, אַז אַלע זאָלן זיך שוין האָבן צעגאַנגען. קאָן זײַן, אַז די רויטאַרמייער שלאָפֿן נאָך אין קאַמער אָדער אין שײַער אויף דער פֿרישער שטרוי. די טיר האָט זיך געעפֿנט מיט אַ סקריפּ, און נאַסטיענקע, אַ פֿרישע, אַן אויסגעשלאָפֿענע, אַ טײַערע, האָט געבראַכט צו טראָגן צוויי עמער וואַסער און אַוועקגעשטעלט לעם דער דייזשקע. איך בין צוגעלאָפֿן און געהאָלפֿן אויסגיסן דאָס וואַסער. די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן מיך אָנגעקוקט מיט גוטע אויגן; דערנאָך האָט מיך

די מאמע געפרעגט, וויאַזוי איך קלײַב זיך גיין. מיטן שליאַך, צי מיט דער סטעזשקע? ווײַל מיט דער סטעזשקע איז א סאך נעענטער.

און ס'איז געבליבן, אז די מוטער אליין וועט ארויסטרײַבן די בעהיימעס און נאסטיושקע זאָל מיך א ביסל דורכפירן און מיר ווײַזן, ווי צו גיין.

א גלאָז מילך געשמאקע אויסגעטרונקען, מיט א שטיקל פרישן געשמאקן הרעטשאניק צוגעביסן. און ווען איך קאָן נאָך פאר דאנקבארקײַט צו דער שטוב און די באלעבאטים, וואָלט איך זיך גערן מיט זיי צעקושט.

— זײַט געזונט, א דאנק. אז איר וועט זײַן אין סלאָוועשנע, בעט איך אײַך פארגיין צו אונדז.

— גייט געזונט, — ענטפערט מיר די באלעבאָסטע היימיש, — און האָט קיין פאריבל ניט. אז איר וועט זען אונדזערע וואָראָביאָווער יידן, לאָזט זיי גריסן.

און ס'טוט מיר אזוי באנק, וואָס איך האָב זיך ניט געגנוג אײַנגעקוקט אין די שטריכן פון דער מאמעס פּאָנעם, ניט אײַנגעזאפּט אין זיך די ריינקײַט, די שיינקײַט און די ערלעכקײַט פונעם קאָל פון אירס.

און נאסטיושקע גייט אפריער, און דאָס הינטעלע לויפט צווישן מיר מיט איר, און מיר שפּאנען איבער א פּלויט. אָט זײַנען מיר ארוף אף א קלאָדקע פון גראָבע ברוסעס, און איך דערזע נאסטיעס פיסלעך אין א שפּיגל פון וואסער, און די צעפּ אירע די שיינע, און דאָס הינטעלע איז אויך דאָרט אָפּגעשפּיגלט, און איך אויך, און פון ביידע זײַטן קלאָדקע וואקסט עפּעס אזא מאָדנער טשערעט. אהין, עטוואָס ווײַטער, א פּאָר ביימער געדיכטע, און אלץ שפּיגלט זיך אָפּ אינווייניק מיט אזא ריינקײַט, מיט אזא צויבער. מײַן טײַער פישעלע, רופן זיך דאן מײַנע מאכשאָוועס איבער מיטן קליינעם זעכצניאָריקן מיידעלע, — אויב דײַנע יונגע קרעפּטיקע פיסעלעך טרעטן דאָ אלע טאָג, איז דאָך קיין כידעש ניט, וואָס דאָ איז אלץ אזוי שיין. איך הייס אף יידיש אײַזיק, אף רוסיש איסאק, און דער ידישער יונגערמאן, דער בארימטער רוסי־שער קינסטלער לעוויטאן האָט אויך געהייסן איסאק. גאָט, מײַן גאָט! א ביסעלע, א קאפּעלע גיב מיר קויעך אָנצושעפּן כאָטש עטלעכע טראָפּנדלעך שיינקײַט פונדאנעט, שיינקײַט, טיפקײַט, לויטערקײַט, אייביקײַט, און אוועקטראָגן מיט זיך אף וויפל ס'איז מיר נאָר באשערט זיך וואָג־לען איבער דײַן וועלט, וואָס פארמאָגט אין זיך, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אויך געגנוג העס־לעכקײַט, פּײַן און אכזאָריעס.

— נאסטיושקע, בא אײַך איז דאָ אלץ אזוי שיין?! נאסטיושקע, דו ביסט שוין אמאָל געווען בא אונדז אין שטאָט?

נאסטיע, מײַן קרוין, בעשאס זי רעדט מיט א מענטשן, קוקט זי אים גלײַך אין די אויגן. און אין אירע קינדערשע בליקן איז דאָ אזויפיל לויטערקײַט, אזויפיל לויטערקײַט, אזויפיל טאם און אזויפיל מענטשלעכער פארשטאנד.

וואָס זאָגט איר וואָס? זי קען נאָך ניט שרײַבן, ניט לייענען? זי קאָן זיך אפילע ניט כאס־מענען? הערט שוין אוף, שעמט זיך צו זאָגן אזעלכע זאכן און דערצו ווען קיינער פרעגט בא אײַך ניט.

— אָט דאָ, — ווײַזט מיר נאסטיע, — זאָלט איר גיין גלײַך, גלײַך, וועט איר לעם די ווער־בעס ארויסגיין אפן שליאַך.

און שוין. איצט קאָן זי שוין גיין אהיים. און דאָס הינטעלע פארקערעוועט ווי אן אוטאָ־מאטל און לויפט שוין צוריק. מיר זעען שוין נאָר דאָס ווידעלע זײַנס.

הינטעלע, ווײַסינקס, עפּשער וועסטו מיט מיר מאכן א בײַט? דו גיי זיך קיין סלאָוועשנע, און איך וועל נאָכגיין טאָג און נאכט נאָך דײַן יונגינק באלעבאָסטעלע. איך וועל אומעטום באגלייטן איר די טריט און זיך אײַנשטעלן פאר איר, טאָמער וועט מען דארפן. און אויב ניט? עפּשער וועסטו צוטראכטן אזוי, אז מיר זאָלן אלע דאָ פארבלײַבן. איך קאָן אריבערנעמען אהער ראָכעלען און די שווארצע בעהיימע אויך, און מיר זאָלן דאָ אלע ווערן פרײַנט. קיין ארבעט איז מיר ניט פרעמד, לאָמיר זיך נאָר צולערנען, וועל איך האָרעווען באגלײַך מיט אײַך. זומער אפן פעלד און ווינטער אין שײַער. געבענטשט זאָל זײַן די ערד, וואָס טראָגט אף זיך אזעלכע ווי איר זײַט.

■

אנדערע מענטשן גייען, ווײַל זיי דארפן ערגעץ קומען. איך גיי (אזוי דאכט זיך מיר איצט), ווײַל איך האָב דאָ ניט וואָס צו שטיין. און דערצו איז דער מענטש אזוי געבויט, אז ער האָט צוויי פיס, און אז מע לאָזט זיי אָפּ די ווישקעס, טעלעפּען זיי זיך, זיי באוועגן זיך און שלעפּן

מיט איין גאנג די איבעריקע טיילן קערפּער, די הענט מיט די פּלייצעס, די אויגן, דעם קאָפּ און אַפילע די געדאנקען.

א טאָרבעלע אפן אקסל, א שטעקן אין דער האנט, און פּאמעלעך, שפּאן נאָך שפּאן, לאָזסטו איבער הינטער זיך איין ווערסט געדיכטן וואלד נאָכן צווייטן. ווו־ניט־ווו ווארפט זיך דורך א פליך. נאָר וואָס מאכט עס אים אויס, דעם וואלד, אויב ער איז אַפילע ווו־ניט־ווו פליכעוואטע, אז די זון לייגט זיך אָפּ מיט אזעלכע שיינע פלעקן און אז פויגלען שפּאצירן איבער זייַנע געלגרינלעכע לאטעס מיט אזא ראכוועס, מיט אזא שטאָלץ, ווי עמעסע באלעבאטים, וואָס אז זיי גייען, גייען זיי אָף זייערס. אָן־אָ פּיקט א פּיקהאָלץ מיט אזא פלייַס די קאָרע פון א בוים, און אנדערע זאָגן, אז דאָס איז גאָר זייַן לאָשן, קיין אנדער שפּראך האָט ער ניט אויסער דעם, וואָס ער פּייַקלט אויס מיטן פּיסקל איבערן הארטן קלינגענדיקן האָלץ.

ווייַזט אויס, אז ס׳איז מיר נאָך ווייַט צו גוט. ווען ניט, וואָלט איך דאָך גאָר אנדערש האָנאָע געהאט פון אזא שיינעם דרויסן אינמיטן וואלד. איך וואָלט ניט געדארפט קלערן פון דעם, וואָס איך האָב געלאָזן הינטער זיך, און פון דעם, וואָס עס ווארט אָף מיר פאָרויס. ווען איך בין בא גאָט א בעניאָכיד, וואָלט איך אי געגאנגען צופוס, אי געפאָרן אָף קארעטעס און וואָלט געשווומען איבער וואסערן און זיך געטראָגן אינדערלופטן. יעדעס מאָל וואָלט איך גענוצט אזא מין אויפן פון באוועגן זיך, וואָס וואָלט געווען מער צוגעפּאסט צו דער געגעבענער שאָ. איצט, לעמאָשל, וואָלט איך געוואָלט זיצן מיט נאסטיענקען אָף אן אָנגעצויגענעם פליִענדיקן טעפּיך. א גרינג ווינטעלע זאָל אונדז גלעטן און דער טעפּיך זאָל זיך שוועבן פון דער גרינג... נאסטיענקע שפּילט זיך אפן גרינעם טעפּיך, איך שפּיל זיך אויך. אז מע וויל, זייַנען מיר נאָךביידע קינדער.

ווו וואָלט איך נאָר ניט אָנגעשפּארט? סע זייַנען דאָ וועלדער און פעלדער, יאמים און מידבאָריעס. עפּשער וויל איך זען, וויִאזוי סע וואקסט רייַז? עפּשער וויל איך זען, וויִאזוי מע טרינקט טיי? עפּשער וויל איך זען די מענטשן, וואָס פלעכטן זיך אָף די ביימער ווינונגען פון צווייַגן? נאָר דערווייַל האָב איך ניט אזעלכע מעגלעכקייַטן, דערווייַל אז דער גוואר מיט די וואָנצעס, מעג ער אַפילע זייַן אונדזערער, נאָר אז ער קוקט אָף מיר פרעמד און וויל בא מיר דאָקומענטן, מוז איך זיי אים ווייַזן. זאָל ער וויסן, אז מייַן טאטע הייסט לייב, און געבוירן בין איך אין האָצעקלאָץ, און קיין מענטשן האָב איך ניט געהארגעט און קיין שפּאָרקאסע האָב איך ניט באגאנוועט, און אז ער קערט מיר אום די פּאפּירן און זאָגט מיר „מיילע", בין איך צופרידן, ווי איך וואָלט נאָרוואָס אָפּגעמאכט א גוט געשעפט. נייך. ס׳איז מיר נאָך ווייַט צו גוט. א סימען האָב איך: אָט־אָ גייט צום ווינטער, און מע מוז קלערן וועגן פּאָשעטע זאכן, ברענגען אין אָרדענונג א מאנטל פאר זיך און פאר ראָכעלען, אין זינען האָבן כארטש פאר דער שווארצערוועגן, זי דארף אוואדע ניט וויסן, צי מייַנע געדאנקען פליִען אָדער זיי גייען צופוס. איר דארף מען ווייַזן היי אין שטאָל און פּארפּארעטע פּאָלאָווע אין צעבער.

ס׳א טייַערע זאך ס׳איז צו זייַן א בעהיימע בא א גוטן באלעבאָס. דו קומסט אים אַפילע מיט עפּעס צוניץ, נאָר דערווייַל האָסטו ווער ס׳זאָל פאר דיר זאָרגן און אַפילע ווער סע זאָל דיר אָף מענטשן־לאָשן זאָגן פון מאָל צו מאָל א גוט וואָרט, א צארטס, א ווייכס און א הארציקס.

קארג מאָל הערן מיר, וויִאזוי דער פויער זאָגט צו זייַן פערדעלע „זדראָוו", בעשאס יענער טוט א פּאָרשקע מיט די נאָזלעכער אָדער א פּאָשעטן ביס...

מאכשאָוועס, מאכשאָוועס, און עסן גלוסט זיך. די זון ווייַזט שוין באלד אָף האלבן טאָג. אָן־אָ שטייט א קאָשארע מיט בעהיימעס. ווען איך גיי צו צו די פּאסטעכלעך, וואָלט איך מיט א מענטשן אויסגערעדט א וואָרט, אי מע וואָלט מיך עפּשער צוגענומען צו א קאָמפּאניע אָף איבערבייַסן. אָבער צו אלע גליקן בין איך נאָך א ביסל א שעמעוודיקער אויך. וואָס וועל איך זיי זאָגן? אמער וועל איך אָט־אָ איבערזיצן א רעגע אָף אן אָפּגעהאקטן קאָרטש, טאקע נאָר א קליינע ווייַלע און דערנאָך אָפּלאָזן די ראגלאִים, זאָלן זיי ווייַטער שפּאנען.

ווי די מייַסע זאָל ניט זייַן, נאָר איך ווער וואָס אמאָל נעענטער צו דער היים.

...טו א קוק, בוזיעלע, וואָס דו האָסט פון מיר געמאכט! מייַן מאמעס שטוב איז מיר עפּעס געוואָרן פרעמדער, זינט איך האָב דיך דערקענט. דו האָסט מיר געגעבן א היים אן אייגענע, א פרישע און א יונגע, מיט לייַכטע פאָרהענגלעך אָף די פענצטער. דערנאָך ביסטו ניט פויל און מאכסט דורך פאר א גאנץ קורצער צייַט זייער א ווייַטן וועג, פארגייסט אין דער אייביקייַט און מיך לאָזסטו איבער ניט אהער, ניט אהין. די נייַע היים צעבראָכן, די אלטע — אָפּגעפרעמדט. ווי קלערסטו, טייַערע, כ׳וועל שוין אזוי בלייַבן אָף שטענדיק?

מיר דוכט זיך, אז אומזיסט טראָג איך אזא בייזע מינע אפן פּאָנעם. מיט וועמען, מיט וועמען, מיט דער מאמען, מיט מייַן אייגענער מאמע, וואָלט איך זיך מעגן דורכשמועסן אָפּע־

נער און פראָסטער. פון דעם אַליין וואָלט מיר געוואָרן א סאך גרינגער אפן הארצן. אײן זאך נאָר, וואָס עפּעס איז אין מיר איבערגעפירט געוואָרן אזעלכס, וואָס עס איז שוין ניט צום אויס־לופטערן אפן פרישן דרויסן און צום אויסווארעמען אנטקעגן דער ווייכער זון.

א קורצע צײַט שפּעטער האָב איך בא א גוטן דיכטער געלייענט וועגן א שימל־פלעק, וואָס האָט זיך ארײַנגעכאפּט אין זײַן שאצקאמער ארײַן. אָט דאָס בילד דעם דיכטערס איז א ביסל געגליכן צו מײַן איצטיקן צושטאנד, אָבער צו דעם רויגעז מיט דער מאמען האָט עס ניט. פארקערט, א מאמע העלפט. דאָס וואָרט „מאמע" אַליין איז עפּעס אזוי פיל! יאָ, איך מעג מיט איר ריידן און דארף מיט איר ריידן, און איך בין זיכער, אז פונעם איינעם שמועס מיט איר וועט מיר דערנאָך ווערן א סאך גרינגער.

די שטארקע מידקײַט און די אָנגעקלאפּטע פיס מײַנע לאָזן מיר וויסן, אז איך דארף זיך שוין אײַנגיכן טרעפן מיט א דאָרף. און ס'איז טאקע אזוי געווען. איך האָב עס דערזען פון־דערווײַטנס, ווי א לאנג־געגארטע זאך. אָן־אָ זײַנען די שפּיצן פונעם קלויסטער. אָן־אָ זעט מען שוין א רויך פון די קוימענס. אָט הייבן זיך שוין אָן די גערטענער מיט די באשטאנעס. יאָ, ס'איז א דאָרף, וואָס דערמאָנט שוין מיר אפילע די היימישע דערפער. א מין בעהון, וואָס איז אינגאנצן פינף ווערסט פון דער היים, כאָטש פאר בעהון איז עס נאָך צו פרי.

איך באגעגן א פויערטע, איך באגעגן א פויער, איך באגעגן א יאטל. איטלעכן גיב איך אָפּ א גוטמאָרגן, פון איטלעכן קריג איך א גוט־יאָר. און אָן־אָ איז שוין א ייִד, און זאָל איך אזוי געזונט זײַן, ס'איז טאקע בעהון, וואָרעם דער ייִד איז א בעהונער.

בעהון איז שוין אזוי ווי בא מיר אין דער היים. קיין בעהון בין איך געגאנגען א טאָג איבער א טאָג לערנען רוסיש צום אַלטן לערער (מיטן איינעם פוס און מיט די געהאקטע גלע־זער אין די ברילן). קיין בעהון פלעג איך אמאָל אין א שאבעס באטאָג זיך פארשפּאצירן מיט א כאווער. בעהון האָב איך ליב, בעהון איז מיר געפעלן.

עמעס, דער ייִד איז דאָ בא זיך אין דאָרף א סאך אנדערש ווי אַלע פרײַטיק, ווען ער קומט צו אונדז אין באָד ארײַן.

איך בין ארײַנגעגאנגען צום ייִדן אהיים. זײַן הילצערנע קאנאפּע, וואָס די רויטע פארב איז שוין פון איר לאנג אויסגעשאָבן, האָט מיר געגעבן א ביסל רו פאר מײַנע גלידער. עמעס, ס'איז א ביסעלע שאָטנדיק, א ביסעלע קילבלעך. דער ייִד און די ייִדענע זײַנען צו מיר אויך ניט אזוי ווארעם, ווי איך וואָלט עס וועלן. דאָרפסלײַט, דאָרפסלײַט, ווו איז אײַער גאסטפרײַנט־שאפט? כאָטש צו די דאָזיקע ייִדן קאָן איך קיין טײַנעס ניט האָבן. ערשטנס, קומט מיר פון זיי גאָרניט. צווייטנס, עפשער איז זיי עפּעס אָנגעזאָלצן אפן הארצן פון א שטוביקן איניען. אמאָל צעקריגט מען זיך מיט א שנור, אמאָל לאָזט זיך אויס, אז אן אייגענער שוואָגער האָט בא דײַנעם א שאָכן אויסגעדונגען א בעהיימעלע, וואָס ער האָט בעפּיירעש געוווסט, אז דו האָסט עס געוואָלט קויפן. בא אזא מין דערעך האָט עס טאקע בעפּיירעש געהאלטן. פונ־דעסטוועגן האָט מען מיך געפרעגט, צי איך קום נאָרוואָס פון סלאָוועשנע, און דאָס האָט מיר געגעבן א מעגלעכקײַט אײַנגיין אף א ליגן. זייער אָפּט בין איך אַליין ניט פייִק צוצוטראכטן אפילע דעם פראָסטן ליגן, ביז דער פרעגער שטעלט מיר אים אַליין ניט צו. אינעמעסן, וואָס קאָן נאָך פראָסטער זײַן? איך האָב עפּעס געדארפט קיין בעהון, בין איך צוגעגאנגען פון דער היים, און באלד גיי איך צוריק אהיים. און אדאנק דעם פארשפּאָר איך דערווײַל דערציילן לאנגע מײַסעס.

קאַלט און אָן איבעריקע רייד האָט מיר די האלב בלינדלעכע באלעבאָסטע אוועקגעשטעלט אפן טיש און נאָכדעם נעענטער א רוק געטאָן צו מיר א רײַנדעלע געבאקטע קארטאָפל און זאלץ אין א זעלצערל. האָב איך אָפּגעשיילט א פינף קארטאָפל מיט דעם געדאנק, אז איך וועל זיי ווען־עס־איז אָפּפאָלגן מיט אזא מין זאך. אבי אין א גוטן אויפן. דערנאָך האָב איך לעם דער דייזשקע אָפּגעזוכט דאָס קווערטל, געטאָן א גוטן טרונק וואסער, באדאנקט און בין אוועק־געגאנגען.

ניט איין מאָל האָב איך געזען אן אָרעמאן א הײַזער־גייער, וואָס טוט אויך אזוי. נאָכן גע־שענקטן עסן, וואָס מע גיט אים אמאָל, זוכט ער שוין אָפּ אָן יענעמס הילף דאָס קווערטל וואַ־סער און טרינקט זיך אָן געשמאק. נאָר צו וואָס זײַנען אַלע כקירעס? ס'איז פײַן, ס'איז זייער פײַן, איך געפין זיך שוין אין בעהון, און בעהון דאָס איז שוין מײַן היים.

איך גיי מיר ארויס פון דאָרף און זעץ זיך טאקע גלײַך אוועק אף א גרינעם, ווייכן בער־געלע אונטער א גרויסן קליאָן.

ווען איך האָב א שטיקל פּאפּיר בא זיך, וואָלט איך עס פארשריבן:

„מענטש, צו וואָס זאָלסטו זיך קלאָגן אומזיסט? איצט איז א צײַט, ווען די רעגנס דארפן שוין קלאפּן איבער די צווײַגן; ווען די קעלט דארף זיך שוין ארופציִען אף די פעלדער. און

טו א קוק, אָט־אָ האָט מען דיר מיטגעגעבן אפֿן וועג א גוטן געשמאקן וועטער. פּונקט ווי יענע פֿרוי פֿון וואָראָביאָווער קרעטשמע, וואָס האָט מיטגעשיקט נאַסטיושקען, זי זאָל דיר ווײַזן דעם וועג. מע האָט דאָך דיר מיטגעשיקט די זון פֿון סאמע ליסקעוויטש אָן: „פֿיר אים דורך א ביסל, ער גייט, נעבעך, א הוילער, א וואָכעדיקער, א צעבראָכענער, א פֿארקלעמטער. זאָל אים כאָטש זײַן ווארעם דער וועג. באַזונדערס פֿאר א מענטשן, וואָס פֿילט זיך א ביסל געפֿאַלן און וואָס שעמט זיך אַליין בעטן...“

איצט קאָן איך זיצן דאָ אפֿן זוניקן בערגעלע און אָפּרוען די פֿיס, אפֿילע א האַלבע שאָ דורכאנאנד, און דערנאָך גיין צו מײַנע באַקאנטע ערטער, וואָס איך קאָן אפֿילע מיט פֿארמאכטע אויגן טרעפֿן דעם וועג. און אויב מײַנע לײַט וועלן נאָך זײַן אזוי גוט און וועלן מיך אין דער היים פֿרײַנטלעך באַגעגענען, וועט עס בא הײַנטיקן טאָג זײַן גענוג, איבערגענוג.

■

אז מע וויל, איז עס אפֿילע שיין. איך גיי און גיי פֿון גאנצפֿרי אָן און פֿון נעכטן אָן. וויפֿל האָב איך שוין איבערגעזען, וויפֿל האָב איך שוין איבערגעקלערט, און דאָ גייט עס קיינעם ניט אָן. דאַפֿקע א שטאָט מיט מענטשן, און מע קען דאַפֿקע איינער דעם צווייטן אויסגעבונדן, נאָר יעדערער איז אזוי פֿארנומען מיט זײַן ציג, מיט זײַן קעלבל, מיט זײַן שאָלעכץ, אז זיי הייבן אפֿילע ניט אָן צו וויסן, צי בין איך ביכלאַל לאַנג פֿון דער היים. איי איך גיי פֿון דער דאָלינע? מיסטאמע זײַנען עס מײַנע אייביקע גייענישן אהין צום בעסוילעם, אָדער צום בארג, וואָס איז בישכיינעס מיטן בעסוילעם.

נייך, א גוטע באַציִונג, וועמענס זי זאָל ניט זײַן, איז ניט אָפּצושאַצן.

אז מע וויל, איז עס נאָך אפֿילע בעסער. דאָן פֿארשפּאָר איך דאָך זיך אָפּשטעלן לעם יעדן איינעם און אָפּגעבן דין־וועכעזשבן, ווו איך בין געווען, וואָס איך האָב געטאָן און מיט וואָס איך בין געקומען.

און אָט איז שוין אונדזער געסל. אונדזער שטוב, די זעלבע, וואָס געווען. א ביסל פֿרעמדלעכער ווי אמאָל. אָבער סײַווי נעענטער ווי א סאך אנדערע, אויב מע זאָל ניט רעכענען די פּויערים־שטוב מיט די אויסגעקאַלכטע ווענט פֿון דרויסן אין וואָראָביאָווער קרעטשמע.

אָן־אָ דרייט זיך ארום דער טאטע טיף אין הויף, ערגעץ לעם די שאָפּעס, און איך ווייס ניט, צי זאָל איך זיך לאָזן גלײַך צו אים, צי פֿריִער פֿארגיין אין שטוב ארײַן.

צי דען איז דאָ נאָך אזוי פֿרי, אז מע מעלקט ערשט די בעהיימעס פֿאר דער באַטאָגיקער פּאשע? די מאמע האָט מיך באַגעגנט מיט א פֿולן מעלק־שעפֿל אופֿגעשוימטע מילך און איז צוגעלאָפֿן צו מיר:

— זײַן זאָלן מיר מײַנע זין!

און כאָטש די הענט זײַנען בא איר פֿארנומען, האָט זי דאָך געטראָפֿן און מיך א קוש געטאָן גלײַך אין שטערן ארײַן.

א גרויסער זון, א גרויסער. שוין א צו גרויסער, אז די מאמע זאָל אים קושן, נאָר דאָך ווערט דערפֿון גרינגער.

ראָכעלע איז געקומען צו לויפֿן און גענומען טאנצן ארום מיר א דערפֿרייטע. און אין א פּערטל שאָ ארום איז אפֿילע פֿריידקע געקומען פֿון אנשטאַלט (עמעצער האָט איר געזאָגט). זי האָט זיך אוועקגעזעצט אפֿן ברעג פֿון מײַן אײַזערן בעטל (ווו איך בין געלעגן און געפֿראַוועט פֿאר זיך דאַטשע). אינעם ווײַטסטן אַלקערל האָב איך געהאַט מײַן געלעגער אף אן אײַזערן בעטל, וואָס סקריפּעט און פֿאָרט ארום ווי אף רעסאָרן. אהינצו האָב איך זיך פֿארקליבן, קעדיי זיך אויסרוען אונטער דער אייגענער סטעליע. פֿאר הײַנט, פֿאר נעכטן, פֿאר פֿאראַכטאָגן. אהער האָב איך זיך אויך פֿארקליבן, קעדיי איך זאָל פֿארשפּאָרן א סאך פֿארברענגען מיטן טאטן. מיטן טאטן איז גוט צו פֿארברענגען, בעשאַס מע טיילט קוגל, וואָס וועט סטײַען פֿאר איטלעכן. אויך ווערט דער טאטע זייער גוט, קינדעריש און גוואַלדיק צוגעלאָזט, ווען סע שטייט פֿאָר א סאקאָנע און מע דארף זיך ערגעץ זוכן א באהעלטעניש. דערפֿאר אָבער, אז די צײַט גייט נודנע און אָן פּארנאָסע, איז בעסער זיך מיט אים האַלטן פֿונדערווײַטנס, וואָרעם אז ער טוט עפּעס אן אומצופֿרידענעם בורטשע, ענטפֿערסטו אים אָפּ מיט קאַס, גיט ער דיר א מיִעסע אָנצוהערעניש, און אז ער גיט מיר אָנצוהערן, אז איך בין דאָ בא אים אן אײַנגעבעטענער שאָכן, איז שוין ניט נאָר אף מיר א ראַכמאָנעס, נאָר ס׳ווערט אויך א ראַכמאָנעס אף ראָכעלען, און אף דער מאמען, און אף די קלענערע קינדער. ס׳איז אף זיי אַלע א צאר צו קוקן, בעשאַס מיר קריגן זיך אין שטוב און מע רעדט העכער ווי געוויינלעך.

די איינציקע, וואָס פֿילט זיך אין שטוב מער טאַקיף ווי איטלעכער, איז טאַקע פֿאָרט פֿריידקע. און איך ווייס, איך ווייס זייער גוט, פֿון וואָס דאָס נעמט זיך. זי ארבעט, זי איז מיט

עפּעס פּאַרנומען. א מענטש, אז ער איז מיט עפּעס פאַרנומען, קומט צו אים א פעסטקייַט און א געשטעלטקייַט, אז ער ווייסט גאָר אליין ניט פונוואַנען.

נו, וואָס האָט זיך דאָ אין דער היים געטראָפן פאַר דער צייַט? קימאַט ווי גאָרניט. די ווייַספּאָליאַקן האָבן ניט דערלעבט אריינצוגיין אין שטעטל אַרייַן. מע האָט זיי באַצייַטנס אָפּגעטריבן, און וויטשענקאָ, איציק שענקמאַן און אַלע איבעריקע האָבן זיך גלייַך אומגעקערט צוריק און מע האָט צוריק צעפּאַקעוועט די קאָנצעליאַריעס.

פאָליעס שוועסטער ריוול, יאַנקעוו-בערס ווייַב, איז געזעסן שיווע (אין סענדעריוּוקע איז געשטאָרבן דער פאָטער אירער, מעשולעם דער בראַקער). ס'האָט מיר דערלאַנגט א שטאָך אין האַרצן פונעם נייַס. אים, מעשולעמען דעם בראַקער מיט דער געלער דין-פאַרמעטענער הויט אָף זייַן פּאָנעם, קען איך ווינציק, נאָר איך זשאַלעווע אים א סאַך. נאָר דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצן. גראַדע ער איז געגאַנגען צום טויט, ווי צו א טיר, וואָס עפנט זיך אין ווייַטע ליכטיקע ערטער. דעריקער רייַסט מיר דאָס האַרץ אָף די מיידלעך זייַנע. ווער האָט זיי, אויסער כעוורע און קעהילע-לייַט, געהאָלפן באַווייַנען און אַרויסטראָגן זייער יִדישן טאַטן? ווו האָבן זיי אָף דער צייַט אהינגעטאָן זייערע אויגן? זיי האָבן דאָך זייער ניט ליב, אז מע האָט אָף זיי ראַכמאָנעס! און אויב אָן א שיר בליקן גייען דורך פאַר דיר מיט פאָשעטער גלייַכגילטיקער און קאַלטער נייַגעריקייַט, ווערט דאָך דאָס האַרץ נאָך מער צעפליקט אָף שטיקלעך. איך שטעל זיך פאָר די שאָ, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אינצווייען פון פעלד, זיך פאַרגאַנוועט אין די גרויסע ליידיקע הייַזער אַרייַן, צוגעשפּאַרט אינדערגיך די טירן, אז קיינער זאָל אהער ניט גיין, און זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַלעמען. פאָליע זיצט אין איין ווינקל, די הענט אַרום די אונטערגעהויבענע קני אַרומגענומען. און מילקע זיצט אינעם צווייטן ווינקל, דאָרטן צווישן שאַפע מיט דער וואַנט. זי שיסט פון מאָל צו מאָל אויס מיט א ברוסטיקן, א קינדערשן געוויין, נאָר זי רייַסט אים גלייַך איבער, שיר ניט מיט די ציין, און צווינגט אים, ער זאָל פלִיען אינוויייניק און ניט דערוועגן זיך אַרויסרייַסן אָפן דרויסן.

ניין, איך בין טאַקע מיט זיי קיינמאָל גאָרניט געווען, נאָר איצט דאַרף איך זייַן לעם זיי. איך האָב זיי אַרויסגעגעבן א וועקסל ניט קיין געשריבענעם, אז איך וועל קיינמאָל ניט בלייַבן גלייַכגילטיק צו זייערע צאָרעס. א שוטעף. א שוטעף, מעג זייַן אפילע ניט אָף קיין גלייַכע כאַלאָקים, אָבער א שוטעף.

פריידקע פרעגט מיך, צי האָב איך אין די דערפער ניט באַקומען זייער בריוול, וואָס מע האָט מיר פון דער היים איבערגעשיקט. דעריקער האָט, פאַרשטייט זיך, געשריבן פאָליע, און מילקע האָט נאָר צוגעשריבן א גרוס.

מיט דער-אָ יעדִיע האָט מיר פריידקע צוגעטראָפן, וואָס בעסער דאַרף מען ניט. דעם בריוו האָב איך טאַקע ניט באַקומען (מיסטאַמע וועט מיר אים אָשער איבערשיקן צוריק אהער). אָבער דאָס אַליין איז דאָך שוין א סימען, אז זיי ווייסן אויך פון דעם, אז זיי האָבן אין מיר דערקענט א כאַווער, „אַח לצרה“[1] איז דאָ א העברעיִשער אויסדרוק, — דאָס הייסט א ברודער אין א נויט.

— צו דיר איז אויך דאָ א גרוס? — פרעג איך פריידקען.

פריידקע שמייכלט.

— ווי דען? — זאָגט זי. — ס'איז ניטאָ? אז מע דאַרף דעם באַל-דאַרשן, דאַרף מען זייַנע קלומקעס.

איך זע און דערקען אין פריידקען, אז סע ווילט זיך איר זייער, איך זאָל פון זיך אָנהייבן האַלטן מער, ווי איך האַלט פון זיך. איך זאָל סאָפּקאָלסאָף אָנהייבן גלייבן, אז עמעצער שטייט אין מיר, אז עמעצער דאַרף מיך, אז איך בין נאָך ווייַט ניט קיין אָפּגעשלאָגענע הוישייַנע, ניט קיין אָפּגעריסן צווייַגל.

נו, מאַכטייסע, זאָל זייַן אַזוי. סע טוט מיר אויך האַנאָע.

— צו שיינדלען יִצכאָקס, — דערציילט מיר פריידקע, — האָט ווייַטער אָנגעהויבן אָנפאָרן דער אינסטרוקטאָר קאַלטונסקי פון קראַסנע. די עלטערן וואַרפן זיך און שמיצן זיך מיט אים. און זי, ס'איז א סוואָרע, אז זי וויל אויך אָף אים ניט קוקן. אָ, אָט-אָ גייט זי אָף די רייד.

ראָכעלע האָט שטיפעריש אָן עפּן געטאָן די טיר און ווייַזט עמעצן מיט איר קלוגן בליק, ווו מיר זייַנען.

שיינדל, אז זי האָט מיך דערזען, איז זי געבליבן שטיין, האָט דורכן שמאָלן אַלקער-טירל זיך א בייג געטאָן צו אונדז אין צימער אַרייַן און זיך צעלאַכט. איר לאַכן האָט דאָס מאָל באַטייַט עטלעכע זאַכן מיטאַמאָל:

---

[1] אָך לעצאָראָ.

ערשטנס:

צי קאָן מען אַריין?!

צווייטנס:

זעט אומיסטן, סאַראַ כאַזער איך בין! דאָס אייגענע האָב איך דאָך געקאָנט א ביסל צו־וואַרטן און קומען שפּעטער?

און ענדלעך אַן אייגענע רעזאָליוציע אויף די ערשטע ביידע ספּייקעס:

מיילע, פּאַרפּאַלן. צווישן אייגענע וועט דאָס בלײַבן. איאָ?..— און זי גייט אַרײַן און צעקושט זיך מיט מיר פאַר פריידקען און פאַר די קינדער אין די אויגן.

— זיץ, שיינדל.

און ראָכעלע שלאָפט שוין אַהער א הויך און שווער דעמבן בענקל. דעדאָ דער סטאָליער האָט זיי אַמאָל צו דער כאַסענע מיר געמאַכט, און איצט זײַנען זיי אין מײַן טאַטנס שטוב־סקאַרב. די מאַמע האָט מיר ליב אָנצוווײַזן אַלע רעגע, אַז דאָס איז מײַנס און דאָס איז נאָר מײַנס. איך האַלט דאָ גאָרנישט פאַר מײַנס. מײַנע איז נאָר ראָכעלע, און אונדזער ביידנס איז די שוואַרצע, יונגע און ביסטרע בעהיימע. די בעהיימע — דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאָס איז אונדז געבליבן פון בוזיען.

וועגן שיינדלען גלוסט זיך מיר זאָגן נאָכאַמאָל, אַז איך בין איר בעפּיירעש דאַנקבאַר פאַר א סאַך זאַכן. אָט קומט זי פון שטעטל אין שיניצע אַרײַן און ווײַזט אַרויס מיר און די אַרומיקע, אַז איך בין דער, וואָס אינטערעסירט זי. איי עמעצער וועט מיר קומען און זאָגן, אַז זי האָט זיך אין זינען און ניט מיך, אַרט דאָס מיך אוואַדע ניט. ס'איז נאָך בעסער. ווי דען? ראַכמאָנעס דאַרף איך? אָנשטעל דאַרף איך?

און אויף וויפל קאָנען סטײַען ראַכמאָנעס און אָנשטעל, אויב א מענטש זאָל מיך אפילע וועלן אופהאַלטן מיט דעם?

וויפל מאָל ס'איז מיר אויסגעקומען זיך צוקוקן צו די פּרוכטן פון אָנשטעל און ראַכמאָנעס, האָבן זיי די אייגנשאַפט פון שניי אין אַדליהע — זיי ווערן וואָס ווײַטער אַלץ קויטיקער און אײַנגעשרומפּענער.

שיינדל איז פריילעך און אופגעלעבט. זי זאָגט, אַז זי האָט געהאַט פון מיר גרוסן, אַז איך בין דאָרט אומגעגאַנגען מיט א גאַנצער טשערעדע מיידלעך, א כמאַרע א גאַנצע.

דאָס איז אַן עמעס. איך האָב זיך דאָרטן באַקאַנט מיט א סאַך מיידלעך און באָכערים און בעפּיירעש לײַטישע כעווורע. זיי זײַנען גאָר ניט אַזוי דאָרפיש, ווי מע קאָן עס אָפּמאַכן. נאָר איין מיידל, וואָס וואָלט אײַך אויך ביז גאָר געפעלן געוואָרן, איז נאָך אינגאַנצן א קליינינקע און זי וווינט אין וואָראָביאָווער קרעטשמע. איך ווייס ניט, צי איר וועט זיך אַמאָל מיט איר באַגעגענען, און צי איך וועל זי נאָכאַמאָל ווען־עס־איז זען — נאַסטיענקע הייסט זי.

קאַפּיטל זעקס

ווינטער אין די גרויסע פרעסט

פרײַטיק פאַרנאַכט איז די שטאָט געווען פול מיט נײַס.

פײַטל דער מאַנופאַקטוריסט, פײַטל די ציג, ווי מע רופט אים, איז געגאַנגען קיין באַראַוועצ צו די פויערן נאָך גאָזע, און מע האָט אים געכאַפּט. טאַקע די פויערן אַליין האָבן אים געכאַפּט, און מע האָט אים געטאָן געבערענטע ליידן. ער האָט געטאַנצט א באַרוועסער אויפן פראָסט, און איצט טאָר מען זיך צו זײַנע פיס ניט צורירן. ער איז קוים א לעבעדיקער געקומען אַהיים.

ברײַנע, דאָס ווײַב זײַנס, איז אויך נאַרוואָס געקומען מיט איצלען דעם באַלעגאָלע פון א צווייט אָרט. זי האָט זיך געדאַרפט דורכרײַסן פון די דעניקינצעס, און זי האָט צו גאָט קיין טײַנעס ניט. זי האָט אויפן וועג געבעטן נעדאָוועס. לײַטן האָבן איר געגעבן א שטיקל ברויט, א גלאָז זויערמילך אויף איבערכאַפּן דאָס האַרץ. אויף א וועג, וואָס מע מאַכט געוויינלעך דורך פאַר צוויי מעסלעס, האָט זי איצט אָפּגעגעבן צוויי כאַדאָשים און איז אַרײַנגעפאָרן פונעם זומער אין ווינטער אַרײַן. די פויערים, וואָס האָבן זי אונטערגעפירט, האָבן איר אַלעמאָל אויסגעגליַען זיירע א סוויטקע אָדער א פּעלצל, און אַזוי האָט זי זיך איבערגעפּעקלט פון איין אָרט צום צווייטן.

זי איז דאָס מאָל גראָד ניט געפאָרן צוליב ספּעקוליאַציע־זאַכן. איר האָט זיך געמאַכט א שטיקל כאַרפּע אויף דער עלטער — א שווער טראָגן, — איז זי געפאָרן אין א גרויסער שטאָט

צו א דאָקטער. אַז זי איז אוועקגעפאָרן אַהין, האָט זי נאָך געהאַט א גאָרטן ניט קיין צוגעקליבענעם, א פּאָר קניפּלעך ערגעץ אין א באַהעלטעניש פאַרשטעקט אין צוויי גרויסע הײַזער. אפן וועג האָבן אָבער יענע ערטער איבערגעקרענקט מיט די דעניקינצעס, און דאָס נײַגעבוירענע קינד האָט זי דאַפקע דערפירט א לעבעדיקס ביז בענדעריער סלאָבאָדע. אַלנפאַלס, אין בענדעריער סלאָבאָדע האָט נאָך דאָס קינד געלעבט, ווײַל זי האָט עס געהאַט איבערגעוויקלט און געגעבן זויגן. נאָר פון דאָרטן האָט זי אף אַן אײַנגעבעטענער פור, שוין אַרײַנפאָרנדיק אין שאַבעס אַרײַן, זיך דערלאַנגט קיין לאָכוויצע מיט א טויט פאַרהילצערט פּעקעלע אָנשטאָט א קינד.

דאָרטן האָט זי איבערגעשאַבעסט, די לאָכוויצער ייִדן האָבן איר געהאָלפן ברענגען צו קוורע דאָס אײפּעלע, און זי האָט אין פויערשע מאַלבושים, וואָס א פויערטע האָט אף איר ראַכמאָנעס געהאַט און אויסגעליִען (ביז איר מאַן דער פורמאַן וועט זיך דאַרפן קערעווען צוריק), זיך דערלאַנגט קיין בעכיע, און פון דאָרטן אַהיים איז שוין מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. דאָרטן האָט זי שוין אומעטום געטראָפן היימישע מענטשן, וואָס וויסן, ווער ברײַנע די ליסקאָוויטשער איז.

עמעס, צווישן זיי זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך טאַקע געשטעלט צום כאַזער אויך. נאָר אייניקע ווײַטע און דאַפקע קליינע מענטשעלעך זײַנען איר געגאַנגען אַנטקעגן. לעמאָשל, שמועל דער בעכיער שוסטער האָט זי פּאָשעט דערהאַלטן באַם לעבן, האָט איר געליִען א פונט זאַלץ און האָט איר אַליין נאָרײַעט א פורמאַן, וואָס האָט זי איבערגעפירט קיין סוויעטשאַן. און דאָס ווײַב שמועלס האָט איר, כוץ עסן און טרינקען, נאָך געגעבן שטילערהייט א ריין העמד און א פּאָר סגולעס צו ווײַבערשע זאַכן. זי איז דאָך דערווײַל מער ניט ווי א קימפּעטאָרן (א געווינערן): די מילך שפּאַרט אין די בריסטן, און ס׳האָט איר שוין אויסגעפּעלט א העמד אפן לײַב.

האַקיצער, אָרעמע מענטשן, — איז זי ענדלעך געקומען צום אויספיר, — זײַנען אַמאָל לײַטישער פון רײַכע. יאָ, יאָ, ברײַנע, איר האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. נאָר ביז מע דערוויסט זיך עפּעס נײַס, דאַרף מען צאָלן רעבע־געלט.

פון קראַסנע האָט זי שוין איצל פאַרפירט אַהיים אין זײַן בורקע און אין באַסיע דער שויכעטקעס וואַליענקעס, וואָס ער האָט געפירט אף צוריק פון דער באַן. און זי איז איצט געקומען צו ליכט־בענטשן, און זי איז שוין טאַקע פאַרפאָרן גלײַך צו איצלען. מע האָט איר געזאָגט, אַז איר פּײַטל איז דאָרטן, בא איצלען אין דער נײַער שטוב, מע מינטערט אים און מע ראַטעוועט אים די אָפּגעפרוירענע פיס. אָט אף דעם קיבעד איז זי אָנגעקומען און האָט צום אַלעם ערשטן אָפּגעבענטשט ליכט, גנעסיע האָט איר געגעבן ערדענע לײַכטערלעך און כײלעוונע קליינע ליכט, געשניטן אפּצווייען. און ערשט דערנאָך האָט זי גלײַך געשיקט רופן סטעפּאַנידען, סידערקעס שנור. יענע האָט איר געמאַכט א מולטער וואַרעמע וואַסער, האָט זי זיך אַליין א שווענק געטאָן, און דערנאָך האָט זי געלייגט וואַרעמע שמאַטקעס פּײַטלען צו די פיס.

צי זײַנען עס שלעכטע נײַס? צי איז א ראַכמאָנעס אף מענטשן? ס׳איז בעפּייִרעש א ראַכמאָנעס אף מענטשן. אָבער די שטאָט קאָן זיי פונדעסטוועגן ניט מויכל זײַן די צוויי מויערן, וואָס זיי האָבן געהאַט, דאָס גוטס, וואָס מע וואָלט געקאָנט באַטיילן מיט דעם א האַלב שטעטל. און ס׳האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אפילע געזאָגט, אַז א מענטש, וואָס טיילט אַלע יאָרן גרויסע נעדאָוועס, וואָס האָט אַן אָפענע האַנט, זאָל אַמאָל אַליין דאַרפן אָנקומען נאָך א נעדאָווע. דעם טאַם פון געבן וויסן זיי שוין. דאַרף מען פאַרזוכן דעם טאַם פון נעמען אויך.

און כאָטש די דאָזיקע ברײַנע האָט מיך ניט ווינציק געשאָלטן בא אירע פרײַנט אין ליסקעוויטש, מוז איך דאָך זאָגן, אַז איך קען זי. איך האָב מיט איר א סאַך מאָל גערעדט, און זי איז איינע פון די ענערגישסטע פרויען אין דער געגנט. זי קאָן נייען, זי קאָן שטריקן, זי קאָן האַנדלען, זי קאָן וואַשן א פּאָל, זי קאָן קאָכן, און זי שפּאַרט אַליין אָן קיין פּייטערבורג, ווען ס׳קומט אויס. כאָטש זי קען נאָך קיין טאַבליצע ניט איבערלייענען. זייער אָפּט פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס גיט אָפּ א מענטש זײַנע קויכעס, זײַן גוואַלדיקע ענערגיע אף ספּעקוליאַציע, אף קאָנטראַבאַנדע: אף זאַלץ און אף טיכלעך, אף גאַזע און אף פּוטער, אף טאַקערס און אף דאָלער.

ברײַנע, ווענד איך זיך אָפּט צו איר אין געדאַנק, ווען איר טרעט מיר אָפּ האַלב פון אײַער ענערגיע, וואָלט איך שוין איצט געהאַלטן אָהאָ. אָט־אָ וואָלט מען דאַרפן אוועקשטעלן די בילדונג בא אונדז אין קרײַז ווי סע באַדאַרף צו זײַן. אויב סע רעדט זיך וועגן בילדונג, האָט עס גראַדע א שײַכעס צו מיר. ניט דערפאַר, וואָס איך בין אַליין אַזוי געבילדעט. ניין, כאָלילע! נאָר בעשאַס איך האָב געאַרבעט אין פּראָפּאַרייך, האָב איך פאַרוואַלטעט מיט דער קולטור־ און בילדונג־אַרבעט, און אַז איך בין געפאָרן אַלס דעלעגאַט אף א לערער־קאָנפערענץ, האָב איך אין יעדן דאָרף זיך צוגעקוקט צו די שולן. געוואָלט, אַז סע זאָל דאָרטן זײַן ליכטיק, געמיטלעך. דער דאַך זאָל ניט רינען. די לערער זאָלן זײַן אף זייער אָרט, און ס׳זאָלן זײַן געווען „פּידרוטשניקעס“, דאָס הייסט לערנביכער.

אַדאַנק דעם, וואָס איך האָב געקלערט און געשמאַק געקלערט וועגן די „פּידרוטשניקעס“, בין איך פון פּריביטקע, ווו די פור האָט מיך אַראָפּגעלאָזט, פאַרגאַנגען צופוס קיין סטאַרבעני אין אַ בלאָטיקער, פינצטערער, סאָף־ווינטערדיקער נאַכט און פאַרגעסן, אַז מע דאַרף מוירע האָבן פאַר באַנדיטן. ערשט אין סטאַרבעני, אַז מע האָט מיך דערזען און אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז זיי זײַנען טאַקע גערעכט. ווער גייט עס איצטער איינער אַליין אינ־מיטן נאַכט פון איין דאָרף צום צווייטן, ווען מע יאָגט דיך ניט אין האַלדז?

און ביכער פאַר די קינדער דאַרף מען טאַקע שטאַרק האָבן. איך דערמאָן זיך, וויאַזוי איך, אַ ייִנגל פון צען יאָר, בין געגאַנגען צו פרעמדע יונגעלײַט בעטן אַ זשורנאַל, אַ קינדערשן זשורנאַל, און אויב איך האָב געפּויעלט, אויב מע האָט מיר אים געגעבן, בין איך געגאַנגען צוריק אַזוי אופגעלייגט, אַז קיין שום דימענט, קיין בריליאַנט וואָלט מיר אַזוי ניט געלויכטן, ווי דער געלייִענער זשורנאַל. מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָב איך אים געטראָגן אַהיים! וויאַזוי האָט מײַן גאַנץ וועזן געשמייכלט צו דעם ווינקל, ווו איך וועל זיך באַלד אוועקזעצן און עפענען פאַרגאַפט איין בלעטל נאָכן צווייטן פון דעם זשורנאַל, וואָס איז געשריבן און געדרוקט געוואָרן שיר ניט דירעקט פאַר מיר! נאָר מײַן האַרץ זאָגט מיר, אַז עס גייט צו דעם, אונדזערע קינדער וועלן האָבן גוטע ביכער אין שיינע געפּוצטע אײַנבונדן, און אויסער „פּידרוטשניקעס“, וועלן בײַ זיי זײַן ביכער צום לייענען און צום פאַרווײַלן זיך. ביכער וועגן העלדן, וואָס האָבן געשטעלט זייער לעבן פאַרן פאָלק. ס׳וועלן זײַן באַשרײַבונגען וועגן שטעט און לענדער, וועגן שוואָטים און פעלקער, וועגן געלערנטע און גיבוירים, ווי אויך וועגן כײַעס און פויגלען, וועגן יאַמים און טײַכן. ס׳קאָן געבן, אַז מיר אַליין זאָלן האָבן אַ כיילעק אינעם צונויפשטעלן די דאָזיקע ביכער. ס׳קאָן אַמאָל געבן אַזעלכס אויך.

■

אויפן פראָסטן קעסטלדיקן פּאַפּיר פון אַריפמעטישע העפטן שרײַבט מיר פאָליע אירע בריוו. איך לייען זיי און דאַרף מוידע זײַן, אַז לייענען גלוסט זיך זיי צו עטלעכע מאָל. אַ שאָד נאָר, וואָס מיט דער „ייִדישער פּאָטשט“ קומען זיי אָן אי ניט צו דער צײַט, אי צעקנייטשט פון לאַנגן ליגן אין פרעמדע קעשענעס. אַמאָל באַקומען זיי זיך אַפילע אופגעעפנט און, קענטיק, פריִער גוט איבערגעלייענט, נאָר דאָס אַרט מיך בלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפל סע זאָגט איידעס וועגן מענטשלעכער קליינלעכקײַט און געמיינקײַט, ווײַל קיין איבעריקע סוידעס וועלן זיי דאָרט ניט אויסלייענען און שפּײַז פאַר רעכילעס און באַריידערײַ וועלן זיי דאָרט אויך ווינציק געפינען.

איך ווייס, וויאַזוי די מיידלעך ביידע לעבט זיך שווער, כאָטש וועגן דעם שווײַגן די בריוו און ווילן זיך ניט אַרויסריידן אַפילע מיט קיין איין וואָרט. איך ווייס, וויאַזוי פאָליע טוט אַמאָל אָן דאָס אַלטע סאַמעטענע זשאַקעטל, באַקוקט די שיך אירע, צי וועלן זיי אויסהאַלטן אַ ווײַטן גאַנג, און זי גייט אַוועק, פונעם ערשטן בליק אַ מונטערע, מיט אַ ווערטל, מיט אַ שפּאַס.

וווּהין?

אין דאָרף אַרײַן, קיין זשאַשקאָוו אָדער קיין קראַסילאָווקע, אויסבײַטן אַ פּאָר אָפּגענוצטע שטוב־זאַכן פאַר עפּעס צום עסן.

ס׳איז איר אַזוי פריקרע אַרײַנצוקומען צו יענעם אין שטוב אַרײַן און צעלייגן פאַר זיי די „סכוירע“, דאָס אַלטע שאַלעכל אין קווייטן אָדער די פּאָר שפּיצן, וואָס מע האָט זיי אָפּגעטרענט פון אַן אַלטער יערושע־קאָפּטע, אַז זי האָט איינמאָל אינמיטן „מיסכער“ מער ניט געקאָנט אויס־האַלטן און פּאָשעט גענומען ברעכן מיט דער גרינער גאַל. איך ווייס, ס׳איז געשען מיט איר איינמאָל אַזעלכס. נאָר וועגן דעם אַלעמען האָבן די בריוו אירע קיין זאַך ניט דערציילט. די בריוו זײַנען זיך געווען ווי בריוו. פאָליע איז, צום בײַשפּיל, מעקאַנע אונדז, מענער, פאַר דערפאַר און פאַר דערפאַר... מילקע וואָלט וועלן אַוועקפאָרן לערנען; נאָר זי זשאַלעוועט איבערלאָזן פאָליען אַליין אין דער היים...

— נאַרעלע, — מאַכט זי צו איר, — פאָר! עמעצער דאַרף דאָך אָנהייבן דער ערשטער!.. איך וועל שוין דאָ אויך לאַנג ניט זיצן. ערגעץ וועט מען זיך מוזן רירן...

פון מאָל צו מאָל פאָרט זי אַרײַן מיט אַ שפּאַס, אַז ווערדליק זי קען מיך פאַר אַ „ייִדן“, איז זי זיכער, אַז מײַנע נעסיִעס האָבן מיך באַרײַכערט מיט אַ פּאָר טשיקאַווע פּאַסירונגען.

אַזעלכע אָנדײַטונגען אין די בריוו רופן בײַ מיר אַרויס אי שמייכל, אי פאַרדראָס. גוט, וואָס זי געדענקט, אַ וועלכער איך בין, און וואָס זי האַלט עס אויפן זינען.

איך האָב פריידקען געגעבן אָנצוהערן, אַז איך קלײַב זיך קיין סענדעריווקע און וועל דאָרט קומען מיט פאָליען צו אַ באַשלוס: אָדער זי פאָרט אַריבער צו אונדז, אָדער איך בלײַב בײַ זיי.

פארוואָס האָט זיך פריידקע ווינציק געפרייט מיט מײַן אופטו, איז מיר געווען ניט אינגאנצן קלאָר. עמעצער פון מײַנע נאָענטע האָט אפילע אָפן, אָן איבעריקע אָנצוהערענישן, ארויסגעזאָגט מיט אומצופרידנקײַט: „צוויי מייסים גייען טאנצן“...

עפשער האָט פריידקע אויך עפּעס ענלעכס געזאָגט אין א צוגעדעקטער פאָרם, נאָר ס׳ווערט זשוטקע און גרוילק, אז מע טראכט זיך ארײַן אין אזא מין זאך: „צוויי מייסים גייען טאנצן“... פאר זיך ארט מיך ווינציקער. דעריקער ארט מיך פאר פאָליען. צי דען איז פאר איר אָנגעמאָסטן אזא בילד? זי איז דאָך א היפּשע, א שטאָלטנע און קלוג, ווי צען רוכעס. עמעס, דער אומעט קוקט בא איר ארויס פון די אויגן, פון פאָנעם, פון די טריט, וואָס זי שטעלט, פון די שטענדיק אראָפּגעלאָזטע הענט. דאָס איז ריכטיק. דער אומעט קוקט ארויס אפילע פונעם געלעכטער. נאָר איך וויל אין דעם ניט גלייבן. זי איז דאָך א מיידל, זי איז דאָך א פרוי. אלע סיבעס, וואָס דרינגען ארויס פונעם נאָרוואָס דערמאָנטן, קאָנען איר ניט זײַן פרעמד. אײַ, דער אומעט? עפשער איז דאָס א צײַטווײַליקע אָנשיכטונג, א פויעל־יויצע פון געוויסע באדינגונגען. די באדינגונגען וועלן זיך ענדערן, וועט זיך בײַטן דער געמיט. פאר מיר, צום בײַשפּיל, איז וויכטיק דאָס, וואָס זי קען מיך, זי ווייסט מיך. פאר איר זײַנען אנטפּלעקט אלע מײַנע שוואכקײַטן.

אייניקע כאלאסן מײַנע קאָן זי זייער שיין און אף איר אויפן אויסלאכן, אנדערע קאָן זי מיר פארצײַען, און צו אנדערע שוואכקײַטן מײַנע האָב איך אפילע איר טיפן מיטגעפיל, איר פולע האסקאָמע.

אָט האָב איך איינע א שוואכקײַט, אזא מין הויקערל, וואָס איז אָנגעוואקסן אף מײַן נעשאָמע, און דאָס הויקערל הייסט דאפקע מיט א שיינעם, מיט א ליבן נאָמען: „בוזיע!“, איז וואָס זשע מיינט איר, וועט זי, פאָליע, מיר אייצענען? פאָרן צו א דאָקטער? צו א פראָפעסאָר? זיך לאָזן מאכן אן אָפּעראציע? ניין, א גרויסער טאָעס! ס׳הייבט זיך גאָר ניט אָן. פאָליע האלט, איך האָב שוין מיט איר גערעדט, איך ווייס שוין איר קוק אף אזעלכע זאכן. זי האלט, אז אזא הויקערל דארף מען טײַער האלטן, מע דארף עס צירן אין זײַדנס און אין די איידלסטע שטאָפן!

זעט איר שוין, אזעלכעס וועט עמעצער אנדערש ניט קאָנען. אזעלכעס קאָן דערווײַל איין מענטש, און דאָס איז דאָס סענדעריוקער מיידל, מיט וועלכן איך בין אנומלט אָפּגעזעסן א נאכט אין זייער אויסגעקילטן גלעזערנעם גאנעק. א נאכט א נאכטיקע. געשפּײַזט מיט נאָענטקײַט איינס דעם צווייטן.

וואָס סע נויגייע צו מיר, איז בא מיר דער באשלוס א פארטיקער. קיינע וואקלונגען, קיינע נאָכקלערונגען. איך האָב שוין אפילע גרייט אויסגעארבעטע פלענער: וועט אונדז זײַן גוט, וועלן מיר דאָס איניינעם פארדײַען, וועט אונדז זײַן ביטער און פינצטער, איז מיט וועמען נאָך וועט מיר זײַן אזוי גוט גיין אין דער פאָר, ווי מיט איר?

קורץ. בא מיר איז אלץ געפּויעלט. און דאָס איבעריקע זאָל זי אליין זאָגן. זי איז קליגער פון מיר.

■

פאָליע, פאָליע! צי זאָגט דיר עפּעס דאָרט דײַן הארץ: אינמיטן ווינטער גרויסע ווארעמע כאדאָרים. (נאָך ניט אינגאנצן אָנגעטאָן.) דײַנע באָרוועסע פיס באטרעטן ווייכע, ווארעמע טעפּיכער. פון באגילדעטע ראמען אף די ווענט קוקן אראָפּ באקאנטע באטאמטע ווערק פון גרויסע קינסטלער. געשטיקטע גארדינען הענגען איבער די פענצטער. אין שטוב הילכט אומעטום און סע זינגט מיט פרימאָרגן. נאָר בא דיר אין צימער איז נאָך שטיל. דו האָסט נאָך צײַט. דו קאָנסט נאָך טרוימען, זיך אָנשפּארן מיט דײַנע ווייכע נאקעטע הענט אפן אָנלען פון פענצטער און קוקן אפן פאלנדיקן שניי, ווי אף א זײַטיקער זאך, וואָס האָט צו דיר קיין שײַכעס ניט. פאלט דיר דען אײַן אין דער רעגע, אז איך, דײַן באשערטער, האָב זיך אונטערן זעלבן שניי געלאָזן אין וועגן ארײַן, אז איך טראָג דײַן גורל, א באשטימטן בא זיך, אין מײַנע צעפליקטע אויסגעבלאָזענע קעשענעס?

פאָליע, טײַערע! האָב קיין פאריבל ניט. ניט קיין געשפּעט בין איך אויסן געווען מיט מײַן לעפּישן שפאס. איך האָב פּאָשעט געוואָלט, ווי דו אמאָל, א כויזעק טאָן איבער זיך זעלבסט, נאָר מיר גיט זיך עס ווינציקער אײַן. לאָמיר שוין בעסער ריידן פּראָסט, אזוי ווי סע איז.

טײַערע פאָליע! בא אײַך אין סענדעריוקע איז איצט אויך ווינטער גאנצפרי. אין די גרויסע, אין די אויסגעבלאָזענע הײַזער אין אײַערע, מיט די הוילע און קויטיקע ווענט איז איצט שטארק קאלט. איר קלײַבט זיך שוין דאפקע אופשטיין (דו און דײַן יונג שוועסטערל), נאָר איר ווילט אויסשפּילן צײַט און איבערליגן נאָך א ביסל אף די ווי־עס־איז אײַנגעווארעמטע געלעגערס, קעדיי דער קליינער ווינטער־טאָג זאָל דורך דעם ווערן נאָך קלענער, ווײַל מע דארף דאָך הייצן

דעם אויוון, ווײַל מע דאַרף עפּעס צושטעלן קאָכן און דער דאָלעס פּײַפּט איבער דער גאַנצער הױלקײַט פון אײַערע גרויסע הײַזער. איך ווייס עס, איך ווייס עס. איך ווייס עס אַף אויסנווייניק. און מער פון אַלץ קימערט מיך דאָס, וואָס איר האָט געזונטע הענט און אַ גאָלדענעם פאַרשטאַנד. פאַרוואָס זײַט איר געקומען צו אַזאַ נעבעכדיקײַט פון גאָרנישט ניט קענען און גאָרנישט ניט טאָן. מע קאָן דאָך זיך אוועקזעצן אין אַן אָרטעל און שלייפן לעכלעך צו פויערשע פעלצן. מע קאָן דאָך זיצן באַ די קירזשנערס און שטעפּן דאַשעקעס צו היטלען. און אויב סע וועט עפּשער ניט קלעקן צום עסן, וועט דאָך דער טאָג אוועקגיין אין נוצן און ניט אין קיין פוילער קעלט און אין קיין אײַנגעגעסענער לײדיקגייערשאַפט?!

ליגט איר, מײַנע ליבע, אַף די צעטויטשעטע געלעגערס און איר ווייסט ניט, ס׳איז אײַך אַפילע ניט אַרוף אַפן געדאַנק, אַז אַ „ריטער" מיט צעלאָזענע פּאָלעס שלאָגט זיך מיטן ווינט, מיטן שניי אין הוילן פעלד. אין אַנדערע ערטער קומט אים אויס אויסטרעטן אַ פרישן שטעג. און ער גייט, ניט געקוקט אַף קיין שטערונגען, צו אײַך... צו אײַך, צו אײַך. ער גייט מיט דעם מיין, אַז מיט אים צוזאַמען וועט אײַער שטוב ווערן ליכטיקער אַפילע באַ די קליינע קאַנעצלעך אין די גרויסע ווינטער־נעכט, אַז צוזאַמען וועט ווערן אײַער געמיט לינדערער. כלעבן, ווען איר ווייסט עס, וואָלט אײַך שוין פון דעם אַליין געוואָרן פרײלעכער. אײַערע אויגן וואָלטן אַ בלישטשע געטאָן מיט מערער מוט, און איר וואָלט... איר וואָלט זיך אופגעזאָדן אַ גלעזל אָקרעפּ און עס אויסגעטרונקען מיט אַ פיצעלע זאַלץ אָנשטאָט צוקער און סאַכאַרין. און דערנאָך, דער־נאָך וואָלט איר אויסגעקערט די שטוב. אַרומגעווישט די שיך, אויב זיי קאָנען ניט גלאַנצן, זאָלן זיי כאָטש זײַן טונקל, ווי פאַר שוואַרצע שיך איז מערער אָנגעמאָסטן.

מײַן טײַערע פאַליע און מײַן טײַער ווילד מיידעלע מילקע, וואָס אויב דו ווילסט, ביסטו מיר שוין באַלד אַ שוועגערן. פרייט זיך, איך גיי צו אײַך. איך בין אויך פעסט באַ זיך און מוטיק. דער ווינט צעבלאָזט מיר די פּאָלעס פון מײַן מאַנטל. דער פראָסט רוקט מיר ערגעץ דינע שפּיז־לעך אין לײַב, נאָר איך לאַך פון זיי. איך בין אַ מענטש, און דער מענטש איז שטאַרקער, ער קאָן אַף זיך איבערטראָגן אויך שווערערע זאַכן, אַז עס קומט אויס.

פאַליע, אַ שאָד, וואָס איר זעט מיך ניט, ווי איך שפּאַן אַזוי פעסט און פאַרכטלאָז איבער דער ווינטערדיקער ווײַס־באַדעקטער וועלט.

■

— הערט, מיר זאָלן געוועזן וויסן, אַז איר זײַט אַזאַ גוויר, איר גייט מיט אייגענע הירזש, וואָלט דאָך פאַליע ניט געוועזן גיין אין אַזאַ קעלט אין דאָרף אַרײַן?!

גאָר אַזוי:

איז מילקע, הייסט עס, איינע אַליין אין דער היים, און פאַליע איז אוועקגעגאַנגען „אײַנ־ברענגען".

— איך קלער: עפּשער אַרויסגיין איר אַנטקעגן? אין וועלכן דאָרף איז זי אוועק?

— זעט, — מאַכט מילקע ווײַטער, — איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז איר זײַט אַזוי גרינג אַף דער פור?

ווי איך זאָל ניט זײַן ניט קיין באַרימער, ווילט זיך דאָך פאָרט פאַר איר אַ פלײַס טאָן:

— ניין, איך מיין עס אָן וועדטלעך!.. וויפל איז עס דאָרטן אַזויפיל דער גאַנג אין דאָרף אַרײַן? דרײַ ווערסט, פינף ווערסט?

נאָר אין דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך געדונגען, האָט זיך געעפנט די טיר, און פאַליע איז אַליין אַרײַן.

זי איז געווען זייער פאַרפרוירן, דאָס פּאָנעם רויט, אַזש בלוי, די שיך פאַרהילצערט פון פראָסט. זי האָט אומצופרידן אַ שמיץ געטאָן דאָס געבראַכטע און געוואָלט עפּעס אַ זאָג טאָן אויך, נאָר ווי זי האָט מיך דערזען, איז זי געוואָרן... ניין, ניין, ס׳איז טאַקע אָן עמעס. איך מיין עס אָן באַרימערײַ, זי איז בעפּיירעש געוואָרן פרײלעכער. אַלנפאַלס, זי איז געוואָרן אַנדערש. איך האָב דאָך שוין לאַנג געזאָגט, אַז מיר האָבן צווישן זיך אָן אָפּמאַך ניט קיין געשריבענעם און ניט קיין אָפּגערעדטן, אַז איך בין אַ שוטעף אַ גוטער און אָן ערלעכער, וואָס איז גרייט זיך טיילן מיטן שלעכטן פונקט ווי מיטן גוטן און אַז מע דערזעט אָט דעם שוטעף, און דערצו נאָך אַזוי אומגעריכט, מוז ווערן בעסער אַפן האַרצן.

איך האָב גענומען איר קאַלטע האַנט, און כאָטש איך בין געגוג שעמעוודיק און די מענטשן זײַנען פאַר מיר אי נײַ, אי ניט געוווינט, האָב איך דאָך זיך געמאַכט אַ האַרץ און געדעדט מיט אַ טאָן שוין פון אַ בעריע און אַן אַלטן, אַלטן באַקאַנטן.

— זאָל פאַליע אָפרוען, און איך מיט מילקען וועלן גיין הייצן דעם אויוון און עפּעס צו־שטעלן קאָכן.

— נו, נו, — האָט אַף מיר מילקע זיך שיר ניט צעשריִען, — אָט באַלד צעיאָג איך זיך גיין און זיך שטעלן קאָכן.

לאָזט זיך אויס, אַז מילקע איז אַ גאַנץ קנאַפּע באַלעבאָסטע. זי אַליין ווייסט עס זייער גוט, און סע אַרט זי ניט, אַז איך וועל עס אויך וויסן. זאָל איך נאָך שטיין און קוקן, וויִאַזוי זי קאַר־דאַשעט די בולבע? אָ ניין, ניט דערלעבן וועלן עס אירע סאָנים!..

— נאַרעלע, — מאַכט פאַליע, — דו מיינסט, אַז באַלד נעמט ער און טראָגט עס אָפּ צו עליע־לייבן? ער איז דאָך ניט פון די.

— צו עליע־לייבן? אוי, ווי איז מיר! ס'אַרט מיך זייער שטאַרק! פונמײַנטוועגן לויפט אפילע שוין די רעגע און זאָגט זיי, אַז בא מיר איז פאַראיאָרן אויסגעלאָפן אַ גאַנץ קריגעלע מילך אין אויוון! ס'זאָל מיך אפילע אָנהייבן אַרן!

דעם סאַך מילך, וואָס זיי האָבן... טאָמער האָט מען געקריגן קוים אַף אַ רעפּוע אַ גלאָז מילך פונעם שלאָפן־וועגן, איז עס אויך אויסגעלאָפן ביז אַ קאַפּ. נאָר מיילע, זי וויל, ס'זאָל אָפּגיין ווי אַ כאָכמע, ווי אַ שפּאַס, זאָל עס זײַן אַ שפּאַס. נאָר פאַר איין זאַך בין איך באַרויגעז, און שטאַרק באַרויגעז: וואָס האָט מילקע צו ריידן וועגן עליע־לייבן מיט אַזאַ נוסעך? זי וויל צו זיי ניט גיין פאַר קיין שנור? זי וויל ביכלאַל אַזוי פרי ניט כאַסענע האָבן? דאָס איז איר זאַך, נאָר גרינגשעצן עליע־לייבס ערלעכקײַט, עליע־לייבס גוטסקײַט, וועגן דעם וועלן מיר נאָך אַ סאַך מאָל ריידן, און גאַנץ אָפן. איך האָב ליב הענט, וואָס קאָנען אַרבעטן.

צוויי כאַדאָרים זײַנען פאַרקלאַפּט אַפן גאַנצן ווינטער. איצטער זיצן מיר אַלע אין אַ קליין אַלקערל, בא אַ קליין טישל. פון איין זײַט אַ בעט, פון דער צווייטער — אַ בעט. פאַראַן אַ בענקל אויך. און מיר עסן אַ הירזשענעם קוליש מיט קאַרטאָפל. זאָגט אַף אים, אַז ער איז געשמאַק, זאָגט, אַז ער איז ניט געשמאַק, נאָר געקעכץ איז עס. פריש איז ער, עסן גלוסט זיך, נו, איז געגעסן זאָל ווערן!

מיר האָבן אפילע שיר ניט געפּויעלט בא זיך, מע זאָל אַלע עסן פון איין שיסל. נאָר דער־נאָך איז פונדעסטוועגן געבליבן, אַז ניין. אויב יאָמטעוו — איז יאָמטעוו. טאַקע פון דער אַלגע־מיינער שיסל, נאָר יעדערער זאָל אָנגיסן צו זיך אין טעלער אַרײַן.

וואָס־וואָס, אַזעלכס קאָן מען דאָך זיך געוויס פאַרגינען.

דאָס מיטיק־עסן, כאָטש סע פאַרנעמט זייער אַ גרויס אָרט אינעם מענטשנס לעבן, האָט דאָך אין זיך די מײַלע, וואָס ס'פאַרבײַלויפיק. ס'האָט זיך זײַן שאָ אין טאָג. איבערגעקומען די שאָ, און מע האַלט שוין נאָך מיטיק! אַ בעסערער, אַן ערגערער — ס'שוין אַוועק! אַגעוו, איז ער געווען גאָר ניט אַזוי שלעכט אויך. וואָסער איז אין אים געווען? הירזש אויך? קאַרטאָפל אויך? אַ מאַטעלע זאַלץ אויך? האָט נאָר געפעלט אַ לעק שמאַלץ, אַ ברעקעלע פלייש, אַ פּאָר בלינצעס אָדער כאָטש אַ ביסעלע קאַשע מיט האָניק אַפן צווייטן געריכט, נאָר דאַן, דאַן וואָלט עס שוין געווען פאַר מעלאָכים צו שטעלן! צו גוט! אפולע גוט טאָר מען ניט.

געגעסן האָבן מיר שוין אין דער טונקל, און איצט, איצט וואָלט מילקע וועלן, אַז פּאַליע זאָל איר געבן אירע שיך (אַמער איך האָב גאָר ניט באַמערקט, אַז ביז איצטער איז זי געגאַנגען אין שקראַבעס), וועט זי צולויפן אַפן אוראָק.

איך האָב געמיינט אינעמעסן עפּעס אַן אוראָק, לאָזט זיך אויס, אַז בא עלקאָנע דעם סטאָ־ליער אַרבעט אַ האַלב־שטום יִנגעלע אויך בא סטאָליערײַ, איז איר געפעלן געוואָרן לערנען דאָס יִנגל שרײַבן. און אַלע אָוונט, ווי סע גיט זיך איר נאָר אײַן אַראָפּרײַסן בא פּאַליען די שיך, לויפט זי אַוועק אַהין און טוט אָפּ איר אַרבעט ערלעך. דאָרטן, בא עלקאָנען, זײַנען דאָ טעכטער אויך. צוויי פון זיי זײַנען אפילע כאַווערטעס. איינע — פאַליעס און איינע — מיל־קעס. נאָך מער, די עלטערע פון יענע צוויי איז געווען אפילע כאַווער מיט פייגלען דעם ראָווס און אַ סאַך מאָל קאָן מען פון איר הערן: „פייגל? כ'וויס, פייגל וואָלט אויך אַזוי געטאָן". אָדער: „איך וואָלט אַ באַלן זײַן וויסן, וואָס וואָלט פייגל געזאָגט אַף אַזאַ זאַך".

מילקע איז אַרויס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פאַליע ווייסט שוין, פון וואָס איך וויל מיט איר ריידן.

אָבער דאָ איז אַרײַן רייזל, טאַקע דעם זעלבן עלקאָנעס עלטערע טאָכטער.

— טוט נאָר אַ קוק! האָט איר שוין געסט אויך!.. און מיר ווייסן אפילע ניט. ווען מיר ווייסן, וואָלטן מיר עפּשער אָפּגעבאַקט אַ לעקעך „מיט די געסט".

— רייזעלע, — מאַכט פאַליע, — וואָס ביסטו אַזוי הויך אַוועק?

— וואָס איז דען?

— א ציגעלע צוקער! — האָט איר פּאָליע געענטפערט מיט א באַטאָנענדיקן שמייכל. — ווען דו ברענגסט א ציגעלע צוקער, וואָלטן מיר דאָ געעפנט אזא מין באַל, אז די וועלט וואָלט זיך צעלייגט.

— דערציילט זשע מיר נאָר, באָכערל, אָדער יונגערמאַנטשיק (איך ווייס זייער, וויאַזוי מע רופט אײַך דאָרטן), וויאַזוי פאלט מען עס אראָפּ אהער אינמיטן אזא מין זאווערוכע?

— ווער וואָלט זיך ריכטן, אז בא אײַך שטייען אײַן די זאווערוכעס? בא אונדז איז א דאנק גאָט שטיל...

— זעסטו, דארף מען אים דאָך אויך די צונג ניט פּיקן!

און איך בין צופרידן, וואָס איך האָב אומגעריכט און אזוי גרינג אויסגעהאלטן דעם עקזאַמען, כאָטש פּאָליע קלײַבט זיך ניט בא קיינעם פרעגן וועגן מיר קיין מיינונג.

— ווייסט איר זשע וואָס? — האָט זיך רייזל מיטאמאָל אופגעהויבן פון אָרט. — טאָ שטעלט זשע, זײַט מויכל, טיי אָדער אָקרעפּ, און איך טו א שפּרונג אהיים. ערשטנס, וועל איך אָנטאָן מײַן שאבעסדיקן מאלבעש און זיך טאקע א ביסל פארקעמען אנטקעגן שפּיגל אויך. הערסט א מײַסע — אלעמאָל טרעפט זיך אזא געלעגנהײַט? און אויב איך וועל קענען צושלעפּן בא אונדזער גיטלען א שטיקל צוקער, אפילע א גרויסן שטיק, וועל איך עס טאָן מיט אלע קאָוועדן.

און זי האָט גלײַך גענומען דעם וועג.

— זעט איר שוין, — האָט מיר פּאָליע שטיל און שמייכלענדיק א זאָג געטאָן, — מע „פּוצט" בא אונדז די שפּראך, קיין אײַנהאָרע, יעדערער וויאַזוי ער קאָן.

און אָן איבעריקע מאכזאָקעס איז זי איבערגעגאנגען אף מײַן זײַט טיש און זיך אנידערגעזעצט לעם מיר.

איך האָב זיך דערפילט געמיטלעכער. אָט זיצן מיר זיך אינצווייען, אויג־אף־אויג. וואָס ס'איז מעגלעך פאר פיר אויגן, קאָן מען עס ניט אויספירן פאר קיין זעקס.

וויאַזוי זשע מארקירט מען אויס, פּאָליע, אז ס'זאָל אונדז זײַן גוט אינצווייען? צי דען דארף מען, אז ס'זאָל צוליב דעם קעסיידער זײַן טונקל: זומער אין אײַער באגלאָזטן גאנעק, און ווינטער אָט דאָ אינצווייען, ניט ווײַט פון דעם ווארעמען קאכל?

אזוי האָב איך געקלערט, נאָר איך האָב עס ניט ארויסגעבראַכט אין דער הייך. כאָטש איך קלײַב זיך פון פאַליען גאָרנישט ניט פארטײַען. אזוי פירט זיך עס. זי האָט אויך מיסטאמע גע־קלערט פון זאכן און ניט אלץ געזאָגט.

■

ס'איז געקומען צו לויפן רייזל אן איבערגעטאָנענע, א פריילעכע, א פארסאָפּעטע. זי האָט נאָך געבראַכט צו פירן מיט זיך ראָכצען.

— קום, קום, שעם זיך ניט, — טרײַבט זי אונטער די יינגערע שוועסטער, — אז סע רעדט זיך וועגן א באַל, איז דאָך ניט שײַעך.

אינגיכן איז אויך מילקע ארײַנגעקומען.

— אָ, — זאָגט זי, — קיין אײַנהאָרע אזויפיל געסט, אז א בליצלאָמפּ וואָלט אויך געווען צו ווינציק.

פאַליע איז געזעסן, ווי זי וואָלט זיך צוליב עפּעס ניט געוואָלט אופהייבן פון אָרט. זי האָט א באַקלערטן שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— פּאָכאָזשע, אז מע וועט אָף אן עמעס דארפן אויסטראַכטן א גלעזל ווארעמס. וואָס, מיל־קעלע, דו וועסט טאַקע זיך שטעלן קאָכן?

— אָט־אָ צעיאָג איך זיך. כ'האָב מער ניט וואָס צו טאָן, — האָט מילקע אויסגעשאָסן, — גיין אין דער פינצטערער קיך צו די שטשורעס!

זי איז ביכלאַל געווען זייער א פלײַסיקע בענעגייע שטוב־ארבעט, אָבער רייזל האָט ניט געלאָזט, מע זאָל זיך נעמען פון אזעלכע זאכן צום הארצן.

— פּאָנעם! — זאָגט זי. — געווען איין פּיפס טאָן, ברענגען מיר אהער א גרייטן סאַמאָוואר, אן אופגעזאָדענעם. נאָר איצטער וועט ראָכצע ניט קליין זײַן פארקאַטשען די ארבל און אופזידן אין קיך א ביסל אָקרעפּ. האָסטו געזען א ביסל, אָף איר כאַסענע וועלן מיר זי אָפּפּאָלגן צען מאָל מער.

ראָכצע, א יונג מיידל, א גלײַכינקע, עטוואָס א קלײַענדיקע, איז געוואָרן רויט. זי האָט אָבער ניט איבערגעקערט די צונג, זי איז נאָך, קענטיק, געווען צופרידן, וואָס זי האָט א געלעגנהײַט זיך ארויסצוכאַפּן אָף א רעגע פון צימער.

— קום, — האָט זי שווײַגנדיק א שלעפּ געטאָן מילקען פאר אן ארבל, אוןביידע קלענערע מיידלעך זײַנען ארויס פונעם ווארעמען אַלקער.

רייזל האָט אונטערגעהאַלטן די קאָמפּאַניע מיט א פריילעך וואָרט, מיט א ווערטל. זי איז א גוטע, רייזל. ווען האָב איך זי באַוויזן זען, און איך בין מיט איר שוין אזוי געווויינט. איך וואָלט שוין מיט איר פון א סאך זאכן געקענט ריידן זייער אָפן. סע גלאַט, וואָס איך בין געשטראָפט, — מײַנע דערציילעכצן קאָן איך ארויסברענגען ניט פאר קיין סאך מענטשן. מיר זײַנען דאָ אינ־גאַנצן אינדרײַען, נו, אָבער דרײַ איז שוין אויך א סאך.

און ס'ווײנט אין מיר ביכלאַל דאָס הארץ. פארוואָס — ווייס איך אליין ניט. איך בין אָף זיך פּאָשעט בייז: אָט זיץ איך צווישן מענטשן, וואָס זײַנען פון מיר גערן. מיר זײַנען זיי אויך זייער צום הארצן, טאָ נעכײַ וואָלט זיך מיר עפענען דאָס מויל, נעכײַ וואָלט איך זיך פילן לעבן זיי, אז איך בין נאָך ניט קיין ייִד פון זיבעציק יאָר? און עפּשער?.. עפּשער האָבן זיי אָף מיר אזעלכעס ניט געזען, עפּשער האָב איך בא זיי אין די אויגן דעם זעלבן אויסזען, וואָס אין שפּיגל? אָבער דער שפּיגל נארט דאָך שטארק אָפּ.

אז איך וועל אמאָל ריידן מיט רייזלען באַזונדער, מיר וועלן מיט איר געוויס שפּאַצירן איבערן בריקל פארבײַ דער מיל און מיר וועלן געוויס ריידן און פארברענגען, וועל איך איר צווישן אנדערע זאכן זאָגן, אז דער שפּיגל נארט אָפּ.

נאָר דערווײַל, דערווײַל האָט זיך דאָס קאַנעצל צעברענט אזוי ווי ליכטיקער. די מיידלעך זײַנען שוין דאָ אין שטוב מיטן אופגעזאָדענעם אָקרעפּ, און מיר טרינקען טיי מיט כאָכמעס. א זופּ — און א גלײַכוואָרט, א טרונק — און א ווערטל.

אפילע פאַליע האָט אין דער אָנוועזנהײַט פון איר כאַווערטע און פון די קלענערע מיידלעך זיך ניט געשעמט און דערציילט. און ס'האָט מיר גראַדע האַנאָע געטאָן, וואָס זי האָט עס אזוי אָפן און פריילעך אויסגעברײַעט:

א דורכפאָרער, א באַקאַנטער זייערער, וואָס וווינט בא אונדז אין שטעטל, האָט איר אַנומלט פירגעהאַלטן, צי ס'איז עמעס, וואָס ער האָט געהערט, אז עפּעס דרייט זיך בא זיי מיט מיר,

מיטן האַרבאַרניקס זון, איך בין דאָך זײַנער אַ בען־איר, אַ לֿאַנדסמאַן. נו, ווייסט ער זייער? ס׳וואָלט עפּשער אַלֿץ געווען גלײַך, נאָר מע האַלט מיך אין שטעטל פֿאַר אַ שטיקל מעשוגענעם.

— אוי, גוט! — האָב איך אָנגעקוואָלן הויך אָפּן קאָל מיט די מיידלעך צוזאַמען. ס׳איז מיר עמעס געווען אי שיין, אי ניט שיין... און עפּשער, ווען איך האָב שוין גערעדט מיט פֿאָלֿיען ערנסטער וועגן דעם זעלבן איניען, האָט זיך מיר געוואָלט אַרויסזאָגן אַזאַ מין געדאַנק: טאַקע אַ קליינע שטאָט, אָבער אַ שטאָט איז עס, און דאָרטן זײַנען דאָ אַלערליי מענטשן. אייניקע בענטשן זיך מיט מיר און זײַנען ערגעץ ווו געגעכט. אייניקע האָבן מיך אין דער לינקער פּייע. סע גייט זיי גאָר ניט אָן, צי לעבט אַזאַ מענטש אָף דער וועלט, און זיי זײַנען גערעכט, און איצט, ווײַזט זיך נאָך אַרויס, אַז ס׳איז דאָ אַ דריטער צאַד, וואָס קוקט אָף מיר גלאַט ווי אָף אַ מעשוגענעם, און זיי ריידן אויך ניט פֿון וועג.

נו, גוט, אַז איך וועל קומען אַהיים, וועל איך זיך אומיסטן צוקוקן, מיט וואָס אונטערשיידן זיך די דאָזיקע מענטשן צווישן זיך, וואָס זייערע מיינונגען צעגייען זיך אַזוי ווײַט.

■

פֿאָלֿיע מיט מילֿקען שלֿאָפֿן פֿון איין זײַט טיש, און איך — פֿון דער צווייטער. מיר זײַנען שוין ניט קיין פֿרעמדע. פֿאָלֿיע קאָן אויספּירן, אַז זי זאָל פֿון אָוונט אַ ביסל ליגן לעבן מילֿקען, און אַז מילֿקע וועט אַנשלֿאָפֿן ווערן (זי איז נאָך אַ יונג קינד, זי שלֿאָפֿט שטאַרק), זאָל זי איבערגיין צו מיר.

און דאָ האָבן מיר געטאָן, וואָס מיר האָבן טאָן ניט באַדאַרפֿט.

זי, פֿאָלֿיע, האָט עס געוווּסט פֿון פֿריִער. עמעס, זי האָט זיך ניט געקאָנט אײַנגאַנצן פֿאַרלאָזן אָף דעם, וואָס זי האָט געפֿילט, סע האָט איר געקלונגען אין די אויערן, ס׳האָט באַ איר געקלאַפּט אין קאָפּ, שטומע אומגעזעענע שליכים פֿונעם פֿאָרגעפֿיל, פֿונעם אונטערבאַוווּסטזײַן, וואָס ניט באַ יעדן מענטשן זײַנען זיי גלײַך לויט זייער פֿאַרשאַרפֿטקײַט, אַלע זיי האָבן געהאַלטן אין איין וואָרענען: טו ניט, גיי ניט, הער אים ניט! ער איז ניט קיין בייזער מענטש, ער איז עפּשער לײַטישער פֿון אַן אַנדערן, נאָר מיט דעם טאַט מיט דײַנעם גייסטו פֿון אומגליק צו בראָך, פֿון פּײַן צו גרוילֿן, פֿון לֿיידן צו אומקום.

יאָ, די דאָזיקע אַלֿע אומגעבעטענע זעונגען האָבן זי אַזוי געמאַטערט, אַז זי האָט אַזש געוויינט. זי וואָלט זיי וועלֿן אַרויסטרײַבן פֿון זיך, נאָר זי קאָן ניט. און איך? איך האָב אויך קיין גוטס ניט געפֿילט. מיך האָט נאָך דערשראָקן אין אונדזער צוזאַמענטרעפֿונג אָט די אומנאַטירלעכקײַט, אָט די קעלט, וואָס האָט אונדז ביידן באַגעגנט.

מייסים, אַז זיי לאַכן, הערט מען קיין קאָל ניט. מייסים, אַז זיי זיצן אַפֿילע אין גאַניידן באַ די געדעקטע טישן און עסן שטיקער פֿונעם לֿיוויאָסן, פֿאַרטרינקענדיק אים מיט ווײַן פֿון די קאַפּריסין, טוען זיי דערבײַ ניט קיין שמייכל, ווײַל זיי פֿילן ניט קיין טאַם אין דרינען. נאָר מירביידע? מיר לֿעבן דאָך נאָך. ווען מע שנײַדט באַ אונדז אײַן אַ פֿינגער, וואָלט דאָך נאָך פֿון אים געגאַנגען בלֿוט. פֿונוואַנען זשע נעמט זיך צו אונדז אַזויפֿיל טויטקײַט?! און אויב שוין יאָ טויט, טאָ צו וואָס זאָלן מיר נאָכקרימען די לעבעדיקע? מיר זײַנען דאָך אין אַלֿץ אַזוי ווי זיי, נאָר אונדזערע פּענעמער זײַנען פֿאַרפֿראָרן און לאָזן אָף זיך קיין שמייכל ניט אַרויף, און דאָס בלֿוט איז פֿאַרגליווערט, ווי עס וואָלט שוין לאַנג טויט געווען.

צוויי שטילֿע, ווילֿע, פֿיל־לײַדנדיקע מענטשן דערגייען פּלוצעם צו געשפּעט און צו פּײַניקן איינער דעם צווייטן, אין דער צײַט ווען זייער קאַוואָנע איז געווען העלֿפֿן איינער דעם צווייטן, אַרויסווײַזן אין טאַט די אַכטונג, וואָס זיי פֿילן איינער צום צווייטן.

ניט געדאַרפֿט עס טאָן, ניט געטאָרט אַזוי טאָן. און טאַקע דערפֿאַר, וואָס מיר ווילן אַזוי איינער דעם אַנדערנס טויווע.

אַלֿטע לײַט באַ אונדז אין שטאָט האָבן ליב געהאַט זאָגן:

— אַ ווײַב איז אַזוי ווי אַ פֿויערש היטל. ווער ס׳טוט עס אָן, אָף דעם איז עס גוט.

אוי, ניין, ס׳איז נאָך אין דער וועלט ניטאָ די צווייטע זאַך, וואָס זאָל זײַן אַזוי קרום, ווי דאָס, וואָס איך האָב נאַרוואָס געזאָגט.

אָט־אָ בין איך געגאַנגען פֿינף און צוואַנציק ווערסט צופֿוס צו איינעם אַ מיידל, אַ פּולֿע, אַ שטאַלטנע, אַ לײַטישע, אַ שטילֿע. מיר די מאַזלדיקע יאָר, אָף וויפֿל זי איז לײַטישער פֿון מיר, און איך האָב באַ איר אויך זייער אויסגענומען, נאָר זי איז ניט פֿאַר מיר קיין ווײַב און בעמיילע בין איך שוין ניט פֿאַר איר קיין מאַן... איר ווייסט ניט פֿאַרוואָס? איך ווייס אויך ניט. נאָר אונדזער נאָענטע באַגעגעניש איז געווען אַ טאָעס, און דערום וואָלט טאַקע פֿאָלֿיע אַלֿיין, זי איז קלֿיגער פֿון מיר, איר האַרץ נאַרט זי קיינמאָל ניט אָפּ, וואָלט זי די ערשטע געדאַרפֿט געווען זאָגן:

— הערט מיך אויס, סלאַווושנער. וואָס געווען, איז פאַרפאַלן, נאָר ווײַטער קריכן טאָרן מיר ניט. פאָלגט מיך, מײַן הארץ נארט מיך קיינמאָל ניט אָפּ.

אָבער זי האָט עס מיר ניט געזאָגט, כאָטש זי איז געווען זייער אַן אומעטיקע, און איך האָב איר אויך ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. מיר האָבן זיך, קענטיק, באַנוגנט מיט דעם, וואָס ס'איז סײַווי שלעכט אויפן הארצן. און יעדער טאָג רוקט זיך אָן מיט זײַן הירזשענעם קוליש, מיטן דריבנעם שנייעלע נאָך האַלבן טאָג, וואָס איז אַזוי כמורנע און לאַנגווײַליק. און דערנאָך, דערנאָך זעסטו, אַז ס'ווערט שוין צוריק נאַכט, און מע מעג שוין גרייטן דאָס קאַנעצל און עפּשער, עפּשער טאַקע דעם לאַטאַ אויך. דער טאָג איז דאָך שוין אריבער, און אין אָוונט, אין אָוונט האָט יעדערער די רעכט אָפּצורוען און זיך פאַרווײַלן.

מילקען האָבן מיר גאָרניט דערציילט, נאָר זי ווייסט פון אַלץ. אַמאָל טרעפט, אַז מילקע איז אָף מיר אין קאַס און קאָן אַליין ניט זאָגן פאַרוואָס. אַמאָל פאַרקערט — ווען איך רוף זי ארויס דערוף, טוט זי זיך מיט מיר א שפּיל און פאַליע מאַכט זיך אַזוי ווי ניט ווייסנדיק. אין עקסטן פאַל קומט זי אָפּ מיט א ווערטל:

— מילקעלע, וואָס נעמסטו אים אַזוי ארום, דו ווייסט ניט, אַז ער איז א ייִד?

און מילקעלע ווייסט, ווען וואָס עס גייט. דערום ווערט מײַן בלוזע נאַס פון אירער א טרער. דאָס טרעפט זיך מערער פאַרנאַכט, ווען מע מעג נאָך א ביסל זיצן און ניט מאַכן קיין פײַער. דענסטמאָל זיצט זי אײַנגעטוליעט איר קאָפּ אין מײַן ברוסט, און מיר זינגען. מיר זינגען אַלע איינינעם איינע און די זעלבע לידער:

> טראָגט זיך, טראָגט זיך,
> שווארצע וואָלקנס,
> אָף די פליגלען פון דעם ווינט...

אַז ניט, זינגען מיר:

> מאַמאַטשקאַ, כאָלאָדנאָ, מאַמאַטשקאַ, גאָלאָדנאָ,
> מאַמאַטשקאַ, יעסט מי כאָטים.[1]

פאַראַן אַזאַ מין ליד וועגן קליינע קינדער יעסוימים.

אַלע מיר זינגען עס מיט טאַם. אַלע מיר האָבן א סאַך מיטלײַד אי אָף זיך, אי אָף יענע יעסוימים, און אָט די דאָזיקע שאָען זײַנען עפּשער טאַקע די בעסטע אינעם גאַנצן מעסלעס.

דערנאָכדעם האָט זיך מילקע ניט געפוילט לויפן נאָכן פידל צו גוסל, עלקאַנעס ברודער, און כאָטש דער פידל האָט געהאַט אָף זיך נאָר דרײַ סטרונעס און אָנשטאָט קאַניפאָל האָבן מיר געקריגן א שטיקל אַלטע זשיוויצע, און כאָטש איך האָב געוווסט, אַז איך בין א קנאָפּער בעריע אָף די זאַכן, דאָך האָב איך אָנגעצויגן די פלעקלעך, א פּרווו געטאָן דעם סמיטשעק און געשפּילט. געשפּילט מיט דעם טנײַ, אַז מע זאָל ניט אָנצינדן קיין שײַן. פאַליע מיט מילקען האָבן שטיל נאָכגעזונגען, און אויך רייזל עלקאָנעס איז דערבײַ געווען, און זי האָט געזאָגט אָף איר דינער האַלדז־און־נאָז־שטים, אַז ס'זאָל מיר נאָר קיין אײַנהאָרע ניט זײַן, אַז ס'איז דאָך א יונגערמאַנטשיק מיט אַלע מײַלעס.

אירע אָפענע רייד זײַנען געווען ווײַט פון ניט פאַרגינען, און זי האָט טאַקע גלײַך אַליין פאַרענדיקט:

— מיר גלייבן ניט און מיר וועלן ניט גלייבן קיינעם, ווער ס'וועט אָף אײַך קומען ליאַפּען. האָט איר געהערט א ביסל?

און מילקע האָט געענטפערט:

— און איך גלייב יאָ: בײַשער ער שפּילט גוט, דאָס איז נאָך ניט קיין סימען.

פאַר אַזאַ מין וואָרט מוז איך זי כאַפּן, מילקען, דאָ ערגעץ אין א ווינקל, און זי אָנקושן אפילע פאַר איטלעכן אין די אויגן! זי רײַסט זיך פון מיר און שלאָגט מיך קלוימערשט מיט די פויסטן, און איך קוש זי דערווײַל שטאַרק־שטאַרק. איך האָב ליב, אַז מע זאָגט מיר אַזעלכעס אין פּאָנעם ארײַן. און אַז מע זאָגט עס אַזוי, ווי זי, מילקע, זאָגט. נישקאָשע, מירן זיך נאָך שטעלן אָף די פיס, און זי וועט זיך נאָך באַ אונדז לערנען אויך. צוליב איר זײַנען מיר גרייט ארויסצופאָרן אפילע אין א גרעסערער שטאָט, אבי זי זאָל האָבן לעם וועמען צו זײַן, אבי זי זאָל האָבן לעם וועמען זיך לערנען.

אָט אַזעלכע נארישע באַרימערישע געדאַנקען קומען אָפּט אין קאָפּ ארײַן און ווערן אויך אַמאָל ארויסגעזאָגט אין דער הייך. אָבער דער שאַרפער און פײַנלעכער געפיל, אַז מיר טוען

---

[1] מאַמעלע, סע איז קאַלט, מאַמעלע, מיר זײַנען הונגעריק, מאַמעלע, מיר ווילן עסן (רוס.).

ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, איז נאָר איין מאָל געווען אַזוי שאַרף און זיך נאָר איין מאָל אַ ווײַז געטאָן אַזוי בולט און קלאָר. און דערנאָך? איז עס שוין אַריבער אין דעם צושטאַנד פֿון צע־שוומענקײַט און אַזעלכעס, וואָס איז נאָענט צו געוווינשאַפֿט.

■

איך בין איינער אַליין געגאַנגען פֿון סענדעריווקע קיין סלאָוועשנע. און אין דרויסן איז ווײַטער געווען ווינטיק און שנייִק. איך האָב קיינעם פֿון קיין באַקאַנטע אַפֿן וועג ניט באַגעגנט, און וואָלט איך זיי באַגעגנט, וואָלט איך זיי עפּשער אויך ניט געגאַנגען דערציילן קיין סאַך מײַ־סעס. אין בעסטן פֿאַל וואָלט איך זיי געענטפֿערט:

— פֿונוואַנען איך גיי? פֿון סענדעריווקע גיי איך... איך האָב דאָרטן געדאַרפֿט זײַן אין איינעם אַן אָרט... וואָס הערט זיך עפּעס אין סלאָוועשנע? שטיל?.. נו גוט... אַ גוטן טאָג.

מער איז ניט קיינעמס איסעק. איך טאַפּטשע דעם סקריפּענדיקן שניי, און אין האַרצן איז ניטאָ קיין פֿרייד אַפֿילע אויף קיין האָר. איך פֿאַרלאָז זיך ווײַטער אויף מײַנע פֿיס, ווי אויף אַ מעכאַ־ניזם, וואָס אַז מע ציט אים אָן, גייט ער. זיי שפּאַנען און מעסטן אויס טריטוווײַז, ווערסט נאָך ווערסט, ביז עס קומט דיר אַנטקעגן אַ דאָרף און דערנאָך אַ שטעטל.

דאָרט אין שטעטל האָב איך זיך אויף וועמען צו פֿאַרקוקן. דאָס איז עליע־לייב מיט זײַן שטוב־געזינד: שטילע פֿאַרהאָרעוועטע מענטשן, און איך בין זיי מעקאַנע. איך וואָלט זיך וועלן אַרײַנשרײַבן צו זיי אין דער מישפּאָכע...

דערנאָך גייט ווידער אַ דאָרף, ווו עס שטייען הײַזער מיט פֿאַרפֿרוירענע פֿענצטערלעך, יעדער שטיבעלע טישקעוועט אין זיך אַ לעבן, און ס׳גייט זיי קיינעם ניט אָן, צי שפּאַנסטו איבערן פֿראָסט אומזיסט צי מיט עפּעס אַ ציל. דו גייסט? גיי זיך געזונטערהייט. דײַן שאָטן האָט פֿאַר עמעצן פֿון זיי דורכגעשווינדלט אַפֿן שליאַך, אָבער ניט אויף לאַנג, און סע איז זיי ניט קעדײַ אויף דעם זיך אָפּצושטעלן.

אָן־אָ לײַכטן שוין די פֿײַערלעך פֿון מײַן שטאָט. באַ מיר אין שטאָט איז שוין טכילעס־אָוונט. דער טאָג און דער אָוונט, ווי דער זומער און דער ווינטער, האָבן זיך זייערע געזעצן: זיי קומען, ווען זיי דאַרפֿן קומען, זיי גייען אַוועק, ווען זיי דאַרפֿן אַוועקגיין. איך איינער גיי, ניט ווײַל איך דאַרף, נאָר ווײַל ס׳גייט זיך. איך קום, ווײַל נאָך אַזויפֿיל און אַזויפֿיל באַוועגונגען, וואָס די פֿיס האָבן געמאַכט אין דער געגעבענער ריכטונג, איז שוין ווי געקומען די שטאָט אַנטקעגן, און אַז מײַן שטאָט איז געקומען, גיי איך גלײַך ווי אַ פֿערד צו דעם זשאָלאָב, אַהין, ווו מע פֿאַרשיט מיר אַמאָל עסן און ווו מע לאָזט פֿונמײַנטוועגן איבער אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ איבער־צושלאָפֿן.

ס׳איז שוין געווען טונקל, אַז איך בין אַרײַנגעקומען אין שטוב. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז די שטובלײַט האָבן מיך אַפֿילע ניט איבעריקס באַמערקט. די מאַמע פּאָרעט זיך באַ עפּעס אין קיך. דער טאַטע טראָגט, דאַכט זיך, וואַסער פֿונעם אַרומגעפֿרוירענעם ברונעם. די קלענערע כעוורע זיצן אין אַ ווינקל און דערציילן זיך מײַסעס. און איך בין ווי אַ שטוביקער און ווי אַן אייגענער, וואָס דאַרף זיך ניט אָפּשטעלן מיט זײַן גוטנאָוונט באַ דער ערשטער טיר און בלײַבן שטיין, ביז מע וועט אים בעטן זיצן. איך בין זיך אַוועק אין לעצטן כיידערל, און דאָרטן איז פּונקט געווען וואַרעם. די הרובעס האָבן זיך שוין געהייצט, און אָן קיינע רייד האָב איך אַראָפּ־געצויגן פֿון זיך דעם פֿאַרווינטיקטן מאַנטל, אַראָפּגעשלעפּט די אָנגעפּאַרענע שטיוול, זיך אַרײַנ־געוואַלגערט מיטן אָנטאָן אין בעט אַרײַן און דאַפֿקע מיט אַ גרייטן זאַפּטיק־אָנגעדראָלענעם גע־וויין, ווי סע פּאַסט ניט פֿאַר קיין איין מאַנצבל אין דער וועלט און אויך פֿאַר מיר.

— וואָס וויינסטו? — ווײַל איך זיך אַליין אַ פֿרעג טאָן.

און ענדלעך, אַז די מאַמע איז אַרײַן און געפֿרעגט:

— אײַזיק, סע דו? וואָס איז דיר, מײַן קינד, פֿאַר אַ גוטס?

האָב איך זיך איבערגעדעקט שטאַרקער מיט דער קאָלדרע און געדאַנקט פֿריידקען, וואָס איז, דאַכט זיך, אין די רייד, אַרײַן און איטלעכן צוגענומען פֿון צימער.

איך באַוווּנדער פֿריידקען, וואָס פֿאַר אַ מענטש זי איז, און איך קלער, אויב זי קאָן מיר אַזוי העלפֿן אין טאָגטעגלעכע קלייניקײַטן, צי דען וואָלט זי ניט געקאָנט אײַנשאַפֿן פֿאַר מיר עפּעס מערער. פֿון איין ליכט צינדט מען אָן אַ צווייטע, און דאָס פֿײַער ווערט ניט געמינערט. אַ געבילדעטער מענטש גיט איבער אַ צווייטן זײַן קענטשאַפֿט, און ער ווערט דערפֿון ניט אָרע־מער. קאָן זי דאָך, פֿריידקע, ווי־עס־איז אויך מיך אָנצינדן מיט איר ענערגיע, מיט איר לעבנס־לוסטיקײַט.

עמעס, מיט סענדעריווקע, מיט סענדעריווקע איז שוין אַלץ פֿאַרפֿאַלן.

איך בין געגאַנגען קלוימערשט מיט אַן אייגענעם גאַנג, מיט אַן אייגענעם פֿאַרשטאַנד קיין

סענדעריווקע און געטראָפֿן אין אַן אָרעמער שטוב צו אָרעמע מענטשן. יענע האָבן קיין גרויסע מעציִע ניט געכאַפּט, אָבער אַפילע אָט די מעציִע, אַז איך וועל וועלן בא זיי צונעמען אַף צוריק, וועט עס הייסן, אַז איך באַוול אָרעמע מענטשן.

איך געהער דאָך ניט צו אַזעלכע, וואָס זאָלן קאָנען און וועלן טראָגן באַליידיקונג צו מענטשן, וואָס זײַנען שוין אָן מיר אויך גענוג געקריוודעט. קיינער האָט דאָך מיך ניט געטריבן אין האַלדז־און־נאַקן, און קיינער האָט מיך ניט געשלעפּט. איך האָב דאָך געקאָנט צוּוואַרטן, געקאָנט באַקלערן.

איך האָב זיך גוט אויסגעווײנט פֿאַר א סאַך יאָרן, פֿאַר א סאַך מאָל „אַנגעזאָליעטקײַט אַפֿן האַרצן", און דערנאָך ערשט האָב איך א טראַכט געטאָן, פֿאַרוואָס זשע בין איך איצט ניט אין סענדעריווקע? פּאָליע קאָן דאָך מיט איין שמייכל אירן, מיט איין גרינג וואָרט מיך אַרופֿירן אַף פֿרייַלעכע געדאַנקען. און מילקע. מילקען וואָלט איך עפּשער ווײַטער געטוליעט צו זיך. אייגנטלעך, בין איך דאָך שוין דאָרטן א סאַך היימישער, ווי דאָ...

שפּעטלעך אין אָוונט האָב איך בא זיך אין אַלקער געגעסן וועטשערע און גערעדט מיט פֿריידקען וועגן דעם, אַז איך קלער שוין די טעג אַריבערפֿאָרן מיט מײַן ביסל באַלעבאַטישקײַט אַהין, צו זיי קיין סענדעריווקע.

דאָרטן איז ניט שלעכט. זיי זײַנען זייער טײַערע מענטשן.

פֿריידקע האָט מיר דערציילט, אַז אונדזער שכיינע און גלידשוועסטערקינד זלאַטקע, פֿייגלס טאָכטער, האָט זיך געקנאַסט פֿאַר עליע־לייבס עלטער ייִנגל. זיי זײַנען זייער ווילע מענטשן, די עליע־לייבס. ווײַטער האָט זי מיר געזאָגט, אַז סע שטערט ניט, וואָס איך קלער אַריבערפֿאָרן קיין סענדעריווקע, נאָר דאָס זעלבע וואָלטן עפּשער די סענדעריווקער געקאָנט אַריבערפֿאָרן אַהער.

הערט א מײַסע — וועגן דעם האָב איך אַפילע קיין קלער ניט געטאָן...

— און ווײַטער, — האָט מיר פֿריידקע ווי אומגערן א זאָג געטאָן, — ס'איז שוין טאַקע צײַט זיך צו עפּעס נעמען, עפּעס אָנהייבן טאָן.

ס'איז עפּשער דאָס ערשטע מאָל, וואָס פֿריידקע זאָגט מיר אַזעלכעס, אָבער זי האָט עס שוין אָפּגעזאָגט און ס'איז, דוכט זיך, צו דער צײַט אויך.

■

צווישן אַלע אַרטעלן אין שטעטל האָט זיך ענדלעך אויך געעפֿנט א גאַרבער־אַרטעל. דאָרטן שמעקט שוין מיט דוב, מיט וואַפּנע, מיט טראָן און מיט דזעגעכץ, און דעריקער טראָגן זיך פֿון דאָרטן פֿרייַלעכע מענטשלעכע שטימען. א ביסל גראָבלעכע, נאָר אויפֿגעלעבטע און גוטע. אַז איך טראַכט זיך: אַרײַן אין דעם כאָטש איין רעגעלע, דערזע איך פֿאַר זיך זייער קלאָר, וויִאַזוי די אַרבעט האָט ליב מענטשן, און דער מענטש — אַרבעט. אַרבעט. אַרבעט איז באַם מענטשן זײַן צווייטע נאַטור. איינגיכן וועלן מיר שוין ענדגילטיק באַשליסן וועגן מײַן מאָקעם־מענוכע: „סענדעריווקע צי סלאָוועשנע". און עפּשער גאָר א גרויסע שטאָט, אַז מילקע זאָל לעם אונדז קאָנען לערנען און איך וועל זיך שוין אויך נעמען צו עפּעס א טועכץ. מעג זײַן קאַמאַשן שטעפּן, ברויט באַקן, ביכער אײַנבינדן. עפּעס דאַרף מען דאָך טאָן. מע דאַרף זיך צוריק איבערבעטן מיטן לעבן. איצט זע איך קלאָרער, ווי ווען־עס־איז, אַז אָן אַרבעט איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט.

ביז עפּעס וואָס נעם איך די קו אַף א שטריק און איך לאָז מיך מיט איר אין איינעם א פֿרימאָרגן קיין סענדעריווקע. פֿריִער וועל איך זי אַהין אָפּפֿירן, און דערנאָך וועל איך קומען און איבערנעמען ראָכעלען.

איך בין צופֿרידן, וואָס קיין שכיינעס דרייען זיך ניט אַרום אַפֿן ווינקל. עפּעס ווילט זיך מיר ניט פֿאַרפֿירן קיין לאַנגע שמועסן: צו וואָס איך פֿיר די בעהיימע? וווהין איך גיי מיט דער בעהיימע? גענוג, אַז די היימישע וויסן, מיט זיי האָב איך שוין אַזוי ווי אָפּגערעדט.

— מיט דיר וועט זי עפּשער גיין רויִק, — מאַכט צו מיר די מאַמע אין הויף פֿאַרן אַוועקגאַנג. און זי זאָגט מיר ניט, אַז זי קוקט אַף דעם ווי אַף א קרומער זאַך. זי קען מיך די לעצטע צײַט פֿאַר א מענטשן, וואָס ווערט גיך אין קאַס, וואָס צעשרײַט זיך אָפּט העכער, ווי מע דאַרף, וואָס נעמט זיך פֿון יעדער קלייניקײַט צופֿיל צום האַרצן. זי זשאַלעוועט מיך.

ראָכעלע און די קלענערע קינדער האָבן מיך אויך באַגלייט און מיר נאָכגעקוקט. זיי האָבן מיך אַפילע געהאַלטן פֿאַר א גרויסן אײַנשטעלער, וואָס פֿאַר אים איז ניט קיין באַטרעף זיך לאָזן אַליין פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער.

— א גוטן טאָג, — האָב איך א זאָג געטאָן אָנשטאָט דעם געוויינלעכן „זײַט געזונט".

און זיי האָבן געענטפֿערט:

— גיי געזונט!

אַליין, אַז איך גיי מיט מײַנע צעלאָזטע פֿאָלעס אַנטקעגן ווינט, ווייס איך שוין אַן ערעך, וויפֿל דער וועג דאַרף בײַ מיר אָפּנעמען צײַט. גיי איך אַרויס אײַנדערפֿרי, דאַרף איך אַהין טרעפֿן צו וואַרמעס. גיי איך אַרויס וואַרמעס־צײַט, אויב די טעג זײַנען גרעסער, דאַרף איך אַהין אָנקומען צו זון־פֿאַרגאַנג.

וויאַזוי וועלן מיר עס איצט פֿאַרגיין מיט דער בעהיימע, ווייס איך ניט. איך בין, דעם עמעס געזאָגט, נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען אַזוי... איך האָב געזען, ווי אַ פּויער אָדער אַ דאָרפֿס־ייִד שלעפּט זיך איבערן וועג מיט אַ בעהיימע. נו, איז עס, דוכט זיך, ניט פֿון די שווערע אַרבעטן. עס שאַפֿט זיך בײַ זיי אַפֿילו אַ געוויסער טראָט פֿון שוטפֿעסדיקן גאַנג.

אַז מיר האָבן שוין אויסגעמיטן די שקאָלעס מיט די טויערלעך, האָט די שוואַרצע מיטאַמאָל זיך צו מיר אומגעקוקט, שוין אַפֿילו גאָר ניט ווי קיין בעהיימע, און אינעם בליק אין אירן האָב איך געלייענט אַן ערעך אַזעלכעס:

— שיינער באַלעבאָס, זאָג מיר נאָר, דיר דאַכט זיך ניט, אַז דו פּלאָנטערסט מיך אומזיסט אין דײַנע אומבאַטראַכטע גענג?..

איך האָב זי זייער גוט פֿאַרשטאַנען און איר אויך ווי געענטפֿערט:

— מאַנקע, ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, אָבער דו ווילסט דאָך מיר ניט מאַכן שווערער דאָס געמיט... איך פֿאַרזיכער דיך, אַז מ׳ירן זיך אַזוי לאַנג פּלאָנטערן צווישן די אומבאַטראַכטע גענג, ביז מירן זיך סאָפּקאָלסאָף אַרויסשלאָגן אַף אַ וועג. דענסטמאָל וועלן מיר אויך האָבן שאָען פֿון אָפּרו און טעג פֿון רו. מירן אַפֿילו פֿאַרבעטן צו זיך געסט, און דענסטמאָל, פֿאַר־זיכער איך דיך, וועלן מיר פֿאַרגעסן אַפֿילו אין דעם טשאַד פֿון גאָרנישט ניט טאָן און אין ערגעץ ניט טויגן. ס׳איז אַ טשאַד, זאָג איך דיר, וואָס דאַרף זיך אויסוועפֿן. דערווײַל גיי לײַטיש און שיין. פּאַמעלעך, טרעט מיר ניט אַף די פֿיס. און נאָך אַ זאַך וויל איך דיך בעטן: פֿאַרנאַכט־לעך וועלן מיר זײַן אין אַן אַנדער שטאָט, בײַ אַנדערע מענטשן. מענטשן, וואָס איך בין מיט זיי פֿרײַנט. אַלנפֿאַלס, וויל איך, אַז מײַן פֿרײַנטשאַפֿט זאָל זיי אײַנגיין. און טאָמער וועט דיר ווערן די ערשטע צײַט אומעטיק, זאָלסטו עס, פּונקט ווי איך, ניט אַרויסווײַזן. זיי זײַנען שוין אויסגעשטאַנען אַ היפּש ביסל צאָרעס אָן אונדז. און מיר, — באַהיט אונדז גאָט, אַז מיר זאָלן זיי פֿאַרשאַפֿן כאָטש די מינדסטע קימערונג. און דאָס איבעריקע איז ניט געזאָרגט... נאָ, נאָ, מאַנקע. אין לעבן, זאָלסטו וויסן זײַן, איז געוווינשאַפֿט ניט פֿון די קלענסטע זאַכן. מע געוווינט זיך צו. מײַן מומע, דו קענסט זי דאָך, נו, דו שטייסט דאָך אַלעמאָל מיט איר גרויסער ראַבער בעהיימע און איר קײַט צוזאַמען די זשוּיקע אַף דער זון. בײַ דער גרויסער ראַבער קו איז אַגעוו אויך געשטאָרבן אַ יונגע באַלעבאָסטע, זייער אַ שיינע, אַ בלאָנדע, אַ שטאַלטנע, און דער איקער, זייער אַ לעבעדיקע. זי ליגט איצט ניט ווײַט פֿון בוזיען. יאָ, יאָ. דאָרטן אַפֿן פֿאַרוויטן און פֿאַרשנייטן שטעטלדיקן בעסוילעם. איז אַנטקעגן וואָס זשע רעדן מיר עס? אַנטקעגן געוווינשאַפֿט. זאָגט זי קעסיידער, אָט די מומע מײַנע:

— זאָל מען נישט געפּרוּווט ווערן, צו וואָס מע קאָן געוווינט ווערן. — נאָ, נאָ, מאַנקע, נאָ! און מיר גייען זיך אונדזער וועג.

אין דער היים קערן זיי ערשט עסן אָנבײַסן, און איך מיט דער שוואַרצער זײַנען שוין באַלד פֿון יענער זײַט באָקיעוושטשינע. מיר האָבן שוין לאַנג איבערגעלאָזט הינטער זיך די שקאָלעס און אַלע פּאַשע־ערטער, וווּ די כודאָבע אונדזערע גייט אַלע זומער אַרום. מיר גייען דורכן אײַנגעפּראָרענעם שליטוועגס פֿאַרבײַ דעם פֿאַרשנייטן ריוו. און קיין זאַך, אויסער די פֿאַרשאָטענע ביימעלעך און די סטויפּטשיקלעך פֿון די צעמאָסטענע פֿעלדער, גיבן ניט צו פֿילן, אַז דאָ איז פֿאַראַן פּלאַץ פֿאַר זומער אויך. פֿאַר ברייטע צעכוואַליעטע פֿעלדער, פֿאַר גרינע טוווּעס, פֿאַר שמעקנדיקער לופֿט, פֿאַר געזאַנג פֿון פֿייגעלעך. ניין, איצט ברינזלען נאָר אין די אויגן די דימענטלעך פֿונעם פֿראָסט, און ער שפּילט אונטער די פֿיס מיט טויזנטער פֿיד־לען. ווי ס׳זאָל ניט זײַן ליב די פֿרײַע דרויסנדיקע ראַכוועס, ווילסטו פֿונדעסטוועגן דערפֿילן אין דער נאָענט אַ פּאָר דאָרפֿישע פּלויטן, שטאַלן מיט שטרויענע סטריכעס און דערזען קוימענס, פֿונוואַנען סע גייט אַ רויך. דאָרט לעם זיי ביסטו עפּעס פֿעסטער בײַ זיך.

סע קאָן זײַן, אַז איך וואָלט שוין מעגן אָפּלאָזן דער בעהיימע דאָס שטריקל. זי איז זיך שוין אַ ביסל אײַנגעגאַנגען, און ס׳פֿילט זיך, אַז זי וועט שוין גיין די גאַנצע צײַט אַהין, וווּ איך גיי. פּלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. פֿונדערווײַטנס איז געפֿאָרן איין פֿערדל, און דאָס שליטל האָט זיך געשמאַק געגליטשט אַפֿן אײַנגעפּראָרענעם שליאַך.

— נו, מאַנקע! וואָס האָסטו דאָרטן ניט דערזען? קיין וועלף זײַנען דאָ ניטאָ, און קיין מענטשן וועלן אונדז ניט טשעפּען. זיי גייען זיך זייער וועג, און מיר — אונדזערן. נו, פּאַשלי, פּאַשלי! — מיר זײַנען אָפּגעטראָטן אַ ביסעלע אָן אַ זײַט. זאָלן זיי גיכער דורכפֿאָרן.

אָבער די מענטשן, וואָס זײַנען געפֿאָרן אנטקעגן, האָבן זיך דאפקע לעם אונדז אָפּגעשטעלט. זיי האָבן, ווײַזט אויס, אזוי געוואָלט. איך האָב זיי, אגעוו, גלײַך דערקענט. דאָס איז געווען דער נײַער וואָיענקאָם אונדזערער, טישטשוק הייסט ער, דוכט זיך. און דער רויטארמייער, וואָס פֿאָרט מיט אים. איך האָב אים געוואָלט אָפּגעבן א גוטמאָרגן, אזוי ווי וויטשענקען, אזוי ווי אַן אנדערן פֿון די, וואָס איך קען, אָבער מײַן גוטמאָרגן איז צעטראָטן געוואָרן אונטער זײַן הארטער און פֿרעמדער פֿראגע:

— ווער זײַט איר? וווהין גייט איר? וואָס איז עס פֿאר א בעהיימע?

איך שמייכל צו אים און דערצייל אים, אז איך קען אים און ער וואָלט מיך אויך דארפֿן קענען. אז איך בין דער און דער. די בעהיימע פֿיר איך איצט אינעם נאָענטן שטעטל. דאָרטן גיי איך צו אזעלכע און אזעלכע מענטשן... קורץ, — איך קלער זיך דאָרט באזעצן.

— אײַער אָנגעהעריקײַט צו מיליטער־דינסט?

איך ווײַז אים א פּאפּירל.

— טשטאָ ווי? אַף וואָס האלט איר עס?! אָט אזוי שלענדערט מען זיך ארום און מע דרייט זיך אויס מיט אלע מיטלען פֿון דינען אין דער רויטער ארמיי. געגאנגען זאָל ווערן צוריק!

דער רויטארמייער קריכט אראָפּ פֿון שליטן. ער גיט אָפּ דעם וואָיענקאָם די לייצעס און וויל נעמען די בעהיימע פֿארן שטריקל. אָבער די בעהיימע אונדזערע, לאָזט זיך אויס, איז גאָר ניט פֿון די ראָכמאנעווקע און ניט פֿון יעדערן וועט זי זיך לאָזן פֿירן. האָט זי זיך געגעבן א דריי און א ריס ארויס פֿון זײַנע הענט, אז דער באָכער האָט זיך שיר ניט איבערגעקוליעט.

— לאָזט זי אָפּ, — האָב איך א זאָג געטאָן. — זי וועט שוין טרעפֿן. זי וועט אליין טרעפֿן דעם וועג אהיים.

און די שווארצע איז ווירקלעך אוועקגעלאָפֿן מיטן שליאך צוריק צום שטעטל.

— אויב אזוי, — האָט זיך דער וואָיענקאָם אָנגערופֿן, — טאָ קריכט אין שליטן ארײַן!

דאָס שליטל איז שמאָל און קליין, אָבער מיר האָבן זיך אויסגעזעצט. איך מיטן רויטארמייער אויבנאָן, און דער וואָיענקאָם האָט פֿרײַ געהאלטן די לייצעס און אָנגעטריבן.

אינטערעסאנט. דאָס ערשטע מאָל פֿאר דער גאנצער צײַט, אז סע מאכט זיך מיר א מעגלעכקײַט אונטערפֿאָרן, אָבער ניט אהין, וווהין איך דארף, נאָר אין דער פֿארקערטער ריכטונג.

ס׳ווערט מיר עפּעס ניט גוט אַפֿן הארצן. בעסער געזאָגט, ס׳איז מיר ניט שיין. אפֿילע פֿארן דרויסן איז מיר ניט שייך. וואָס וועט מען זאָגן בא מיר אין שטעטל? פֿאָרשטייער פֿון מײַן מאכט פֿירן מיך, פּונקט ווי איך וואָלט געווען פֿײַטל די ציג אָדער עפּעס אַן אנדער בלאָטער אַפֿן לײַב פֿון דער רעוואָליוציע. איצט וואָלט מיר מער ניט געפּאסט, אז איך זאָל באגעגענען שיינדלען ייִצכאָקס. זי וואָלט אין מיר פּאָשעט געהאט א נעקאָמע. און פֿאר איין זאך. דערפֿאר וואָס איך האָב זי אלעמאָל פֿארזיכערט, אז נאָך איר מוז קומען א מיליציאָנער (און זי רופֿן נייען זעק אָדער פֿאנאנדערטראָגן פּאפּירן) און נאָך מיר — ניט. וועגן מיר, — האָב איך זיך בארימט, — ווייסט מען, אז איך וועל אליין קומען.

די בעהיימע האָט אָנגעהויבן גיין א ביסל פּאמעלעכער. דאָס שטריקל, וואָס האָט זיך געשלעפּט בא די פֿיס, האָט איר געשטערט, נאָר סע איז דאָך שוין ניט ווײַט. אָט־אָ זײַנען צוריק די טויערלעך און אָט־אָ זײַנען די שקאָלעס. לעם די שקאָלעס האָב איך דערזען דעם טאטן, ווי ער גייט אין ארטעל ארײַן, ווײַזט אויס, נאָכן צווייטן איבערבײַס.

ער האָט זיך פֿון אָנפֿאנג דאפקע צוגעקוקט, געוואָלט זען, ווער עס פֿאָרט, נאָר ער האָט, ווײַזט אויס, סײַווי ניט דערקענט, האָב איך שוין אליין צו אים א הוקע געטאָן:

— טאטע, פֿארטרײַב אהיים די בעהיימע און טו איר אויס דאָס שטריקל.

דער וואָיענקאָם האָט זיך צו מיר אומגעקוקט, און דער טאטע איז געבליבן שטיין א ווײַלע און ניט פֿארשטאנען, וואָס דאָ טוט זיך. אָבער ער האָט זיך גלײַך אומגעקערט טאָן דאָס, וואָס איך האָב אים געבעטן. א מאָדנע זאך, כאָטש מיר ריידן מיט אים אזוי ווינציק די לעצטע צײַט, האָט אים דאָך, קענטיק, א טיאָכקע געטאָן אין הארצן, וואָס איך, אזא „נאטשאלניק", בין גאָר בא די אייגענע עלטסטע אין די הענט... מיילע, איך בין שוין געוואָרן ווײַט פֿון דאווענען, ווײַט פֿון ייִדישקײַט, פֿון טאכלעס, אָבער בא די עלטסטע, ווייסט ער, אז איך האָב א שטיקל „פּאָטשאָט". איצטער איז שוין דאָס אויך ניטאָ?

און ער איז באלד נאָכן פֿארטרײַבן די בעהיימע אוועקגעלאָפֿן אין שטעטל ארײַן צו איציק שענקמאנען. יענער ווייסט דאָך אוואדע, וויאזוי איך האָב אופֿגעהערט פֿאָלגן טאטע־מאמע און וויאזוי איך האָב, טאקע ווי דער עמעס איז, טאָג און נאכט געווייקט אין „סאָיוז", טאָ זאָל ער גיין צו וועמען מע דארף און מיך ארויסרוסטשען, באפֿרײַען דעם בעסטן כאָסיד זײַנעם!

איך בין דערבײַ ניט געווען, איך האָב מיטן טאטן וועגן דעם ניט גערעדט, נאָר איך קאָן געבן א כסימע אַף פּאפּיר, אז ס׳איז אלץ אזוי, ווי איך האָב נאָרוואָס געזאָגט.

פאַרפאַרן זײַנען מיר צום וואָיענקאָם אַף דער קוואַרטיר. אין אַ פּערטל שאָ אַרום איז איציק שענקמאַן (וואָס וווינט מיט זײַן פאַמיליע ניט ווײַט אַט דאָ אַפן שליאַך) געקומען צו לויפן אַ פאַרסאָפּעטער, מיט מיר האָט ער זיך אַפּילע ניט געגריסט. איך בין געזעסן מיט די רויטאַרמייער אין פאָדערשטוב, און ער איז אַוועקגעלאָפן צום וואָיענקאָם אין צימער אַרײַן. ער האָט אַפּילע ניט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און איך הער, ווי ער שיסט דאָרטן אויס:

— טישטשוק! וואָס טוט זיך עס מיט דיר?!.. דו דערקענסט שוין ניט קיין מענטשן? דו ווייסט?..

איך פאַרשטיי שוין, וואָס שענקמאַן רעדט וועגן מיר ווײַטער: אַז דאָס איז אונדזער בעסטער קולטורניק אין שטעטל. אַף אים שפּאַרט זיך אָן די גאַנצע יוגנט. צוליב אַ פאַמיליענבראָך און אַזוי ווײַטער און ווײַטער איז ער אַזוי און אַזוי, נאָר ער איז אונדזערער און ער וועט נאָך אַרבעטן מיט אונדז. ווייסטו שוין, וואָס דו טוסט?!

דער וואָיענקאָם איז אײַנגיכן אַרויסגעגאַנגען אין דער צעשפּיליעטער גימנאַסטיאָרקע און קאַלטלעך אַ קוק געטאָן אין מײַן זײַט:

— ווי סוואָבאָדני¹.

געזאָגט האָט ער עס מיט אַזאַ קאָל, ווי דער מענטש וואָלט נאָרוואָס אופגעשטאַנען פון שלאָף.

און ער מיינט, אַז אַזוי איז עס שוין, ער שטעלט זיך ניט פאַר, אַז איך בין נאָך גענוג געפּענטעט, ניט געקוקט דערויף, וואָס איך גיי אַרויס פונדאַנען אָן אַ שמירע און וואָס איציק שענקמאַן האָט אַפּילע באַזאָרגט פאַר מיר אַ פּאַפּירל, אַז ס'זאָל זיך מיט מיר אַ צווייט מאָל אַזעלכעס ניט טרעפן.

אָט־אָ ער, שענקמאַן, דאַכט זיך אַזאַ פּראָסטער יונגערמאַן, און טוט אומיסטן אַ קוק, וויפל געדולד ער ווײַזט אַרויס צו מיר און וויפל מענטשלעכקײַט. אָט איז ער צוריק אַוועק און זיך צו מיר קימאַט ניט אָפּגערופן, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך גאָר ניט געקענט, און ס'איז בעסער. ער איז ניט קיין דאָקטער, און דאָך ווייסט ער, אַז בײַ אַזאַ כאַלאַס, ווי בײַ מיר, דאַרף מען ווי ווײַט מעגלעך אויסמײַדן איבעריקע רייד, מיט דער צײַט וועט זיך עס אַליין פאַרהיילן.

■

איצטער וואָלט איך וועלן, אַז שיינדל זאָל מיך זען. כאָטש עס שטערן מיר אַ פּאָר קלייניקײַטן. ערשטנס, ווייס איך ניט, וויאַזוי. איר דערציילן וועגן מײַן שײַכעס צו סענדערױוקע. און זי ווייסט, אַז איך האָב ליב ריידן וועגן זאַכן אָפן און ניט פאַרשטעלט. צווייטנס, האָב איך מוירע, זי זאָל אַף מיר ניט דערקענען, אַז מיט סענדעריוקע איז עס בײַ מיר צוגעגאַנגען צו אײַליק און צו ניט באַטראַכט.

אויב אַ מענטש געפינט פאַר מעגלעך אָדער פאַר נייטיק מאַכן אַזאַ מין שריט אין לעבן, דאַרף ער זיך מיט עפּעס פילן באַנײַט, און איך בין די זעלבע פאַרשטויבטע און אָפּגעבליאַקעוועטע שטיקל סטאַריזשנע, ווי געווען. עפּשער נאָך ערגער. די אינווייניקסטע געפאַלנקײַט, וואָס האַלט דערווײַל אין איין וואַקסן, ברענגט צו דעם, אַז די פאַרדאַרטע סטאַריזשנע זאָל ווערן גליטשיק און צעוויקעט. ווי באַם שוסטער אין פּאָמעניצע.

אַף איין רעגע טוט זיך מיר אַ דאַכט, אַז איך פיר מיט פאָליען אַ וויקועך. איך רעד און נעם זיך די רעכט צו ריידן מיט איר האַרבע ווערטער:

„פאָליע, באַ אײַך זײַנען די דירעס גרעסערע ווי באַ שיינדלען, פאַרוואָס פאַרבסטו ניט אויס די פאָלן אַזוי, ווי זי? פאַרוואָס וואַקסט באַ דיר ניט קיין ביימעלע אַנטקעגן פענצטער, נאָר פאַרקערט, דאָס סעדל, וואָס שטייט באַ אײַך פון יאָרן הינטער דער שטוב, איז אויך פאַרוויסט און פאַרלאָזן? פאַרוואָס מאַכסטו ניט, אַז די זון זאָל אַרײַן צו דיר אין שטוב? ווו זײַנען אײַערע הענט?"

נאָר ס'איז אַ ליגן. איך קלער עס איר ניט זאָגן. ווען יאָ, וואָלט איך דאָך גלײַך אין דער זעלבער רעגע געדאַרפט ריידן די אייגענע רייד מיט זיך אַליין. איך האָב דאָך אויך הענט, וואָס מע קאָן מיט זיי קערן וועלטן. מע דאַרף זיי נאָר אונטערגעבן אַ ביסל מערער מוט און פרייַלעכקײַט, דאַן וואָלט אין אונדזער גאָרטן ניט געווען אַזאַ פאַרלאָזנקײַט און אַף אונדזערע פענעמער — אַזויפיל פאַרצווייפלונג.

שיינדל האָט זיך ווי אַפּצולאָכעס ניט געוויזן, ניט אַפן גאַנעק, ניט אין פענצטער. זי האָט אָדער ניט געוווּסט, אַז איך קוק אַף איר אַרויס, אָדער זי האָט אומיסטן אַזוי געמאַכט, איך זאָל זי ניט זען, און אַליין האָט זי געשפּירט נאָך יעדן טריט נאָך מײַנעם. אַף איר איז עס צו גלייבן.

¹ — איר זײַט פרײַ (רוס.).

זי קאָן די מעלאָכע. ווען זי זאָל אָבער וויסן, אַז איך האָב נאָך איר דאָס מאָל געבענקט מער ווי ווען־עס־איז.

— אַ גוט־העלף, צי ס'איז שוין באַלד אַ גוט־אָוונט. איר גייט אַהיים? קומט, וועלן מיר גיין אינאיינעם.

איך האָב פֿון דער גרינג אַ ציטער געטאָן, ווי עמעצער וואָלט מיך געכאַפּט בײַ ניט קיין קאָשערן איניען.

ווער איז די פֿרוי אין דער גרויסער ווינטערדיקער שאַל? פֿאַר אַן אַלטער ייִדענע האָט זי נאָך אַ צו יונגע טאַליע און צו אַ גרינגן גאַנג. און פֿאַר אַ יונג ווײַבל איז בײַ איר צו אַלט דאָס פּאָנעם און צופֿיל אויסגעלאָשן דער בליק.

אַנדערע בײַ אונדז אין שטעטל קענען זי נאָך ניט אַקוראַט. מע ווייסט נאָך ניט, ווער זי איז. נו, ס'איז קיין כידעש ניט. זי איז דאָך ניט קיין היגע. דאָס איז דאָך יאַנקעוו־בער דעם האַרבערס צווייט ווײַב. אָט־אָ איך וואָלט שוין פֿון איר דאַרפֿן וויסן מערער. מיט מיר קער זי זיך עפּעס אָן. מיר זײַנען מיט איר צוויי מאָל פֿרײַנט און עפּשער דרײַ מאָל, אויב ניט מערער. ערשטנס, איז זי מײַן שוועסטערקינדס אַ ווײַב. צווייטנס, איז זי צו אים געקומען אָנשטאָט זײַן יונג פֿאַרשטאָרבענער בײילקען, און יענע איז געווען שיין, לעבעדיק און הייס, ווי אַ שטיק פֿײַער. איך האָב לעם איר קיינמאָל ניט געקאָנט לאַנג אויסהאַלטן מײַן גלײַכגילטיקע מינע. איצט איז דאָס ווײַבל אַ קאַנדידאַט אָף בײילקעס אָרט. און ווײַטער. ווײַטער איז דאָס דאָזיקע ווײַבל סאַכאַקל אַן אייגענע שוועסטער פֿון די צוויי מיידעלעך אין סענדעריוועקע, צו וועמען איך האָב זיך הײַנט צוזאַמען מיט דער שוואַרצער געלאָזט גיין און ניט דערגאַנגען. איינע הייסט פֿאַליע, די צווייטע — מילקע, און זייער קאָוועד (וואָס־וואָס, נאָר זייער קאָוועד) דאַרף בײַ מיר זײַן אָפּגעהיט. פֿאַרוואָס זשע זײַנען מיר מיטן דאָזיקן ווײַבל אַזוי פֿרעמד צווישן זיך?

— איר זײַט שוין לאַנג פֿון סענדעריוועקע? — פֿרעגט זי מיך נאָך אַ קורצן שווײַגן.

און איך ענטפֿער איר.

איך ענטפֿער איר, אַז איך קלײַב זיך די טעג אַהינצו גיין.

אָבער דאָס זײַנען ניט די ריכטיקע ווערטער, וואָס גייען פֿון מיר צו איר. פֿון מיר צו איר שפּאַרט זיך אײַנגעאַקשנט אַ פֿראַגע אַ גראָבע, נאָר ביז גאָר אַ באַרעכטיקטע:

ווי? ער שלאָפֿט מיט אײַך אין איין בעט, מײַן שוועסטערקינד? און איר ווערט בײַ אים פֿויגלען, ער זאָל אײַך אַרומנעמען און נאָך עפּשער כאַלילע קושן אויך נאָך אַזאַ ווײַב, ווי ער האָט געהאַט? עמעס, איר קענט זי עפּשער ניט. אָבער מיר האָבן זי דאָך געקענט...

און איך פֿיל, אַז איך טאָר פֿון אַזעלכע זאַכן ניט קלערן. און דערום פֿרעג איך זי בעסער, צי מײַן שוועסטערקינד אַרבעט שוין לאַנג אין אַרטעל און צי טראָגט עס אַרײַן צום לעבן.

זי ענטפֿערט מיר דאָרטן, ווי זי קען און וויפֿל זי פֿאַרשטייט אין די זאַכן, און מיר זעגענען זיך בײַ איר גאַנעק, וואָס איז צוויי טריט פֿון אונדזערן.

— קומט אַמאָל אַרײַן, — זאָגט זי צו מיר.

און זי האָט מיט מיר אַזוי ווינציק גערעדט פֿון אירע שוועסטער. בלויז די קלענערע האָט זי ווי דערעך־אַגעוו דערמאָנט. די קלענערע איז טאַקע זייער איטלעכנס ליבלינג, און אַפֿילע זי ווייסט, אַז זי דאַרף זיך לערנען.

— מילקע דאַרף זיך לערנען. ווי דען? ס'איז פֿאַר איר אַ טאַכלעס זיך פֿאַרזיצן דאָ אין סלאָוועשנע?!

יאָ, יאָ, איך ווייס, אונדזער שטאָט געפֿעלט זיי קיינעם ניט. זיי האָבן אָף איר צונעמעניש און כעסרוינעס. און אָנשטאָט פֿאַרקערעווען אין שטוב אַרײַן גיי איך צו צום שטאַל־טויער. דאָרטן דאַרפֿן שטיין ביידע בעהיימעס — אי דער מאַמעס בעהיימעלע, די רויטלעכע, אי מײַן באַרדאַס — די שוואַרצע, מיט וועלכער מיר האָבן הײַנט געמאַכט ניט קיין געלונגענעם שפּאַציר.

די שטאַל איז אָבער געווען ליידיק. די בעהיימעס, לאָזט זיך אויס, זײַנען גאָר ביידע געווען לעם שטוב און געגעסן פֿוילע.

מײַנע האָט אָף מיר אַ קוק געטאָן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַפֿילע זי ווייסט, וואָס סע קאָכט זיך בײַ מיר אָפּן האַרצן.

שוין צײַט, כלעבן, זיך נעמען אין די הענט. איר זײַט דאָך ניט קיין קליינינקער!

איך האָב אַ גלעט געטאָן איר וואַרעמע פֿעל און שיר ניט צוגעזאָגט אי זיך, אי נאָך עמעצן, ווער ס'איז ניט אינגאַנצן גלײַכגילטיק צו מײַן גוירל:

אָף מײַן וואָרט, איך פֿיל שוין אַליין, אַז ס'וועט איינגיכן אַלץ איבערגיין. סאָפֿקאַלסאָף בין איך ניט קיין בעניאַכיד בײַ גאָט און אַפֿילע בײַ מײַן מאַמען אויך ניט. נאָך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך...

ווען איך ווילֿ, קאָן איך זיך ארויסקלײַבן מיט די סענדעריווקער אהערצו. איך וועלֿ זיך באמיִען מיט אלֿע קויכעס, ס'זאָלֿ זיי דאָ ניט זײַן שלֿעכט. איך קאָן אפילֿע דינגען א דירע, מיר זאָלֿן ניט דארפן וווינען בא די עלֿטערן.

כ'האָב עס ניט געוואָלֿט עמעצן זאָגן, נאָר אין דער רעגע איז ארויס דער טאטע מיט די לֿיידיקע עמער, מיסטאמע צום ברונעם נאָך וואסער. ער האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט, איך אים אויך גאָרניט. מיך האָט נאָר זייער פארדראָסן, וואָס איך קאָן בא אים ניט צונעמען די עמער און אלֿיין א שפרונג טאָן צום ברונעם. איצט פאסט שוין ניט. ער'ט זיי מיר פאָשעט ניט געבן. נאָר ווו בין איך פריִער געווען?

און איך בין פונסנײַ, ווי אן אָנגעוואָרפענער און אן איבעריקער, אוועק צו זיך אין שטוב ארײַן.

■

דעם זעלֿבן אָוונט זײַנען געקומען צו אונדז אי שיינדלֿ, אי מוישע.

קאָן זײַן, אז מוישע איז געקומען טאקע צו מיר. מיר האָבן זיך שוין לֿאנג ניט געזען. און איך שטעטלֿ גלֿוסט זיך אויסריידן מיט עמעצן א וואָרט. און עפשער האָט ער געוואָלֿט זען פריידקען אן איבעריק מאָלֿ. וואָס איז? ס'קאָרטשעט אים ווינציק?

ווען פריידקע קנאסט זיך מיט עמעצן, וואָלֿט שוין מוישע אויך ווי־עס־איז כאסענע גע־האט. ער וואָלֿט שוין געקאָנט לֿאנג כאסענע האָבן, נאָר ערווארט, ווײַזט אויס, טאָמער וועט אים פריידקע ווײַזן א גוטע מינע. קאָן זײַן, אז ווען ער איז ניט אזא שטילֿער, וואָלֿט ער מערער געפויעלֿט.

שיינדלֿ איז אדעראבע געווען צופרידן, וואָס זי גייט מיט מוישען: צו אונדז איז ווײַט, און אין אָוונט איז אָנגענעם גיין אינצווייען. איר איז נאָר שווער, ביז זי רײַסט זיך ארויס פון שטוב. קוים איז זי שוין ארויס, גייט זי וווהין זי ווילֿ און מיט וועמען זי ווילֿ. אײַ, דער טאטע קאָן איר דערנאָך ווארפן א שטיוולֿ אין קאָפ, איז זי דאָך ניט שולֿדיק. מע זאָלֿ געווען בא איר פרעגן, ווער סע זאָלֿ זײַן איר טאטע, וואָלֿט אלֿצדינג געווען אנדערש...

אונדזער „אווי“ (אבי), ווי מיר פלֿעגן אים רופן (דאָס הייסט, אונדזער טאטע), האָט דאפקע לֿיב, אז ס'קומען צו אונדז אמאָלֿ יונגעלֿײַט אין שטוב. ער האָט לֿיב אמאָלֿ זיך צוזעצן, אָנשטעלֿן אן אויער, און אפילֿע ארײַנווארפן א וואָרט. די לֿעצטע צײַט האָט זיך בא אים אײַנגעבירגערט איין פראגע. אז ער באגעגנט מײַנעם א כאווער אָדער גלֿאט א יונגנמאן, מעג עס זײַן אן אָנגע־פאָרענער פון דער ווײַט, שטעלֿט ער אים אָפ און פרעגט אים מיט א פאָרגעפילֿ פון ניצאָכן:

— זאָגט זשע מיר, איך בעט אײַך, איך ווילֿ אײַך נאָר פרעגן איין זאך: איר ווייסט שוין טאקע אף געוויס, אז ס'איז ניטאָ קיין גאָט אף דער וועלֿט?

און ער איז עפעס אזוי צופרידן מיט זיך אלֿיין און מיט דער פראגע.

ער אלֿיין איז ניט איבעריקס קיין פארפרומטער, פונדעסטוועגן קוקט ער ארײַן דעם גע־פרעגטן גלֿײַך אין פאָנעם ארײַן און זאָגט אים אָפ זײַן לֿאנג צוגעטראכטן געדאנק:

— אז די באָלֿשעוויקעס אלֿיין זײַנען דאָך אויך פון גאָט!

די מאמע רופט אים אָפ אין אזעלֿכע פאלֿן.

— לֿייבלֿ, — זאָגט זי, — קום, וועלֿן מיר ארויסטראָגן די פוילֿעס.

זי ווייסט, אז די יונגעלֿײַט זײַנען ניט געקומען צו אים. און טאָמער קומט עמעצער אפילֿע צו אים, איז אויך ניט נאָך דערוף. אײַ, גאָט? איז ער דאָך דערוף א גאָט, ער זאָלֿ אלֿיין זײַן שטעטלֿ באשטיין.

פריידקע איז געקומען פון דער ארבעט און אונדז איטלֿעכן אָפגעגעבן א גוטנאָוונט, נאָך איידער זי האָט, א פארזשמורעטע פון דער שטוביקער שײַן, פאנאנדערגעקליבן, ווער סע זיצט בא אונדז.

אז פריידקע קומט, קומט ראָכעלֿע אויך.

ראָכעלֿע איז אין קינדערהיים דעם גאנצן טאָג, און אפדערנאכט קומט זי איניינעם מיט פריידקען אהיים.

— אָ! — האָט ראָכעלֿע א שפרונג געטאָן צו מיר און מיך ארומגענומען. — דו האָסט אָפ־געפירט די בעהיימע און אלֿיין ביסטו געקומען צוריק?

— ניין, — זאָג איך, — מיר זײַנען נאָך ביידע דאָ.

פריידקע האָט ניט פארשטאנען און מיך אויך אָנגעקוקט.

אבי מיר האָבן געמיינט, אז די גאנצע שטאָט און אפילֿע די שכײנישע שטעט ווייסן שוין, וויִאזוי מע האָט מיך הײַנט אומגעקערט.

אויב אזוי, קאָן זיך מאכן, אז שיינדל ווייסט אויך ניט פון קיין זאך און מוישע אויך ניט. מאכטייסע. אויב אזוי, איז טאקע נאָך בעסער.

די מאמע האָט ליב מיט עפּעס מעכאבעד זייַן, ווער עס זאָל ניט קומען. האָט זי ארויסגענומען פון אויוון א טעפּל קייעכעס (פּשעניטשקעס), אָפּגעזייַט און אוועקגעשטעלט דעם גאנצן טאָפּ אפן טיש. קייעכעס איז שוין אזוי אייַנגעפּירט, אז מע עסט זיי גלייַך פון טאָפּ. זומער זייַנען די קייעכעס זיסע, ווינטער שמעקן זיי מיט טשאָלנט, נאָר סע מאכט ניט אויס. ווען פּאָליע מיט מילקען זיצן דאָ, וואָלטן זיי געזאָגט א ווערטל און וואָלטן אויך געגעסן.

און אזוי זיצן זיי, נעבעך, דאָרטן אליין און רעכענען אויס, וועלכע גוטע וועטשערעס קאָנען געמאָלט זייַן אף דער וועלט... סע קאָן זייַן, אז אין שטוב איז פינצטער און זיי ליגן שוין אין די בעטן — אז סע ניטאָ וואָס צו עסן, זוכט מען זיך אייצעס, וויִאזוי מיט עפּעס צו פארקירצן די צייַט...

נייך, קינדער, מע מוז עפּעס באטראכטן, אז איר זאָלט זיך פארשפּאָרן לייגן הונגעריקע שלאָפן!

— פון וואָס זשע האָבן מיר זיך אזוי פארקלערט? — האָט מיר שיינדל איבערגעשלאָגן די מאכשאָוועס.

— איך קלער, אז ס'שוין דיר צייַט, קיין אייַנהאָרע, אזא גרויס מיידל, קומען צו עפּעס א טאכלעס.

— פריידקע, מע מעג אים אָנדרייען דעם אויער?

— וואָס פרעגסטו מיך? פרעג אים!

פארטיק געוואָרן מיט די קייעכעס, זייַנען מיר אלע אופגעשטאנען, און מיר זייַנען אוועק אין מייַן עקסטן אלקערל. דאָרטן איז אפילע אָן א לאָמפּ אויך גוט צו פארברענגען, און אונדזערע כאוויירים ווייסן שוין פון דעם.

דאָרטן זייַנען מיר איצט געזעסן אף די אייַזערנע בעטלעך און סע האָט זיך בא אונדז אָנגעהויבן א שמועס. מיר האָבן זיך עפּעס צערעדט פון כאנקען, אָט דעם שיינעם בלייכן מיידל, מיט וועלכן מיר זייַנען פאראיאָרן געגאנגען אינייגעם קיין סענדעריוּוקע.

איז זי טאקע שלאף, כאנקע, און שטארק שלאף.

שיינדל דערציילט, אז ס'זייַנען שוין געווען טעג, ווען מע האָט זיך אף איר ניט געריכט.

— פארוואָס זשע איז עס אזוי, — פרעגט מוישע, — פארוואָס איז אין אונדזערע קליינע שטעטלעך אזוי אייַנגעפירט, אז מע טושקעוועט אזוינע זאכן?

— וואָס ווייסט איר דאָ ניט? — האָט אים שיינדל מיט איר שטענדיקן קוויטש געענטפערט. — ס'קאָן שאטן צו א שידעך!

— ברענגט מען צו איר ניט קיין דאָקטער און מע פירט זי ניט אף קיין דאטשע, אלץ צוליבן שידעך.

און שיינדל דערציילט, וויִאזוי מע ברענגט אמאָל צו איר א זנאכערקע און מע פארשטעקט זיך מיט איר אין די ווייַטע כאדאָרים און מע סוידעט זיך און מע שושקעט זיך, און כאנקע לייַדט זיך אָן פון דעם וויפל סע גייט אין איר ארייַן.

— טאָמער פעלט איר נאָך א צוגאָב צו איר קרענק!

א מאָדנע זאך, מיר זשאלעווען כאנקען, נאָר יעדערער בא זיך אין הארצן לעבט איבער באנאנד מיט די מיטלייַד־געפילן עפּעס א מין באפרידיקונג, וואָס מע איז אליין אויסגעהיט פון די זנאכערקעס, פון די הוסטנדיקע נעכט, פון די קליינע פארשאָלטענע מיקראָבן, וואָס צעפרעסן די לונגען. און אליין איז זי דאָך אזא שיינע, אזא ערנסטע און אזא בלייכע.

— וואָס מאכט זי איצטער?

— איצטער איז זי נישקאָשע. ווינטער איז איר ביכלאָל גרינגער.

אזוי זיצן מיר אף די בעטן, אזוי רעדן מיר זיך, ווי מיר וואָלטן דעם רעכטן שמועס נאָך ביכלאָל ניט אָנגעהויבן. און דאָ דערהערן זיך טריט.

— אהער, קינדערלעך, אהערצוצו, — הערן מיר דער מאמעס קאָל, און סע עפנט זיך די טיר און סע קומען ארייַן סאמע ווער? כאנקע, מיט איר ייִנגסטן ברודערל, מיט ארעלען.

אליין איז כאנקע א הויכלעכע, אן איידעלינקע. די באקן אונטערן ווייַסן שאלעכל זייַנען פארויטלט, די אויגן — גרויסע, שיינע.

— זע נאָר, איר זייַט אלע דאָ?! — האָט זי א צופרידענע אויסגערופן מיט איר שלאפלעכער דינער שטים. — ווייסט וואָס, ארעלע? קאָנסט גיין אהיים. איך וועל שוין האָבן מיט וועמען צו קומען.

און ארעלע, דאָס זעכצניאָריקע באָכערל, אויך א שעמעוודיקער און א ווילער, האָט געענטפערט:

— גוט.

אָנשטאָט א גוטע נאכט, האָט ער, דוכט זיך, געזאָגט „דאָסווידאַניע”, און איז אַליין רויט געוואָרן. נאָר אַזוי ווי ס'איז געווען פינצטער אין צימער, האָט עס אים שוין ניט אַזוי שטאַרק געאַרט.

איך האָב געבעטן בא כאַנקען, זי זאָל אויסטאָן דעם מאַנטל, האָט זי געענטפערט:

— א דאַנק, מירן דאָ לאַנג ניט זיצן.

— פאַרוואָס עפּעס „מיר”? — האָט זי שיינדל איבערגעפרעגט.

און כאַנקע, פאַרשטייענדיק איר גרייַז, האָט זיך דאָך ניט געוואָלט אונטערגעבן און א זאָג געטאָן מיט א שמייכל:

— דערפאַר. וואָרעם, אַז איך וועל אַוועק, וועט אייַך שוין ניט פּאַסטן בלייַבן.

— אַזוי־וי־וי? — האָט שיינדל אויסגעזונגען מיט איר געוווינטן קוויטש.

כאַנקע איז דאָך בא איר די נאָענטסטע כאַווערטע, און דאָך וועט זי ניט אייַנלאָזן די געלעגנהייַט זיך אויסשפּייַען אַפילע אַנטקעגן איר.

כאַנקע, ווען איך קאָן דיך צוטוליען נאָענט צו מייַן האַרצן...

איך וואָלט איצט קיינעם ניט וועלן האָבן דאָ אין צימער. איך וויל זיצן מיט איר אינצווייען און אַרויסווייַזן מייַן גאַנצע וואַרעמקייַט און איבערגעגעבנקייַט צו איר. עמעס, זי מיר האָט קיין איבעריקע צוגעלאָזנקייַט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן. א סאַך מאָל האָט מיך אַפילע באַליידיקט דער געדאַנק, אַז זי האַלט פון מיר ניט, און דערפאַר האָט עס מיך געקרענקט, ווייַל זי איז איינע פון די געציילטע מענטשן, וואָס איך וואָלט גראַדע וועלן, זיי זאָלן פון מיר האַלטן.

שיינינקע, אײַדעלינקע כאַנעלע, מיר האָבן וועגן דיר נאַרוואָס גערעדט און דיך אַפילע באַרעדט.

— איך בין געקומען צו אייַך, — האָט כאַנקע א זאָג געטאָן, זיך ווענדנדיק צו מיר.

דאָס, וואָס זי אירצט מיך, איז אויך א סימען, אַז זי האַלט זיך ווייַט פון מיר, אָבער דאָך איז זי געקומען צו מיר און ניט צו עמעצן אַנדערש, און מיר האָט פּלוצעם א שמעק געטאָן יענער זומערדיקער אײַנדערפאַרי דאָרטן אין סענדערויוקע. דענסטמאָל האָט זי ניט געדאַרפט קיין ווינטערדיקן מאַנטל און איך האָב אַפילע ניט געוווּסט, אַז זי איז שלאָף.

— קומט, — האָב איך איר געזאָגט.

— א סאָד? — האָט שיינדל ווייַטער ניט אויסגעהאַלטן.

— און אויב אַפילע א סאָד, איז וואָס? — האָט איר כאַנקע געענטפערט. און מיר זייַנען אַרויס אין עסצימער.

איך האָב א ביסעלע אויסגעדרייט דעם לאָמפּ, געגעבן כאַנקען א בענקל און זיך אַליין אויך געזעצט.

און ערשט דאָ האָט זיך כאַנקע פונסנייַ פאַרויטלט און זיך אָנגערופן:

— איר זאָלט פון מיר נאָר ניט לאַכן, און זיי דאַרף מען אויך ניט דערציילן גאָרניט. א דייַגע, זאָלן זיי מיינען, אַז ס'איז א סאָד... איך לייען איצטער נאָכאַמאָל גאָרקין, איצט זע איך, אַז מיר האָבן פריִער געלייענט גלאַט אין דער וועלט אַרייַן... איצטער ווילט זיך שוין פאַר־שטיין יעדע זאַך טיפער. אַט, צום בייַשפּיל, „פעסן אָ סאָקאָליע”, דאַפקע א קליינע זאַך... איר מיינט עפּשער, אַז איך פיל עס ניט? איך פיל עס אויך, נאָר ווען איך דאַרף וועגן דעם רעדן, וואָלט בא מיר ניט געסטייַעט קיין ווערטער. איר פאַרשטייט? — האָט כאַנקע א זאָג געטאָן, און אַף איר פּאָנעם האָב איך דערקענט, אַז סע פעלט איר אָטעם. אָט־אָט צעהוסט זי זיך, נאָר זי האַלט זיך אייַן. זיך אייַנהאַלטן און ניט הוסטן פאַר יענעם איז, ווייַזט אויס, בא איר געוואָרן א קענטעניש.

איך האָב געקוקט אַף כאַנקען, ווי אַף א קינד, וואָס פאַלט אַרייַן אין סאָלידקייַט. איך האָב געשוויגן און זי געלאָזט שווייַגן. פאַר מיר איז בעפּיירעש געווען א גרויסער קאָוועד איר צו־טרוי צו מיר און איר זיכערקייַט, אַז בא מיר וועט זי קריגן אַן ענטפער אָדער א דערקלערונג אַף די ערטער, ווו איר אַליין איז שווער זיך פאַנאַנדערצוקלייַבן. און אַז זי גייט צו מיר, איז זי דאָך גאָר ניט אַזוי ווייַט פון מיר, ווי איך האָב ביז איצט געמיינט. איך האָב שיר ניט געוואָלט צו איר אָנהייבן ריידן אַף „דו”, און איר אַפילע פאַרציִען דעם נאָמען, נאָר איין זאַך איז וועלן, א צווייטע זאַך איז מעגן...

— אויב איר וועט דערלויבן, — האָב איך געענטפערט, — וועל איך אָנשרייַבן אַף פּאַ־פּיר, ווי־אַזוי איך פאַרשטיי, וואָס גאָרקי האָט געמיינט מיט זייַן „פעסן אָ סאָקאָליע”... און איך וועל עס אייַך דערנאָך איבערגעבן. איך וועל עס אַפילע קענען אַליין ברענגען.

און דאָס געדענק איך שוין ניט, צי איך האָב געזאָגט, צי נאָר געוואָלט זאָגן:

כאַנעלע, מייַן קרוין, מיר ביסטו ניט קיין סאָקאָל, מיר ביסטו א ליבע טויב, א שטילע און

א שיינע. ס'נאַר א שאָד, וואָס דו וואקסט אין סלאָוועשנע אין אזא ענגשאפט און האָסט ניט ווו צו פאנאנדערשפרייטן דײַנע פליגל.

אז זי איז אוועקגעגאנגען און אז אלע זײַנען זיך צעגאנגען, האָב איך שוין, ווײַזט אויס, אפן געלעגער געקלערט אלערליי געדאנקען.

„כאנעלע, ווען איך מעג דיך ארומנעמען און דיך טוליען צום הארצן! ס'קאָן ניט זײַן, זאָלסט ניט זײַן קיין מיידלש־ווארעמע; קיין צאפלדיקע און קיין ליבע... און געזונט?.. דאָס איז עמעס, וואָס דײַן טאטע און דײַן מאמע האָבן פון דיר עס באהאלטן. זיי האָבן, נעבעך, גע־מיינט דײַן טויווע. ס'זאָל דיר ניט שאטן צו קיין שידעך. קעצעלע, ווען איך בין דײַן ברודער, וואָלט איך דיר עפשער אָפטער געעפנט א פענצטער, זאָלסט האָבן מיט וואָס צו עטעמען. אָט־אָ האָב איך הײַנט געקוקט אף דיר, ביסטו דאָך א קינד מיט אלע אייוורים. איז צי דען שוין טאקע אזוי שווער ארײַנצובלאָזן אין דײַנע יונגע גלידער א ביסעלע מערער געזונט און מערער לעבן?..“

קאפיטל זיבן

אָן טאם

פאַליע, איך גיי צו דיר.

איך בין איבערגעזעסן אין שטעטל מער ניט ווי צוויי־דרײַ טעג, און איך גיי צוריק צו אײַך.

ווען איך פרעג באם טאטן און בא דער מאמען, וואָלטן זיי אויך געזאָגט, אז איצט איז שוין פארפאלן.

וואָס האָבן מײַנע טאטע־מאמע, אייגנטלעך, צו דערלייגן? דער יִכעס איז פאר זיי צו קליין? צי די קאלע וועט זיי ניט געפעלן?

און איך אליין? מיט וואָס האָב איך זיך צו ווארפן? זיי זײַנען דען ניט שענער און אָנ־שטענדיקער פון מיר אין אלע פראָטים? נאָר דאָ האָט זיך ארײַנגעמישט א געפיל, וואָס דער־ציילן האָב איך וועגן אים געהערט, נאָר אליין האָב איך אים קיינמאָל ניט פארשטאנען:

„אָן טאם“.

מײַן נײַע היים איז פאר מיר אינגאנצן אָן טאם.

פאַליע און מילקע זײַנען אף מיר דאפקע מעווינים, און גוטע מעווינים, כאָטש פאַליע גע־פינט אף מיר קעסיידער א זכוס. פאַליע, ווען זי האָט א צוטריט צו לערנען, צו גארקין אָדער צו אנדערע גרויסע מענטשן, וואָלט זי געמאכט אזוי, אז מע זאָל מיך איבערנעמען אין א גרוי־סער שטאָט, מע זאָל מיר געבן גוטע לערערס און מיך לערנען וואָס איך וועל אליין וועלן; א דאָקטער, זאָל זײַן א דאָקטער, א שרײַבער, זאָל זײַן א שרײַבער, און אויב א לערער, מאכט אויך ניט אויס. דערנאָך וואָלט זי ערשט זען, וואָס פון מיר קאָן ווערן. פאַליע האלט, אז די שטעטלעך האָבן אוועקגעקוילעט א סאך יונגע מענטשן. מילקע, אויב זי וועט בלײַבן אין שטעטל, איז זי אויך א פארפאלענע...

אף איצטיקס מאָל האָבן קיינע פורן מיך ניט באגעגנט און קיינע מענטשן ניט אָפּגעג־שטעלט. דער וועג איז שוין פאר מיר אן אויסגעטראָטענער. די ווערסטן בלײַבן הינטער מיר ווי פארגעסענע, ווי אומבאמערקטע, און איך טאָפטשע דעם שניי, ווי עמעצער וואָלט מיך געדונגען דערויף. אזוי לאנג, אזוי גרויס, ווי אָט איז שוין ווײַטער סענדעריוקע, אָט זײַנען שוין די יידישע הײַזער. נאָך א ווײַלע, — בין איך לעבן דער באקאנטער שטוב, וווהין איך דארף, דוכט זיך, פארגיין. אינטערעסאנט, צי קוקט מען דאָרט אף מיר ארויס?

פאַליע האָט מיך די ערשטע דערזען און אויסגערופן א פריילעכע:

— מילקע, קום נאָר אהער! וואָס האָב איך דיר געזאָגט? איך האָב דיר אָבער געזאָגט, אז ער וועט הײַנט קומען?!

פאַליע האָט זיך מיט מיר געקושט, מילקע האָט זיך אפצוקלוימערשט ניט געלאָזן, נאָר מיר האָבן זיך מיט איר אויך צעקושט.

— אײַ, גייט, איר מעגט זיך שעמען אין אײַער ווײַטן האלדז. אומזיסט־אומנישט געכאפט אן אווירע!

— אײַזיקל, גלייב איר ניט. זי האָט דיך ליב, אזוי ווי א טוירעלע. דעריקער, אז זי דער־מאָנט זיך אינעם פידל, דענסטמאָל קאנסטו מיט איר טאָן אלץ וואָס דו ווילסט.

— אַט־אַ באַלד צעיאָג איך זיך!.. אוי, אוי, גוואַלד, הערט שוין אוף דאָרטן פּוצן די שפּראַך. טאַקע איר ביידע! סע שלאָגט דאָך אַ מינוט צום כאַלעשן. ביסט אַ מיוון, ווי מע האָט זיך עס אַ ביסל צערעדט?!?

— איַיזיקל, — מאַכט צו מיר פֿאַליע, — מיר זײַנען דאָך אַזוי רײַך, מאַמעש אָפּגעגאָסן! פֿאַראַן פּוטער, פֿאַראַן פֿלעצל און אַפֿילע אַ גאַנצע הרודקע צוקער. וואָס? דו האָסט אויך גע־בראַכט צוקער? נו, אויב אַזוי, זײַנען מיר שוין באַזאָרגט אָף צוויי וואָכן דורכאַנאַנד! מיינסט, ווען מיר האָבן צו פֿאַרדאַנקען? אָט קוק זי אָן! עליע־לייב האָט דאָך איר ווײַטער געלאָזט גריסן.

— שוין ווײַטער? האָסט געהערט אַ ביסל?! אוי, איך טו, דוכט זיך, באַלד אָן די שאַל און גיי אײַנגאַנצן אַוועק פֿון שטוב. געקומען אַזאַ גאַסט, נעמט זי מאַכן אַזעלכע געשעפֿטן.

— ניין, איַיזיקל, איך וועל דיר טאַקע זאָגן דעם גאַנצן עמעס. מיר האָבן שוין געקלערט, אַז דו וועסט אײַנגאַנצן ניט קומען.

— זע נאָר, זע נאָר אַ לאָשן. אוי, מע קאָן כאַלעשן. אַזוי ווי די קליינע קינדער. רעב איַיזיק, הערט זי ניט. קומט בעסער לאָמיר זיך זעצן עסן, און אַן עק.

— מילקעלע, וואָס ביסטו אים אַזוי געטרײַ? ער קאָן דאָך מיינען טאַקע מיט אַן עמעס!

— נו, איז מיר אַ קראַץ. זאָל ער מיינען.

— קינדער, איר וועט מיך לאָזן צעוואַשן די הענט?

— זע, זע, — האָט מילקע אויסגעשאָסן אַ פֿריילעכע פּונעם גאַנצן געשפּרעך, — ער איז דאָך נאָך אַ צוכט אויך צו די צאָרעס. ניין, ניין, איר זײַט פּאַשעט אַ קולטורעלער. קומט, וועל איך אײַך שוין אופגיסן, מיילע, זאָל הײַנטיקס מאָל מײַנס איבערגיין...

אַדאַנק עליע־לייבן, אַדאַנק מײַן קומען פֿון דער הײם האָבן מיר טאַקע געגעסן אַ גוטן וואַרמעס, כאָטש ניט קיין געקאָכטן. געקאָכט איז נאָר געוועזן די קאַווע, דאָס הייסט דער הייסער אָקרעפּ, וואָס מיר האָבן געטרונקען, אָן טיי און אָן ציקאָריע, אָבער דערפֿאַר מיט צוקער.

— איצטער, מילקעלע, לאָז ער זיך צולייגן אָפּרוען. ער איז דאָך באַ אונדז אַ בעניאָכיד. מילקע איז ערגעץ אַוועק מיט די ביכלעך, און פֿאַליע האָט פֿאַרקייטלט די טיר און זיך צוגע־לייגט לעבן מיר אַ היפּשע, אַ קילע, נאָר דערפֿאַר אַ יונגע און אַ געטרײַע. זי האָט מיך אַרומ־גענומען, האָב איך פֿאַרמאַכט די אויגן און געקלערט, אַז אומזיסט זינדיקט אַ מענטש. ס׳דאָך מיר גאָר ניט אַזוי שלעכט, און דאָס, וואָס בוזיע שטייט מיר פֿאַר די אויגן און פֿון די לעבע־דיקע — כאַנקע, מאַכט אויך ניט אויס. אויב מירן נאָר איבערפֿאָרן קיין סלאָוועשנע, וועלן מיר כאַנקען זייער שיין אופנעמען. צו אונדז איז שטוב וועלן האָבן אַן אַרײַנגאַנג אַ סאַך יונגע מענטשן און זי אויך.

— איַיזיקל, דו קלערסט פֿון עפּעס צי דו שלאָפֿסט? — האָב איך דערהערט אַ שטיל פֿאַר־שעמט קאָל.

— וואָס איז, פֿאַליע?

— איך וויל, זאָלסט מיך אַ קוש טאָן. אַז מיר זײַנען אַמאָל, ניט הײַנט געדאַכט, געזעסן באַ אונדז אָפֿן גאַנעק, פֿלעגסטו מיך, דוכט זיך, קושן, דו ווייסט? איך האָב דיר דענסטמאָל ניט אויסגעזאָגט, נאָר ס׳איז מיר געוועזן זייער צום טאַם.

— דו וויינסט? — האָב איך זי אַ פֿרעג געטאָן. מײַנע ליפּן האָבן אָנגערירט אַ נאַסע באַ־טרערטע באַק.

— איַיזיקל, וואָס איז דען? מיינסט, אַז איך וויין? מײַן האַרץ וויינט...

— טאָ זאָל דײַן האַרץ וויסן, אַז איך האָב עס ליב, און זאָל עס דיר זאָגן, פֿאַרוואָס עס וויינט.

— איַיזיקל, מײַן האַרץ זאָגט, אַז אים האָסטו טאַקע ליב, נאָר מיך וועסטו ניט ליב האָבן. דו וועסט עס קיינמאָל ניט קענען טאָן, און ס׳ניט גוט, וואָס מיר נאַרן זיך.

איך האָב נאָכן קורצן שווײַגן געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, האָט זי מיר אָבער פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס מויל:

— מע דאַרף ניט, איַיזיקל, מע דאַרף ניט זאָגן, איך ווייס אַלצדינג. איך האָב אָף זיך זייער שטאַרק ראַכמאָנעס און אָף דיר אויך. אָן דיר וועל איך וויינען, מיט דיר וועלן זיך באַ מיר די אויגן קיינמאָל ניט אויסטריקענען, איך ווייס אַלצדינג! דו ביסט ניט שולדיק. טאָמער וועלן זיי זײַן אָף דיר פֿאַר מיר אין קאַס, סײַ מילקע, סײַ בראַכקע (נו, ריוול, פֿון ריוולען רעד איך ניט. זי האָט איר אייגענעם אומגליק), זאָלסטו, מײַן כײַעס, זיך צו זיי ניט צוהערן, וואָרעם איך ווייס אַליין, וואָס ס׳וועט דערפֿון אַרויסקומען און קיינער נייט מיך ניט צו דעם.

— קומט אויס, לויט דײַנע רייד, אַז איך בין אַזאַ שלעכטער?

— אוי, מײַן ניט, מײַן פֿרײַנטעלע, אַז דו ביסט שוין אַזאַ גוטער. דו מיט דײַן נאַטור וועסט

גראַד לעבן טויזנט יאָר, נאָר אַנטקעגן מיר ביסטו דערווײַל אין קיין זאַך ניט שולדיק... אַמאָל, אַז ס׳וועט מיר שטאַרק שלעכט אַפּן האַרצן, שעלט איך די סטעזשקע, וואָס האָט דיך פּאַר־פירט צו אונדזער שטוב. ס׳זײַנען דאָ באַ גאָט נאָך הײַזער, און דו ביסט אַזאַ, וואָס וואָלט זיך קאָנען צולאָנטשען אומעטום, וווהין מ׳זאָל דיך נאָר ברענגען.

מילקע האָט אָנגעקלאָפּט אין טיר, האָט פֿאַליע אויסגעווישט די אויגן און איז אוועק איר עפענען, און איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך שלאָף.

ס׳טרעפן מינוטן, ווען איך פֿיל, אַז איך בין אַ מענטש, ווי אַלע, דעריקער דאַן, ווען מ׳רעדט מיט מיר, ווי מיט אַ מענטשן. אָט האָט פֿאַליע מיט מיר נאָרוואָס אַזוי גערעדט. מיט איר צו ריידן מעג מען אוועקלייגן דעם בעסטן בוך, כאָטש ניט יעדן בוך פאַרשטייט יעדערער גלײַך. אַ קורצזיכטיקער קוקט אַמאָל מיט ביידע אויגן און שטעלט זיך ניט פֿאַר, אַז זײַן שאָכן, וואָס שטייט לעבן אים, זעט מיט איין אויג אַ סך ווײַטער, ווי ער מיט ביידע.

■

באַנאַכט איז ווײַטער געוואָרן דאָס אייגענע. מײַן ווײַב, וואָס איז נאָך מיט קיין זאַך ניט מײַן ווײַב, רעדט מיט מיר ווײַטער אַזעלכע ווערטער, וואָס קאָנען רירן אַ שטיין.

— אײַזיקל, — זאָגט זי, — וועסט דאַרפן אָפּשטיין אינדערפֿרי, אָפּגיסן נעגלוואַסער, אָפּעסן אָנבײַסן, זיך אויסקערעווען מיטן פּאָנעם צו סלאָוועשנע און אוועקגיין געזונטערהייט. דו וועסט זען, מײַן כײַעס, אַז ס׳וועט אַזוי זײַן בעסער. איך וועל זיך גוט אָנווייגען, כ׳וועל אויסקושן די ערטער, וווּ דו ביסט געשטאַנען און געגאַנגען, און דו וועסט זיך אָפּזוכן אַ „פּרוכט" דאָרטן אין די דערפער ארום אײַך, און דו וועסט זיך לעבן גליקלעך.

די ווערטער פֿאַליעס זײַנען געווען אַזעלכע געשמאַקע און אַזעלכע ליבע, די טרערן אַזעלכע נאַענטע און אַזעלכע האַרציקע. און פונדעסטוועגן, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿלײַס וואָלט איך זי געפֿאָלגט. איך וואָלט אפֿילע איצטער אינמיטן הלופער נאַכט אוועק. איך וואָלט זי אַ גוטן קוש געטאָן אָף אָפּשייד, איך וואָלט אויך געשמאַק אָנגעקושט די קלענערע, וואָס שלאָפֿט דאָרט אַנטקעגן, אין בעט, מיט אַ וואַרעמען צאַפּ פּאַרוואָרפֿן איבער דער אַלטער קאָלדרע, אָבער איך וועל עס ניט טאָן.

ניט דאַן קאָן איך אוועקגיין, ווען פֿאַליע וועט מיר זאָגן, אַז ס׳וועט מיר ערגעץ זײַן בעסער. אוועקגיין וואָלט איך מיט גרויס דאַנקבאַרקײַט, און איך וואָלט איר געבליבן אַ פֿרײַנט אָף אַלע יאָרן, ווען זי הייסט מיר מיטן פולן מויל דאָס טאָן — אוועקגיין און מער ניט קומען. זאָל זי מיר זאָגן:

— איך האָב זיך געדאַרפֿט אוואַדע אַרומקוקן פֿריִער, נאָר איצט איז נאָך אויך ניט שפּעט. פאַרקלײַבט זיך פונדאַנען געזונטערהייט, און וואָס גיכער, אַלץ בעסער.

אָט די ווערטער וואָלט איך פאַרשטאַנען. און שלאָפֿן זאָל זי לעם מילקען, און ניט לעם מיר. דאַן וואָלט איך עפּשער מערער געשוויגן, נאָר איך וואָלט זי געפֿאָלגט. איך וואָלט זיך אפֿילע ערגעץ אין דער טיף געפֿילט דערשלאָגן, ווי דורכויס פֿאַר דער לעצטער צײַט. איך וואָלט אוואַדע ווינציק אָנגעקוועלט פֿון מײַן גרויען ווײַטסטן אַלקערל באַ מײַן טאַטן אין דער היים, אָבער ס׳וואָלטן מיר געשײַנט, ווי די שטערן, אַ פּאָר ווערטער פֿון כומעש, וואָס זייער טײַטש איז אַזוי פּראָסט: „אונדזערע הענט האָבן ניט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט".

די דאָזיקע צוויי קינדער זײַנען אײַנגעטונקען אין אַזויפֿיל צאָרעס און אַזויפֿיל פּרישע, נאָך ניט אָפּגעקילטע אומגליקן. פֿעלט מער ניט, אַז איך, וואָס בין אַ נאָענטער כאַווער, אַ פֿרײַנט — פֿריִער פֿון אַלץ מיט אַזעלכע, — זאָל איך דער ערשטער קומען און זיי אָנשפּײַען גלײַך אין האַרצן אַרײַן. מע קאָן דאָך פֿרעגן: ווער האָט מיך געבעטן אײַנגאַנצן קומען? ווער האָט מיך געבעטן, איך זאָל באַ ערנסטע זאַכן באַגיין גרויס אײַלעניש און גרויס ניט־באַטראַכטקײַט? און איצט.. איצט לײַד אַליין, ליבינקער, און שלעפּ ניט אַרײַן די, וואָס זײַנען אַמווינציקסטן אין דעם שולדיק.

לײַד איך טאַקע. און מיר האָבן גערעדט, און אַ סך גערעדט. און איך האָב דערציילט פֿאַליען, אַז דער מעשוגענער בין איך, און ניט עמעצער אַנדערש. מעשוגע, ערשטנס, ווײַל אויב מ׳וויל ליב האָבן און גדענקען בוזיען, גייט מען ניט צו עמעצן אַנדערש. און אויב דו גייסט צו עמעצן אַנדערש, האָסטו ניט וואָס צו שטופּן עמעצן דײַן פאַרגאַנגענע לעבן. דוכט זיך קלאָר, וואָס קלאָרער קאָן ניט זײַן. מעשוגע איז אויך דער, וואָס לאָזט מיך צו זיך אין שטוב אַרײַן, אַזאַ מיך, ווי איך, דאַרף מען דערקענען פֿאַר אַ ווערסט, אַזוי, אַז ניט מייך, אַז ס׳וועלן זיך געפֿינען נאָך אַזעלכע באַלאָנים, ווי דו, — דאָס איז איינס... אָף קיין גוט לעבן ריכט איך זיך ניט, — דאָס איז צוויי. נאָר אַרבעטן וועט מען סײַווי דאַרפֿן, — דאָס איז דרײַ. מירן זיך פֿאַר־שרײַבן, און מירן זיך זען צושלאָגן צו עפּעס אַ ברעג. דערווײַל ביז עפּעס דאַרף מען נאָך

אין זינען האָבן אי מילקען, אי ראָכעלען. מיט וואָס מיר וועלן קענען, וועלן מיר זיי העלפן, גוט?

און אז רייזל עלקאָנעס איז צו אונדז אינעם נאָענטסטן פרימאָרגן אריינגעקומען, האָט זי אונדז געוואָלט זאָגן קלוגע טרייסט־ווערטער, און ווי איר קאוואָנע איז ניט געווען קיין שלעכטע, האָבן מיר זי דאָך קימאט ווי ניט געוואָלט הערן, ווײַל מיר האָבן אלץ געוווּסט אליין און אלץ איז אונדז שוין געווען נימעס פון אונדזער אייגענעם ארומריידן.

אָפּגערעדט האָבן מיר, אז מיר פאָרן קיין קראסנע זיך פארשרײַבן. און אזויווי מיר האָבן בא קיינעם גאָרניט געגאנווועט, דארפן מיר פאר קיינעם ניט אָפּגעבן קיין כעזשבן, וואָס מיר טוען. און וואָס ס׳וועט אונדז זײַן באשערט ווײַטער, וועלן מיר ווײַטער זען.

ארטשע דער גלעזער איז געפאָרן קיין קראסנע נאָך גלאָז, האָבן מיר געהאט אן אומזיסטע פור.

ארטשע דער גלעזער, אז ער קומט קיין סלאָוועשנע, שפאנט ער אויס אָפּט זײַן פערדל אָדער בא אונדז אין הויף, אָדער בא דער מומען, און אמאָל וואשט ער זיך און עסט אָפּ א לאטקע מיט א גלאָז מילך, אזוי אז אָט דער הויכלעכער ייִד מיט דער געלער ברייטער באָרד און קאָרענער קאפּאָטע, וואָס שלעפּט א ביסל א פוס, איז אי פאָליעס צאד, אי מײַן צאד. אים וואָלט זיך געוואָלט אינמיטן וועג א שמועס טאָן מיט אונדז פון וועלט־זאכן, אָבער מיט זײַטיקע מענטשן, און דעריקער פון איר שטאָט, האָט פאָליע די לעצטע צײַט זיך געמאכט א מאָדע, אז זי הענגט זיך אוף א שלאָס אפּן מויל. איז אויב ריידן, האָבן מיר שוין נאָר אינצווייען גערעדט: איך און ארטשע, ווען מיר פלעגן נאָכגיין נאָך דער פור פון דאָרטן, ווו דער שניי איז געווען צעמישט מיט זאמד. און דאָ האָט מיר ארטשע טאקע א זאָג געטאָן:

— נעבעך, טײַערע קינדער, א טײַערע שטוב, נאָר מ׳פוכנעט צען מאָל א טאָג פאר א „מיט נישט“ שטיקל ברויט... נאָ, אויסגעריסן זאָלסטו ווערן!..

און אזויווי בא אונדז האָט זיך דער שמועס אויך ווינציק געקלעפּט, האָבן מיר שוין אלע געשוויגן קימאט ביז סאמע קראסנע. דאָרטן האָט אונדז ארטשע געפרעגט:

— ווען, זאָל איך איבערגעבן, וועט איר זײַן אין דער היים? — ער האָט אונדז אראָפּגעלאָזט פון שליטן.

— מירן נאָך עפּשער זײַן פריִער פון אײַך, — האָט אים פאָליע געענטפערט.

— א, גאָר אזוי? — האָט ארטשע זיך אָפּגערופן, פונקט ווי ער וואָלט זיך פון עפּעס געכיידעשט, — ס׳קאָן זײַן!

ער האָט א פאָכע געטאָן מיטן בײַטש־שטעקל, אָפּגעזאָגט דעם פערדל א פּאָר ייִדישע געווינטע ווערטער און איז אוועקגעפאָרן.

מיר שטייען זיך אזוי מיט פארקליאקנעטע פיס אף דער ברוקירטער קראסנער גאס. פון ביידע זײַטן גאס גייען דאָ רויטע מויערלעך. אָן־אָ שטייט א ריי קלייטן מיט שווארצע אײַזערנע טירן. דאָ איז א ביסל ראשיקער און טומלדיקער, ווי אין אונדזערע מעקוימעס, נאָר אויך דאָ איז גוט דעם, וועמען ס׳איז גוט, און מיר ביידע, הונגעריקלעך א ביסל און פארקלעמט, שטייען און קלערן, ווײַזט אויס, פון איין זאך: קיינער טרײַבט אונדז ניט אין האלדז, און דאָך גייען מיר טאָן דער רועך ווייסט וואָס.

ענדלעך האָט זיך פאָליע צו מיר אויסגעקערעוועט און אָנגעהויבן מיט איר געוויינלעכן צוזינג:

— אײַזיקל, איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אז אין סלאָוועשנע זײַנען דאָ אזעלכע טײַערע יונגערמאנטשיקלעך, ווי דו. גיב א קוק, ס׳א פלאָכינקער דו ביסט. כאָטש נעם דיך פאר א הענטעלע און פיר דיך אָפּ אין כיידער און נאָך בעטן דעם רעבן, ער זאָל אף דיר כאָלילע קיין האנט ניט הייבן.

— פונוואנען ווייסטו? מײַן טאטע פלעגט טאקע אָנזאָגן די מעלאמדים, מ׳זאָל מיך ניט שלאָגן.

— וואָס זשע, מע זעט דען ניט? איך ווייס נאָר ניט, וואָס וועט זי מיר א זונג טאָן, די מאמע דײַנע. כאָטש איך וועל דיך געוויס ניט שלאָגן.

מיר האָבן ווײַטער ניט געוווּסט פון וואָס אָנהייבן און וווּהין גייט מען פריִער. צי דארף מען גיין אין קאנצעליאריע זיך פארשרײַבן, צי גאָר פארגיין צו בראָכקען זיך צוקעמען א ביסל, זיך ארומבערשטלען פון דעם שליטן מיט דער שטרוי און זיך א ביסל אָפּרוען.

— ווען ס׳קומט אף מיר, — האָט זיך פאָליע ווײַטער אָנגערופן, — וואָלט איך קיינעם אין די אויגן ניט געוואָלט זען. נאָר ס׳איז א ראכמאָנעס אף בראָכקען. פאר איר דארף מען מאכן א פריילעך פּאָנעם, ס׳זאָל אונדז אפילע „קאָסטן געלט“. און וואָוען וואָלט מען אויך גערארפט זען, זאָל ער קומען אהיים און מאכן עפּעס מיט דער שטוב. מירן דאָך מיסטאמע דאָרטן ניט זיצן.

מיר איז שווער עפֿענען א מויל און איר עפּעס זאָגן. ס'טרעפֿט אמאָל, אז די ציין זײַנען צונויפֿגעפּרעסט ביז ווייטעק און דו שווײַגסט.

פֿאָליע קען מענטשן און זי זשאַלעוועט מענטשן, באַזונדערס די, וואָס זײַנען איר מיט וואָס־ניט־איז ליב. ביז עפּעס וואָס, האָבן מיר זיך צוגעזעצט אַף א בענקעלע לעבן א פֿרעמדן מויער. זי אין איר גרויען שינעל־מאַנטל, און איך אין מײַנע אָפּגעניצטע ביזאָיענדיקע קליידער.

דאָ האָט זי מיר גענומען דערציילן שטיל און מיט איר זינגענדיק היימיש קאָל, וואָס איז איר ווי אומיסטן נאָכגעפֿאָרן אהער קיין קראָסנע:

— מירן זיך אָפּרוען א ביסעלע, מײַן מאַן, דערנאָך וועט אונדז דער באַל־אכסאַניע דער־לאַנגען פֿרישע קיכלעך מיט קאַווע, וועלן מיר וואָס־ניט־איז איבערבײַסן. דערנאָך וועלן קומען צו אונדז די מעקלערס און מירן מיט זיי אַוועקגיין אין די שניטקראָמען אַרײַן. די קרעמער וועלן פֿאַר אונדז צעלייגן די וואָלנסן און די זײַדנסן. דיר וועלן מיר אָפּשנײַדן גוטן קאַסטאָר אַף א ווינטערדיקן פּעלץ און שווארצן דינעם געוואַנט אַף א סורדוט מיט א זשיליעט־הויזן. דערנאָך וועלן מיר גיין צו די שנײַדערס, צו מײַנע און צו דײַנע. דערנאָך אין די גאָלד־קראָמען. דיר נאָר א זייגער מיט א קייט, און מיר אי א זייגערל, אי פֿינגערלעך, אי א בראַסלעט, אי שפּיל־קעלעך מיט שיינע בראָשקעס. און אין אָוונט וועט מען אונדז רופֿן אַף וויזיטן צו די ערקעסעס, צו די בלאַנקמאַנס און צו די בערנהאָלצס. כאָטש ווען זיי ווייסן, ווי מיד מיר זײַנען פֿונעם גאַנצן טאָג ארומגיין איבער די קראָמען, וואָלטן זיי עס אָפּגעלייגט אַף מאָרגן.

ווען זיי לאָזן אונדז איבער אַליין, וואָלטן מיר אַף דער אכסאַניע זיך א ביסעלע געשפּילט אינצווייען. אין דער היים היט מען דאָך אונדז אָפּ יעדן טראָט.

— זעט נאָר, געפֿונען אן אָרט, ווו צו זיצן, און איך לויף ארום און זוך זיי איבער דער גאַנצער שטאָט!

— בראָכקעלע!

פֿאָליע איז אופֿגעשטאַנען, די אויגן האָבן זיך גלײַך אָנגעפֿילט מיט טרערן, און זיי האָבן זיך גענומען קושן. מיר האָט בראָכקע אויך געגעבן די האַנט.

— זעט, — זאָגט זי צו מיר, — פֿאַרוואָס זײַט איר דענסטמאָל מער ניט אַרײַן? קומט שוין, קומט! וואָוו וועט באַלד אויך קומען. דאָס הייסט, ניט באַלד, ער וועט קומען פֿאַרנאַכט, ווען די קינדער וועלן גיין פֿון שול.

וואָס זשע מאַכן די קינדער? וואָוועלע איז שוין אויסגעוואַקסן? און כײַע־עסטערל און סראָ־ליק? יענער איז נאָך אַלץ לעבן די פֿערד? און מענאַשקע, פֿון מענאַשקען האָסטו עפּעס?

און מיך פֿאַרדריסט פֿון אַלע זאַכן איין קלייניקײַט. אויב פֿאָרן אהער, האָבן מיר געדאַרפֿט מיטנעמען עפּעס עסן. קריגן אַפֿילע אונטער דער ערד א ברויטל, א ביסל הירזש, א שטיקל צוקער, און ניט קומען צו בראָכקען מיט קיין ליידיקע הענט. און איצט איז מיר א כאַרפּע אַרײַנ־גיין אהינצו אין שטוב אַרײַן — זי וועט דאָך גלײַך די ערשטע רגע פֿרעגן, צי ווילן מיר עפּעס עסן, און אויב זי האָט אין שטוב דאָס לעצטע, וועט זי עס אונדז טייקעף אָפּגעבן... נאָר ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, אופֿגעהויבן פֿון די ערטער האָבן מיר זיך שוין — דאַרף מען גיין.

און מיר דוכט זיך, אז ווען איך מיט פֿאָליען זײַנען א יונגער אָרעמאַן מיט אן אָרעמאַניכע, און מיר זײַנען אין א פֿרעמדער שטאָט, און מיר גייען פּאַשעט ארום איבער די הײַזער, — ווער ס'גיט עפּעס און ווער ס'טרײַבט ארויס אָדער לאָזט אינגאַנצן ניט אַרײַן אין שטוב, — און פֿאַר־נאַכט קומען מיר זיך צונויף אין הקדעש, און מיר האָבן זיך ליב דאָס כּיעס, כאָטש מיר ווײַזן עס אויסערלעך מיט קיין זאַך ניט ארויס, דענסטמאָל וואָלט מיר אוואַדע געווען זייער גוט, וואָס כ'בין ניט עלנט, וואָס כ'האָב א מענטשן, צו וועמען איך קאָן זיך אָפּרופֿן און דערציילן אַלץ, וואָס אַפֿן האַרצן, זי קלײַבט אַראָפּ פֿון מיר א לויז, נעמט ארויס פֿון קלומעק אן אַלט העמד און גיט מיר אַף איבערטאָן, וואָרעם מאָרגן וועלן מיר קאַיאָר זיך לאָזן אין א צווייטער שטאָט. און ס'איז אונדז אזוי גוט, וואָס מיר גייען איבער די שליאַכן אינצווייען, ס'איז אונדז אזוי גוט, וואָס קיינער האָט אונדז ניט און מיר האָבן ניט קיינעם. אזוי אינצווייען איז אונדז דערווײַל בעסער. טאַקע זי אינעם גרויען שינעלענעם בורנעס און איך אין מײַנע אַלטע אָפּגעניצטע בגדים.

■

לעקעך, זע נאָר, לעקעך! בראָכקע האָט געקראָגן לעקעך!

און עפּשער איז עס ניט קיין לעקעך, עפּשער איז עס ברויט? אויב ברויט, איז נאָך בעסער, און זי נעמט אונדז אוף, ווי ס'פּאַסט פֿאַר דער־אָ שאָ, אין וועלכער מיר געפֿינען זיך איצט. זי האָט אַפֿילע איבערגעטאָן אן אַנדער קליידל, א ריינערס. ווו האָט זי גענומען? צי דען האָט זי זיך אײַנגעשטעלט און געבעטן באַ א שכיינע? אוי איז זי, נעבעך, פֿאַרוויסט! אינעם ריינעם

קליידל זעט זיך עס נאָך שטארקער אָן. איצט טרינקען מיר טיי פון צעטראַסקעטע גלעזער און צעשטשערבעטע טשאשקעס, און מיר פארברענגען מיט די קינדער. פאַליען האָט זיך געוואָלט א ביסעלע צעשטרײַען די פינצטערקײַט, מאכן ליכטיקער דאָס געמיט, האָט זי זיך בארימט פארן קליינעם וואָוועלען, אז בא אונדז איז דאָ א פידל און איך, איך קען אליין שפּילן אף אים.

— אָט דער־אָ? — האָט וואָוועלע מיט די קלײַנינקע בעקלעך און וואָס די האָר זײַנען בא אים געל, אזוי ווי האָניק, א ווײַז געטאָן אף מיר מיטן פינגער.

— אָט דער־אָ, אָט דער־אָ! — האָט אים די מוטער איבערגעקרימט.

— אזוי ווי ס'איז געוואקסן אין א וואלד. ער איז דאָך דיר א פעטער?.. דער פעטער אײַזיק!

— הער זי ניט, וואָוועלע, — האָט פאַליע געכאפּט דעם יאַט אף די הענט און גענומען קושן. נאָר ער לאָזט ניט, ער רײַסט זיך פון אירע הענט.

— וועט איר מיך לאָזן האלטן דעם סמיק? — פרעגט ער מיך און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן.

— איך וועל לאָזן, — האָב איך געענטפערט. — קום צו אונדז צו פאָרן, וועל איך דיך אויס־לערנען שפּילן.

איך ווייס, אז איך האָב ליב קינדער, נאָר איך שעם זיך פאר זיי, אפילע פאר קלײנינקע, און דערום זײַנען מײַנע רייד גרוי, ווי דער גרויער ווינטערדיקער טאָג, וואָס איז הײַנט פארבײַ אונדז דורכגעגאנגען.

דערפאר, וואָס ער איז דורכגעגאנגען, — א שיינעם דאנק אים. נאָר איצט שטייט אנטקעגן און ווארט אָפּ אף אונדז א לאנגע דושנע און פײַנלעכע נאכט... צי דען וועט זי אויך דורכגיין?.. ווען? זי הייבט זיך דאָך ערשט אָן!

אנטקעגן מיר, פון יענער זײַט טיש, זיצט בראָכקעס עלטער מיידל, אויך א געלינקע, און איך האָב נאָך אפילע ניט געהערט, אוועלך קאָל זי האָט. זי קוקט אף מיר מיט שיינע, מיט גוטע אויגן, נאָר דאָס שווערע לעבן, וואָס זי זעט בא איר מאמען אין שטוב, האָט איר אופגעהאנגען א שלאָס אפן מויל. אפילע פאַליען איז קימאט ווי זי ענטפערט ניט.

און אָט איז געקומען וואָווע, פאַליעס ברודער אליין. ער איז א גאנץ שטשופלער, קלענער פון מיר אין וואוקס. ער האָט שוין א קאלע, פייגל הייסט זי, אויך א קלײנינקע. און ער איז א לערער אין שול. איצט זעט מען, אז ער איז א גרויסשטאָטישער מענטש. און אז מע וויל זאָגן, זײַנען מיר מיט אים שוין פרײַנט, נאָר דאָס לאָזט זיך דערוויַל מיט קיין זאך ניט פילן. אמאָל פארקלעפּט מען א קאָנווערט מיט שפּײַעכץ, מיט וואסער, מיט א ווײַסל פון אן איי, און ער וויל זיך בעשום־אויפן ניט פארקלעפּן, נאָר דער אונטערשייד איז, וואָס דעם קאָנווערט דארף מען ערגעץ אָפּשיקן, און אונדזער פרײַנטשאפט דארף מען אין ערגעץ ניט שיקן. זי וויל זיך ניט צוקלעפּן, זאָל זי בלײַבן א צעקלעפּטע. מירן זיך סײַווי אין א האלבער רעגע ארום צעגיין. וואָווע זינגער וועט אוועקגיין צו זײַן קאלעלע און דערציילן, אז ער קען מיך. ווי דען, ער קען מיך ניט? ער האָט מיך געזען נאָך דענסטמאָל, ווען זיי זײַנען געלאָפן פונעם קאזיר־זירקא קיין סלאָוועשנע.

— וואָס? מע זאָגט, אז איר שרײַבט? צי דו שרײַבסט? יאָ, מע מעג זיך שוין זאָגן דו.

פארוואָס איז מיר שווער פאר אים א וואָרט ארויסרעדן, הייב איך ניט אָן צו וויסן. עפּעס מוז איך דאָך אים זאָגן.

— וועמען פרעגט איר? מיך? אנטשולדיקט. יאָ, איך האָב א פראָפעסיע. איך ארבעט געווינ־לעך אין הארבארניע, נאָר איך האָב זיך א ביסל אָפּגעריסן. איך האָב געהאט א שווערע צײַט. זי ווייסט. פאַליע ווייסט.

און איך האָב א קוק געטאָן מיט אויגן פון א ניט־דערקוילעטן מענטש אף פאַליען, טאָמער וועט זי מיר מיט עפּעס ארויסהעלפן.

פאַליע האָט זיך צעשמייכלט. זי איז אופגעשטאנען און צוגעגאנגען צו מיר אין דער ענג־שאפט פונעם צימער, האָט צוגעטוליעט מײַן קאָפּ צו איר ברוסט און אזוי ווי געזאָגט צו איר ברודער, וואָס איז אליין א לערער, א זעלבשטענדיקער מענטש און שוין פון לאנג א שטאָט־מאן: „אז מע דארף מיט אים ניט רעדן אזוי ביסטרע. ער איז בא מיר א פלאָכער און א ביסל א שעמעוודיקער, נאָר דערפאר זייער א ווױלער“.

אויב ס'איז אן עמעס, אויב זי האָט אזוי געזאָגט, האָט זי מיך מאמעש געראטעוועט.

אז איך זיץ צווישן מענטשן, וואָס ווייסן שוין אף געוויס, אז כ'בין א נארישוואטער, און אויב יענע זײַנען נאָך אף אזויפיל איידל און מאכן פון מיר ניט קיין שפּיל, בין איך דאן געראַ־טעוועט, זיץ איך זיך שטיל און זע, וואָס מענטשן טוען, וויאזוי מענטשן פארברענגען, און ס'איז מיר אפילע גוט.

און אז וואָווע האָט אונדז דאָרטן עפּעס צוגעווונטשן פארן אוועקגאנג האלב ערנסט און

האלב וויצלדיק, פונוואנען ס׳איז צו דערקענען, אז ער איז ניט קיין אלטער ייִד, און פארקערט, ער איז א מענטש פון דער נײַער וועלט, האָט ער נאָך אין איין גאנג אָנגעזאָגט, אז מילקע זאָל צו אים אומבאדינגט קומען צו פאָרן.

— וואָס דארף זי דאָרטן זיצן, וואָס וועט פון איר דאָרט ווערן?..

און דאָ איז שוין מיר אלץ געוואָרן פארשטענדיק. אז מענטשן, מעגן זיי אפילע זײַן הײַנט־וועלטישע, קאָנען זיי דאָך רעדן פוסטע רייד און א ביסל אין דער וועלט ארײַן. אויב ער קאָן אפאנעמעסן צונעמען מילקען און איר העלפן זיך שטעלן אף די פיס, איז קראסנע ניט אזוי ווײַט פון סענדעריוויקע, און ער האָט עס שוין געקאָנט זיבעצן מאָל אָפּטאָן, און אויב ער ווייסט, אז מע דארף עס טאָן און טוט עס ניט, בין איך שוין א געטרײַערער ברודער פון אים. מירן עס, מירצעשעם, דערוויַזן מיט טאט, ניט מיט קיין רייד.

— אז איר וועט עפּעס אָנשרײַבן — שיקט צו, מיין איך, שיק עס צו. עפשער וועלן מיר עס איבערגעבן אין א רעדאקציע, איך מיין עס אָן א גלײַכוועדטל.

איך האָב א קוק געטאָן אף פאָליען, עסטערל האָט א קוק געטאָן אף ביידע פעטערס אף אירע — אפן נײַעם און אפן אלטן. און דער קליינער וואָוועלע איז ארופגעקראָכן צום גרויסן אף די הענט און בא אים גענומען שלעפן די ברילן. אויב אזוי, טאָ זאָל ער זיך מיט אים טאקע דאָרטן כרוטשקען און איך פארשפּאָר דערווײַל זוכן פונזײַנטוועגן אָן ענטפער. פונקט ווי ער האָט גאָר ניט געפרעגט.

...שלאָפן זײַנען מיר געשלאָפן שלעכט. קיין כילעק ניט וויִאזוי, אבי די אונטערשטע שורע איז א קלאָרע, און דערפאר איז טאקע מילקע געווען א קלוגע, וואָס זי פלעגט שלאָפן אין קיך אפן אויוון. און איך וואָלט אויך גאָרניט געהאט קעגן, ווען מע בעט אונדז דאָרטן אויס.

„פאָקיל סאָנצע זידע, ראָסא אָטשי וויִיִסט“[1] — אזוי שטייט, דוכט זיך, דאָרטן געשריבן, נאָר פאָליע האָט מיר אײַנגערוימט:

— אײַזיקל, טײַערער, אז סע וועט אוועקגיין די נאכט, וועט קומען דער טאָג.

און אירע ווערטער האָבן מיר געזאָגט זייער א סאך. איך האָב אפילע געזען דעם געלן וואָוועלען, ווי ער גייט ארום אין א גרויסן ליכטיקן זאוואָד, ריין אָנגעטאָן, אן אינזשעניער, ווי אלע אינזשעניערן, און ער געדענקט אפילע ניט, אז ער האָט בא מיר געבעטן, איך זאָל אים געבן האלטן דעם סמיק. ער געדענקט אויך ניט, וויִאזוי ער האָט זיך צעפלאמט און מיר דער־ציילט, אז ווען ער וועט אויסוואקסן א גרויסער, וועט ער זײַן א גרויסער גיבער. ער וועט זיך נאָכיאָגן נאָך די באנדיטן, וואָס האָבן געהארגעט זײַן טאטן. ער וועט כאפן א גאזלען א באנדיט און אים אָפּרײַסן א האנט, כאפן א גאזלען און אים אָפּרײַסן א פוס, כאפן א גאזלען און אים אויסרײַסן די אויגן, דערנאָך וועט ער זיי אָפּלאָזן. זאָלן זיי ארויסגיין אָן הענט און אָן פיס און אָן אויגן...

בראָכקע האָט מיר געזאָגט, אז מירן אוועקגיין גאנצפרי, ווען אלע וועלן נאָך שלאָפן, און מיר האָבן טאקע אזוי געטאָן. עפּעס א שכיינע האָט אונדז גאנץ פרײַיק און נײַגעריק נאָכגעקוקט באם ארויסגאנג פון שטוב. אָבער פונוואנען ווייסט זי, וווהין מיר גייען? עפשער אײַלן מיר טאקע ערגעץ־ווו?

אף דער פעטראָגראדער גאס איז, אזוי ווי לויט א באשטעלונג, אָנגעפאָרן אונדז אנטקעגן אף א פויערשן ווייך־אויסגעבעטן שליטן פײַטל די ציג און מיר אָפּגעגעבן א ברייטן גוטמאָרגן.

— אָט בא דעם, — האָב איך אף אים אָנגעוויזן פאָליען, — קאָנען מיר אָנעמען די טײַערע כאסענע־קליידער. דאָס איז אונדזער רײַכסטער שניטקרעמער, ער גיט, דוכט זיך, אף אויסצאָלן אויך.

פאָליע האָט מיר א קוועטש געטאָן די האנט. ס׳איז איר, קענטיק, געווען ליב, וואָס איך בין געוואָרן בארײדעוודיקער. און מיר זײַנען אוועק און אוועק.

אייניקע קראסנער באלעבאטים זײַנען ארויס מיט בעזעמער און מיט לאָפּעטעס א ביסל צוקערן דעם שניי פארן הויף. און מיר זײַנען זיך געגאנגען צום ארויס פון שטאָט.

בא פאָליען איז, דוכט זיך, געלעגן אין קעשענע א מעטריקע, א כאסענע־מעטריקע, וואָס האָט אונדז ניט געמאכט ניט רײַכער, ניט אָרעמער. רײַכער האָט אונדז געמאכט דער פרישער קילער דרויסן. די טעג האָבן שוין געדארפט ווערן גרעסער. אז מע וויל, שמעקט שוין אין דרויסן מיט פורים און איך בין שוין אינצווייען, ניט אליין. אינצווייען אז מע גייט, ציט זיך ניט אויס דער וועג.

---

[1] אן אוקראַיִניש שפריכוואָרט. בוכשטעבלעך: ביזוואנען די זון וועט אופגיין, וועט דער טוי די אויגן אויסעסן.

— דו ווייסט, אײַזיקל, — האָט זיך פֿאַליע מיטאמאָל אָנגערופֿן, — מיר, מיר אַף צעפּי־קעניש קאָן נאָך אונדז אמאָל זײַן גוט!

— אונדזביידן?

— אונדז ביידן. דו מיינסט, ס'איז א מוז, מיר זאָלן קעסיידער זײַן די קלוגע, וואָס גייען צופֿוס. סע גייט שוין צו דעם, אז קלוגע וועלן אויכעט מעגן פֿאָרן אין קארעטעס און די וועלט וועט צו דעם ניט דערלייגן.

— אויב מירן עפּעס טאָן.

— פֿארוואָס זאָלן מיר עפּעס ניט טאָן?.. און אז וואָוו וועט צו אונדז קומען צוגאסט, וועלן מיר אים שטעלן טיי מיט צוקערקעס און זײַן קאַלע וועלן מיר אויך צונעמען שיין.

איך האָב, דוכט זיך, פֿארשטאנען, וואָס פֿאַליע מיינט מיט דעם. זי מיינט אוואדע, אז איר ברודער האָט ניט ארויסגעוויזן דעם נייטיקן פֿארשטאנד אַף מאכן אונדז א שענער לעבן אין קראסנע. קאָן זײַן, אז אנטקעגן איר איז ער טאקע שולדיק. אנטקעגן מיר — ניט. איך האָב צו אים גאָרניט. כאָטש איך בין אויך גרייט אים שיין אופֿנעמען, ווען ער וועט צו אונדז קומען. מירן דענסטמאָל וווינען ניט אין קראסנע, נאָר אהין אוועק, וווהין מע פֿאָרט מיט דער באַן, ווו ס'איז אַלץ שענער און די וועלט מעסט זיך אויס מיט גרעסערע ארשינען.

מיר זײַנען פֿאמעלעכן פֿארגאנגען אין א דאָרף אריין. דאָס איז דאָס נאָענטסטע דאָרף נאָך קראסנע. אַף א פּלויט האָט אומגעטאנצט א וואָראָנע. גרינג, ווי זי וואָלט גאָר קיין וואָג ניט געהאַט. אין הויף האָט געקלונגען דעם הונטס קייט.

— מיר קאָנען באשטיין, — מאכט פֿאַליע, — און פֿארגיין אין א צווייטן הויף, ווו ס'איז ניטאָ קיין הינט.

און דאָרטן וואָלט איך זיך מעגן שטעלן שיין פֿאר מײַן ווײַב. זי מעכאבעד זײַן מיט די בעסטע און שענסטע זאכן. אז מע האָט געלט אין קעשענע, רופֿט מען ארויס די באַלעבאָסטע און מע פֿרעגט, צי ס'איז בא זיי דאָ סמעטענע, צי ס'איז דאָ גוטער היימישער ווורשט, און פֿריש ברויט, און מילך, און אייער א צענדליק זאָל זי אויסגיסן אַף א סקאָווורעדע... נאָר קיין געלט אין קעשענע האָבן מיר גראָדע ניט. מיר האָבן א מעטריקע, וואָס זאָגט איידעס וועגן א גרויסער זאַך. זי זאָגט איידעס, אז מיר, אָט די צוויי דערוואקסענע מענטשן, האָבן זיך גענומען און ס'איז אונדז באשערט איינעם אויסלעבן אונדזערע יאָרן. קאָן זײַן, אז ס'זאָל נאָך אונדז זײַן גוט אויך.

וויאַזוי זשע איז מען זיך נויהעג מיט עפּעס איבערבײַסן?

לאָמיר זיך מאכן סימאָנים, אין וועלכן הויף מיר מעגן ארײַנגיין און אין וועלכן ניט, אין וועלכן הויז מע וועט אונדז פֿאַרלייגן אן איבערבײַס, און ווו מיר קאָנען נאָר האָבן ביזיוינעס.

— אָט דאָ, — מאכט צו מיר פֿאַליע, — שטייט א ברונעם אינמיטן פּלויט אײַנגעבויט, האַלב צו דער גאס און האַלב צום הויף, א סימען, אז דאָ ווארט מען אַף אונדז. ווען זיי זײַנען קארג, וואָלטן זיי צו דער גאס ניט ארויסגעשטעלט קיין האַלבן ברונעם. קום, איך גיי.

— קום...

אפֿן הויף האָט זיך געפֿאָרעט אן אלטער פּויער לעבן דעם אויסגעשפּאנטן שליטן, און אַף דער פֿראגע, צי די באַלעבאָסטע איז אין שטוב, האָט ער אונדז רויִק געענטפֿערט:

— אין שטוב.

מיר זײַנען ארײַנגעגאנגען אינעם טונקעלן פּירהויז, געפֿונען די קליאמקע פֿון דער שטוב־טיר און זי געעפֿנט אין דער ווארעמער שטוב ארײַן.

— גוטמאָרגן, באָבעניו!

— א גוט־יאָר זאָל אײַך זײַן, קינדערלעך, — און זי שטעלט צו די אויגן צום שטערן און באקוקט אונדז ביידן. — זיצט.

— זאָל זיך אלדאָסגוטס בא אײַך זעצן.

— אוי, א דאנק. א דאנק, מײַנע ליבינקע. וואָס זשע האָט איר עפּעס געבראכט גוטס? טיכלעך אָדער זאפּאלאטש?

— ניין, באָבעניו, מיר האָבן מיט זיך גאָרניט. מיר גייען קיין סענדעריווקע גייען מיר, זײַ־נען מיר ארײַנגעקומען זיך אָפּרוען און עפּשער טאָן א טרונק וואסער.

— וואסער, מײַנע טײַערע, קאָן מען. אָט־אָ שטייט א פֿולער ברונעם. און ברויט, ברויט דארף מען אײַך אויך געבן א שטיקעלע. ס'איז דאָך קיין פֿולע ניט. נאָר פֿארוואָס טוט איר אזוי, וואָס איר גייט אין א דאָרף ארײַן מיט ליידיקע הענט? א צווייט מאָל, אז איר וועט גיין, פֿארגעסט ניט מיטצונעמען כאָטש וואָס־סע־ניט־איז. מע דארף הײַנט אַלצדינג: א פֿאטשיילע דארף מען, זאַלץ דארף מען, שרויט, שוועבעלעך, פּאפּיר — אַלץ איז דאָ סכוירע. דער כאָסן איז אויך א סענדעריווקער? עפּעס אין סענדעריווקע האָב איך ניט געזען אזעלכע?

— ניין, באָבעניו, ער איז א סלאָוועשנער. פֿונוואנען ווייסט איר, אז ער איז מײַן כאָסן?

— ווער זאָגט דען, אַז איך וויס? איך זע, אַ קאָזאַק גייט מיט אַ מיידל, זאָג איך אַזוי, ווי אַלע זאָגן. דו זאָגסט אַ כאָסן, זאָל זײַן מיט גליק. דאָרט באַ אים אין סענדעריוווקע איז געווען אַ פֿײַנער זשידאָק, זאָל ער דאָרט רוען אין גאַנײדן. שילעם האָט ער געהייסן.

— געווען, געווען, באַבעניו.

— און באַ אים זײַנען אויך געבליבן טעכטער, יעסוימים, נעבעך.

— יאָ, באַבעניו, געבליבן.

— ער האָט דעם מאַן מײַנעם געטאָן אַ סאַך טויװעס, אָט דער שילעם. ער האָט גאָר ניט געקוקט, וואָס ניט קיין ייִד, וואָס ניט פֿון זײַן גלויבן. גאָט ווערט אים אוואַדע אָף יענער־וועלט דערפֿאַר באַלוינען. און דאָס, נאַט, ווערט איר עפּשער פֿאַרטראָגן די טעכטער זײַנע אַ לעבעלע ברויט, און נאַט אײַך אַ האַנטעך פֿאַר־זייערטוועגן און אַ שטיקעלע וואַקס, טאָמער וועלן זיי אָף עפּעס דאַרפֿן. אַז איך וועל זײַן אין סענדעריוווקע, וועל איך פֿאַרגיין צו זיי. טאָמער ווערט איר ניט אָפּגעבן, ווערט אײַך נאָך גאָט שטראָפֿן. זאָגט דעם עמעס, איר ווערט אָפּגעבן צי ניט?

— מירן אָפּגעבן, באַבעניו, מירן אָפּגעבן.

איך האָב געמיינט, אַז פֿאַליע ווערט איר זאָגן, ווי דער עמעס: ס׳איז שוין אָפּגעגעבן. שילעמס טאָכטער — דאָס איז זי אַליין. נאָר זי האָט עס ניט געזאָגט.

— און איצט נאַט אײַך צו קאָפּעלעך מילך מיט ברויט און זאָגט זיי, שילעמס קינדער, אַז מירן נאָך צו זיי פֿאַרגיין און מירן זיי עפּעס ברענגען אויך. איך האָב געהערט, איך האָב גע־הערט, זיי לעבן, נעבעך, אָרעם.

מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט באַם דאָרפֿישן טיש און געזופּט די מילך מיט ברויט. דאָס ברויט האָבן מיר אָנגעבראָקט אין שיסעלע, נאָר פֿאַליע האָט ניט געגעסן קיין ריינע מילך. פֿאַליע האָט געגעסן מילך צוגעמישט מיט טרערן. באַשערט געווען אונדז טרעפֿן פּונקט אַהער. ס׳איז אונדז פֿון עפּעס געווען ליב אָפּן הארצן.

— איך וויל אײַך אַ קוש טאָן, באַבעניו, — האָט פֿאַליע געזאָגט פֿאַרן אוועקגאַנג.

— פֿאַרוואָס, האַלובקע, ווילסטו מיך קושן? דו ביסט דאָך ניט פֿון אונדזער גלויבן.

— יאָ, באַבעניו, — האָט איר פֿאַליע געענטפֿערט, — נאָר איך האָב ניט קיין מאַמע, און איר זײַט צו מיר און צו מײַן מאַן גוט אַזוי ווי אַ מוטער. מיר האָבן ערשט נעכטן כאַסענע געהאַט, און קיינער האָט אונדז נאָך ניט געבענטשט. איצט גייען מיר אַהיים, וועלן מיר דאָרטן אויך קיינעם ניט טרעפֿן, נאָר אַ קליין שוועסטערל, וואָס דאַרף נאָך אַליין עמעצנס אַ לאַסקע...

פֿון דער דאָזיקער שטוב זײַנען מיר אוועקגעגאַנגען מיט עפּעס געטרייסט און ווי באַנײַט. אַ טייל פֿון פֿאַליעס רייד איז עפּשער ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן. סע האָט נאָר געקאָנט געזאָגט ווערן, אָבער ס׳שאַט ניט. ס׳קימאַט אַלצײנס.

דאָס פּעקעלע „דראָשע־געשאַנק" האָבן מיר געטראָגן בעשוטפֿעס, אַ ביסל — פֿאַליע, אַ ביסל — איך.

אָן אַנדערשמאָל וואָלטן מיר זיך מעגן פֿאַרגינען אַזאַ שפּאַציר אין דער וועלט אַרײַן. צוויי יונגע מענטשן גייען זיך דורך צופֿוס פֿון קראַסנע קיין סענדעריוווקע. צײַט איז אַ דאַנק גאָט דאָ. אָפּן וועג רוט מען זיך אָפּ זומער אָף אַ זומערדיקן אויפֿן, און ווינטער קאָן מען אַנדערש. מע טראָגט מיט זיך אַ געשמאַקן בוך, אַ פּעקעלע שפּײַז. עד, ווען מענטשן האָבן סייכל, מאַכן זיי שיין זייער לעבן. אַגעוו, זײַנען מיר צופֿרידן, וואָס מיר באַגעגענען ניט קיין סענדעריוווקער אָפּן וועג, ווײַל כאָטש ס׳איז ניט קיין מוז דערציילן, נאָך וואָס מיר זײַנען געגאַנגען, דאָך האָבן וווּנט אויערן און מע ווערט צעטראָגן די נײַס, אַז דאָס שיינע פֿאָרפֿאָלק פֿאַרמאָגט אפֿילע ניט אָף צו דינגען קיין פֿור, זײַנען זיי ביידע, מעכילע, געגאַנגען פֿון קראַסנע צופֿוס, מיט דער אייגענער פּאַטשט. ער איז, ווײַזט אויס, דער שיינער פּאַרדינער, דער שיינער ברויטגעבער. ווי דען? ווו האָט איר געזען, אַז קיין סענדעריוווקע זאָל זיך צושלאָגן עפּעס רעכטס?

אינמיטן וועג האָט זיך פֿאַליע צו מיר אָנגערופֿן:

— אײַזיקל, ווען מיר גייען זיך אַזוי אַלע טאָג צו ביסעלעך, וואָלטן מיר עפּשער מיט דער צײַט אָנגעשפּאַרט אין אַ וואַרעם לאַנד, ווו ס׳איז קיינמאָל ניטאָ קיין ווינטער. אַ קײַלעכדיק יאָר איז וואַרעם. אַ קײַלעכדיק יאָר וואַקסן אַגרעסן און קליינע בארעלעך, פֿערשקעס און פֿײַנע באָקסערלעך מיט פּאָמעראַנצן. און דאָרט איז אַלץ אָפּן פֿאַרן דורכגייער. איר זײַט הונגעריק, קינדערלעך? ברעכט זיך אָפּ אַ באָקסער, ער איז געשמאַק, ווי אַ זיסע סקאָרינקע פֿון אַלטגע־באַקן ברויט, אַ סקאָרינקע, וואָס מע טונקט אײַן אין צעפּירטן צוקער און מע פּרישט אָפּ אין אָן אָנגעהייצטן אויוון... דו ווילסט אַ טרונק? רײַס דיר אָפּ אַ מאַראַנץ און טרינק זיך אָן מיטן געשמאַקן זאַפּט! דאָרטן ניצט מען לימענעס, מײַן טײַערער, ניט נאָר אָף פּייסעך.

פּאַליעס רייד האָבן מיך געמאַכט שמייכלען. וועגן ווארעמע לענדער האָב איך געהערט און געלייענט, נאָר איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי ווי איצט ניט געפילט, אַז זיי קאָנען אונדז אַזוי גוט צוניץ קומען. אוי, וואָלטן מיר נייטיק ווי אין לעבן דאַרפן פאַרגיין אין א ווארעם לאַנד! דו ביסט מײַן קאַלע, איך בין דײַן כאַסן, מענטשן וועלן גאָר אַף אונדז אַנדערש קוקן, ניט אַזוי ווי אין סענדעריווקע. ניין, ניין. דאָרט זײַנען קאַלעס און כאַסאַנים דאָס שענסטע, וואָס די וועלט פאַרמאָגט. דאָרטן וואָלט מען אונדז באַגעגנט מיט פּויקן און מיט טרומפּייטן, און טאָמער האָבן מיר ווייניק אייגענע, וואָלט זיך יעדערער אויסגערופן צו אונדז פאַר א פרײַנט. און איך בעט זיך צו איר שטיל און אָן ווערטער, זי זאָל אונדז עפּעס דערציילן וועגן דעם ווארעמען לאַנד. און כאָטש פּאַליע האָט עס א ביסל פאַראַרעמט, אָבער ס׳איז מיר סײַווי געוואָרן פון דעם גוט אַפּן הארצן. זי האָט געזאָגט, אַז דאָרטן קאָן מען זיך צושטעלן אינמיטן וועג לעם א ריטש־קעלע, לעם א ברעג פון יאַם און זיך אויסוואַשן אינדערגיך א העמד, אַף דער זון טריקנט עס זיך אויס פאַר איין רעגעלע און מע טוט עס גלײַך צוריק אָן. ווי גוט וואָלט געווען פאַר אַזאַ מין פּאָר צו לעבן אינעם דאַזיקן ווארעמען לאַנד. מע קאָן דאָך אַזוי לאַנג גיין, ביז מע זאָל אַהיים דערגיין צופוס. און דאָרט זײַנען אויך דאָ מענטשן אי עלטערע, אי ייִנגערע, און קינ־דער וואַקסן דאָרט קוטשעראַווינקע, ברוינינקע, פאַרסמאַליעטע פון דער הייסער זון. קאָן זײַן, אַז ביז מירן פאַרגיין, זאָל שוין נאָך אונדז אויך נאָכלויפן א קליינינקס מיט שווארצע קוטשערן.

אָן אוילע האָט געטאָן מילקע, וואָס זי האָט זיך צעווײנט, בעשאַס זי האָט אונדז באַגעגנט. א פרויען־הארץ קאָן אַלעמאָל האָבן א סיבע אַף צו פאַרגיסן א טרער. אַף איר קוקנדיק האָט פּאַליע (אַזוויי צום ווארעמען לאַנד איז נאָך פונדעסטוועגן געווען ווײַט) זיך אויך צעכליפּעט און געהייסן גיכער פאַרשטשעפּען די טיר, ס׳זאָל זיך קיינער, כאַלילע, ניט אָנכאַפּן אומגע־בעטענערהייט... און איך? איך האָב געפּרוווט געבן פּאַליען איין קוש און מילקען צוויי. זאָל עס אויסקומען, אַז נאָך עמעצער דרייט זיך דאָ אַרום.

וואָס האָט זיך מילקע צעווײנט, איז אַזוי ווי פאַרשטענדלעך. דאָס, וואָס מיר זײַנען אומגע־גאַנגען קיין קראַסנע, האָט, ווײַזט אויס, קלאָר און ענדגילטיק אונטערגעשטראָכן, אַז מיר האָבן מילקעס וואַגאָן אָפּגעטשעפּעט פון אונדזער פּאַיעזד און זי בלײַבט שטיין איינע אליין אינמיטן פעלד.

מיר דוכט זיך, אַז ס׳איז ניט אַזוי. מיר דוכט זיך, אַז איך בין א בעסערער ברודער אפילע פון דעם אייגענעם, איך בין ניט אויסן זיך מיט דעם צו באַרימען, נאָר ווו מיר וועלן זײַן, דאָרטן וועט אַלעמאָל זײַן פּלאַץ פאַר מילקען אויך. איין זאַך נאָר, וואָס האָט מיר נאָכאַמאָל געוויזן די אָפּגעלאָזנקײַט פון די דאָזיקע שוועסטער, מיט וועלכע איך בין געוואָרן איין מישפּאָכע, איז דאָס, וואָס מילקע האָט גאָרניט אָפּגעקאָכט און ניט צוגעגרייט ניט פון־אירטוועגן און ניט פון־אונדזערטוועגן. אפילע קיין ביסל הייסע וואַסער.

זי איז געלעגן א גאַנצן טאָג א הונגעריקע. אָן־אָ איז נאָך די בעט א צעטויטשעטע, און פון דערפון נעמט זיך אַלעמאָל דאָס, וואָס זיי פּוילן זיך ניט אַרויסטראָגן דער גאַנצער וועלט א באַשולדיקונג ניט לויט אירע פאַרדינסטן נאָך. זיי זאַלצן זיך אַזוי אײַן אין זייערע אייגענע צאָרעס און זאַפּן זיך אַזוי דורך מיט זיי, אַז זיי טוען פּלוצעם מיט גרויס דווייקעס א זאָג: „אוי, ווען זי צעברענט זיך אַזוי ליכטיק און העליש, טאַקע די גאַנצע וועלט!..“ און דענסטמאָל קומען זיי אַרײַן, מײַנע „סעקטאַנטן“, אין גרויס עקסטאַז און זיי מיינען, אַז זיי און זייער עמעס זײַנען אַלץ, וואָס סע איז דאָ אין לעבן.

איך האָב גענומען אין קיך די הילצערנע עמער און בין אַוועק מיט דער אויסגעטראָטענער סטעזשקע אין סעדל צום שכײנישן ברונעם. מיר איז ניט אַלעמאָל באַקוועם זיך דאָרטן אָנ־טרעפן מיט די שטעטלדיקע אײַנוווינער, וועלכע קוקן מיך אָן, ווי א נײַעם, וואָס איז אַראָפּגע־פאַלן פון דער לעוואָנע. נאָר צו דעם איז אויך דאָ אָן אייצע: מע מאַכט זיך ניט ווויסנדיק די ערשטע פּאָר רעגעס, ביז דער קרוק ווערט פרײַ. דאַן ציסטו אַרויס דײַנע צוויי עמער וואַסער, און אַז דו קערעוועסט זיך אויס צו יענעם מיט דער פּלייצע, איז שוין פאַרטיק. וואָס קאָנען זיי אַף מיר דערזען? קיין טאַנצנדיקע מאַלאָכים — ניט. איילע וואָס דען? מײַן הוילעך קאָן זיי אָדער יאָ געפעלן, אָדער ניט. איז מיילע, אין געריכט פירט מען דאָך ניט פאַר אַזעלכע זאַכן, און מיך זידלען אינמיטן מארק וועלן זיי דאָך אויך ניט האָבן פאַרוואָס. גייסטו דורך צוויי טריט, איז שוין דער דורכגאַנג צו אונדז אין סעדל מיט דער טונקל־אויסגעטראָטענער סטעזשקע, און אָט איז די הויז־טיר, און אָט איז די קיך.

ווילט איר, מיידעלעך, לאָמיר צושטעלן א ביסל אָקרעפּ. און אַזוויי די אַלטינקע אין יענעם דאָרף, וואָס מיר ווייסן נאָך אפילע ניט, ווי׳אַזוי מע רופט זי, האָט אונדז באַזאָרגט מיט א גע־שמאַק לעבעלע ברויט, און א שטיקל צוקער איז דאָ נאָך פון דעם, וואָס עליע־לייב האָט צו־

געשיקט, וועט איר זען, אַז אַפילע מילקע אַליין וועט באַלד אויך ווערן אויפגעלעבט. און ס׳איז טאַקע אַזוי געווען. זי האָט אָנגעהויבן שיטן מיט כאָכמעס און מיט שטעכווערטלעך, אַז אַ רויך איז אַוועק. איך האָב זיך אַ רייץ געטאָן מיט איר, האָט זי זיך גענומען ברוטשקען און זיך שיר ניט געכאַפּט דראַפּען ווי אַ קעצל, נאָר דאָס איז אויך געווען אַן אויפן פון שפּילן זיך. אַ סימען — פאַליע האָט עס ניט שטאַרק געוואָלט לײַדן און זי האָט טיף אין האַרצן געהאַלטן, אַז מילקע איז אין דעם ניט ווינציקער שולדיק פון מיר.

מיר האָבן געגעסן וואַרמעס אָדער וועטשערע און געדאַנקט יעדערן אַף זײַן אויפן: דעם ברונעם, דעם אויוון, עליע־לייבן און דעריקער די אַלטינקע, וואָס מיר ווייסן נאָך ניט, וויאַזוי מע רופט זי, און ווען מע פירט אונדז נאָכאַמאָל אַהינצו, אין יענעם דאָרף אַרײַן, וואָלטן מיר אַפילע ניט אַזוי גיך געטראָפן איר שטוב. אָבער זי איז ווערט, אַז מיר זאָלן צו איר קומען, זי געפינען און זיך טאַקע דערוויסן, וויאַזוי זי הייסט, וויאַזוי איר מאַן הייסט, און זיך דערוויסן, צי זי האָט ערגעץ קינדער, ווײַל זי איז געווען צו אונדז זייער גוט, טאַקע אַזוי ווי אַ מאַמע.

ענדלעך האָט זיך מילקע גענומען אויספרעגן אַף בראָכקען מיט די קינדער, אַף וואָווען מיט זײַן קאַלע.

אין די זאַכן האָב איך זיך געמישט וואָס ווינציקער. איך האָב נאָר געקוקט זיי אין די אויגן, געוואָלט זען, וואָס זאָגן זיי. אָבער זיי האָבן דעם ברודער, קענטיק, ליב געהאַט. מיס־טאַמע איז ער עס ווערט אויך. און מײַנע שוועסטער מיט מײַנע עלטערן האָבן זיי דערווײַל נאָך ניט ליב געהאַט. מע האָט עס דערקענט ניט אין איין וואָרט זייערס, אַמאָל אַ באַהאַלטנס און מערער אָן אָפּנס. קיין סיבעס האָבן זיי ניט געהאַט דערויף, זיי זײַנען פּאָשעט אין קאַס אַף דער גאַנצער וועלט, זײַנען זיי צו מײַניקע אויך געווען אַזוי. דעריקער, די קליינע. און זי שולדיק מאַכן קאָן מען אויך ניט. זי וויל זיך שטאַרק לערנען, און זי האָט ניט קיין גאַנץ העמד אַפן לײַב. אַנדערע מיידלעך, וואָס האָבן אַ קלענערן באַרוף, לערנען זיך. און זי קריגט אַ פּאָר שיך נאָר דאַן, ווען עליע־לייב שיקט צו. ווער ס׳זאָל העלפן, איז ניטאָ, און עפּעס אַליין טאָן קאָן מען ניט. קיינער האָט זיי ניט געלערנט דערויף. און זיך ווײַזן פאַר לײַטן אין אַזאַ מין הוילעך איז ניט נאָר ניט שיין, ס׳איז פּאָשעט ניט מעגלעך. און דער איקער, דער איקער פאַר־דראָס באַ אַזאַ מענטש נעמט זיך פון דעם, וואָס זי פאַרשטייט פאַר דרײַען און איר לעבן קאָן מיט גאָרניט באַפרידיקט ווערן אַפילע ווי באַ דעם מינדסטן פון די מינדסטע. זי קוקט אין פענצטער און לעקט דעם שווייס. דער מאָגן בעט עסן, די פיס ווילן אַ זאָק, דאָס לײַב — אַ מאַלבעש, דאָס בלוט און דאָס האַרץ — אַ כאַווער. די קלעמעניש איז גרויס און די כאַרפּע — נאָך גרעסער. אָט פאַרוואָס עס דאַכט זיך איר, אַז מײַן שוועסטער איז אַ קלאָץ, וואָס גייט אָנגעטאָן אין זײַדנס, און אַזאַ האַלט מען נאָך אין קינדערהיים אַף אַן אַרבעט.

ניין! מײַן שוועסטער איז ניט קיין קלאָץ. זי איז אַ מענטש מיט אַ גוט געמיט און אַן איידל געפיל. זי גייט ניט אין קיין זײַדנס איבער איין סיבע: זי האָט עס ניט. נאָר אַ פּראָסט שטיקעלע מאַרקיזעט קליידט איר און זינגט אַף איר ניט ווינציקער ווי אַף עמעצן — זײַד. און דאָס, וואָס זי אַרבעט אין אַ קינדערהיים, דאָס איז שוין ווײַט ניט קיין כיסאָרן. ווען מיר מיט אײַך שטעלן זיך טאָן כאָטש וואָס־ס׳ניט־איז, ווען מיר דראַפּען זיך אַרויס פון אונדזער נאָרע (דער־ווײַל מיט לעכער און מיט לאַטעס) און מיר בעטן זיך אײַן כאָטש אַף וועלכער אַרבעט ס׳ניט־איז, שווער איך אײַך, קינדער, אַז מיר וואָלטן זיך אויסגעגלײַכט מיט לײַטן, מענטשן וואָלטן באַ אונדז אין די אויגן קריגן אַ שענער פּאָנעם, און מיר באַ זיי אין די אויגן — אַוואַדע.

(סאָף קומט)

60־טער געבורטסטאָג פון שיקע דריז



שיקע דריז געהערט צום דריטן דאָר ייִדישע סאָוועטישע דיכטער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער שאפן מיט 35—40 יאָר צוריק, סאָף צוואנציקער יאָרן, האָבן זיך בוילעט אנטפּלעקט אין די דרײַסיקער יאָרן און זײַנען ענדגילטיק רײַף געוואָרן אין נאָכמילכאָמע־פּעריאָד.

אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער דיכטונג טיילט זיך שיקע דריז אויס מיט זײַן אייגנאַרטיקן טאלאנט. זײַן שטים קלינגט הילכיק אינעם כאָר פון די ייִדישע סאָוועטישע דיכטער און לאָזט זיך באזונדערס הערן מיט דער אינטאָנאציע, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז אים.

פאר דער דיכטונג פון שיקע דריז איז פריִער פאר אלץ כאראקטעריסטיש די קינדער־טעמאטיק. עס איז באוווּסט, אז די מער באדײַטנדיקע שעפער פון דער קינדער־דיכטונג זײַנען איינצײַטיק אויך עמעסע פאָלקס־דיכטער. אין דער ייִדישער ליטעראטור ווייסן מיר די טראדיציע פון פאָלקסטימלעכקײַט און דיכטערישער מײַסטערשאפט אין דער קינסטלערישער שאפונג פאר קינדער און וועגן קינדער בא שאָלעם־אליינעמען, פּערעצן, קוויטקאָן. אָט די רומפולע טראדיציע זעצט פאָר אויך שיקע דריז.

מיט זײַנע לידער און מײַסעלעך האָט שיקע דריז געווונען די הערצער און די געפילן ניט בלויז פון דער קינדער־אאודיטאָריע, נאָר אויך פונעם דערוואקסענעם לייענער. זײַן דיכטונג איז „פאר גרויס און קליין".

מיט די לידער וועגן „באבי יאר", מיטן גאנצן ציקל „פוי ניקבאָר" האָט דער דיכטער געבראכט אויך זײַן בײַטראָג צום פּאָעטישן דענקמאָל די קאָרבאָנעס פונעם בלוטיקן נאציזם.

צום זעכציקסטן געבורטסטאָג קומט שיקע דריז אין אופבלי פון זײַן דיכטערישער באגאבונג. מיר זײַנען זיכער, אז ער וועט נאָך באריַיכערן אונדזער ליטעראטור מיט ווערטפולע קינסטלערישע ווערק, און ווינטשן אים געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

שיקע דריז

א כאָלעם

דער טאָג איז געווען פיִאָלעט,
דער הימל ווי ליסקעס פון א פיש.
אין דעם אָרן פון שטילקײַט,
אף אקסל פון לייצים,
איז צו יענער־וועלט געשווומען
דער קיניג ליר.
עס האָבן ניט געכליפעט קיין פלייטן,
עס האָט ניט געזשומזשעט דאָס מעש,
נאָר אין די גלעקעלעך, פארבאָרגן
אין מיצן אף די קעפ פון פאיאצן,
האָבן טרערן געקלימפּערט:
דין־דין...
דין־דין...

ארום האָט שעמערירט
א וועלט מיט פאיאצן;
די אויגן פארגאנגען אין ווייטעק,
די ליפּן צעצויגן איבער דעם גאנצן פּאָנעם
מיט אן אָנגעמאָלטן,
פארגליווערטן געלעכטער.
נאָר אין די גלעקעלעך, פארבאָרגן
אין מיצן אף די קעפ פון פאיאצן,
האָבן טרערן געקלימפּערט:
דין־דין...
דין־דין...
און דער קיניג ליר איז געשווומען,
א באפרײַטער שוין פונעם לעבן,
אף אקסל פון לייצים־נאָסים,
וואָס טרעטן אף שפּיץ פון די פינגער
און טאפּן די ערד אונטער זיך...

עס האָבן ניט געכליפעט קיין פלייטן,
עס האָט ניט געזשומזשעט דאָס מעש,
נאָר אף איינעם א מאָכיקן דעכל,
צו וועלכן ס'האָט זיך אדורכגעריסן
א זוניקער שטראל,
איז, אזוי ווי מיט רויך פונעם קוימען,
אויסגעוואקסן א ליכטיקער זאָקן,
מיט גראָווע, צעשויבערטע פאטלעס,
וואָס האָט אף א קינדעריש פידעלע
נאָכגעשפּילט א כאָלעם:
דין־דין...
דין־דין...

א מענטש דארף זײַן א מענטש

זאָל זײַן די טרער
די הייסע געבענטשט, —
א מענטש
דארף זײַן א מענטש!

נאָר מײַנע אויגן —
א טרוקענער דנאָ,
קיין איינציקע טרער
ניטאָ.

זאָל זײַן דאָס לאכן
דאָס געזונטע געבענטשט, —
א מענטש
דארף זײַן א מענטש!

האָט אבער געטראָפן
מיט מיר אזא זאך,
אז ניט איך וויין
און ניט איך לאך.

קינע

שטעלט אײַך פאָר און מאָלט אײַך אויס —
א פײַנע פאָר קערבלעך האָט געוווּנען מײַן טויז;

בין איך געגאַן און געקויפט פאר דעם געלט
א טײַערן בוטל מיט ליכטיקער וועלט.

זײַנען באלד אפן טיש בא מיר בעכער געשטאנען,
א בענקל א לײַטישס פאר יעדן פאראנען,

גאָפל און מעסער, פעטשא אפן טעלער,
געזײַערטע אוגערקעס גלײַך פונעם קעלער,

גענדזענע גריוון, כרעמזלעך און כאלע —
דאכט זיך, איז וואָס? שוין יויצע פאר אלע...

האָט איינער געוויינט און א צווייטער געקוועלט,
דעם דריטן געקערט האָט פון מײַן ליכטיקער וועלט,

דעם פערטן — האָבן מענטשן מיט קויעך געהאלטן,
ער זאָל מיר, כאָלילע, דעם קאָפּ ניט צעשפאלטן.

א רעגנדל

גייען גייט א רעגנדל,
קלאפט עס אין די דעכער,
שטעל אוועק א ליכט אין שויב,
אפן טיש א בעכער.

עפשער בענקט אן עלנטער
נאָך א ביסל שײַן,

עפשער לעכצט א וואנדערער
נאָך א טראָפּן ווײַן.

גייען גייט א רעגנדל,
קלאפט עס אין די דעכער,
שטעל אוועק א ליכט אין שויב,
אפן טיש א בעכער.

א מײַסע מיט א פערדל

געזאָגט האָט מײַן זיידע:
— זאָל קאָסטן ווי טײַער,
גיי איך און קויף דיר
א פערדל — א פײַער!

דער קאָפּ — ווי געטאָקט,
די גריווע — ווי לײַן,
אזוינס ווי אזעלכס
ועט דאָס פערדעלע זײַן!

איך זע, ווי עס שטייט שוין
געזאָטלט באם פלויט...
וויל איך נאָך האָבן
א ביקסל מיט שרויט!

טאָמער גאָר פאָר איך
דורך א וואלד צי א וועלדל,
וווּ ס׳כראָפּעט רעב בער,
וווּ ס׳וואָיעט רעב וועלוול —

זיי קאָנען דאָך, זיידע,
מײַן פערדל צערײַסן
און נאָכדעם מיט מיר,
מיט דײַן אייניק, פארבײַסן...

שמייכלט דער זיידע:
א קינד טראַכט דיר אויס!
איך קויף דיר א ביקסל,
און מיילע, און אויס...

זאָג איך, איך וויל נאָך
א הוט מיט א פעדער,
אזא ווי עס טראָגן
די עמעסע יעגער.

א יאגדטאש מיט פראנדזן,
א הונט אף א קייט...
מע זאָגט, אז פאראן
אפן מארק אזא קלייט...

שמייכלט דער זיידע
פון אונטער די ברעמען:
— כ׳האָב מוירע, איך וועל דיך,
מײַן קינד, ניט דערקענען.

לויף צו דער מאמען

שעם זיך ניט, קינד מײַנס,
אויב ס׳האָבן דיך הײַנט
מיט הילצערנע שווערדלעך
באזיגט דײַנע פײַנט;

אויב דו ביסט געלאָפן,
געפאלן אין גראָז,
און גאָר ניט אומיסטן
צעבלוטיקט די נאָז.

לויף צו דער מאמען
און כליפּע זיך אויס,
די בעסטע רעפוּע
איז א מאמעניוס שויס.

בעסוידעס דיר זאָג איך:
כ׳וואָלט אליין ניט געשעמט זיך,
ווען פלוצעם פון ערגעץ
מײַן מאמעניו נעמט זיך

און כאפּט מיך באם אויער
און פרעגט מיך: פארוואָס
באהאלטסטו פון מיר
דײַן צעדראפּעטע נאָז?

און וואשט מיך ארום
בא דער קופּערנער פאן...
צוואנציק יאָר לעבן
וואָלט מיר צוקומען דאן.

פארוואָס שרײַט די קוקאווקע „קוקע"

ווען אוועק זײַנען פייגל און געקויפט אין די קלייטן
טריל־לי, טרי־לי — פידעלעך און פיִר־פיִר־פלייטן,
שטעקעלעך און גלעקעלעך נאָך קלענער פון אן אגרעס,
דודעלעך, און טעצעלעך, און פײַפעלעך, און גראגערס,
און אפילע קיין בים־באָם ניט געלאָזט אין די קראָמען, —
איז איינע א פייגל־יענטע מיט קלאָלעס געקומען:
— נו און יאך וואָס זאָל טאָן אין די וועלדער די טיפע? —
האָט דער פיקהאָלץ אויסגעפיקט טעלעגראפיש אן אסיפע
און די גראָווע סאָוועס, וואָס זײַנען אין די קליינע אויסיִעלעך באָקע,
האָבן געפּאסקנט: „שרײַ דערווײַל, שוועסטערקע: קוקע".

די וועלט זאָגט א ווערטל

די וועלט זאָגט א ווערטל:
א קישקע איז בלינד
און א מענטש אף דער עלטער
ווערט ווידער א קינד.

און א וועלט, אז זי טוט שוין
א גלײַכוואָרט א זאָג,
איז דאָס עמעס, ווי עמעס,
ווי דער טאָג איז א טאָג.

כ׳זאָג אײַך בעסאָד עס
(מיר זײַנען דאָך פרײַנט),
כ׳האָב שיר ניט צעקושט זיך
מיט א טעלעצע הײַנט.

אזוי איז מיר פלוצעם
געפעלן געוואָרן
איר גילדערנער גוידער,
איר פליאָם בא דעם האָרן.

פונקט ווי ערשט נעכטן
האָב איך אָנגעהויבן גיין
און קיינמאָל קיין קו
אין מײַן אויג ניט געזען.

געלעבט און געלעבט
און געוואָרן שוין גרוי
און ערשט זיך דערוווּסט,
אַז אַ לאָשעק עסט שטרוי;

אַז אַ פויגל קאָן זינגען,
אַ קוקאָוווע קאָן קוקען,
אַ הינטל קאָן האווקען,
אַ קאָטער — מיאָוקען.

אַ וואָלעכל

מיט שיִע בען שיִע איז אַ מײַסע פאַרלאָפן:
שיר־שיר ווערט ער נעכטן אַף אייביק אנשלאָפן.
אײַלי־ליולי,
אײַלי־ליולי.
ניט פון קאלטע קלעפּ און ניט פון הייסע פּעטש —
ס'האָבן אים די ענגע שיך זייער שטאַרק געקוועטשט.
אײַלי־ליולי,
אײַלי־ליולי.
האָט שיִע בען שיִע די סלינע געשלונגען
און איז ביז דער סטעליע פון ווייטעק געשפּרונגען.
אײַלי־ליולי,
אײַלי־ליולי.
נאָר ניט אויסגעטאָן די שיך, געבערשטלט זיי ביז גלאַנץ —
זאָל די וועלט זיך מיינען, אַ וואָלעכל ער טאַנצט.

ווען וואָס עס דאַכט זיך

עס דאַכט זיך באַם שערער
דער בלעכענער שילד,
אַז זי איז דאָס עכטע
גרויסאַרטיקע בילד,

די ברילן — אַז זיי דאַפקע
לייענען די בריוו,
דעם טשײַניק — אַז ער איז
אַ לאָקאָמאָטיוו,

דעם ווידערקאָל דאַכט זיך,
אַז ער איז די שטים,
דעם לעקעך — אַז ניסעלעך
וואַקסן אַף אים.

טרעפּט

טרעפּט, פאַרוואָס איך גיי פּאַוואָליע?
כ'טראָג אין היטל אַ פּאַסאָליע!

וואָלט איך פאַרמאָגט אַן ערטעלע,
ווו מאַכן זיך אַ גערטעלע,

אַ טאָרבעלע וואָלקנס מיט שטראַלן,
אַז אַ פּאַרעווע רעגן זאָל פאַלן,

ווען איך וועל דאַרפן און וועלן,
מײַן גאָרטן זאָל בליִען און קוועלן,

מעגט איר פאַרקאַטשען
די פּאָלעס
און קומען אַף צימעס־פּאַסאָליעס.

מייער יעלין

דעם זיידנס שטעקן

ווען ניט דאָס הארצקלעמעניש... יאָ, ווען כ׳האָב ניט קיין הארצקלעמעניש, וואָלט איך מיסטאמע ניט געקומען דרייען אײַך א קאָפּ מיט מײַן געשיכטע, כאָטש ס׳איז א זעלטן־טשיקאווע, מאמעש אויסערגעוויינלעכע געשיכטע, און ס׳לוינט זי אויסהערן. כ׳וועל זי אײַך פּרווון איבערדערציילן, וועל איך אליין נאָכאמאָל קאָנען איבערצײַגן זיך, אז אזוי איז טאקע געוועזן אפּאנעמעסן. און אז כ׳וועל נאָכאמאָל אראָפּריידן זיך פון הארצן, וועט מיר עפּשער לײַכטער ווערן... איר פארשטייט, כ׳האָב זיך פארפּלאָנטערט אין אן איניען און ניט געקאָנט זיך בארוי̇קן, ביז ער איז ניט געוואָרן אויסגעקלאָרט און דערפירט צו א טאָלק. און פונדעסטוועגן האלט ער נאָך אלץ געשפּאנט מײַנע מאכשאָוועס, דריקט דאָס געמיט און אפילע דאָס געוויסן.

דער מאן מיטן שטעקן, מיט מײַן זיידנס שטעקן, איז מיך צום ערשטן מאָל פארבײַגעגאנגען... ניין, ניט אזוי. מע מוז אָנהייבן מיט א שטיקל סיידער. דאן, ווי יעדן אינדערפרי, האָב איך געײַלט צו דער ארבעט. ס׳איז געווען א ווארעמער סאָף סענטיאבער. פון אונדזער ראכווערדיקן, מיט העלע מאָדערנע הײַזער באבויטן קווארטאל, ווו כ׳האָב ניט לאנג באקומען א נײַע דירע, האָבן ארויסגעשאָטן זיך מאכנעס מענטשן: קינדער — אין שול ארײַן, דערוואקסענע — צו דער ארבעט, אין שטאָט־צענטער. ווי געוויינלעך, האָב איך אויך דאָס מאָל ניט געלייגט קיין אכט אף די צענדליקער און הונדערטער פארבײַגייער. כ׳וואָלט זיך ניט אומגעקוקט אויך אף אָט דעם מענטשן, ווען ער כאַפּט ניט אונטערהינקען, פונקט ווי̇ איך, ווען ער שפּארט זיך ניט אָן אין א שטעקן, פונקט ווי איך. באגעגנסטו אן ענלעכן צו זיך באאוולטן פון דער נאטור, כאַפּסטו ניט ווילנדיק אף אים א קוק און ווילסט טרעפן, צי דאָס איז א מילכאָמעאינוואליד אָדער זײַן מום שטאמט פון א קינדער־פּאראליטש, דעם אזויגערופענעם פּאָלי̇אָמי̇עליט, ווי בא מיר. ווילסט פעסטשטעלן, צי דער מענטש הינקט שטארקער אָדער שוואכער פון דיר. ווערסט נײַגעריק צו וויסן, אף וועלכן פוס ער הינקט; צי ער טראָגט פּאָשעטע אָדער אָרטאָפּעדישע שיך און אף וואָס פאר א שטעקן שפּארט ער זיך אָן.

איך האָב געײַלט אין איין ריכטונג, און יענער הינקעדיקער מאנצבל — אין דער פארקערטער. מיר האָבן זיך אויסגעמיטן, און דאן האָב איך אים נאָכגעקוקט. ערשט ווען דעם אומבאקאנטן האָט אוועקגעטראָגן דער מענטשן־שטראָם, איז מיר אײַנגעפאלן: דער שטעקן! עפּעס קענטלעך איז ער מיר. כ׳זאָל אים האָבן ווו̇ געזען, צי וואָס?

כ׳שלעפּ זיך צו דער ארבעט, ניט אופהערנדיק טראכטן, ווו̇ האָב איך פּאָרט געזען דעם שטעקן? און ס׳טוט מיר פּלוצעם א זעץ אין קאָפּ: „מײַן זיידע! ס׳איז זײַן שטעקן!“

נאָר דעם געדאנק ווארף איך אָפּ. ווי קומט אהער, אף א מערכעק פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער פונעם שטעטל, ווו̇ מיר האָבן געלעבט פאר דער מילכאָמע, דעם זיידנס שטעקן? אין מער ווי פינף און צוואנציק יאָר ארום נאָכן זיידנס אומקום — זײַן שטעקן? אוואדע האָב איך א טאָעס. ס׳איז בלויז אן אויסדאכטעניש. און כ׳טרײַב פון זיך די פּאסקודנע שטימונג, וואָס קומט שטענדיק ארוף אף מיר, דערמאָנענדיק זיך, אז פון אונדזער פארצווײַגטער מישפּאָכע בין איך געבליבן אייניקער אליין אף דער גרויסער וועלט... עמעס, כ׳האָב נאָכן כורבן אופגעשטעלט א שטיקל מישפּאָכע — האָב א פרוי, קינדער. אָבער אלע מײַנע קרויווים האָט דער היטלעריסטישער כאלעף פארשניטן. איצט האָט דער דאָזיקער שטעקן אָנגעווייעט אף מיר די אלטע, שוין באלד פארגעסענע היימישקײַט פון דער געבורט־שטוב, אופגעוועקט זיכרוינעס, פון וועלכע עס בלײַבט א נאָגעניש אין דער נעשאָמע.

פונדעסטוועגן בין איך אף מאָרגן, גייענדיק צו דער ארבעט, געווען אָנגעשפּיצט און אופמערקזאם ארומגעקוקט זיך: צי וועל איך באגעגענען דעם זעלבן הינקעדיקן מענטשן?

ניין, כ׳האָב אים ניט באגעגנט.

דעם קומענדיקן טאָג איז מיר דער מאן מיטן שטעקן ארויס פון קאָפּ. ס׳האָט זיך דערנעענטערט דער סאָף כוידעש, און מײַנע געדאנקען האָבן זיך ווי גערי̇עט אינעם בארג כעזש־

בוינעס און אָפּרעכענונג־דאָקומענטן, וואָס האָבן געוואַרט אױף מיר אין דער קאָנטאָר. ערשט, כלֿעבן, פֿונקט ווי דאָס ערשטע מאָלֿ — הינקט מיר אנטקעגן דער זעלֿבער אומבאַקאנטער! ער טראָגט א גוטן פּילֿצענעם קאַפּעלֿיוש מיט א טיף פֿאַרבויגענעם ראַנד אױף פֿאָרנט; זײַן רויטלֿעך פּאָנעם איז אומבאַוועגלֿעך־שטײַף, סאָלֿיד; געדיכטע גראָוולֿעכע וואָנצעס פֿאַרדעקן זײַן אייבער־שטע לֿיפּ; די אויגן פֿאַרשטעלֿן ברילֿן אין דיקע טונקעלֿע רעמלֿעך. גייענדיק, שפּאַרט ער זיך אָן אין א שטעקן פֿון א טיפֿן קאַשטאַנקאָלֿיריקן, ערטערווײַז קימאַט שוואַרץ האָלֿץ, אױף וועלֿכן ווו־ניט־ווו עס סטאַרטשען אַרויס קניפּעלֿעך. איך באַווײַז נאָך כאַפּן א קוק אױפֿן הענטלֿ פֿונעם שטעקן מיטן זילֿבערנעם לֿייבנקאָפּלֿ, און דער אומבאַקאַנטער פֿאַרשווינדט אינעם מענטשן־געווימלֿ. אָבער דאָס הענטלֿ בלֿײַבט ווי אָפּגעדרוקט אין מײַן מויעך: פֿונעם לֿייבנקעפּלֿ מיט די אומעטיקע אויגן ביזן האָלֿץ פֿונעם שטעקן ציט זיך אַוועק א געפֿלֿעכט פֿון איילֿבערט־בלֿעטלֿעך און שלֿאַנגען... איך בין איבערצײַגט: ווען כ׳וואָלֿט דעם שטעקן ניט געהאַט אַמאָלֿ געזען און טאַקע בא מײַן זיידן, וואָלֿט איך איצט ניט באַמערקט און ניט פֿאַרגעדענקט אַזוי די דעטאַלֿן.

אױף דער אַרבעט איז דער זיידע און זײַן שטעקן מיר ניט אַרויס פֿון קאָפּ. כ׳האָב גלֿײַכגילֿ־טיק געקוקט אין די דאָקומענטן, מעכאַניש געדרייט דאָס הענטלֿ פֿונעם אַריפֿמאָמעטער און געטראַכט גאָר וועגן דעם, ווי דער זיידע האָט מיר אַמאָלֿ אַרײַנגעשמיסן, האַלֿעמײַ כ׳האָב אײַנ־געקאַרבט מיט א מעסער זײַן שטעקן. און איך האָב בלֿויז געוואָלֿט זען, צי ס׳איז טאַקע האַרט און שטאַרק דאָס האָלֿץ פֿון א לֿעוואָנען־צעדער. כ׳האָב, נעמלֿעך, אונטערגעהערט, ווי דער זיידע האָט דערציילֿט, אַז זײַן שטעקן איז א יונג צעדערביימלֿ פֿון לֿעוואָנען. כ׳האָב אַרײַנגע־כאַפּט די שמיץ און ביטער געוויינט. האָט מיך דאַן דער זיידע צוגעדריקט צו זיך, צוגעלֿייגט זײַן פּאָנעם צו מײַן קאָפּ און טיף־טיף אַרײַנגעזויגן אָטעם. כ׳האָב געוווּסט, אַז דער זיידע פֿאַר־גינט זיך ניט קושן זײַנע אייניקלֿעך. ער ציט בלֿויז אַרײַן אין זיך זייער ריעך. מײַן זיידע — א מיטלֿוווּקסיקער, מיט א פּיר־קאַנטיק בערדלֿ, ווײַס ווי קנאָבלֿ, שטענדיק אין זײַן שוואַרצן „קאָטיעלֿאָק“, אין זײַן שוואַרצן סורדוט, וועלֿכע ער פֿלֿעגט האַלֿטן אין איין פּוצן. דער „קאָטיע־לֿאָק“ און דער סורדוט האָבן מאָדנע געגלֿאַנצט, און איך פֿלֿעג טראַכטן, אַז דער זיידע פּוצט זיי מיט עפּעס א וואַקס, וועלֿנדיק אויסזען אַזוי, ווי עס פּאַסט פֿאַרן שטעטלֿשן פֿעלֿדשער און דעם פֿאַרגעטערטן רופֿע פֿון דער גאַנצער געגנט. אין איין האַנט — דער שטעקן, אין דער צווייטער — דאָס אָפּגעטראָגענע סאַקוואָיאַזשלֿ מיט די באַנקעס און פּיאַווקעס, מיט דער קלֿיזמע און די קאָלֿערלֿיי שמירעכצן, — אַזוי פֿלֿעגט ער באַטאָג און באַנאַכט שפּאַנען צו זײַנע כאָלֿאָים. העט־ווײַט אין דער געגנט פֿלֿעגט מען אים אָוועקפֿירן אױף פֿויערשע פֿורלֿעך „ראַטעווען מענטשן“. און שטענדיק מיטן שטעקן. ער איז גוט געווען אױף אָנצושפּאַרן זיך, אױף אָפּצוטרײַבן א הונט. און עפּשער (איצט פֿאַלֿט עס מיר אײַן!), עפּשער האָט דער שטעקן געדאַרפֿט צוגעבן מײַן זיידן כשיוועס. עפּעס א קלֿייניקײַט, אַזא זעלֿטענער שטעקן!

און אָט, ווידער דער שטעקן מיטן זילֿבערנעם הענטלֿ. נאָך אַלֿעם דעם, וואָס איז פֿאַרבײַ. און פֿאַרבײַ איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי דער בלֿוטיקער מילֿכאָמע־הוראַגאַן. ווען דער פֿראָנט האָט זיך צוגעקוילֿערט צו אונדזער שטעטלֿ, האָט מיך, צולֿיב מײַן קראַנקן פֿוס, אַרופֿ־גענומען די פֿײַערלֿעשער־מאַשין, וואָס איז אָפּגעצויגן פֿון די דײַטשן. אַלֿע מײַנע אייגענע, דערין אויך דער זיידע, האָבן זיך געלֿאָזט צופֿוס מיטן שאָסיי. אָפּגערעדט איז געווען זיך טרעפֿן אין דווינסק בא די פֿײַערלֿעשער. נאָר אַלֿע פֿלֿענער און אָפּריידענישן האָבן ווי צעבאָמבירט די היטלֿעריסטישע שפּאַרבערס מיט די שוואַרצע צלֿאָמים אױף די פֿלֿיגלֿען, בייס זיי האָבן פֿאַרפֿאָלֿגט די אָפּטרעטנדיקע אױף די וועגן און שטעגן.

א צוועלֿפֿיאָריק יאַטלֿ, בין איך מיטן פֿלֿייטים־שטראָם פֿאַרטראָגן געוואָרן אין דער טיף פֿונעם לֿאַנד. דאָרט האָבן מיך, אַן איינזאַמען, עלֿנטן, דערצו נאָך א באַלֿ־מום, לֿעכאַטכילֿע צוגע־טוליעט צופֿעלֿיקע מענטשן, באַלֿד אָבער האָב איך מיך דערקלֿיבן צו א קינדערהיים, וועלֿכן מע האָט געגרינדעט פֿאַר עלֿנט־געבלֿיבענע קינדער פֿון לֿיטע. מיט אָט דעם קינדערהיים האָב איך זיך צוריקגעקערט נאָך דער מילֿכאָמע אַהער און בין שוין מיט אים געבלֿיבן אין שטאָט, ווײַלֿ מײַן געבורט־שטעטלֿ איז געווען כאָרעוו, און קיינעם, קיינעם פֿון מײַנע אייגענע האָב איך ניט געפֿונען צווישן די לֿעבעדיקע. זיי האָט, אַפּאָנעם, אָנגעיאָגט דער אָנגרײַפֿנדיקער סוינע, גע־צוווּנגען אומקערן זיך און אומגעבראַכט שוין אױף אָן אָרט. וועגן אומקום פֿון זיידן האָב איך געהערט א שוידערלֿעכע געשיכטע, אין וועלֿכער איך האָב גלֿייבן ניט געוואָלֿט.

נאָר לֿאָמיר זיך אומקערן צום אומבאַקאַנטן מאַנצבלֿ מיטן שטעקן. א טאָג איבער א טאָג, פּינקטלֿעך אין דער זעלֿבער צײַט, פֿלֿעג איך, גייענדיק צו דער אַרבעט, אים באַגעגענען. און נאָך יעדער באַגעגעניש בין איך אַלֿץ מער איבערצײַגט געווען, אַז אין זײַן האַנט איז מײַן זיידנס שטעקן. כ׳האָב מיך שוין געהאַט אַנטשלֿאָסן אָפּצושטעלֿן דעם אומבאַקאַנטן, דערקלֿערן אים... אויס מוירע, אַז כ׳וועלֿ אים ניט איבערצײַגן, קיין זאַך ניט פּויעלֿן און עפּשער אױף אייביק פֿאַר־

פֿירן די מעגלעכקײַט אָפּצונעמען דעם שטעקן, האָב איך עס ניט געטאָן. בין איך אַוועק נאָך דער אַרבעט אין מיליציע...

דער דעזשורנער לייטענאַנט האָט מיך אויפֿגענומען זייער גלײַכגילטיק. צי ער איז אויסן געווען, איך זאָל וואָס גיכער פֿאַרענדיקן מײַן מעשׂה און זיך אָפּטראָגן (אין פּאָדערצימער איז צו אים געשטאַנען אַ גרויסע ריי מענטשן), צי ער האָט אַף עפּעס געליטן, ווײַל זײַן פּאָנעם איז געווען בלאַס, אויסגעטריקנט און אויסגעזען, ווי באַנומען פֿון עפּעס אַ ווייטעק. מיך האָט עס אָבער ניט אָפּגעשטעלט. איך האָב געטײַנעט דאָס מײַניקע: ס׳איז מײַן זיידנס שטעקן. ניטאָ נאָך אַזאַ אין ערגעץ! איך קאָן אָנגעבן סימנים. צום בײַשפּיל, דעם קאַרב, וועלכן איך האָב אַמאָל געמאַכט. דער שטעקן איז געבליבן, ווי געווען, בלויז אַ גומענער ענד־שטיק איז אַף אים אַרויפֿ־געטאָן.

ענדלעך איז דער מיליציע־באַאַמטער אַרויס מיט לאָשן. אומגעדולדיק, אַזש בייזלעך האָט ער מיר דערקלערט:

— אויב איר וועט אַפֿילו דערווײַזן מיט אײדעס, אַז דאָס איז טאַקע אײַער זיידנס שטעקן, איז סײַווי דער איניען פֿאַרעלטערט. מע וועט דאַרפֿן ווענדן זיך אין געריכט, מישפּטן זיך...

„וואָס, אייגנטלעך, ווייל איך? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. — אָפּנעמען דעם שטעקן, צי גאָר דערוויסן זיך, ווער ס׳איז זײַן איצטיקער אייגנטימער און ווי ער קומט צו אים?“

— ניט אײנעם שטעקן גייט עס, — האָט זיך באַ מיר אַרויסגעכאַפּט.

איך האָב ניט נאָכגעלאָזט, און דער לייטענאַנט האָט מיר דערווידערט מיט אַ געשיכטע פֿון זײַן פּראַקטיק. אָט האָבן זיי געזוכט אַ פֿאַרדעכטיקן טיפּ מיט אַ שראַם אַף דער רעכטער באַק. איז אויסגעקומען אין אונדזער פֿאַרהעלטעניסמעסיק ניט־גרויסער שטאָט קאָנטראָלירן אין מעשׂעך פֿון אַ פּאָר מעסלעס איבער פֿינף הונדערט מענער מיט אַזאַ סימען...

מיר האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן. כ׳האָב בלויז געשטאַמלט:

— אָבער אַזאַ שטעקן... אַזאַ זעלטענער...

דער לייטענאַנט האָט געבלעטערט אַ פּאַפּקע דאָקומענטן. קוקנדיק אַף אים, האָב איך אַלץ געטראַכט, מיט וואָס וואָלט איך פֿאָרט געקאָנט צוציִען זײַן אינטערעס צו מײַן איניען. דעריבער האָב איך צו אַלץ, וואָס כ׳האָב שוין אויסגעלייגט, צוגעגעבן:

— איך ווייס אויך... ווען איך בין נאָך דער מילכאָמע צוגעפֿאָרן אין מײַן געבורט־שטעטל, האָבן מענטשן דערציילט, אַז מײַן זיידן האָט דערמאָרדעט איינער אַ בורבאַ, אַ רעצייעך, אַן אויסוואורף... עמעס, מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ער האָט באַוויזן פֿאַר דער צײַט אויסציִען די פּיס...

איך בין שוין גרייט געווען דערציילן אַלץ, וואָס איך האָב געוווּסט וועגן מײַן זיידנס שרעקלעכן סאָף, נאָר דער לייטענאַנט האָט מיך איבערגעהאַקט:

— אָפּט באַגעגנט איר יענעם מענטשן?

— אַ טאָג איבער אַ טאָג.

— איז וואָס קאָן איך אײַך ראַטן? דערגייט, ווו ער אַרבעט, און גיט צו וויסן. אַליין פֿאַר־פֿירט מיט אים ניט קיין געשפּרעך, — האָט האַסטיק פֿאַרענדיקט דער מיליציע־באַאַמטער און געבעטן מיך הייסן אַרײַנגיין דעם פֿאָלגנדיקן פֿון דער ריי.

איך האָב שוין גוט געוווּסט די צײַט, ווען כ׳פֿלעג באַגעגענען דעם מאַן מיטן שטעקן. פּינקטלעך צו דער מינוט איז ער מיר אויך דאָס מאָל אַנטקעגנגעקומען. כ׳האָב אים געלאָזט פֿאַרבײַגיין און פֿאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט. דאַן האָב איך זיך אויסגעקערעוועט און אַוועק נאָך אים. ער האָט לײַכט אונטערגעהונקען, שפּילעוודיק הייבנדיק דעם שטעקן. כ׳האָב געהערט, ווי זײַן גומענער ענד־שטיק שטויסט זיך ווייך אָן אין די טראָטואַר־פּליטן...

פֿינף מינוט פֿאַר אַכט איז דער מאַן מיטן שטעקן דערגאַנגען צו אונדזער ראַיאָנער עלעקטראָסטאַנציע און איז פֿאַרשוווּנדן אין איר הויפּט־אַרײַנגאַנג.

קלאָר, אַז כ׳האָב פֿאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט. מע האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט. אַזוינס האָט מיט מיר קיינמאָל ניט פּאַסירט. דעם שעף האָב איך דערקלערט, אַז צוליבן שלעכטן וועט־טער האָט זיך מײַן פּוס צעקאַפּריזעוועט, און מיר איז הײַנט שווער צו שטעלן אַ טראָט.

נאָך דער אַרבעט, אָנשטאָט צו גיין אַהיים, בין איך אַוועק אין מיליציע. געוואַרט אין דער ריי און שפּעטלעך געקומען אַהיים — אַ מידער און הונגעריקער.

די פֿרוי מײַנע האָט שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן. זי איז שוין אַפֿילו געלאָפֿן קלינגען פֿון טעלעפֿאָן־אויטאָמאַט אין קאָנטאָר. עפּשער בין איך זיך דאָרט פֿאַרזעסן. דער טעל־עפֿאָן האָט אָבער ניט געענטפֿערט. אַ סימען, אַז אַלע זײַנען אַוועק.

דערהערט, ווו איך בין געווען, איז מײַן פֿלוינעסטע אַרויס מיט פֿאַרוואורפֿן: וואָס דריי איך זיך דעם קאָפּ מיט שטעקנער? זי שטראָפֿט און מוסערט מיך, האַלעמײַ איך זוך אַף זיך קלאָגן און כלאָפּאָטן. זי וואָרנט מיך, איך זאָל מיט קיינעם ניט אָנהייבן, ניט אײַנרײַסן און לעבן

רויִק. אונדז פֿעלט דאָך איצט בעעמעס גאָרניט. מיר האָבן פֿײַנע כאַיונע, האָבן א גוטע דירע, נײַ מעבל, האָדוועון צוויי גרעאַטענע ייִנגלעך...

דאָס אַלץ איז טאַקע עמעס. אָבער ס'איז שוין א קלאַל, אז ווען דער מענטש האָט ברויט און צום ברויט, זוכט ער זיך נאָך עפּעס אויס, וואָס זאָל זײַנע מאכשאָוועס פֿארנעמען. מײַנע געדאנקען זײַנען איצט געווען פֿארטאָן מיטן איניען שטעקן. איך האָב מיך שוין געהאט פֿאָר־געשטעלט, ווי מע רופֿט מיך ארויס אין מיליציע, כ'גיב אָן מײַנע סימאָנים אפֿן זיידנס שטעקן. מע קאָנטראָלירט. יאָ, אַלץ שטימט. דער איצטיקער באזיצער פֿונעם שטעקן טײַנעט, אז ער האָט אים געקויפֿט אַף דער טאָלקוטשקע. כ'בין גרייט אים אומקערן דאָס געלט, און שטעל זיך שוין פֿאָר, ווי איך ווארף אוועק מײַן פּראָסטן שטעקן מיטן הילצערנעם, פֿון שוויס קלעפּיקן הענטל און פֿיל באַם אָנשפארן זיך די גלאטקײַט פֿונעם אָפּגעשליפֿענעם זילבער. דערפֿיל אזש אפֿן זילבער די ווארעמקײַט פֿון מײַן זיידנס דלאָניע, מיט וועלכער ער פֿלעגט אונדז, זײַנע אייניק־לעך, ארופֿשארן אַף ארוף די האָר פֿונעם שטערן.

נאָר דאָס אַלץ זײַנען געווען פּוסטע פֿאנטאזיעס. די צײַט לויפֿט, און איך ווארט. עס גייען מיר אויס די קויכעס ווארטנדיק. פֿארלוירן דאָס געדולד, בין איך ווידער אוועק אין מיליציע.

עהע, מע דערפֿרייט זיך מיט מיר: גוט, וואָס איך בין דאָ! זיי האָבן ניט געהאט פֿארצייכנט, ווער איך בין, ווו איך לעב, האָבן זיי עס איצט געטאָן.

אינגיכן באקום איך א מעלדונג צו קומען אין דער פּראָקוראטור. עס נעמט מיך דאָרט אוף אַן אויספֿאָרשער און בעט דערציילן, וואָס איך ווייס וועגן אומקום פֿון זיידן.

זאָג איך, אז איך בין דערבײַ ניט געווען און ווייס נאָר דאָס, וואָס כ'האָב געהערט פֿון מענטשן, בייס איך בין נאָך דער מילכאָמע אראָפּגעפֿאָרן אין מײַן היים־שטעטל. כ'האָב געהערט, אז די היטלעראָווצעס מיט זייערע אָרטיקע מעשאָרסים האָבן צונויפֿגעטריבן אפֿן מארק־פּלאַץ די שטעטלשע אײַנוווינער אָנצוקוקן, ווי זיי וועלן „צונויפֿירן די כעזשבוינעס" מיט די קאָמוניסטן, ייִדן און די אנדערע שעדלעכע עלעמענטן. מע האָט געבראכט א גרופּע מענער, געצוווּנגען זיי קניִען, און די מערדער האָבן מיט האמערס „ארויסגעהאקט זיי פֿון די קעפּ די קאָמוניסטישע לערע". מײַן זיידן האָבן זיי „ארויסגעהאקט פֿון קאָפּ די ייִדישע מעדיצין, מיט וועמעס הילף ער האָט געצאַפּט בלוט אַף מאַצעס, שטעלנדיק געהאקטע באנקעס אָדער פּיאַווקעס"... איינע א פֿרוי האָט געהערט, ווי דער זיידע האָט געהאט אויסגערופֿן צו זײַן רעצייעך: „עך, ווינצוק, איך האָב דיר דאָס לעבן געראטעוועט, ווען האָסט געקרענקט אַף דיפֿטעריט". האָט אים יענער דערלאַנגט מיטן האמער איבערן קאָפּ, ער זאָל שווײַגן...

וואָס האָב איך נאָך געוווסט? יאָ, כ'האָב פֿארגעדענקט פֿון די דערציילונגען, אז בייס די הארינעס האָט באזונדערס געבושעוועט איינער א בורבא... כ'האָב נאָך אופֿמערקזאַם געמאכט דעם אויספֿאָרשער, אז, לויט די רייד פֿון די מענטשן, איז אָט דער מערדער געהארגעט געוואָרן פֿון א סנאריאַד, בייס די סאָוועטישע ארמיי האָט באפֿרײַט אונדזער שטאָט. דערמיט האָב איך ווי געפּרוווט זיך פֿארענטפֿערן, האַלעמײַ איך בין ביז איצט אזוי גלײַכגילטיק געווען צום שרעקלעכן גורל פֿון מײַנע אייגענע.

אהיים בין איך געקומען א צעטומלטער און אופגערעגטער.

ס'איז מעקויעם געוואָרן מײַן ווײַבס נעוווע. כ'האָב די רו פֿארלוירן. ווו נאָר א לעקציע, א פֿילם וועגן דער לעצטער מילכאָמע און דער היטלעריסטישער אָקופּאציע פֿון אונדזער לאַנד, בין איך דאָ. כ'האָב אָנגעשלעפּט א שטוב מיט ביכער וועגן יענער בלוטיקער טקופֿע. אָנשטאָט זיצן באַם טעלעוויזאָר, ארײַנכאפּן זיך צו א שאָכן אָדער באקאַנטן מאכן א קערטל צי כאַפּן א שמועס, אויסהערן א רעכילעסל צי א פֿריש אנעקדאָטל, — לייען איך און לייען און ווער אַלץ מער ארײַנגעשלעפּט מיט לײַב־און־לעבן אין יענעם גרוילפֿולן אָוואר. ניין, כ'האָב אזוינס זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, כאָטש ס'איז געווען אַן אַלגעמיין באוווסטע זאַך, אז די פֿאשיסטן האָבן פֿאר־גאָסן טײַכן אומשולדיק בלוט. וויאזוי, וויאזוי האָבן מענטשן געקאָנט אזוי דעגענערירן און פֿארוואנדלט ווערן אין בלוטדאָרשטיקע כײַעס? באנאכט כאַלעמט זיך מיר מײַן קינדהײַט, מײַנע אייגענע. די כאַלוימעס זײַנען ווי געווײנלעך — כאַלוימעס. אין זיי פֿלאָנטערן זיך צונויף קאָש־מארן פֿון דער מילכאָמע־צײַט און הײַנטצײַטיקע געשעענישן... איך שלאָף שלעכט באנאכט, האָב הארצקלאַפּעניש און קאָפּווייטעק — באטאָג. איך בין אפֿילע אוועק צום דאָקטער, ער זאָל מיר עפּעס צושרײַבן, ווײַל אַף דער ארבעט שווינדלען מיר די ציפֿער פֿאר די אויגן. אויסגע־הערט מיך, האָט דער דאָקטער פֿעסטגעשטעלט בא מיר א געהעכערטן בלוט־דרוק, צוגעשריבן רעפֿועס און געהייסן ניט איבערמידן זיך, אויסמײַדן זאָרג און פֿארדראָס.

ווי וועסטו אָבער אויסמײַדן זאָרג און פֿארדראָס, אז פֿון אונטער דער ערד וועט זיך שוין עפּעס אײַנגעפֿינען, וואָס זאָל דיר פֿארשאַפֿן אגמעסנעפֿעש.

אָט האָב איך, דעם וויפֿלטן טאָג שוין, ניט באגעגנט דעם מאַן מיטן שטעקן. טראכט איך:

ס'איז הארבסט, קאלט, רעגנדיק, א מענטש קאָן זיך צוקילן. א טאָג גייט אָבער נאָך א טאָג, שוין באלד צוויי וואָכן, און ניטאָ. פרווו איך עס דערקלערן: עפשער האָט ער באקומען א פוטיאָווקע אין א סאנאטאָריע צו היילן דעם פוס? און עפשער האָט ער געביטן זײַן ארבעט־פלאץ?

אומזיסט האָב איך אויסגעקוקט יעדן פרימאָרגן — ניטאָ דער מענטש, ניטאָ דעם זיידנס שטעקן. ווי אין וואסער ארײַן. נעם איך זיך הריזען, האלעמײַ כ'בין געווען אזוי נאכלעסיק.

פלוצעם האָב איך איבערגעלייענט אין צײַטונג אן אָפיציעלע מעלדונג, אז ס'איז פארהאלטן געוואָרן און עס ווארט אף זײַן מישפעט דער היטלעריסטישער ארויסהעלפער און בלוטיקער פאשיסטישער מאסן־מערדער ווינצענטאס בורבא...

מיר האָט א זעץ געטאָן אין מויעך: דער מאן מיטן שטעקן! מיט מײַן זיידנס שטעקן!

וואָס זאָל איך לאנג ברײַען. איצט איז שוין נאָך אלעמען: נאָכן מישפעט. אלץ איז אויסגעקלאָרט, אופגעדעקט. וועל איך בעקיצער איבערגעבן, ווי עס איז געשען.

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אז דער מאנצבל מיטן שטעקן באזוכט אָפט דעם שטאָטישן בעסוילעם. אן אנדערשמאָל קומט ער אהין מיט בלומען, וועלכע ער לייגט אוועק אף א צופעליקן קייווער. אָפווארטנדיק א מאָמענט, עס זאָל קיין לעבעדיקער נעפעש ניט זײַן ארום, פארקריכט ער צו א פארוואָרפענעם קייווער פון עפעס א ווינצענטאס בורבא... צום זעלבן קייווער קומט פון צײַט צו צײַט א פרוי — בורבאס אלמאָנע.

האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער דאָזיקער סוביעקט פלעגט גיין אף זײַן אייגענעם קייווער... ער און זײַן ווײַב האָבן זיך איבערגעשריבן דורך בריוולעך, וועלכע זיי פלעגן באהאלטן איינער פארן אנדערן אונטער א שטיין בא בורבאס מאצייווע... דער מאן מיטן שטעקן — מײַן זיידנס מערדער איז געלאָפן פון אונדזער היים־שטעטל, אָבער ניט באוויזן אנטרונען צו ווערן מיט זײַנע היטלעריסטישע באלעבאטים. אין שטאָט, ווו מיר לעבן איצט, איז ער ארײַנגעפאלן ווי אין א פאסטקע. פארשטייענדיק, אז מע וועט אים פאר זײַנע פײַנע מײַסים קיין גלעט איבערן קעפל ניט געבן, האָט ער אָנגעהויבן פארניכטן זײַן אייגענעם שפור. בייס די שלאכטן פאר דער שטאָט האָט ער געפונען א געהארגעטן מאנצבל, וועלכן ער האָט צוזאמען מיט זײַן פרוי מעקאבער געווען בייס דער בעהאָלע אלס זייערן א קאָרעוו ווינצענטאס בורבא. באגראָבן, געשטעלט אים א באשיידענע, ניט־קענטלעכע, אָבער מיט א קענטלעכן אופשריפט מאצייווע...

דער עמעסער בורבא האָט דאן געלעבט אף די דאָקומענטן פונעם האָרוג. דאָס איז, מאשמאָעס, געווען אן איינזאמער מענטש, א טוישעוו פון א דערבײַיִק שטעטל, אן עלעקטראָמאָנטיאָר פון באָרוף. אין זײַן פאס איז, צו בורבאס גליק, געווען אן אומדײַטלעכע פאָטאָ, און אין דער גראפע „באזונדערע מערקצייכנס" איז, שוין גאָר ניט צום גליק, געווען ארײַנגעשריבן: „הינקט אף דעם לינקן פוס". האָט בורבא האסטיק אויסגעלערנט זיך אייסעקן מיט עלעקטרע און אונטערהינקען. ער האָט געמוזט אויך נעמען טראָגן ברילן, ווײַל דער פאָטאָ אפן פאס. האָט ער אָנגעטאָן ברילן מיט פראָסטע גלעזלעך אין דיקע טונקעלע רעמלעך. ניט קיין שלעכט מיטל צו ענדערן דעם אייגענעם אויסזען...

אין דער פרעמדער שטאָט האָט דאָס קינדערלאָזע פאָרל בורבא לעפאָנעם־וועגן זיך צעשיידט און אָנגעהויבן פירן אן אָפגעהיט־געהיים לעבן. באנאכט פלעגן צומאָל מאן און ווײַב באזוכן איינער דעם אנדערן. די שכיינים האָבן זיי ניט געוואָלט שטעלן אין פארלעגנהײַט און ניט געלייגט קיין אכט אף די דאָזיקע וויזיטן צום אלטן באָכער און צו דער איינזאמער אלמאָנע.

אָנגערויבטן פארמעגן בא זײַנע קאָרבאָנעס האָט בורבא געהאט אף יאָרן (מע האָט, אגעוו, געפונען פארגראָבן אונטער דער מאצייווע אן עמעסן גאָלד־ און ווערטזאכן־אויצער). אָבער ארבעטן איז דאָך בא אונדז איטלעכער מעכויעוו. האָט דער נײַ־אויסגעבאקענער „עלעקטראָמאָנטיאָר" אָנגעהויבן אלס פאָשעטער געהילף בא עלעקטרע־ארבעטן. שפעטער, ארויסווײַזנדיק פלײַס און געוויסנהאפטיקײַט, גענומען שטײַגן. זײַנע מיטארבעטער האָבן אפן מישפעט אָפגעמערקט, אז איצט איז זיי פארשטענדלעך בורבאס איבערגעטריבענע פינקטלעכקײַט און ארבעטזאמקײַט. אף די פײַערלעכע פארזאמלונגען לעקאָוועד די סאָוועטישע יאָמטויוויום פלעגט ער שטענדיק בײַזײַן, בלויז ניט אָנטיילגענומען אין די דעמאָנסטראציעס „צוליב דעם אײַנגעבוירענעם מום"... ס'איז אויך קלאָר געוואָרן, פארוואָס דער נעפעש האָט זיך געהאלטן שטענדיק אָפגעזונדערט, שווײַגעוודיק־פארשלאָסן. ער זאָל אמאָל זיך מעסאמייעך זײַן אין קאָמפאניע! ער האָט אויסגעמיטן זיך פאָטאָגראפירן — ניט אין גרופעס, ניט אליין. בא אים און זײַן פרוי האָט מען ניט געפונען קיין איין פאָטאָ זײַנע!

שווער, זייער שווער פאָרשטעלן זיך, ס'איז אָבער א פאקט: אין אונדזער ראיאָנער עלעקטראָסטאנציע האָט יאָרנלאנג געארבעט א פלײַסיקער, ווויל־אויסזעענדיקער וואכטע־מײַסטער, און אלץ איז אין אים געווען געפעלשט — א פאלשער נאָמען, א פאלשער אויסזען, א פאלשער מום, — אלץ אונטער א מאסקע.

די דאָזיקע מאַסקע האָט ענדגילטיק פון אים אַראָפּגעריסן דער אויספאָרשער, אויסרופנדיק:

— בורבאַ, טוט אויס די ברילן, לייגט אַוועק דעם שטעקן און נעמט גיין אויף אייַערע ביידע געזונטע פיס!

ניט געווען קיין אויסוועג. דער עמעסער בורבאַ האָט טאַקע אַוועקגעלייגט מייַן זיידנס שטעקן דעם אויספאָרשער אויפן טיש.

דאָס אַלץ ווייס איך פון די צייַטונגען און פון די געריכט־זיצונגען, אויף וועלכע איך בין בייַגעווען צווישן אוילעם אין זאַל. מיך האָט מען אַפילע אַלס איידעס ניט אַרויסגערופן. איך וואָלט דאָך ניט געקאָנט צוגעבן צום עצעם איניען קיין זאַך, כוץ דעם, אין וואָס קיינער האָט ניט געצווייפלט, — אַז כ׳האָב דערקענט מייַן זיידנס שטעקן.

איצט איז שוין נאָך אַלעמען. די מעכילע־באַקאָשע פונעם מערדער איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, דער אורטייל — אויסגעפירט... די ראַדיאָ, די צייַטונגען האָבן וועגן דעם געמאָלדן. איך טראַכט בלויז, צי קאָן מען אַפילע מיטן לעבן אויסקויפן מאָרד־כאַטאָיִם?

בורבאַס פרוי פאַרשילט מיך אַוואַדע, וואָס כ׳האָב צוליב עפּעס אַ שטעקן אומגעבראַכט אַן אַרבעטזאַמען מענטשן, וואָס האָט קיינעם איצט קיין שלעכטס ניט געטאָן, כאָרעוו געמאַכט איר לעבן... זאָל איך זיך פאַרטיידיקן, דערקלערנדיק, אַז אויך אָן מיר און אָן דעם שטעקן וואָלט דער עמעס סאָפּקאָלסאָף אַרופגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך? ווי זאָגט דאָס אַלטע ווערטל: „סאָף גאַנעוו לעטליִע“. צוואַנציק יאָר איז אַרומגעגאַנגען דער מערדער מיט מייַן זיידנס שטעקן און אַוואַדע געהאָפט, אַז ער וועט אַזוי אויסלעבן זייַנע יאָרן. געוויס האָט ער אומגעדולדיק געוואַרט אויף דער רעגע, ער זאָל קאָנען אַראָפּוואַרפן פון זיך די מאַסקע. געוואַרט, געהאָפט און דעם דאָזיקן מאָמענט אַנדערש זיך פאָרגעשטעלט.

כ׳טראַכט וועגן זייַן פרוי. אויך זי וועט דאַרפן אָפּקומען אַ שטראָף. אויך זי איז דאָך זינדיק. טראַכטנדיק וועגן איר, פרעג איך זיך: צי האָט זי געקאָנט ניט אויסשטרעקן אַ האַנט אַן אייגענעם מאַן, ווען ער האָט זיך געצאַפּלט אין דער לויערונג פון דער טויט־געפאַר? כ׳פרעג זיך אָבער אויך, פאַרוואָס האָט זי ניט פאַרהאַלטן מיט איר האַנט דעם האַמער, וואָס האָט דאַן געפּלעט מענטשלעכע קעפּ? איצט וועט זי מוזן ענטפערן לויטן געזעץ. „ס׳איז האַרב דער געזעץ, אָבער דאָס איז אַ געזעץ!“ — האָבן געזאָגט די אַמאָליקע רוימער, און איך האָב דאָס ניט לאַנג ערגעץ אויסגעלייענט.

יאָ, יאָ, געזעץ, אָרדענונג... מע האָט מיך אַרויסגערופן נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם פּסאַקדין און אָפּגעגעבן דעם זיידנס שטעקן. איך האָב אַ קאָנטראָליר געטאָן, צי ס׳איז פאַראַן אויף אים דער קאַרב, וועלכן כ׳האָב אַמאָל געמאַכט. יאָ, ס׳איז געבליבן אַ קענטלעכער צייכן. דערזען, אַז איך קווענקל זיך עפּעס, מאַכט צו מיר דער באַאַמטער:

— נעמט, איר זייַט דער געזעצלעכער יוירעש.

ליידער, אויך דער איינציקער... הענגט איצט מייַן זיידנס שטעקן בא מיר אויף דער וואַנט — ווי אַ ווייטעקדיקע דערינערונג, אַ הייליקע רעליקוויע. דאָס אַרופגעזעצטע דורך אַ פרעמדער האַנט גומענע ענד־שטיק האָב איך אַראָפּגענומען און אַנטבלויזט דעם רעשט פונעם מעטאַלענעם דאָרן, וועלכן דער זיידע האָט געהאַט אַרייַנגעהאַקט, דאָס האַלץ זאָל זיך ניט אָפּניצן און דער שטעקן זאָל בעסער אייַנשפּאַרן זיך אין דער ערד, אין אייַז אָדער אינעם שפּאַלט צווישן די ברוק־שטיינער. קימאַט אינגאַנצן אָפּגעניצט איז דער דאָזיקער דאָרן. הענגט דער שטעקן בא מיר אָן געברויך. ס׳לאָזט דאָס האַרץ ניט נעמען אים ניצן. דאָס זילבער פונעם אַנטיקן הענטל איז אָפּגעשליפן, די קאָנטורן פונעם אָרנאַמענט — אָפּגעריבן. אַוואַדע פון יענער פרעמדער האַנט...

און דאָס איז, אייגנטלעך, אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט דערציילן. מיט אַ האַלב יאָר צוריק וואָלט זיך מיר אַפילע ניט געכאָלעמט, אַז אַ מאָדנער צופאַל וועט צעשטערן מייַן רו און אַרייַנפלאָנטערן מיך אין אַ פייַנפולן איניען. איצט, דעם עמעס זאָגנדיק, פאַרשטיי איך ניט, ווי איך האָב אַזוי לאַנג געקאָנט גלייַכגילטיק־רויִק לעבן אין אונדזער אומרויִקער טקופע.

ס׳איז פרילינג. ס׳עפענען זיך פענצטער אַרייַנצולאָזן אין די שטיבער דעם כּיִעס פון דער נאַטור. ס׳איז לייַכטער צו באַוועגן זיך, און ס׳אָטעמט זיך פרייַער. די מענטשן ריידן האַרציקער, פריילעכער. זייער געלעכטער איז קלינגעוודיק, און די בליקן לייַכטן. דאָס זע איך, הער, אָנהייבנדיק יעדן אינדערפרי דעם נייַעם טאָג און אייַלנדיק צוזאַמען מיט די אַלע פון מייַן גלייַכן צו דער טאָגטעגלעכער אַרבעט. איך טו, דאַכט זיך, אַלץ, ווי פריִער, ווי מיט אַ האַלב יאָר צוריק. נאָר ערשט איצט זע איך באַשייַמפערלעך, אַז דאָס, וואָס איז געשען מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, איז נאָך אַלץ ניט געוואָרן קיין פאַרגאַנגענהייַט; און איך פיל, אַז דאָס לעבן איז גאָר ניט אַזוי פּאָשעט, ווי עס קאָן אַמאָל אויסזען. קאָלערליי לאַסטן, שווערע וואָלגערן זיך אָפּט אַרוף אויפן מענטשן, דריקן זייַן געמיט, די מאַכשאָוועס, דאָס געוויסן און פאַרשאַפן האַרצקלעמעניש.

שימען קריוואָשעין
גווארדיע־גענעראַל־לייטענאַנט,
העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד

צוויי דועלן

שוין באַלד אָוונט. לעצטע זון־שטראַלן שפּיגלען זיך אין די גאַנץ געבליבענע פענצטער און גליטשן זיך אַראָפּ פון די דעכער פון די עטלעכע הײַזער, וואָס שטאַרצן צווישן די כורוועס פון דער דײַטשישער הויפּטשטאָט, ווי לעצטע ציין אין מויל בא א זאָקן.

נאָר אָט איז שוין די זון פאַרשוווּנדן הינטער די רויִנען. און מיט דער ראָזעווער שײַן פונעם ביינ־האַשמאָשעסדיקן הימל האָט זיך צונויפגעגאָסן די גרויע און פיאָלעטעווע שײַן פון צעפּאַטלטע וואָלקנס.

די פינצטערניש האָט זיך אָנגערוקט לאַנגזאַם, ניט געאײַלט...

די אָוונטיקע גרויקײַט האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרווישן די היטלערישע לאָזונגען, אָנגעשריבענע מיט ווײַסער פאַרב:

„דײַטש! רו און דיסציפּלין!", „בערלין וועט קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן ווערן!", „הײַל היטלער!".

— אַ ליגן די מײַסע! איצט וועט איר שוין אָפּגעבן, נאָך ווי אָפּגעבן, און ניט אַזוי איר וועט אָפּגעבן, ווי מיר וועלן נעמען! אומזיסט האָבן מיר דען דורכגעשפּאַנט צוויי טויזנט ווערסט...

דאָס האָבן געענטפערט אַף די אופשריפטן די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געגאַנגען פאָרויס, אַף בערלין.

דאָס פײַער פון די שלאַכטן אין דער בערלינער פאָרשטאָט ווײַסענזעע האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט.

פונעם 21 אַפּריל ביזן 2 מײַ האָט דער ערשטער קראַסנאָגראַדסקער מעכאַניזירטער קאָרפּוס מיט שווערער מי און גרויסע פאַרלוסטן אײַנגעבראָכן די בערלינער שוץ־ליניע — קוואַרטאַל נאָך קוואַרטאַל.

דעם 26 אַפּריל האָבן די שיסער־באַטאַליאָנען פון דער 19־טער און 37־טער מעכאַניזירטער בריגאַדעס אַרויס צום טײַך שפּרעע בא סימענסשטאַדט.

אַ פאַרפאַנצערטע אין בעטאָן, איז זי געווען אַ גרויסע מניעה אַפן וועג פון אונדזערע אָנגרײַפנדיקע טיילן. די ווערטיקאַלע ווענטלעך זײַנען געווען גליטשיק, נאַס און קאַלט, און אונדזערע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך העלדיש געוואָרפן אין אײַז־קאַלטן וואַסער און דורכגעשווומען דעם טײַך, האָבן זיך ניט געהאַט אין וואָס צו פאַרטשעפּען.

— מיר, איך און דער קאַפּיטאַן מאַלצעוו, האָבן זיך צוגעזעצט אונטער אַ גאַנץ געבליבענער ציגלענער וואַנט און האָבן זיך אײַנגעגעסן מיט די אויגן אין דעם פּלאַן פון גרויס־בערלין, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַף דער ערד, — האָט מיר דערציילט מיכאַיִל באַטיס, דער קאָמאַנדיר פון דער 3־טער באַטאַריי פון דעם אַרטילעריע־באַטאַליאָן אין דער 19־טער מעכאַניזירטער בריגאַדע. — „בעסער פון אַלץ איז פּרוּוון פאָרסירן דעם טײַך בא דעם בריק לעבן דער סטאַנציע, אָט דאָ, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן מאַלצעוו אין דער הייך, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין, און אַ פיר געטאָן מיטן פינגער איבער דער מאַפּע. — מע וועט זיך לאָזן שווימען און בייס אָן אינטענסיווער קאַנאָנאַדע זיך באַהאַלטן בא די ביקעס"...

— נו, מע האָט זיך שוין דערקליבן צום ברעג, און ווײַטער וואָס טוט מען? וויאַזוי קומט מען דורך מיטן ווערטיקאַלן ווענטל קימאַט צוויי מעטער די הייך? — האָב איך געפרעגט.

— דערלויבט, כאַוער קאַפּיטאַן? — האָט זיך געווענדט צו מיר דער סערזשאַנט קורסקי, דער ראַדיסט פון מײַן באַטאַריי.

— וואָסי דען?

— דערלויבט, וועלן מיר — קאַסיאַנאָוו, קובאַריאָוו און איך — ברענגען אַ שיפל פון יענעם ברעג, וועט זײַן לײַכטער פאָרסירן דעם טײַך.

— ווי וועט איר עס טאָן?

— מיר האָבן שוין אַלץ באַטראַכט. אָט בא יענער כורווע וועל איך זיך אַראָפּלאָזן אין וואַסער, און מײַנע כאַווײרים וועלן שיסן, מיך צו פאַרדעקן. איינס און צוויי, און איך בין דאָ צוריק.

— נו גוט! איר האָט זיך שוין איבערגעפּעקלט אַפן שיפל אַף יענעם ברעג, און ווי וועט איר זיך אַרופדראַפּען אַפן בעטאָנענעם ווענטל?

— אַפן ווענטל? איינער באַם אַנדערן אַף די אַקסלען...

— אויב אַזוי, איז זאָל זײַן מיט מאַזל.

קורסקי איז געשווומען, און פון אַלע זײַטן האָבן זיך געהויבן זײַלעכלעך שפּריצן — קוילן האָבן געטראָפן אין וואַסער. דאָס פײַער פון אונדזער זײַט האָט געלאָשן אַ ביסל די פאַנטאַנדלעך, און דערנאָך זײַנען זיי ווידער אויסגעוואַקסן. קאַסיאַנאָוו און קובאַריאָוו האָבן אויך קיין האָניק ניט געלעקט. די כורווע, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָט פאַרצויגן אַ רויטער וואָלקן שטויב פון די אופרײַסן פון מינעס און סנאַריאַדן. קאַסיאַנאָוו איז געווען פאַרוווּנדעט אין אַקסל, קובאַריאָוו — אין פוס. נאָר, אָפּגייענדיק מיט בלוט, האָבן זיי ניט אופגעהערט צו שיסן.

אַט איז שוין קורסקי אַף יענער זײַט, אַט בינדט ער אָפּ א שיפֿל, אַט שווימט ער שוין צוריק און נאָך אים דאָס שיפֿל. דאָס שיפֿל האָט מען צוגעבונדן, און קורסקי האָט, ציטערנדיק פֿון קעלט, זיך אַרײַנגעכאַפּט אין א קעלער, וווּ כאַווײרים האָבן אים גוט אײַנגעדעקט און געגעבן אויסטרינקען ספּירט זיך צו דערוואַרעמען.

אין עטלעכע שאָ ארום האָבן שוין צוויי ראַטעס אווטאָמאַטלער זיך געשלאָגן אַפן אנדערן ברעג טײַך.

27 אַפּרעל, טיפֿע נאכט. פּראַזשעקטאָרן און טראַסירנדיקע קוילן באַלײַכטן יעדע מינוט די שמוציקע וואַסערן פֿון דער שפּרעע. א מאַבל פֿײַער פֿון האַרמאַטן און קוילנוואַרפֿער האָט פּאַרפּלייצט דעם סוינע...

די ראַדיאָ האָט קוים צו הערן איבערגעגעבן די לעצטע ווערטער פֿון דעם עקיפּאַזש פֿון א טאַנק, אין וועלכן עס האָט געטראָפֿן א פֿײַנטלעכער סנאַריאַד:

— הײמלאַנד אונדזערס, דײַנע זין האָבן אָפּגעגעבן אַלץ פֿאַר דיר... דאָס איז שוין די לעצטע און אַנט־שיי־דע־נע שלאַ־אַכט...

— זעט, כאַווײרים, דאָס ברענט דער טאַנק פֿון דעם סטאַרשינאַ פּיווניק!.. אַן אומגליק אַף זיי, אַף די פֿאַשיסטן! אזא עקיפּאַזש אומגעבראַכט! — האָט אויסגעשריִען דער פֿאַלקאָווניק ווײַנרוב. ער איז געשטאַנען אַפֿן דאַך פֿון א צענשטאָקיקן מויער און האָט געזען, ווי דער שווערער טורעם פֿונעם טאַנק איז נאָכן אופֿרײַס אוועקגעפֿלויגן ערגעץ אין א זײַט מיט די טויטע קערפּערס פֿון די העלדישע טאַנקיסטן.

— ניקאָלײַ, דעם טאַנק אהער! — דער פֿאַלקאָווניק איז אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די טרעפּ. זײַן טאַנק האָט זיך אַרויסגעריסן צום ראַנד פֿון א גרויסן פּאַרק, וווּ עס איז אוועק אין אַנגריף א מאַטאָרייזירטער שיסער־באַטאַליאָן. עס האָבן זיך באַוויזן צוויי פֿאַשיסטישע טאַנקען. אײנער נאָכן צווייטן זײַנען אַרויסגעפֿלויגן צוויי פֿאַנצער־באַלוואַנקעס[1]. ביידע טאַנקען האָט פֿאַרצויגן א רויך.

— דאָס האָט איר אײַך אַן אָדערוף פֿאַר פּיווניכס עקיפּאַזש! — האָט אויסגערופֿן ווײַנרוב און שאַרף א קערעווע געטאָן דעם טורעם פֿונעם טאַנק.

אין ציל־אַפּאַראַט האָט ער דערזען א קאָלאָסאַלן „טיגער“. ווײַנרובס פֿלינקער, באַוועגלעכער טאַנק איז מאָמענטאַל אַרײַן אין די כורוועס פֿון א הויז און האָט אַרויסגעשטעלט אנטקעגן דעם „טיגער“ זײַן האַרמאַט. דער „טיגער“ האָט געשלײַדערט באַלוואַנקעס פֿונדערווײַטן.

[1] ספּעציעלע שטיקער זייער פֿעסטן מעטאַל, וואָס זײַנען אויסגערעכנט אַף דורכצוברעכן די פֿאַנצערס פֿון טאַנקען.

— זאָל ער זיך דערקלײַבן א מעטער צוויי הונדערט פֿונדאַנען, אָן צו יענעם פֿאַנטאָן מיט דער נאַקעטער נעקייווע, אַנדערש וועט אונדזער סנאַריאַד זײַן פֿאַנצער ניט דורכברעכן, — האָט באַשלאָסן ווײַנרוב.

דער „טיגער“ האָט זיך לאַנגזאַם דערנעענטערט. זײַנע באַלוואַנקעס האָבן מיט א פֿײַף געשניטן די לופֿט.

— אכט הונדערט... זעקס הונדערט... פֿיר הונדערט... צוויי הונדערט... — האָט געציילט ווײַנרוב.

די ערשטע סנאַריאַדן האָבן בלויז אויסגעשלאָגן א פֿאַנטאָן פֿונקען. נאָר אָט האָט דער „טיגער“ אויסגעקערעוועט זײַן שווערן גוף, און דרײַ סנאַריאַדן האָבן פּינקטלעך געטראָפֿן אין ציל. עס האָט א שפּאַר געטאָן א שוואַרצער רויך, נאָך אים פֿײַערדיקע צונגען.

— ניט געפֿעלן דער קיבעד?! קיין אנדערער איז בא אונדז פֿאַר אַזעלכע כײַעס־ראָעס ניט פֿאַרגרייט.

ווײַנרוב האָט באַפֿוילן אַרויספֿאָרן פֿון דער כורווע.

אין 1964, פֿאַרבײַפֿאָרנדיק אַף אַן אווטאָמאָביל מינסק, האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט צוגאַסט צום געוועזענעם פֿאַלקאָווניק, איצט עלטערן אינזשעניר־קאָנסטרוקטאָר אַפֿן זאַוואָד מאַז[1] — ווײַנרובן. קימאַט א גאַנצע נאַכט זײַנען מיר אָפּגעזעסן, זיך דערמאָנט וועגן די פֿאַרגאַנגענע יאָרן, בלוטיקע שלאַכטן, וועגן פֿרײַנט און כאַווײרים. אַף מאָרגן האָט יעווסיי גריגאָריעוויטש אוועקגעפֿירט מיך אַפֿן זאַוואָד — באַווײַזן דעם אווטאָגיגאַנט, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט און מיט וועלכן ער האָט אַזוי שטאָלצירט.

דאָ, אַפֿן זאַוואָד, האָט מען מיר דערציילט נאָך וועגן אײנער ווײַנרובס א דועל, איצט שוין א פֿרידלעכער.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גרויסע באַשטעלונגען פֿון טראַקטאָרס פֿאַר אויסלאַנד. אונדזער האַנדלס־פֿאַרשטייערשאַפֿט האָט פֿאַרגעלייגט דעם מינסקער טראַקטאָר „בעלאַרוס“.

צווישן די פֿאַרשטייער פֿון מינסקער אווטאָזאַוואָד איז געווען אויך דער אינזשעניר ווײַנרוב. דער סאָוועטישער האַנדלס־פֿאַרשטייער האָט אים געקענט, ער איז צוגעגאַנגען צו אים און געפֿרעגט:

— זאָגט נאָר, ליבער פֿרײַנט, א טאַנקיסט, ווייס איך, זײַט איר געווען. עפּשער זײַט איר נאָך א טראַקטאָריסט אויך?

— הייסט עך. ניטאָ די אַמאָליקע קויכעס, — האָט געענטפֿערט יעווסיי גריגאָריעוויטש, ווישנדיק דעם שוויס.

[1] מינסקער אווטאָזאַוואָד.

— מײַן טײַערער, מיר וועלן דאָ פאַרברענט ווערן ניט פון היץ, אויב איר וועט ניט אַרויסהעלפן.

אין א טאָל, אין אַרומגערינגלטן מיט פליכע־וואַטע בערג, זײַנען געשטאַנען טראַקטאָרס פון פאַרשיידענע פירמעס. די טראַקטאָריסטן האָבן אַרומגעהאָוועט אַרום זייערע מאַשינעס, זיך גערייט צום שווערן עקזאַמען. ניט קיין שפּילעכל: וועמעס טראַקטאָר עס וועט שנעלער, בעסער, עקאָנאָמיש לוינבארער אופאַקערן א באַשטימטע שטיק פעלד, יענע פירמע וועט באַקומען די באַשטעלונג.

די אָנגעשטעלטע פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכן דעפּאַרטאַמענט זײַנען געזעסן אונטער א טענט און געבלעטערט בונטע פּאַטאָ־רעקלאַמעס פון פאַרשיידענע פירמעס.

דאָס הודזשען פון די אַרבעטנדיקע מאָטאָרן האָט פאַרהילכט דעם אָרום. צוויי טראַקטאָרס האָבן זיך גערירט פון אָרט.

ס'איז געוואָרן שטיל. מע קוקט זיך אופמערקזאַם צו.

און אָט האָט איין טראַקטאָר זיך אָפּגעשטעלט, אָט א צווייטער. א וואָלקנדל דאַמף שלענגלט זיך איבער די צעהיצטע מאָטאָרן.

אַלע לאַכן.

— זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך פאַרפּאַרעט. איבערגעהאַרעוועט, נעבעך.

נאָר אָט פאָרט צו א „וואָלגע“ מיט א רויט פענדל אָפן ראַדיאַטאָר, זי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן טענט, ווו עס זײַנען געזעסן די באַאַמטע. פון איר איז אַרויס דער מיטאַרבעטער פון דער סאָוועטישער האַנדלס־פאַרשטייערשאַפט און דערלאַנגט א פּאַפּירל. דאָס איז געווען א דערלויבעניש אָנטיילצונעמען אין דעם קאָנקורס.

די אַגענטן פון די באַרימטע מײַרעוו־פירמעס האָבן איראָניש געשמייכלט. עס האָט געדאַרפט הייסן — ווו רוקן זיי זיך מיט זייער טעכניק?

עס האָט זיך באַוויזן א טונקל־רויטער טראַקטאָר. נאָך אים האָט זיך געצויגן א גאַנצער וואָלקן שטויב — ער האָט זיך געטראָגן צום באַצירק, ווו ס'איז געגאַנגען דער פאַרמעסט.

א שקוואַל אָוואַציעס פון דער אַרטיקער באַפעלקערונג: „ריוס! הוראַ!“

דער מיטגליד פון זשורי האָט קיין ברייטע ניט געהאַט — א דערלויבעניש איז פאַראַן, ער האָט נאָר געוואָרנט, אַז דעם סאָוועטישן טראַקטאָר וועט מען לאָזן דעם לעצטן.

און אָט איז זײַן ריי געקומען. דער סאָוועטישער טראַקטאָר שטייט גרייט. זײַן קאָנקורענט איז — א טראַקטאָר פון א מײַרעוו־דײַטשישער פירמע.

א סיגנאַל — און די מאַשינעס האָבן זיך א לאָז געטאָן פאַרויס.

דער מײַרעוו־דײַטשישער טראַקטאָר יאָגט איבער דעם סאָוועטישן. אָבער ווײַנרוב גיט זיך אַליין אָפּ א באַפעל:

— ניט געהיצט זיך! רויק, רויק. ווי וואָלסטו, ברודערקע, געטאָן, אַשטייגער, ווען דו פירסט א טאַנק איבער א זומפּ?

און דער דײַטש האָט שוין, ווײַזט אויס, פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך. ער יאָגט די מאַשין, ניט רעכענענדיק זיך מיט אירע מעגלעכקייטן. מיט יעדער רעגע וואַקסט זײַן זיכערקייט — דער זיג ליגט שוין בא אים אין בוזעם־קעשענע, און ער פאַרגרעסערט די אָנלאָדונג.

ווײַנרוב פאָרט פאַרבײַ דעם אוילעם צושויער. די פענעמער בא זיי זײַנען אָנגעכמורעט. אָט איז דער סאָוועטישער האַנדלס־פאַרשטייער. ער פאַרשטייט אויך ניט, וואָס עס קומט פאָר. נאָר די אַגענטן פון די מײַרעוו־פירמעס האַלטן זיך פאַר די בײַכער לאַכנדיק.

און ווײַנרוב טײַנעט אײַן מיט זיך:

— רויק, רויק.

העכער האַלב פון דעם פעלד איז שוין אופגעאַקערט, ווײַנרוב הערט זיך אופמערקזאַם צו צו דער אַרבעט פון מאָטאָר. מע דאַרף פירן דעם טראַקטאָר פּינקטלעך לויט דער אָנגעמערקטער ליניע, אַקערן אָף א באַשטימטער טיף, נאָכשפּירן נאָך אַלע אַפּאַראַטן.

דער דײַטש האָט איבערגעוואַרעמט דעם מאָטאָר.

איצט גייט שוין „בעלאַרוס“ זײַט־בא־זײַט מיטן דײַטשישן טראַקטאָר. דער אוילעם גיט צו היץ. און אָט האָט שוין ווײַנרוב איבערגעיאָגט זײַן קאָנקורענט.

נאָר ווײַנרוב פירט די מאַשין, ווי פריִער, רויק און שפּירט אופמערקזאַם נאָך נאָך דעם, ווי זי אַרבעט.

ער, דער געוועזענער טאַנקיסט, ווייסט, וואָס הייסט סאָוועטישע טעכניק. זי וועט ניט אונטערפירן — ניט אין שלאַכט, ניט אין פרידלעכער מי.

דער באַצירק האָט זיך געענדיקט. ווײַנרוב קערעוועט אויס די מאַשין. אַנטקעגנגיבער קערעוועט אויס זײַן מאַשין דער דײַטש.

און ווײַנרוב האָט זיך דערמאָנט:

— אַכט הונדערט... זעקס הונדערט... פיר הונדערט...

אַנטקעגן זײַנען געלאָפן די אַרטיקע אײַנוווינער, דער האַנדלס־פאַרשטייער. ער האָט פעסט אַרומגענומען ווײַנרובן:

— נו, ברודער! דו פאַרשטייסט?! דאָס איז דאָך געווען אן עמעסע דועל. — און ער האָט געוויזן אָף די אַגענטן פון די מײַרעוו־פירמעס, וואָס האָבן שוין איצט ניט געלאַכט.

מ אַ ט ל ט אַ ל אַ ל אַ י ע ו ו ס ק י

צו ברייטע ראַכוועסן

אַף דער בינע — רויטע פאַנען

אַף דער בינע ווייען רויטע פאַנען,
ווי דער מאַן־צוויט איז דער הימל רויט.
אין דעם ווײַטן אָווער זיי דערמאַנען,
און א ציטער פיבערט אַף מײַן הויט.

פונקט ווי דער אַרטיסט וואָלט איצט דערציילן
וועגן מיר די אייניקלעך אין זאַל,
פונקט ווי ער וואָלט מאַן־צוויט זיי צעטיילן
און מיט יעדן מאַנדעלע א שטראַל.

אַך, ווי פײַן ער שפּילט! און דער טעאַטער
ציטערט אוף אין הייסער פּליעסקערײַ,
ווען דער פאַרהאַנג אין א רויטן פלאַטער
זיך צעוויט, און ס'ווערן ווידער פרײַ

די, וואָס צוליב זיי עס הילכן שלאַכטן
און די ערד פאַרגאָסן ווערט מיט בלוט...
און עס רופט די שטים פון אומגעבראַכטע —
און עס ענטפערט איר מײַן האַרץ מיט מוט.

טיפע נאַכט. דער הימל איז צעשטערנט —
פונקט אַזאַ איז ער געווען אונטער בערלין...
אין דער שלאַכט איך האָב זיך אויסגעלערנט,
וויאַזוי דערגיין — דערגיין אַהין!

דער פראָסט

ווער וועט זאָגן, וויפל קאָסט
אַזאַ פראָסט?
ווער וועט אײַנשטעלן די פרײַז
אָט דעם אײַז,
וואָס האָט פלוצעם פאַר איין נאַכט
פריידיק, גליקלעך אונדז געמאַכט
און מיר האָבן גלײַך פאַרגעסן,
ווי דער האַרבסט האָט אונדז דערעסן,
און די גליטשערס
און די שליטלעך
האָבן אונדז אוועקגעטראָגן
אין דער קינדהײַט,
גלײַך אַהין,
ווו פון פרייד און פאַרגעניגן
קאָן מען סטאַם אַראָפּ פון זין!

אײַ, ס'אַ פראָסט! אײַ, ס'אַ ברען!
אַך, ווען כאָטש נאָך א יאָר צען
טרינקען זאָל זיך פראָסט ווי ווײַן, —
וואָלט איך, גלייבט מיר,
גליקלעך זײַן!

אין א געפעכט

אוי, איינזאַמקײַט,
ביסט ווי א שוואַרצע קלאָלע,
און אומראַכמאָנעסדיק
ביסט, ווי א בייזע שטראָף.
פאַרשאַפסט מיר לייד,
אפילע ווען איך שלאָף
און ס'כאָלעמען זיך מיר
די געסלעך שמאָלע
פון ווײַטער קינדהײַט,
ווען איך פלעג אַליין,
אונטער דער שײַן
פון סוידעספּולע שטערן,
צו זיך קיין מאַכנאַטשקע
פון שטעטל גיין,
און ס'פלעג די נאַכט
פון שרעק צעריסן ווערן...

דו, איינזאַמקײַט!
פלעגסט פענטען מיר די פיס,
און ס'איז דער וועג צום דאָרף
געווען אַזאַ מין ווײַטער...

ווען ס׳וואָלט געווען מיט מיר
כאָטש וואָר־ניט־איז,
דאַן וואָלט דאָס בילערײַ
פון הינט פאַרשײַטע
מיך ניט געשראָקן
אין מײַן שווערן וועג,
ווײַל וואָס איז ביטערער
פון פלוצעמדיקער שרעק?

אַך, איינזאַמקײַט,
דו ביסט ווי א געשפענסטער
און ווי א שלאַנג,
וואָס שפײַט מיט הייסן סאַם.
דעם, ווען דו באַפאַלסט,
דערמאָרדן קענסטו...
ניט איינמאָל כ׳האָב געפילט,
ווי ביטער ס׳איז דײַן טאַם.

ווי נאָר איך קען,
איך גיי מיט דיר אין א געפעכט,
און ביז איך לעב,
איך וויל ניט זײַן
דײַן קנעכט!

ווי אלע יונג, ווי אלע רײַך

ווען ס׳ווערט מיר אומעטיק —
עס טרעפט דען ניט? — עס טרעפט! —
ווען מײַן געמיט ווערט קימערדיק און ביטער,
דאַן מיש איך אויף מײַן אלטן יוגנט־העפט,
און איך דערפיל דעם וווּנדערלעכן ציטער
פון יענער צײַט,
ווען הונגעריק, אין א פּאָר אלטע שיך,
אין א פאַרלאַטעט העמדל —
דאָך דעם קאָפּ פאַריסן —
געלאָפן כ׳בין די נײַע וועלט באַגריסן.
זי האָט פון קעלער דאַן
גערופן מיך
צו ברייטע ראַכוועסן,
צום זינגעוודיקן דרויסן...
איך האָב פון זיך דעם דאַלעס אָפּגעשטויסן,
ווי אלע יונג, ווי אלע רײַך,
צו לײַטן גלײַך!

אַזויפיל ליכט ארום,
אַז קליין עס איז מײַן שאָטן,
און ס׳ווערט דער מינדסטער צווייפל
אויסגעראָטן.

זעכציק איז ניט זעכצן

איך ווייס ניט ווי עמעצער, — איך
האָב ליב מײַנע אלטע שיך —
זיי מוליען ניט און קוועטשן ניט —
פונקט צו דעם פוס,
פונקט צו דער מאָס!
איך וויש זיי אויס און פוץ זיי אָפּ,
און, ווי אמאָל — אין א גאַלאָפּ
איך לאָז זיך אין די אלטע שיך.
נאָר לויפן ווערט אלץ שווערער... בא דער
ערד
ז׳געוואָרן, זעט אויס, גרעסער דער מאַגניט,
וואָס טאָג נאָך טאָג אלץ מערער צו זיך ציט
און טײַנעט נאָך:
— ביסט שוין גענוג געלאָפן,
אַזויפיל לאַנגע נעכט ביסט ניט דערשלאָפן,
איז וואַרף אַראָפּ די שיך
און רו זיך אָפּ!
אפילע ביימער, ווען עס קומט די צײַט,
זיי הערן אויף זיך פאַר דער וועלט באַרימען
מיט זייער גרינער קרוין,
מיט זייער ווײַסן בלי —
זיי שטייען נאַקעט־הויל,
און ס׳כאַפּט אַזש אָן א גרויל,
ווען עס דערהערט זיך זייער טרויער־
קרעכצן...

פאַרגעס ניט, ברודערקע,
אַז זעכציק איז ניט זעכצן,
און ניט פון דײַנע שיך איז שוין געווענדט,
וואָס שווערער ווערן דײַנע רוק־און־לענד.

די בייזע שטראָף

פאַר וועלכע זינד מיר קומט אזא מין שטראָף,
פאַר וועלכע זינד?
אלץ אָפטער כ׳כאַפּ זיך אויף פון שלאָף,
ווי כ׳וואָלט זײַן בלינד;
כ׳זוך אין דער פינצטערניש
מײַן ברודערס האַנט,
וואָס איז פון שווערער מי פאַרגרעבט
געוואָרן...
מיר דאַכט, איך בין אראָפּ פון זין,
איך זוך און זוך —

נאָר גיי געפין
א נאָדל אין א סקירדע שטרוי...
עס ווערט מײַן פענצטער ווידער בלוי —
די נאכט פארשווינדט,
און מיטן שלאָף,
מיר דאכט, ס'טרעט אָפּ די בייזע שטראָף,
די זעונג ווערפט זיך אויס,

זי ווערט אנטרינען...
נאָר סײַווי־סײַ
מײַן קאָפּ איז שווער ווי בלײַ,
און ס'גייט מײַן ברודער ניט ארויס פון זינען,
ווײַל אומבאוווּסט איז מיר זײַן סאָף,
און כ'טראָג אין זיך
די בייזע שטראָף...

דער איקער

אויב דײַן הארץ, ווי א בעכער, איז פול מיט פארדראָס —
נו, איז וואָס?
אויב דײַן צאָרן און האס האָט קיין שיר און קיין מאָס —
נו, איז וואָס?

אויב עס זיצט א פארדאכט, ווי א שלאַנג אין דײַן שויס —
מאכט ניט אויס!
אויב דו קאָכסט, אויב דו גייסט פון די קיילים ארויס —
מאכט ניט אויס!

ווײַל ניט דאָס איז דער איקער אצינד אין דײַן זײַן,
ניין, ניט דאָס!
זײַ זשע וואך. אומגעריכט זאָל צו דיר ניט ארײַן
דער אומזיסטער פארדראָס.

די ערשטע באקאנטשאפט

די ערשטע באקאנטשאפט — א פרילינגדיק ווינטל,
א ווארעמער רעגן, אן ערשטער שניי...
דו שטייסט און דו ווייסט ניט, וווּהין זיך אהינטאָן,
ווײַל פול איז דײַן הארץ מיט פארליבעניש־ווײ;

די ערשטע באקאנטשאפט — ביז אָטעם דעם לעצטן
זי לעבט ווי א פונק, ווי א שטערן די גרויס.
זי איז ווי א זוים, וואָס וועט ערשט זיך צעוואקסן
און וועט זיך צעבליִען אזוי ווי א רויז.

די ערשטע באקאנטשאפט... ביז עלטער ביז גרויער
זי ווערט ניט פארוועלקט, ווי א שטראַל איז זי יונג.
זי איז ווי א טראָפּן פון ליבע געטרײַער,
וואָס וויפל דו לעבסט, פילסט איר טאַם אפן צונג.

מײַנע

מײַנע —
הייסט ניט, אז דו ביסט מײַן שקלאַפן,
מײַנע —
הייסט ניט, אז איך בין דײַן האר,
אז אַן א שיר איך קאָן זיך מיט דיר שאפן.

מײַן פרייד ביסטו,
מײַן שוץ אין א געפאר.
מײַן ליבע און מײַן האָפענונג.
מײַן טרייסט,
מײַן אומרויִקער וועג,
מײַן בלענדיקער ניצאָכן.
מיט דיר בין איך געוואגט

און ווי א גיבער דרייסט.
מיט דיר ווערט יאָמטעוודיק
מײַן אינדערוואָכן.

מײַנע הייסט ניט:
זײַ מיר אונטערטעניק,
פארליר דײַן פרײַ געמיט
און דײַן גערעכטע רו.
אָן איידעס איז די זון,
אז דיר געהער איך שטענדיק,
מײַן אויסדערוויילטע, איינציקע
ביסטו!

אלעקסאנדער גובניצקי

די „ידישע שטוב"

דריטער טייל

איוואן וואסיליעוויטש מוראשאָוו שטייט באַם שמעלץ־אויוון, ווי א גוטער בעקער, וואָס האָט מוירע, די געפלאַכטענע בולקעס זאָלן ניט צוגעברוינט ווערן. קאָמאנדעוועון קאָמאנדעוועט גרישע כייפעץ. ער איז שוין ניט קיין לערן־ייִנגל, וואָס שטייט הינטערן מייַסטערס פלייצעס. ער איז מוראשאָווס געהילף.

יאָ, ביסט געווען, גרישע, מיט די גאנאָווים, שלעפער און סטיליאגעס אין איין קאָמפאניע, אָבער אצינד פארטרויט מען דיר, ראָמאן כייפעצעס זון, ווי דעם שיפסקאפּיטאן, — מענטשן, וואָס קאָכן שטאָל. האלט זשע פעסטער אין דייַנע הענט דעם שטורוואל, די שיף זאָל ניט ארויף אף א שטיין!.. באוויייַזן איוואן וואסיליעוויטשן געקאָרטשעטע פלעצל, ניט קיין ריינעם שטאָל איז אלציינס ווי אָנשפּייַען אים אין פּאָנעם אריַין.

אפן זאוואָד פירט מען שטיקער שטאָל פון איין צעך אין צווייטן. האָט גרישע באמערקט: מע שליסט ניט צו די באָרטן פון די מאשינעס. ניטאָ קיין צייַט צוקייטלען, אָפּקייטלען: יעדער מינוט איז טייַער. דארף מען דעם אלטן מארטען אויך א גוטן טרייבער טאָן, ער זאָל באוויייַזן, וואָס ער קאָן. ניט אומזיסט האָט מען אים אריבערגעפירט אף סאראטאָווער גאז.

גרישע כייפעץ האָט מיטן סייכל באנומען, וואָס דאָס באטייַט. פאָרט מוראשאָווס א טאלמיד.

ווער־ווער, נאָר בינעם „וואָלף", וואָס איז ניט איין יאָר אָפּגעשטאנען דאָ אפן זאוואָד באַם פרעזער, ווייסט גוט, ווי איוואן וואסיליעוויטש קנעלט מיט זייַנע טאלמידים. דער אלטער שטאָל־גיסער קוקט ניט ארויס אף קיין טעלערלעך פונעם הימל. אָנגלאָזן די אויסגעשלאָגענע פענצ־טער דארף מען זומער. פרישע לוים, ווייַסער זאמד, ווי פינקלענדיקע פערל, ליגט שטענדיק פארגרייט. זשומעט זיך דעריבער באַ די שמעלץ־אויוונס, ווי ארום א פריילעכער כאסענע. אָבער דאָס זאָל זייַן די גאנצע טוירע, דאָס וועט קיינער דעם „וואָלף" ניט איַינריידן. דער „וואָלף" קוקט גרישען גלייַך אין פּאָנעם אריַין און קנעלט אליין מיט אים איַין:

— אָט קומט, מירצעשעם, דער זמאן, גיי זיך לערנען. ווייַל אָן טוירע וועסטו, באָכער, די כאָכמע אָנווערן, די נעשאָמע פונעם שטאָל איז גאָר ניט אזא פּאָשעטע, ווי דו מיינסט... וועסט געדיכט ניט פארקאלויצען, אויב אין קאָפּ איז פּוסט.

און נאָך קנעלט ער מיט אים:

— אש, ארום־און־ארום איז אש... זע זשע, באָכער, עס זאָל דיר ניט פארפּאָראָשען די אויגן. און, באהיט דיך גאָט, כאָטש דייַן פאָטער איז געווען ראָמאן גריגאָריעוויטש כייפעץ, דו זאָלסט פארגייַסן די באָז!

ער איז דאָ אן אָפּטער גאסט, דער „וואָלף", אינעם זאוואָד. אין די אלייעס, טאקע דאָ, לעבן די גרויע קאָרפּוסן, שטייען פּאָנעם־על־פּאָנעם גלייַכע שורעס בערעזקעלעך. בעשאסן פארזעצן האָט בינעם ניט איין מאָל געמאָסטן מיטן וווירעלע פון איין ביימל צום צווייטן. וואקסן זיי איצט שטאם צו שטאם, ווי א סטרונקע. בינעם איז אן אלטער וואלד־מענטש, ווייסט ער

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 7 פון 1965 יאָר.

דעריבער, וויפל קאלי אונטערשיטן דעם ביימעלע, די יונגע וואָרצלען זאָלן ניט פארוויאנעט ווערן.

גייט ער זיך אזוי פּאוואָלינקע איבערן זאוואָד, בינעם, און באטראכט זײַנע בערעזקעלעך, ביז ער קומט צום שטאָל־צעך. דאָ פארקוקט ער זיך אפן בוידעמל פונעם קראַן, ווו גרישעס ווײַבל, דאשע, שפּילט זיך מיט דער פײַל. גרויס פארגעניגן האָט ער שטענדיק, בינעם „וואָלף“, פון איר ארבעט. ניט אומזיסט זאָגט מען, אז דעם מענטשנס האַרעוואניע איז שענער פון גאָטס וווּנדער, אלץ איז בא איר אויסגעכעזשבנט, אויסגערעכנט. צוויי מאנצבלען, מעג ער שווערן, בינעם, וועלן עס ניט באווײַזן, וואָס די מאמזערעס ארבעט עס אויס מיטן קראַן.

— בינעם! — שרײַט זי שטיפעריש. — אידו נא גראָזו!..[1]

אָפּגעענטפערט דאשען מיט א שמייכעלע, גייט דער „וואָלף“ אויסײַשעווען זיך מיט מוראַשאָוון, דעם דעפּוטאַט, מע זאָל אפן הויף באצײַטנס מאכן טישעלעך מיט בענקעלעך, די קינדער זאָלן זיך ניט פּאָרען א גאנצן זומער אינעם שטיינערנעם זאק ארום דער „ייִדישער שטוב“. און דעריקער גייט ער א טאפּ טאָן, וואָס טראכט מוראשאָוו וועגן דאשען טאקע. פון טאָג צו טאָג ווערט איר שווערער, דער מעובערעס, דראפּען זיך אפן בוידעמל.

עס גלוסט זיך אים, דעם „וואָלף“, א טשיבע טאָן זיך מיטן מײַסטער. מילכאָמע־צײַט האָט ער דאָ באם פרעזער דעם טשוב אָנגעווירן. נאָר א ביסל האָר, אף איין געשלעג, וועט אים נאָך סטײַען.

— א גוט־העלף, איוואן וואסיליעוויטש.

מוראשאָוו גיט א שאָקל מיטן קאָפּ.

— די לעוואָנע, ברודער, איז פארשנייט, מיסטאמע איז געווען א זאווערוכע אין הימל — ספּוטניקעס פליִען אָפּ און אוף... — מאכט בינעם דעם אויסרייד, קעדיי ניט אָנהייבן גלײַך פונעם איקער.

— נו?.. — פרעגט מוראשאָוו בייז. אז ער שטייט באם שמעלץ־אויוון, נעמט ער ניט אוף קיין געסט.

די באטאַגיקע לעמפּ שפּילן אין די טונקעלע פענצטער, ווי די ווײַסע קעץ...

בינעם האָט אים וואָס צו ענטפערן, איוואן וואסיליעוויטשן, אף זײַן „נו“, נאָר ניט דאָ, פאר אלעמען אין די אויגן, איז דאָס אָרט. זאָגט ער אים פארשטעלט, ווי קעסיידער:

— ניט דער יאם דערטרינקט די שיפן, נאָר דער ווינט...

ער זעט שוין, דער „וואָלף“, אז הײַנט וועט ער זיך דאָ ניט דורכשמועסן מיט איוואן וואסיליעוויטשן.

ער גייט אוועק צום בוידעמל א שמועס טאָן מיט דער שכיינע. אויב דאשע וויל האָבן געזונטע קינדער, דארף זי, ריישיס־כאָכמע, ווארפן אף א שטיקל צײַט דעם קראַן, זי באדארף מער ארומגיין, דאָס פעטקײַט זאָל זיך ניט אָפּלייגן, וועט זי גרינג און גיך געלעגן ווערן. וואָס פאר א בוים, אזעלכע פרוכטן.

קינדער האָט אים זײַן פלוינעסטע געבוירן, בינעמען, ווי די פעטע ביקלעך, נאָר געטראָגן, אָלעהאשאָלעם, האָט זי שווער... — נעמט ער איר דערציילן, דאשען, ביזוואנען כעוורע טשעפּעט אונטער די מאסע צו די האטשיקעס. א גאנצן ווינטער פלעגט זי, נעבעך, דאָס ווײַב זײַנס, זיצן מיט קישנס ארומגעלייגט, ווי די קוואָטשקע אין פעדערן, געווארעמט דעם בויך, די נעפעשלעך זאָלן, כאָלילע, ניט פארקילט ווערן.

— פארשטייסט, דאשע, — זאָגט ער איר, אז ער לאָזט זיך שוין אראָפּ פונעם בוידעמל, — רו איז וואסער, אומרו —האָניק. — ער קומט ארײַן ווידער אין צעך.

— טאנע, — קלאַפּט דער „וואָלף“ גרישען אין פלייצע, — פּאָרסט, זאָגט מען, אף קוראָרט, פארגעס זשע ניט, טאנע, אז דו לאָזסט איבער א יונג ווײַבל, און מוראשאָווס אײדעם, ניקאָלײַ קוזנעצאָוו, בלײַבט דאָ.

◇

קוזנעצאָוו האָט זיך געמאכט א טעווע, פארנאכט קומט ער געווירע ווערן צו דאשען... ער האָט צוגעזאָגט גרישען מאכן פונעם טעלעוויזאָר א קאָמבײַן. צומאָנטירן א ראדיאָ און א מאגניטאָפאָן, — קוק, הער און רעד אליין.

ביז גרישעס קומען פונעם קוראָרט וועט ער אים אונטערטראָגן, דעם כאוור זײַנעם, א מאטאָנע.

---

[1] — איך לאָז זיך קעגן געוויטער! (רוס.).

דאַשען אָבער דאַרף מען קיין פֿינגער אין מויל ניט אַרײַנלייגן. מוראַשאָווס איידעם, אַסיעס מאַן, פֿאַרשפּילט זיך איר, ווי מיט אַ שפּילכל.

קוזנעצאָוו דערציילט דאַשען אַ מעשׂה, אַז ווען זיי האָבן מיט בינעמען אָסיען־צײַט פֿאַר־זעצט ביימער, פֿלעגט ער, ניקאָלײַ, קלוימערשט זוכן אַ שוועבעלע אַף צורייכערן, נאָר אינדערע־מעסן לויפֿן קוקן, ווי דאַשע אַרבעט אַפֿן קראַן.

— ניקאָלײַ־ניקאָלאַשע, — טוט אים דאַשע אַ זאָג, — ווילסט שפּילן מיט מיר אַ ליבע? קומסטו, ווען דער מאַן איז אַף קוראַרט. האָסט מוירע, שוואַך באַשעפֿעניש, פֿאַר גרישען, קוקן אים, ווי אַ מאַנצבל, אין די אויגן: „אַזוי און אַזוי, איך בין פֿאַרליבט אין דײַן ווײַבל, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט“.

דאָס, וואָס אים געפֿעלט איר אַרבעט אַפֿן קראַן, איז דאַשען דאַפֿקע אָנגענעם. דעם „קאָמ־בײַן“ דאַרף זי אַף צען קאָפּאַרעס. גרישע וועט קומען, דערזען דאָס דאָזיקע „שפּילצײַג“, וועט ער טייקעף פֿרעגן:

— באַטאָג האָט איר עס מאָנטירט צי באַנאַכט...

די שיינע „מאַטאַנע“ וויל אָט דער ניקאָלײַ אונטערטראָגן גרישען.

איז אָט, אויב ער וויל ניט פֿליען פֿון די טרעפּ, זאָל ער ביז גרישעס קומען ניט דערוועגן זיך אַ פֿוס שטעלן אַף איר שוועל.

בינעם „וואָלף“ איז אויך מאָלע־רעציכע. פֿון זײַן גענײט אויג וועט אַ פֿליג אין דער „ייִדי־שער שטוב“ זיך ניט אויסבאַהאַלטן.

— באַכער, — שטעלט ער אָפּ ניקאָלײַען אין הויף, — אַז דו האָסט זיך זאַנאַדיעט צו דאַ־שען, מיינסטו, הייסט עס, אַז קיינער הערט ניט דעם סקריפּ פֿון דער טיר... צי ווייסטו, אַז שע־פּעלעך טאָרן ניט טרינקען קיין קאַלטע וואַסער, ווײַל זיי בלײַבן אָן ציין?..

דער „וואָלף“ טוט אים אַ טרייסל, ניקאָלײַען, פֿאַרן אַקסל:

— וואָס האָסטו צו מוראַשאָווס טאָכטער? אַסקע האָט דיר געבוירן אַ מיידל — דאָס, אייגנטלעך, איז איר כעט, און דו זשליאָקעסט בראַנפֿן, ניט אַנדערש, דײַן ווײַב האָט געהאַט אַ מאַמזער.

צוויי מיידן, מיטאַמאָל, האָט אים, בינעמען, זײַן ווײַב געבוירן, און ווי ער זעט, ניקאָלײַ, גאָט צו דאַנקען, דעם וואָלפֿס פֿעל איז אַמאָל טײַערער פֿונעם בערס... די ערד, דאַרף ער געדענקען, מוראַשאָווס איידעם, געבערט פֿאַרשיידענע זיסע פּיירעס און אויך ווילדע גראָזן, קראָפּעווע. אַזוי אויך צווישן מענטשן.

— נעם, יונגערמאַן, אַף דײַנע פּלייצעס אַזויפֿיל, וויפֿל דו קענסט דערטראָגן. האָסטו גע־זאָלט מאַכן אַ באָכער...

— אַסקע... — פּרוווט זיך קוזנעצאָוו עפּעס זאָגן.

— נו, וואָס אַסקע? זי אַרבעט, זי לערנט, אַסקע. זי איז ניט קרום, ניט טויב, ניט שטום. מוראַשאָווס מיידל איז ווי דער בלאַט פֿונעם קליאָן, וואָס שטייט באַם פֿענצטער. זע, ניקאָ־לאַשע, אַמינע בלעטער, ליכטיקע, ברייטע, ווי לאָפּעטעס, — איינס און איינס!

בינעם „וואָלף“ קאָן אים ניט זאָגן, קוזנעצאָוון, פֿאַרוואָס, לעמאָשל, האָט מען פֿאַרברענט אין רוים, אַפֿן פּלאַץ פֿון די בלומען, דזשאָרדאַנאָ ברונאָ. נאָר פֿאַרוואָס פּושקין האָט זיך גע־שאָסן מיט דאַנטעסן, דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט.

— „וואָלף“ דו איינער! — מורמלט שיקערלעך קוזנעצאָוו.

מער פֿעלט ניט אין דער „ייִדישער שטוב“, ווי נאָר די בוידעכע, גרישעס באָבע, זאָל זיך דערוויסן פֿונעם סאָד, אַז מוראַשאָווס איידעם האָט באַקומען לאַנגע פּיס און טרעפֿט אַזש אָן מיט זיי בײַ דאַשען.

מענטשן טראַכטן פֿון טאָך־זאַכן, וויאַזוי קומען צו דער לעוואָנע, — און ער, דער מאָנ־טיאָר, שפּילט צולאָכעסן מיט זײַן ווײַב, טרינקט זיך אָן, גייט צו פֿרעמדע ווײַבער, וואָסי? ער וויל נאָר, אַז אַסקע זאָל אים געווינען אַ ייִנגל.

בינעם קוקט נאָך, ווי ניקאָלײַ גייט איבערן הויף און שאָקלט זיך.

— דאַרפֿסט וויסן, ניקאָלאַשע, — צעלאַכט זיך דער „וואָלף“, — געבוירן ווערן איז אַ צופֿאַל. שטאַרבן, זעסטו, איז אַ מוז. וואָס גאָט גיט ניט, דאַרף מען מיט גוואַלד ניט בעטן. — און גלײַך, ווי עס וואָלט קיין שום רייד ניט געווען, גייט ער, בינעם, ווײַטער. אָנקוקן, ווי מע קוקט אָן אַ נײַ קלייד, דעם נײַ־צוגעבויטן פֿליגל.

◇

איבערגעציילט די פֿענצטער פֿון דער נײַער שטוב, קוקט ער זיך אַרום, דער „וואָלף“. אים איז טשיקאַווע, וועלכע נײַע שכיינים פֿון די אַלטע דירעס וועלן זיך אַהער אַריבערפּעקלען.

אָט, לעמאַשל, קומט אים אנטקעגן יענער פארשוין מיטן פּאַר־כאַלאַט, וואָס די בוידעכע רופט אים — „סאַכאַלינער“. עפּשער ער? אָדער — ארכיפּאָווגע, די געוועזענע סאַניטארקע, וואָס שפּאַנט ארום איבערן הויף אַף קוליעס.

— זי שטייט אויף נאָך פריִער פונעם פּאָטשטאַליאָן, — זאָגט וועגן איר די בוידעכע, — פריִער נאָך, ווי נאַטאַן בערקאָוויטש אוניצקי.

עפּשער טאַקע גאָר וועט אָט דער בארימטער בריווטרעגער זיך איבערקלייַבן אין דער נײַער שטוב?

אין פּאַוולאָווער וואלד הייבט נאָר אָן דער זיאבליק זײַן קאָנצערט, הערט דער ערשטער אוניצקי דאָס געזאַנג. ווײַל האלב פינף איז ער שוין אַף די פיס. קיינער וועט אים ניט וואַגן צו זאָגן, דעם פּאָטשטאַליאָן, אז ער ווערט פארפאַלן ווי דער שווארצער פעפער.

מילכאָמע־צײַט פלעגט מען אים ארײַנקוקן, אוניצקין, אין די פארזשמורעטע אויגן:

— פאר מיר, נאָטע, האָט איר עפּעס?..

טאָג־אײַן, טאָג־אויס איז ער ארומגעגאַנגען, דער פּאָטשטאַליאָן, מיטן לעדערנעם בריוו־טאַש, וואָס האָט זיך אײַנגעקארבט אין זײַנע טרוקענע אקסל און וואָס איז נאָך מער אָפּגע־בליאַקעוועט, ווי דאָס שווארצע רעקל זײַנס, און געהאַלטן צוגעשלאָסן די ליפּן. מיט אונטער־געהאַקטע פיס איז ער ארומגעגאַנגען. גלײַכער א באַגרעבער צו זײַן, איידער אָנזאָגן דער בוי־דעכע די וויסטע בסורע:

— דײַן זון — ראָמאַן גריגאָריעוויטש כייפעץ — איז געפאַלן הינטער נאַראָפאָמינסק...

יאָ, פון הונדערט אָדערן איז ער געפלאָכטן, דער פּאָטשטאַליאָן.

נאָטע בערלס געדענקט זיך נאָך פאר א ייִנגל. מיטן ביידנס יאָלעם אפן קעפל, דרײַ בייגל אַף דער האַנט, איינער איז שוין אָנגעביסן. געמאַכט א קולעקל, פארשלאָסן דעם גראָבן פינגער: „נא דיר, הייסט עס, קלוגע וועלט, א פײַג“. פאר קיינעם האָט ער קיין מוירע ניט געהאַט. און קיינעם איז ער ניט מעקאַנע געווען, כוץ איין מענטשן אין דער וועלט: דעם האַלב־בלינדן בריווטרעגער, וואָס פלעגט ברענגען מענטשן בסורעס. אָך, יענץ גרין־געפארבט דעכל פונעם בריווקעסטל! וויפל סוידעס ס׳האָט פארמאָגט! ער פלעגט לעם דעם אזויפיל שטיין, ביז איינמאָל האָט דער פּאָטשמייסטער ראַכמאָנעס געקראָגן אפן יונגאַטש:

— נא, נאָטקע, טראָג אָפּ א בריוול!

מע געדענקט אים נאָך, נאָטען, פון דער אַלטער פּאָטשט. ער פלעגט שטעמפּלען די קאָנווערטן און בעשאַס־מײַסע זיך אונטערזינגען:

אוי, א כאַלעם, מאַמע, האָט זיך מיר געכאָלעמט, אוי־ווײ, ווײ,
אוי, א כאָלעם, מאַמע, פרײַטיק אפדערנאַכט....

אָט דער בריווטרעגער, אוניצקי, איז נאָך מער בעריע, איידער בינעם „וואָלף“, דערוויסן זיך נײַס אין דער „יידישער שטוב“.

בינעם „וואָלף“, אז אוניצקי ברענגט אים די פענסיע, צעשרײַבט ער זיך, טוט אויס צופרידן די ברילן און פּרוּווט פארהאַלטן דעם פּאָטשטאַליאָן אַף א פּאָר מינוט:

— אנטקעגן דעם, נאָטע, וואָס שטענדיק לויפסטו, — בינעם פארייכערט זײַן אויסגערייי־כערטע ליולקע, וואָס טשאָדעט דערבײַ, ווי דער קוימען פון זאַוואָד. — אָן אַלטער האָן לויפט נאָך דער קוואָטשקע, זאָגט זי אים: „אויב דו ווײסט מיך כאַפּן, טו איך דיך א קוש!“ — „אויב איך כאַפּ דיך ניט, — ענטפערט דער אַלטער האָן, — וועל איך זיך כאָטש דערוואַרעמען...“

בינעם נעמט ארויס א פלעשל „ספּאָטיקאַטש“, נאָר נאָטע כאַפּט דעם קלומעק בריוו, רוקט אָן דאָס היטל מיטן גלאַנציקן דאַשעק איבער די ברעמען און טוט א קרעכץ.

— אָן אָקס, מײַן פרײַנט, רופט מען צוגאַסט ניט האָניק טרינקען, נאָר וואַסער פירן. ווי זאָגט ער דאָרטן, יורי גאַגארין, פארן ארויספליִען: פּאַיעכאַלי[1] — דאָס אײַלט ער, אוניצקי, צו דער בוידעכע מיט א דעפּעשע, נאָר פונדעסטוועגן טרינקט מען אויס צו גלעזעלעך לעקאָוועד דער פענסיע.

בינעם פארקרימט זיך. ער הייבט זיך אָן צו קלאָגן. געבליבן איינער אליין, טאַמער, די שאָ זאָל ניט זײַן, ברענגט עס צו טראָגן דעם ניטגוטן...

— וואָס איז דיר ביטער אין פּיסק, בינעם? — זאָגט אוניצקי. — וואָסי, די בוידעכע בלײַבט, כאַליִלע, פון דיר טראַגנדיק, מאַכסטו א שטאַרב, וועט נאָך קאָהאָל האָבן א פּעקל?

— ע, — קנייטשט ער זיך, דער „וואָלף“, — דאָס פלעשעלע מיטן „הירש“ העלפט שוין אויך ניט...

---

[1] — געפאָרן! (רוס.).

— יאָ, בינעם, ביסט אין טינטער!

אוניצקי כאַפּט דעם קלומעק בריוו אַפן אַקסל, ער לויפט פון די טרעפּ, ווי א ייִנגל, וואָס האָט פּאַרשפּעטיקט אין שול אַרײַן.

◇

צוויי טעג פאַר פּורים שטייט די בוידעכע אין קיך און מאַכט פאַרפל. ניט צוליב יאָם־טעוו, כאַלילע, זי וואַרט אַפן אייניק. גרישע דאַרף אינגיכן קומען פונעם קוראָרט.

די בוידעכע איז זיך פּאָשעט מעכײַע, וואָס בינעם קומט אַרײַן. ס'וועט זײַן מיט וועמען א וואָרט אויסצורײדן. ווען זי האָט קויעך, מאַכט זי פלאָדן, קוילעט ביידע הינער, וועלכע זי האָדעוועט אין שטײַגל. פון דאָר־דוירעס פירט זיך בא איר אַזוי, אַז ס'דאַרף קומען אַן אָנגע־לייגטער גאַסט.

אַמאָל פלעגט די מאַמע אירע אין אַפּטייקל באַקומען פיר קערבלעך מיט א גילדן א כוי־דעש. וואָס זשע פאַרא רייד האָט געקאָנט זײַן פון פאָרן אַפן לימאַן? גרישען, דאַנקען גאָט, אַכוץ דעם ליטער מילך, וואָס ער באַקומט יעדן טאָג, גיט מען אים, דעם שטאָלגיסער, אַלע יאָר א פּוטיאָווקע, מיט פּרעמיעס, און דערצו נאָך קאָוועד א פולער זאַק.

דער „וואָלף‟ האָט ניט ווו א וואָרט אַרײַנצושטעלן. נאָר גאָט העלפט און ס'טראָגט אָן דעם פּאָטשטאַליאָן אוניצקין. ער האָט שוין ווידער געבראַכט צו טראָגן א דעפּעשע: גרישע קומט הײַנט צו פאָרן.

אין קיך ווערט גאָר פריילעך. נאָטע אוניצקי דערמאָנט זיך אין אַמאָליקע יאָרן, ווען ער איז געווען א שטיקל מענאַגן, און הייבט זיך אָן צו גערגלען:

— בין איך מיר א פורמאַן, האָב איך א פּאָר פערד, אוי פערדעלעך, אָדלערלעך צוויי... — צעזינגט ער זיך, אוניצקי דער בריוונטרעגער.

— א פערד מיט א טאָרבע... — העלפט אים אונטער בינעם.

— פאַרמאַך דײַן פּיסק, — צעלאַכט זיך נאָטע און כאַפּט א פרישע לאַטקע, וואָס די בוידעכע דערלאַנגט אים. ווײַזט אויס, אַז זי באַצאָלט אים, אוניצקין, פאַר דער דעפּעשע.

די בוידעכע פליעסקעט צופרידן מיט די הענט, אַרויסבאַגלייטנדיק דעם פּאָטשטאַליאָן און דעם „וואָלף‟.

ווען עמעצער פון די שכיינים טוט אומיסטן א פרעג: „בינעם, וואָס האָט דיך אַזוי פרי געבראַכט צו דער בוידעכע?‟ „נאָר דו איינער, — וואָלט דער „וואָלף‟ געענטפערט, — גאָרניט...‟

אין דרויסן איז א שטילער ווינטער־פרימאָרגן. די בערעזעס שטייען פאַרקאָוועט, ווי סטאַ־טיקלעך, עס ווײַזט זיך גאָר אויס, אַז די זון, אינגאַנצן א פאַרפרוירענע, אַנטלויפט ערגעץ פון יענער זײַט שטאָט. נאָר סע שמעקט שוין סײַווי מיט ווענסנע.

◇

אין דער „ייִדישער שטוב‟ האָט קיינער קיינמאָל ניט געזען, בינעם „וואָלף‟ זאָל זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אָדער מיט מוטנע, אויסגעלאָשענע אויגן.

הײַנט אָבער איז עס מיט בינעמען געשען. און וויפל די בוידעכע האָט בא אים ניט גע־פרעגט, רעדט ער ניט, דער „וואָלף‟, ער האָט אָנגענומען א פול מויל מיט וואַסער, כאָטש קיצל אים די פּיאַטעס.

— וואָס איז געשען? — טרעט זי ניט אָפּ פון זײַן נעשאָמע, די בוידעכע. — איך א שיינע מיידעלע, איכן שווײַגן... — ווערטלט זי זיך.

די גאַנצע מילכאָמע האָט זי געלעבט אַף דער קיך, ניט געהאַט קיין מאָקעם־מענוכע. דעם זון האָט מען דערהאַרגעט, גרישע איז געבליבן אַף אירע הענט. אָפּטמאָל נעמט בא איר אָפּ דער רעכטער פוס. דער רעוומאַטיזם האָט זי געמוטשעט און מוטשעט, נאָר זי, די בוידעכע, איז גרישען געווען ניט קיין באָבע, נאָר א מאַמע. און א מאַמע, ווייסט מיסטאַמע בינעם, איז א גאָלדענער שלאָס אין שטוב. וויל זי וויסן: וואָס איז געשען?.. זי ווייסט דאָך, אַז ער איז ניט פּאָשעט אַזוי אַרײַנגעקומען.

— ס'איז א לייטערל, מײַן פרײַנט, — האָט ער קוים פון זיך אַרויסגעקוועטשט, בינעם, — דאָס לעבן איז א לייטערל, מײַן פרײַנט, איינער קריכט אַרויף, דער צווייטער אַראָפּ...

דראַפּע איר אויס די אויגן, האַק איר אונטער ביידע פיס, דער בוידעכע, פאַרשטייט זי ניט, וואָס עס קומט פאָר מיט בינעמען.

— דאשע... — האָט זיך פון זײַן הארצן ארויסגעריסן. נאָר ווי איר טעווע איז, דער בוידעכעס, האָט זי באלד איבערגעדרייט אַף אירן.

— ס'איז ניט אמאָל. טאָמער פּלעג איך אַף איין רעגע אראָפּכאַפּן דאָס טיכל פונעם קאָפּ, אָדער, כאַליִע, ארויסלאָזן פונעם טשיפּעק מײַנע שיינע, קוטשעראַווע האָר, — דערבײַ טוט זיך די בוידעכע א פארקעם מיט דער האנט, ווי מיידלוויַז, — האָט דער טאטע מיך אזוי געשלאָגן...

— הער אוף צו גראַגערן, אַפּגעריסענער נאַר! — שרײַט בינעם אויס.

— איך ווייס אדהײַעם ניט, — קאָן זי זיך ניט אָפּשטעלן, — וואָס איז, אים, דעם טאטן מײַנעם, ניט געווען אזוי צום הארצן מײַנע שווארצע הערעלעך־פּערעלעך?

— פארשטעק דײַן טשוביקל, — צעשרײַט זיך אַף איר בינעם און לאָזט זיך אוועקגיין.

— גאם זע יאַוער, סע וועט איבערגיין, — פארהאַקט זי די טיר אונטער בינעמס נאָז. בלײַבט ער ווידער, דער „וואָלף", מיט זײַן וויטעק איינער אליין.

אין קאָפּ בא אים באַמבלט זיך: „א מאמע אין שטוב איז א גאָלדענער שלאָס... טאָמער פּלעג איך אַף איין רעגע אראָפּכאַפּן דאָס טיכל פונעם קאָפּ... גאם זע יאַוער, סע וועט איבערגיין"...

די „יִדישע שטוב" איז מיטאמאָל אין בינעמס אויגן געוואָרן פינצטער, מיט אויסגעשלאָגענע פענצטער... די קראנגן שטייען מיט אראָפּגעלאָזטע מאָרדעס, ווי זיי וואָלטן אויך, איניי־נעם מיט בינעמען, געוווסט פונעם סאָד: דאשע איז אראָפּגעפאלן פונעם לייטערל...

בינעם האָט נאָך קיינעם ניט געזאָגט, נאָר דער וויטעק וואַקסט בא אים אין הארצן. דאשע שטייט אים פאר די אויגן: צוגעשמירט די ליפּן, אין שווארצן סאַקעלע, גלאַט, ווי סאמעט, לוי־טער איר שיינע צורע...

נו, פארוואָס האָט ער זיי אזוי ליב, די מענטשן פון דער „יִדישער שטוב"?!

בינעם דערמאָנט זיך דער בוידעכעס ווערטער, וואָס זי האָט אים פאר ראַשעשאָנע געזאָגט:

— אזא יִיד מעג זיך פארגינען גיין אין שול אַרײַן, אויסבעטן בא גאָט א גוט יאָר, ניט קריכן צו די שמעלץ־אויוונס...

— ע, שכיינע טײַערע, ווער ווו עס לעבט, דעם גאָט דינט ער.

בינעמען קלאַפּן אין מויעך אַרײַן פערעצעס „קלאָץ־געשיכטן":

„פארצײַטנס פלעגט א יִדענע האלטן אן אוריניקל באַם פארטעך, און איר אייגנס — בא דער ברוסט; הײַנט נאָכן דריטן, העכסטנס, נאָכן פערטן מאָל — קראַנק, דארף מען שוין דאָקטוירים"...

דאשען האָט דער קאָפּ זיך פארדרייט, טוט זי א פאל פונעם לייטערל...

איוואַן וואַסיליעוויטש מוראשאָוו, דער באלעבאָס פונעם שטאָל־צעך, האָט זיך צעקריגט מיט זײַן געהילף — גרישע כייפעצן. „נעם אראָפּ דאשען פונעם קראַן, — האָט ער געזאָגט גרישען, — זאָל זי זיך זעצן שלײַפן פּאַרמעס".

האָט ער זיך געמאכט טויבלעך, גרישע, כאָטש שיט אים שרויט אין די אויערן.

מע וועט זאָגן: „אָט, ערשט כאַסענע געהאַט, נעמט ער זי שוין, זײַן ווײַב, און שטעלט זי אין א קיל ווינקעלע"... און כוץ דעם, פון רייד וועסטו קיין באַרשטש ניט אָפּקאָכן, מע דארף האָבן קרויט מיט פלייש. אַפן קראַן פארדינט דאשע ניט שלעכט. נאָך זײַן כעזשבן נאָך, איז זי ערשט אין פינפטן כוידעש.

— נאָר איינער, — האָט אים מוראשאָוו דערוף געענטפערט, — דעם מענטשנס מויעך, לעמאָשל, קאָן לעבן טויזנט יאָר, נאָר דאָס הארץ זײַנס, גריגאָרי ראַמאַנאָוויטש, וועט ניט אויס־האלטן.

ס'איז איר שווער געוואָרן, דאשען. איוואַן וואַסיליעוויטש זעט דען ניט, ווי זי פארסאָפּעט זיך, קריכנדיק אַפן לייטערל.

— א בראָדעווקע אַפן לײַב, גרישע, איז אויך א צוגאָב — הײַנט א קינד אין בויך...

דאשע, אז זי ארבעט, איז שטיי בעסער ניט לעבן קראַן. פונקען פליִען פונעם האטשיק, אזוי קונציק שלעפּט די קראַנאָוושטשיצע די מאַסע, דייזשקעס מיט אַרץ, פארטיקע פּאַרמעס. פאר א סמענע האַרעוועט מען זיך אָן, אז סע דרייט זיך דער קאָפּ, אפילע ווען מע איז ניט טראָגנדיק.

בינעם איז גרייט דוירעס צו זײַן גרישען:

— א רויטייעך ביסטו!

בינעם באגלייט גרישען מיט זײַנע וועלפישע אויגן, ער זעט, ווי ער פארקערעוועט צו דער בוידעכע.

„א יִדענע, — טראכט בינעם, — בלײַבט א יִדענע. זי קאָכט קאשע מיט יויך. נאָר סײַווי וועט איר גרישע מוזן זאָגן, דער באָבען, אז דאשען האָט מען אוועקגעפירט אין שפּיטאָל".

◇

בעשאס דער מילכאָמע איז ער געשטאַנען, בינעם „וואָלף“, באם פרעזער. אויסגעטאָן דעם זשיליעט, פארקאטשעט די ארבל, פארביסן די אונטערשטע ליפּ, איין אויג שלאָפט, דאָס צווייטע קוקט צום „פרעזער“, ווייַל דאָס בלוט, אז סע צינדט זיך אָן אינעם „וואָלף“, ברענט עס שטארקער פון ספּירט, וועט ער שטיין, ער זאָל אפילע פאלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד, ווי הייַנט דאשע. האָט מען געדארפט, פלעגט בינעם ארומגיין גאנצע נעכט מיטן ביקסל, געלאָשן אפן דאך די „זאזשיגאלקעס“. אויסלאָדן וואגאָנעס — איז אויסלאָדן וואגאָנעס. אפן זאוואָד נעכטיקן — איז נעכטיקן.

איינמאָל האָט ער זיך איַינגעשפּארט, ווי אָן עמעסער וואָלף:

— שיקט מיך אפן פראָנט!

בינעם שטייט אזוי קעגן דירעקטאָר מיט רויטע אויגן פון ניט דערשלאָפן די נעכט, הערט זייַנע קלוגע ווערטער:

— אפן פראָנט, בינעם שמאיִן, וועסטו הארגענען איין פאשיסט. דאָ אָבער, אין צעך, ווו מע קאָוועט הארמאטן־קוילן, שיסטו צען פריצן מיטאמאָל. מע באדארף עס קאָנען פארשטיין.

ערעראָפּלאַנען אין הימל רעווען, זעניטקעס שפּריצן מיט פייַער... און דאָ אין צעך פליִען פונקען פון די אויגן, נאָר מע שטייט באם „פרעזער“.

און קאָן מען שוין מער ניט איַינשטיין אף די פיס, איז אויסגעבעט א ביסל שטרוי, דעם וואטניק צוקאָפּנס, א דרעמל געטאָן, איבערגעקייַט א פּיסנע שטיקל ברויט, און מע קנאקט שוין ווידער „קערלעך“.

ווי די קערלעך, פליִען די קוילן אין די קעסטלעך, פריש־צאפּלדיקע, ערשט פון דער נאָדל ארויס. ווארעמע, אך, ווען זיי בראָטן דעם פריץ די שווארצע לונגען!

העכער צוואנציק יאָר איז אריבער זינט יענע נעכט.

יאָ, א מענטש איז שטארקער פון אייַזן און געזינטער פון א לייב. ער, בינעם, אויך, אויב ער שטייט נאָך אף זייַנע פיס, לאכט און ווערטלט זיך, מאכט א קויסע, גייט אין באָד אריַין, לייענט א בלאט, שפּייַט קלעק פון יענע פאסקודניאקעס, וואָס מאכן שוין שאָלעם מיט היטלערס יאָרשים. זיי האָבן שוין פארגעסן. אזוי גיך אלצדינג פארגעסן.

און ער, בינעם, קאָן ניט פארגעסן. די פענצטער זייַנען געווען פארהאנגען מיט שווארצן, פונקט סע וואָלט אין שטוב געלעגן א מעס. די הרובע הייצט מען ניט, עס נעמט דיך ארום א גליווער, אין טשוהונענעם אייוועלע טליִען די קוילן, מע ווארט, לעוויטאן זאָל זאָגן א גוט וואָרט.

מיטאמאָל — א פרייד אין דער „ייִדישער שטוב“.

— וואָס איז געשען?

— מע פירט זיי...

עמעס טאקע, אפן שליאך גייען זיי, די מעכאבלים, אף הילצערנע קלעצלעך, אין ווייַבערשע שאלן פארוויקלט, אין פארדריפּעטע גרינע שינעלן, די באשליקן שלעפּן זיי זיך נאָך, ווי פערדישע ווייַדלען. יאָ, בינעם שמאיִן, אזוינס צו דערלעבן, איז קעדייַ, באָדייַ נאָך א ווינטער שלאָפן אף שטרוי, עסן, וואָס עס מאכט זיך, אָפּפרירן די הענט אין צעך, אבי זען אים, דעם בלוטיקן סוינע, אין אזא הוילעך.

— די קאטיושעס האָבן זייערס אָפּגעטאָן, — האָט ער זיי נאָכגעקוקט, בינעם, — ארויסגעקאלופעט אייַך פון די אָקאָפּעס. אצינד, קרעציקע, באדארף מען אייַך איַינדויבען אין די ליידיקע קעפּ, אז אלע מענטשן ווילן לעבן.

בינעם „וואָלף“ באטראכט די מעדאלן, וואָס ער האָט מילכאָמע־צייַט באקומען. ס׳איז ניט קיין שטיקלעך בראָנזע, דאָס זייַנען וועקסלען אף אָפּצואָלן, וואָס ליגן בא יעדן סאָלדאט אין טיש, ווי גאָלד אין באנק... אזא יאָמטעוו, ווי צוואנציק יאָר נאָך די מילכאָמע־יאָרן, ווייל בינעם שמאיִן פארברענגען מיט זייַן טייַערן שאָכן מוראשאָוון.

יאָ, ס׳איז גוט צו לעבן אף דער וועלט, מיט די אייגענע אויגן זען דעם יאָמטעוו אין אלע ווינקעלעך. א ביסל האָט דאשע פארשטערט דעם יאָמטעוו, נאָר נישקאָשע, זי וועט, מירצעשעם, געזונט ווערן. ער לאָזט זיך שוין, בינעם, צו איוואן וואסיליעוויטשן, קומט אים אָן אנטקעגן כאיִם שלאק. ווי א גאלעך, גייט אים איבער דעם וועג, א שאָכן האָט אים גאָט צוגעשיקט!

◇

בינעם פארמאָגט א שארפן אויער, נאָר קוים האָט זיך כאיִם שלאק איבערגעפּעקלט פון זייַן צווייששטאָקיקן הילצערנעם הויז אין רעכטן פליגל פון דער „ייִדישער שטוב“, פארשפּאָרט דער „וואָלף“ אונטערשטעלן דעם אויער. דער קאָמבינאטאָר האָט מיט זיך פארשלעפּט די יערושע

זײַנע, אַלע זינד פאַרן גאַנצן לעבן און בעמײלע, מאַמעש טאַקע אונטער דער נאָז, אונטערגע־טראָגן בינעמען אַלע זײַנע טרײפע געשעפטן.

אין דער „ייִדישער שטוב" איז פון שטענדיקע יאָרן אַזוי: האָסטו געזאָגט אַ קרום וואָרט באַנאַכט, וועט מען סײַווי ויסן וועגן דעם באַטאָג; רוים אײַן אַ סאָד אין פינצטערן אַלקער, הערט מען אָפן דאַך...

בינעם „וואָלף" שעמט זיך ניט פאַר כאַיִם שלאַקן. זאָגט ער אים, דעם קאָמבינאַטאָר, אָפן גערעדט:

— אַ בוים לאָזט זײַנע וואָרצלען, בלײַבן זיי. אָבער דו, כאַיִם שלאַק, מעשומעד, געשטראָפט זאָלט איר ווערן אַלע קאָמבינאַטאָרס פון גאָר דער וועלט, וואָס לאָזסטו איבער נאָך זיך, כוץ געשטאַנק? לײמענע גוילעמס! מע ברענגט אײַך פרישע בולקעס אין שטוב אַרײַן, פלײש, הינער, אינדיקעס, און איר בלאָזט זיך אָף סאָוועטסקע וולאַסט, וואָס מע האָט אײַער צווײגאָרנדיק שטיבל, די אַלטע כאַזאַקע, צעוואַלגערט און אויסגעבאָוועט אַ נײַעם פליגל צו דער „ייִדישער שטוב".

— איר זענט פאַרגרעבט געוואָרן, — זאָגט בינעם כאַיִם שלאַקן, — די אויערן אײַערע ווילן ניט הערן, וואָס מע רעדט צו אײַך, איר ווילט ניט זען מיט די אויגן, מיטן געדאַנק באַטראַכטן, אַז אַזוי ווײַטער טאָר מען ניט.

איין זאַך וויל בינעם פרעגן באַ כאַיִם שלאַקן:

— וואָס קומט אײַך אַרויס, קאָמבינאַטאָרס, אַפילע, אַז איר פאַרמאָגט אויצרעס, אויב אײַערע נעשאָמעס פוילן?..

די „ייִדישע שטוב", מוז כאַיִם שלאַק געדענקען, איז אַן ערלעכע, קײנער וועט ניט דערלאָזן מאַכן פון איר אַן אויסגעלאָזטע קרעטשמע. מענטשן זײַנען געגאַנגען אָפן עשאַפאָט, אין שליסלבורג אָף קאַטאָרגע, קעדיי מיר זאָלן זוכע זײַן געניסן פון אַ גוט לעבן. קאַרג האָבן מיר, ייִדעלעך, עסיק געשמעקט! צוליב וואָס זײַנען מיר, אשטייגער, אָף דער וועלט געקומען? בינעם „וואָלף" קאָן אים, כאַיִם שלאַקן, אויסזאָגן פונעם סאָד: געקומען איז דער מענטש אָף דער וועלט ניט אומצוברענגען אײנער דעם אַנדערן, ניט שינדן די הויט פון טויט און לעבעדיק, נאָר אופּריכטן זי, די וועלט, פאַרטרײַבן די פינצטערניש, אויסראָטן פון איר רעציכע, גזײלע און גנייווע.

כאַיִם שלאַק האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. עס ווײסט די קאַץ, וועמעס פלײש זי האָט אופגעגעסן.

אָ, ווען בינעם קאָן אים מאַכן זעענדיק, כאַיִם שלאַקן, ער זאָל ניט טאַפּן, ווי אַ בלינדער, די וואַנט אָף דער עלטער, ניט גלײבן אין זײַן שווארצן „צײלעם". פינצטערע געשעפטן, נאָר פינצטערע געשעפטן גיב אים, כאַיִם שלאַקן.

ער גײט שוין, בינעם שמאַיִן, צום שאָכן ניט אַזוי פאַרברענגען דעם יאָמטעוו, ווי אויסריידן זיך זײַן ביטער האַרץ פאַר איוואַן וואַסיליעוויטשן, נאָר מוראַשאָוו, וואָס האָט מיט היטלערס ראָצכים זײַן אײגענעם כעזשבן, קאָן אים פאַרשטײן, בינעמען, וויאַזוי סע בראָט און סע ברענט אים אינוויניק.

◇

דאָ, אין הויף, באַ דער „ייִדישער שטוב", נעמען זיי זיך צונויף, די וועטעראַנען, אַרום זײער שאָכן, דעם אויסגעפּרוּווטן סאָלדאַט — איוואַן וואַסיליעוויטש מוראַשאָוו.

אוניצקי, דער פּאָטשטאַליאָן, גײט שוין ווידער מיט אַ נײַ פּעקל בריוו. דערזען בינעמען, אַרכיפּאָוונע די סאַניטאַרקע, דעם „סאַכאַלינער", טוט ער, נאָטע בערלס, אַ קאָמאַנדעווע:

— מער פון דרײַ זיך ניט צונויפנעמען!..

אוניצקי באַטראַכט איוואַן וואַסיליעוויטשן, ווי ער איז הײַנט יאָמטעוודיק.

בינען האָבן ליב רײנקײַט, לופטערן זיי אַלײן דעם בינשטאָק, פּאַטשן מיט די פליגעלעך, קענען ניט פאַרלײַדן דעם רײעך פון בראַנפן. אַזוי אויך מוראַשאָוו, וואָס גייט אַרום שטענדיק אַ ניכטערער. הײַנט אָבער איז אַ גרויסער יאָמטעוו, האָט ער, דאַכט זיך, אויך גענומען אַ ביסעלע. אָבער זײַנע טיף־שוואַרצע, ערלעכע אויגן זײַנען לויטער. טאַקע אָט דאָ ליגט דער סאָד פאַרבאָרגן פון מוראַשאָווס כאַראַקטער.

אוניצקי האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „מער פון דרײַ זיך ניט צונויפנעמען", נאָר צום רעדל קומען אַלץ צו געוועזענע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פריִער מיט צוואַנציק יאָר אָראָפּגעוואָרפן פון די פּלײצעס די אויסגעווייקטע אין זאַלץ שינעלן.

אַרכיפּאָוונע די סאַניטאַרקע און איוואַן וואַסיליעוויטש מוראַשאָוו זײַנען אײנינעם געלאָפן פון פלען.

עטלעכע טויזנט געפאנגענע האט היטלער מאניאק פארשפארט אפן עלעוואטאר, ניט ווײַט פונעם טײַך דאניעץ. די פענצטער אויסגעשלאגן, עסן גיט ער ניט, אכוץ א ביסל זופעכץ פון פערדן־פלייש.

ארבעטן פירט מען זיי, די פלעניקעס, יעדער טאג. פילסטו ניט אויס די נארמע, הענגט מען דיך אויף אף הילצערנע רינגען, די שפיץ פינגער פון בײדע פיס גרייכן ביז דעם פאל. אזוי הענגסטו אף די הענט א שא צײַט. דעם צווייטן טאג פילסטו ווידער ניט אויס די נארמע, הענגסטו שוין צוויי שא. נאר קיינער האלט עס ניט אויס.

מוראשאווס זיידע האט אלע גראזן און ווארצלען פארשטאנען. אונטערן דאך פלעגן זיי בא אים הענגען. מײַ כוידעש הייבט מען אן צו רײַסן דעם פאדאראזשניק, אשטייגער, האט אויך וואניע געוווּסט, וועלכע ווונדן מע היילט מיט די דאזיקע בלעטער. אזוינס, וואס די היטלעראוו־צעס האבן אין דעם טויט־לאגער געטאן, קאן קיין מענטש ניט פארשטיין. ווער איז זייער ווארצל, וואס פאר א מוטער געבירט אזעלכע אויסוווּרפן?!

דרײַ נעכט זײַנען זיי געקראכן צום דאניעץ. א ווילדער טײַך, דרייט ער זיך, ווי א צאפ מיט די הערנער. פרווו אים אריבערשווימען, דעם טײַך, אז ער שלינגט מענטשן.

פון דרײַ זײַנען זיי געבליבן צווייען. דערנאך איז מען געלעגן אין בלאטע, די פיס ניט ארויסצושלעפן. נאר די וויסטעניש האט מען אויך געמוזט אריבערקומען. שיסט מען א ווארנע, איז דא וואס צו עסן. קריך, ארכיפאווּנע, נאכן „מאלצײַט", ס'איז אף דײַן גורל אויסגעפאלן.

בינעם „וואלף" ווייסט, וואס ס'איז ווײַטער געווען. דערנאך זײַנען זיי געווען בא סטאלינגראד. מינעס זײַנען געקראכן אין פלייש ארײַן, מוראשאוו איז אין „בענקל" פון גיפס אנדערהאלבן כאדאשים געזעסן, ארכיפאווּנע האט בײדע פיס פארלוירן.

◇

בינעם „וואלף" — אומעטום איז ער דיר א גאסט.

עס זײַנען געקומען צו די וועטעראנען פראנטאוויקעס פון דער בארימטער גווארדייִשער דיוויזיע. כאפט ער זיך אויך ארײַן צו די סאלדאטן, וועלכע זיצן שוין גאנץ לאנג באם טיש, וואס ארכיפאווּנע האט הײַנט צוגעגרייט. טאקע גאר א געהויבענער מאלצײַט.

נו, וויבאלד מע האט אים שוין, בינעמען, גערופן צום טיש, וויל ער זיי, די גווארדייצעס, זאגן א פאר ווערטער:

— אלעקסאנדער מוקדן, נאך א באכערל פון א יאר צוועלף, האט דערזען בא זײַן פאטער, דעם קיניג פיליפ, דעם בארימטן אגער „בוצעפאל", וואס קיינער פון די מעשארסים האט אים ניט געקענט פארצוימען, אנטאן דעם זאטל.

— איך דארף ניט דאס דאזיקע ווילדע פערד, קיינער קאן עס ניט פארצוימען... — זשא־לעוועט זיך פיליפ פאר זײַנע דינער.

טאנצט ארויס דער זון זײַנער, אלעקסאנדער, כאפט זיך ארויף אפן פערד. דער אגער היר־זשעט, רײַסט שטיקער פונעם צײַמל, נאר דעם קייסערס זונדל האט אים אײַנגעשטילט און פארצוימט, שטיי, הייסט עס, בוצעפאל, דריי זיך ניט, ווי א ווארעם, ביסט אין רעכטע הענט!

האקלאל, — לאכט בינעם „וואלף", — דאס איז געזאגט אקעגן דעם, וואס היטלער האט געוואלט פארצוימען די וועלט, נאר ארויף איז ער ניט אפן זאטל, נאר אף אן אל, וואס שטעכט.

עס קומען ארײַן נאך שכיינים. אויך דער „סאכאלינער" מיט די מעדאלן אף דער ברוסט.

◇

פאראיארן, בעשאס זיי האבן כאסענע געמאכט די טאכטער, האבן די „סאכאלינער" אופגערודערט די „יידישע שטוב", הימלען האבן זיך געשפאלטן, זיי האבן נאר געוואלט, די „סאכאלינער", דעריקער זי, די אלטע, דאס פארפאלק זאל גיין אין קלויסטער.

פארלירן אזא מויד קאן ער ניט, דער כאסן. דרייט ער זיך, דער באכער, אהער, דרייט זיך אהין, ביזוואנען מע האט אים יאקאס פארשלעפט אין קלויסטער, אנגעטאן אים אפן הארצן דעם צײלעם, אנדערש לאזט אים ניט די שוויגער צו דער טאכטער אין בעט ארײַן...

אצינד ווידער. די טאכטער האט געבוירן אן אייניק, וויל די אלטע נאר טראגן דאס קינד אין קלויסטער. דער איידעם, כאטש שיס אין אים, איינמאל ניין, ביז געטן זיך — א סאף!

א ראכמאנעס איז אפן זיידן. ער גייט, נעבעך, ארום דערשלאגן, דער „סאכאלינער". ער קאן ניט צוטראכטן, וואס צו טאן מיט דער אלטער זײַנער, כאטש דראפע זיך אליין אויס די אויגן.

צוגעטשעפעט צום פידזשאק די מעדאלן, וואס ער האט בייס דער מילכאמע באקומען, דרייט ער זיך ארום, דער „סאכאלינער", ווי א דולער. עס מאכט זיך, די מאמע אנטווײַנט איר קינד —

שמירט די ברוסט מיט סאזשע, העלפּט ניט, לייגט מען צו די בריסטן צו א שטעכיק בערשטל, און דאָס קינד געוווינט זיך אָפּ. זײַן אלטע אנטוויינען פונעם קלויסטער איז אומעגלעך. די באָבע זאָל ניט שלעפּן דעם אייניק צום גאלעך טויפן — דאָס איז ניט פארן זיידנס קויכעס.

דעריבער גייט ער אזוי ארום דערשלאָגן, דער „סאכאלינער״. אז ער טרינקט אויס א ביסל ספּירט, האלט ער מילכאָמע מיט זײַן אלטער:

— נאָר ניט כרעסטיען!

◇

באם נײַעם צוגעבויטן פליגל פון דער „יידישער שטוב״ טאנצט ארום ארכיפּאָוונע אף אירע צוויי מיליצעס. קומט מען צו איר זוכן יוישער.

— איך האָב שוין, ארכיפּאָוונע, — קלאָגט זיך דער „סאכאלינער״ א ניכטערער, — קיין קויכעס ניט קריגן זיך מיטן ווײַב. העלף, שכיינע טײַערע!

— דאָס, וואָס שווימט אין טײַך, וועסטו ניט אויסכאפּן! — אויב זי הייבט שוין אָן, ארכיפּאָוונע, איז זי אָפּשטעלן שווער, מע קאָן באקומען פון איר מיט א קוליע איבערן קאָפּ. — ווער האָט געהאלטן היטלערן, וואָס פאר א פרומער קויעך? גאלאָכים האָבן אים פאר די פיס געהאלטן! — שרײַט די ארכיפּאָוונע אזוי, אז די אלטע זײַנע, דעם „סאכאלינערס״, זאָל הערן.

— אויב א מענטש איז נאריש, איז עס אף אייביק, — זי טאנצט צו צום סעדל, זעצט זיך אף א באנק, — איך קען זיי גוט, די פרומאקעס, זיי וועלן דיר א טרונק וואסער ניט געבן. דײַן אלטע וויל פארוויגן דאָס לעבן אין טרערן? — קלאַפּט זי מיט דער קוליע אין אספאלט. — הער מיך אויס, קאוואלער מיט די מעדאלן: אויב גאנווענען, איז א מיליאָן, און אויב שלאָפן — איז מיט דער קייסערינע.

— בא מײַן עלטער זיך געטן? — ווערט דער „סאכאלינער״ ניספּאָל פון ארכיפּאָוונעס ווערטער.

— מאנצבלען האָבן דרײַצן קעשענעס. געלט פארמאָגסטו, ווי דער נאר מאכאָרקע. איך ווייס, אף סאכאלין האָסטו אָנגעשטאָפּט דעם בײַטל, איז וואָס שטעלט דיך אָפּ? — זי איז זיכער, די ארכיפּאָוונע, אז דעם „סאכאלינערס״ אלטע הערט יעדער וואָרט. — שאָכן טײַערער, יעדערער האָט זיך זײַן פּעקל, נאָר ס'ניט קיין מוז זיך האלטן מיט דעם. טו א קוק אף אים, אָט איז מוראשאָווס איידעם, סע ווארפט אים אָן קאָרטן...

ניקאָלײַ קוזנעצאָוו גייט טאקע מאָלע-געדולע פון דער קאפע „טשײַקא״. ער האָט, ווײַזט אויס, געמאכט דעם עמעסן „לעכאיִם״. לאָזט זי אָפּ, ארכיפּאָוונע, דעם „סאכאלינער״ און באגעגנט קוזנעצאָוון אף איר שטייגער:

— צוליב וואָס זשליאָקעסטו? האָסט אסקעס מינדסטן פינגער ניט די ווערט!

בינעם „וואָלף״ קאָן אויך ניט אָפּלאָזן קוזנעצאָוון אָן א וואָרט צו זאָגן:

— אין בראזיליע, האָסט געהערט, ניקאָלײַ, האָט איינע געבוירן פינף קינדער פאר איין מאָל, איז דער טאטע פון זינען אראָפּ...

די בוידעכע, דערזעט זי בינעמען אין הויף, לויפט זי שוין אויך אהער, זי כאפּט דעם שיקערן פאר א האנט, זי וויל אים אונטערפירן אהיים.

אמאָל, געדענקט בינעם „וואָלף״, פלעגט א שיקער ליגן אין וואָגן, כראָפּען אָן דײַגעס, קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אף אים, דאָס פערד וועט אים מירצעשעם אליין ברענגען אין שאָפּע. הײַנט יאָוועט זיך פון אלע זײַטן בניי-ראכמאָנים. די שכיינע, די בוידעכע, העלפט ניקאָלײַען אופהייבן זיך אף די טרעפּ. — אינגאנצן, נעבעך, שוואך געוואָרן... גאָט זאָל זיי געווען געבן א פּאָרל, א ייִנגל מיט א מיידל, — וואָלט גאָר אנדערש געווען, — ברעכט זי פיסקעס, די בוידעכע, אראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, — געזונט מיט פּארנאָסע האָבן זיי, דאנקען גאָט, דאָס איבעריקע — אין מאָסטאָרג...

— שפּיגל-שלאפקײַט, — זאָגט ארכיפּאָוונע, — איז שוין גלײַכער, איידער שיקרעס.

— דערפאר האָט מוראשאָוו געפּאטערט א שטיקל סכוירע, — דרייט די בוידעכע דעם עק פון דער פאטשיילע, — וויפל נאדן האָט איוואן וואסיליעוויטש געגעבן פאר אסקען?.. אין כאפּעניש האָט ער געקוקט אף הירזש און געמיינט, סע איז גרויפּן.

גאָרניט פארשטייט ניט ארכיפּאָוונע, וואָס די בוידעכע מיינט דערמיט.

— מע וועט זיך איבערבעטן, — נעמט זי אירע קוליעס אף אופהייבן זיך פון דער באנק.

— ס'איז, שכיינע טײַערע, ווי מע זינגט אין יענעם לידל: לאָמיר זיך איבערבעטן, שטעל דעם סאמאָוואר...

אָט גייט שוין נאָטע מיטן קלומעק בריוו, וועט גאָר ווערן פריילעך.

◇

אוניצקי דער פּאָטשטאַליאָן קרימט זיך נאָך פרידמאַנען דעם דאָקטער: „ניקאָלאַשע — א גוטער באָכער!" איי, וואָס ער האָט דאָ, דער מאָנטיאָר, ניט וואָס צו טאָן, אין דער נייַער שטוב, ווו אַלע אייוורים זייַנען שטאַרק־אייַזן? שלאָגט ער בייַדעקעס. אין דער „יִדישער שטוב" טרעפט איינמאָל אין א יויוול אז סע ברענט איבער א לעמפּל, זעלטן־ווען דאַרף מען צומייַסטרעווען אפן דאָך די אַנטענע. און פאַרטיק. דאָס, מישטיינסגעזאָגט, איז זייַן גאַנץ טועכץ. ס'איז דיר ניט אין קוזניע, ווו דער קאָוועל פלעגט שרייַען: „נאָטעלע, מייַן פרייַנט, קלאַפּ שטאַרקער, אבי גיכער!"

— אמער, שוין עטלעכע וואָכן, אז ניקאָלייַ פאַרט ניט אין באַסיין, — וואַקסט ווידער אויס דער „וואָלף" ווי פון אונטער דער ערד, — אזא פאַרברענטער שווימער.

— אסקע האָט געפּאַקט א מעציִע, — צייילט אוניצקי די בריוו.

— קיין ערגערע צאַרעס, נאָטע, זאָלסטו ניט פאַרמאָגן, — פאַרייכערט בינעם זייַן ליול־קע. — אָט האָב איך בעסער אין „טשייַקע" פאַרזוכט א שאַשליקל, איז עס ניט צום צעקייַען, ניט צום אַראָפּשלינגען.

— שאַשליקן פעלט דיר, „וואָלף" איינער? — בייזערט זיך דער פּאָטשטאַליאָן. — מאָגנ־קאַשע דאַרפסטו עסן, אַלטער קאַטאַרזשאַן. דו קוק בעסער, ווער סע גייט.

אָט גייט זי, אסקע. ערשט ניט לאַנג, געדענקט מען, איז מוראשאָווס טעכטערל געווען א קינד, אַרומגעלאָפן איבערן הויף מיט א ווייַס פאַרטעכל, וואָס האָט איר אזוי געפּאַסט. איצט טראָגט זי שוין, אסקע, א ווייַבערש רעקל מיט ברייטע אַרבל, פאַרפלעכט דעם קובלעק, ווי די מאַמע ניוסיע.

— א ווייַבל, מייַן פרייַנט, — טוט בינעם א ווונק צום פּאָטשטאַליאָן, — ווייַל זי אָטעמט, מוז זי זייַן א ווייַבל. זע, דאַכט מיר, אז דער מאָנטיאָר האָט שוין ווידער פאַראָשטשינעט...

◇

אין דרויסן זיפּט זיך א וואַרעמער רעגן. גרינע גראָזן לעבן אוף אפילע בא דער בוידעכע אפן פענצטער. מיטאָמאָל הערט ער אוף.

די בערעזעס האָבן פון פרייד, וואָס דער הימל האָט זיך אויסגעלייַטערט און די זון וואַרעמט אזוי געטרייַ, צעלאָזט זייערע בלעטער־קרעלן.

קינדער זינגען, טאַקע דאָ אין סעדל בא דער „יִדישער שטוב", א לידל. עפּעס אזא, ווי מיר האָבן קינדווייַז געזונגען:

אין גרינעם וואַלד,
אף א סאָסנע־בוים,
א ווועווערקע געזעסן...

די בוידעכע זיצט אף א באַנק מיטן דאָקטער פרידמאַן, באָמקעט אונטער:

האָט א ניסעלע צעקנאַקט,
דעם יאָדער אופגעגעסן...

אסיע שטעלט זיך אָפּ לעם איר שוועל, זי האָט זיך פאַרקוקט אף די זינגענדיקע קינדער. גאָר אין דער וועלט ווייל זי ניט, אסיע, נאָר געבוירן א יינגל, אָט אזא ווי יענער, וואָס בריקעוועט דאָ אין סעדל, ניקאָלייַ זאָל פריילעכער ווערן.

„מיט ניקאָלייַס שעוועליורע, מיט זייַנע בלויע אויגן, און מיט זייַן קאַרטאָפל־נעזל..." — אזוי טראַכט זי, אסיע, אין דער רעגע, ווען סע טוט צו איר א שמייכל בינעם „וואָלף", וואָס נעמט אף די הענט יענץ יינגעלע — דעם פעמפּיק, אף וועמען זי האָט זיך פאַרקוקט...

דער טאָג וואָלט באַם „וואָלף" געווען גאָר א גליקלעכער, ווען דער דאָקטער פרידמאַן זאָל מער ווינקען צו זייַן אייגענער ציגייַנערן און ווייניקער זיצן מיט דער בוידעכע.

◇

מיט דער בוידעכע, ווייסט די גאַנצע „יִדישע שטוב", מאַכט מען ניט קיין געשעפטן. אפילע ווען זי איז מעסוקן פאַרפאַרעט, פאַרגלעט פּאָווידלע, זייַנען די אויערן בא איר טויזנט מאָל געלעכערט.

מיידלווייַז איז זי געווען שוין איינמאָל א ווייַמפּערל. זי האָט ליב געהאַט שאָענווייַז שטיין קעגן שפּיגל, געפּוצט זיך אזוי לאַנג, ביזוואַנען בא איר אין די נאָזלעכער האָט אָנגעהויבן צו קיצלען... מע האָט זי געמוזט כאַסענע מאַכן פאַרן ערשטן באָכער, וואָס איז געקומען פאַר די אויגן.

אַף איר וויסט מאָזל האָט אַף דער אָזערע כאַסאַן זיך פאַרדרייט א זאַווערוכע. לאָזט דער מאַן זי איבער מיט א האַלב טוץ קינדער, פאָרט אַוועק זיך שלאָגן מיטן יאַפּאָנעץ, און מער האָט זי אים אין די אויגן ניט געזען.

גיב זיך שוין אליין אן אייצע, סאָלדאַטקע. וואַש פלעשלעך אין אַפּטייק. עפּעס אַזוי פּאָשעט ציט מען אויף קינדער? באָזשים דוכאָם?! מע דאַרף זיי קליידן, לערנען, כאַסענע מאַכן. ערשט דערנאָך האָבן זיי דער מאַמען אָנגעפּייַפט: צעלאָפן זיך, ווי די פייגעלעך אין די וואַרעמע לענדער. נאָר ראָמאַן, דער מיזיניק, האָט ניט פאַרגעסן, אַז די מאַמע זייַנע לעבט און מוטשעט זיך, וואַרט אַף אים, ער זאָל איר העלפן.

ראָמאַן, קומט ער פון דער שטאָט, ברענגט ער איר, דער זון, א מאַטאָנע. עמעס, א קליי־ניקייַט, א גאָרנישט, א צוקערקע, נאָר פון זייַנע הענט — איז בא דער מאַמען טייַער.

דערנאָך, אַז ראָמאַן איז אַוועק אין דער אָפּאָלטשעניע, שלאָגן זיך מיטן היטלער, בלייַבט די בוידעכע מיטן רעוועך — גרישעניו...

געלויבט איז גאָט, מוראַשאָוו האָט איר אייניקל פון דער בלאָטע אַרויסגעשלעפּט. מאַטערט זי, די באָבע, נאָר איין זאַך: ראָמאַנס איינציקער יוירעש זאָל, כאָלילע, ניט בלייַבן בלינד, פאַר־שעמען דעם טאַטנס נאָמען — וואַרפן דאָס לערנען.

כאַסענע געהאַט, שלעפּט ער, נעבעך, גרישע, א שווערן וואָגן. געווען א באָכער מיט צוויי פריילעכע אויגן, גייט ער אַצינד אַרום, גלייַך צען קינדער האָבן אים באַזעצט. דער דאָקטער פרידמאַן זאָגט גאָר, אַז דער קאָפּ טוט אים ווי, גרישען, זאָל ער וואַרפן דאָס לערנען.

דאַשע, ווייסט זי שוין, די בוידעכע, פון איר גרויסן אומגליק, איז אַראָפּגעפאַלן פונעם לייטערל. בלייַבט זי, כאָלילע, א קאַליקע, וועט ער מוזן, גרישע, שלעפּן דעם קלומעק.

צוויי אומגליקן אייניינעם וואַרטן אַפן דריטן... נעכטן האָט זי דאַשען געבראַכט אין שפּיטאָל א ייַיכעלע, פאַרקרימט זי זיך, די שנור, ניט אַנדערש, זי טראָגט א פּאָרל.

בינעם „וואָלף“ מיט זייַן שמעקער ווייסט דיר פון אלע שווערע הערצער. אפילע פאַרוואָס גרישע מוז וואַרפן דאָס לערנען.

— נאַרישע יידענע, — ציט ער זייַן פּיפּקע, — ער וועט ניט וואַרפן דאָס לערנען. א קאָפּ איז ווי א וועג: וואָס מער מע פאָרט אַף אים...

מיטאַמאָל כאַפּט ער זי אַרום, די בוידעכע, הייבט זי אָן דרייען, ווי דער וואָלף א שעפעלע:

לאָמיר זיך איבערבעטן,
קויף א כופּע־קרענצל,
לאָמיר זיך איבערבעטן,
וועלן מיר גיין א טענצל...

דאָס איז ער איר געקומען, בינעם, אָנזאָגן די בסורע, אַז דאַשען איז גרינגער געוואָרן. נאָר כאַיִם שלאַק, דאַכט זיך אים, איז שוין מער אַף יענער־וועלט, ווי אַף דער.

◇

שאַ־שטיל איז אַרום דער „יידישער שטוב“. ביידע בולדאָזערס זייַנען אַריבערגעפאָרן אַף יענער זייַט אייַזנבאַן־אָנשיט, הערט מען שוין ווייניקער דאָס גראַגערן זייערס. דאָרטן, ווייַזט אויס, באַם סאָסנאָווע באָר, איז זיי גרינגער צו גראָבן די זאַמדיקע ערד.

כאַיִם שלאַק ליגט אַף זייַן אייגענעם בעט אינעם אָפּגעבליאַקעוועטן פאַרוסינענעם רעקל. געל אין פּאָנעם. וואַסעריק אונטער די ווייַסלעכער פון זייַנע אייביק־מוטנע אויגן, וואָס האָבן יאָרנלאַנג גענאַרט א וועלט.

פאַרוואָס קוקט זיך דער נאַרישער מענטש אַזוי שפּעט אַרום?! האָסט שלעכט געלעבט, כאַיִם שלאַק! מענטשן קוקן אַף דיר, ווי אַף אַן אויסגעשניטענער מאָזאָליע. יעדער לעבעדיק באַשע־פעניש, אלע ווי איינער, זייַנען ערדיקע. קומט דער טאָג — איז גיי גיב אָפּ דין־וועכעזשבן, צערעכן זיך מיט דער וועלט. זיי גרייט צו ענטפערן אַף אלע קאַשעס, וואָס מע וועט בא דיר, כאַיִם שלאַק, אַף יענער־וועלט א פרעג טאָן.

שאָקלסט זיך שוין פונעם ווינט, כאַיִם שלאַק. ווען עס קומט א טויז מיט א צענטל, און ווען א „מאַלעך“... אָט גייט ער שוין צו דיר, כאַיִם שלאַק, דער מאַלעכהאַמאָוועס. געוויינלעך: מיטן שאַרפן כאַלעף, פאַרפוצט אין שוואַרצן. אויסקויפן זיך בא אָט דעם פאַרשוין איז אומעגלעך!

אָט אַזוי, כאַיִם שלאַק, געזעגן זיך מיטן ווייַנשלביימל, וואָס די בולדאָזעריסטן האָבן געלאָזט ווי א זייכער פון דייַן צווייגאָרנדיק שטיבל.

איַ, כאַים שלאַק, איז גוט צו לעבן ווי אַן עכטער מענטש, דעמלט איז אַפּילע שטאַרבן גרינגער.

מיטאַמאָל הערט מען אַ געוויין פונעם רעכטן פליגל.

— געשטאָרבן...

— ווער?

— כאַים שלאַק.

— נו, מיילע, — זאָגט בינעם „וואָלף" צו דער בוידעכע, — מיר זײַנען דאָ אַלע געסט...— אויב זי וויל, די בוידעכע, עפּעס שיקן דאַשען, איז מאַכטייסע, מאָרגן גייט ער צו איר אין שפּיטאָל געוויר ווערן.

◇

אין שפּיטאָל, שטייענדיק באַם פענצטער אין איר פּאַלאַטע, האָט דאַשע שאַנלאַנג געקוקט אַפן וואַסער. דער הימל שפּיגלט זיך אין טײַך מיט אַלע זײַנע פאַרבן.

פונקט אַזאַ פאַרקילט ריטשקעלע איז געווען לעם איר שטיבל, ווו זי האָט איר קינדהײַט פאַרבראַכט. דאָרט האָט זי געלייענט ביכער. אין קעלער זיך אַראָפּגעלאָזט, די באָבע זאָל ניט זען. נאָר אין זון־שטראַל פלעגט באַלײַכטן די פינצטערניש. אָבער וואָס הייסט ניט איבערלייע־נען מאָפּאַסאַנען פון אָנהייב ביז סאָף!

דאַשע געדענקט: אין יענעם טאָג, ווען מע באַשפּריצט די עפּל מיט הייליקער וואַסער, האָט די באָבע געגויסעסט.

ניין. מער האָט זי שוין ניט געקאָנט אַרײַנקומען אינעם פינצטערן שטיבל, ווו איר באָבע איז געשטאָרבן... אין די אויערן קלינגען דאַשען דער אַלטערס ווערטער:

— ביסט אַ שיינע קאַלע, נאָר קיין מוזיקע איז ניטאָ...

זי איז אַרויס אין דרויסן. די זון ליגט אין הימל, ווי אַ פאַרטריקנטע לימענע. ס'איז איר קאַלט, דאַשען, בררר...

מיידלעך קנאַקן קערלעך, שטייען באַם פלויט, ריידן זיך אָן פאַרן כאַסענע האָבן, שטשירען די ציין...

אַז מע האָט די באָבע באַהאַלטן אַפן דאָרפישן צווינטער, איז דאַשע אַרויסגעפאָרן פונעם דאָרף.

די ערשטע צײַט, עמעס, האָט דאַשע געבענקט נאָך דער צעפּוילטער ליפּע, וואָס איז גע־שטאַנען באַ דער באָבעס פענצטער. דאָס האַרץ נאָגט איר, דעם מיידל, יעדן פרילינג. ס'ווילט זיך זען יענץ אויסגעטראָטן סטעזשקעלע, וואָס צעטיילט דעם נאַרוואָס פאַרזייטן גאָרטן אַף צוויי גלײַכע כאַלאָקים און פירט אַראָפּ־באַרג — צום טײַך.

אָנגעקומען אַרבעטן אין קאָטשעגאַרקע, האָט דאַשע געוּנומען די לאָפּעטע, פאַרשיט מיט אָפּגעברענטע קוילן די בלאָטע, געקערט און געראַמט, געמאַכט ריין, ווי אין אַ לייענזאַל, באַ־פוצט די ווענט מיט די פאָטאָגראַפיעס פון אירע באַליבטע קינאָ־אַרטיסטן. פאַרנאַכט האָט זי שטיל געזונגען דאָרפישע לידלעך.

איוואַן וואַסיליעוויטש איז צופרידן. זאָגט ער איר, דער קאַנאַרייקע:

— אַפן קראַן, טאָכטער, וועסטו גיין אַרבעטן?

בלײַבט זי שטיין, דאַשע, פאַרן מײַסטער, ווייסט אים ניט וואָס צו ענטפערן: יאָ גיין צי ניט גיין?..

אַפן קראַן? אָקסן שלעפּן אין דאָרף די שווערסטע מאַסע, אַצינד — דער קראַן.

צום ערשטן מאָל, ווען מע האָט דאַשען געבראַכט אַפן „בוידעם", און דער געשטופּלטער באָכער, דער קראַנאָוושטשיק, האָט איר געוויזן, ווי זי זאָל אופהייבן אַ שטאַבעל ציגל, האָבן די הענט באַ איר געציטערט, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, באַלד, דאַכט זיך דעם מיידל, פאַלט זי אײַנײַנעם מיט דער פײַל אין טײַך אַרײַן...

דער קראַנאָווּשטשיק זעט, ווי די הענט ציטערן באַם מיידל. מאַכט ער כוויזעק:

— מע דאַרף פריִער אָפּשערן די נעגל פון די פינגער, אויסשנײַדן די מאָזאָלקעלעך...

מיטאַמאָל ווערט ער קראַנק, דער געשטופּלטער. דאַשע בלײַבט איינע אַליין אַפן גרויזאַ־מען קראַן. האָבן איר אופגעהערט ציטערן די הענט. עמעס, דער קאָפּ דרייט זיך, נאָר די פײַל פאָלגט דאַשען, קריכט צום הימל, בוקט זיך צו דער ערד.

דאַשע קערעוועט אַפּ דעם קאָפּ פונעם פענצטער:

— איוואַן וואַסיליעוויטש!

— ניט געהאַט קיין צײַט, דאשענקע, קומען פריִער. וויפֿל מאָל האָב איך זיך געקליבן פֿאָרן צו דיר אין שפּיטאָל, נאָר...

מוראַשאָוו כאַפּט א קוק אין פענצטער. דער רויך רינט פונעם קוימען, ווי א ריטשקע. הינטן־אַרומער לייגט ער אוועק דאָס פּעקל, דאשע זאָל ניט זען. נאָר דאשע זעט. זי קען אים, איוואַן וואסיליעוויטשן, ער האָט פֿײַנט געבן א קליינע מאַטאָנע — ער שענקט מענטשן זײַן גוט האַרץ.

און פּונקט ווי ער וואָלט געוווּסט, פֿון וואָס זי האָט ערשט געטראַכט, שטייענדיק באַם פענצטער, זאָגט ער, מוראַשאָוו:

— ניט נאָר בא דיר, דאשענקע, האָבן צום אָנהייב געציטערט די הענט.

אָט איז מען איבערגעגאַנגען הייצן מיט סאַראַטאָווער גאַז, פֿלאַטערט אים דאָס האַרץ. אקוראַט ווי דעמלט, ווען גרישע האָט נאָך פֿאַרמאָגט פֿלײַ אין דער נאָז, פֿלעגט בא אים, בא מוראַשאָוון, די נעשאָמע פֿלאַטערן, ווען ער האָט געמוזט אַף איין מינוט אים איבערלאָזן, קײַ־פּעצן, באַם שמעלץ־אויוון.

דאשע לאַכט. מוראַשאָוו טוט זי א קוש:

— נו, ווער געזונט, — זאָגט ער פֿאַטערלעך באַם אוועקגיין.

קיין איבעריקע מינוט. פּונקט ווי אין פּלאַן, קאָן ער, איוואַן וואסיליעוויטש, דאָ ניט זײַן, אין שפּיטאָל.

די מוראַשאָוויטשע, איוואַן וואסיליעוויטשעס מוטער, פֿלעגט אַמאָל טראָגן צוויי עמער מילך פֿאַרן פֿאַרעץ, האָט די קאָראָמיסלע זי צו דער ערד געבויגן. צוריק פֿון דער עקאָנאָמיע האָט די מאַמע זײַנע געטאַסקעט פֿולע עמער מיט שאַלעכץ, נאָר אזא קאַטאָרגע, ווי בא היטלערן, האָט נאָך קיינער ניט צוגעטראַכט.

העכער צוואַנציק יאָר איז דורך, נאָר די פּיאַטעס גליִען אים דאָ אין שפּיטאָל. ווען ער איז אַרײַן צו דאשען, האָט אים פֿאַרשמעקט מיט קאַרבאָלקע. דער רייעך האָט אים גלײַך דער־מאָנט אין מילכאַמע־צײַט.

צוגעזעצט זיך אין סעדל, א פּריטשמעליעטער, גלײַך די גאַנצע וועלט ליגט אַף זײַנע פּלייצעס, וויל מוראַשאָוו א ביסל אָפּקילן זײַן האַרץ.

גרישע קײַפּעץ שטייט באַם שמעלץ־אויוון, איז אים, איוואַן וואסיליעוויטשן, א ביסל גרינ־גער אַף דער נעשאָמע.

◇

יאָ, ניט גרינג איז אים אָנגעקומען, גרישע קײַפּעצן, כאַפּן דעם סטרוי, ווי צו שמעלצן שטאָל.

מוראַשאָוו האָט מיט אים געלערנט די מעלאָכע און אים געלערנט לעבן.

— וואָס דו האָסט, באָכער, פֿאַרלוירן בייסן שניט, וועסטו באַם מלויצען ניט געפֿינען!

איוואַן וואסיליעוויטש טרייסלט מיט די שטוב־שליסלען גרישע קײַפּעצן פֿאַר די אויגן.

— מיינסט אָן עמעס, אַז מוראַשאָוו וועט צו דײַן שלעסעלע דאָס פּאַסיקע שליסעלע ניט געפֿינען? — ער נעמט פֿון גרישעס הענט דעם ראַהאַטש און ווײַזט אים, גרישען, וויאַזוי מע שאַרט איבער די קוילן אין אויוון.

איוואַן וואסיליעוויטש שטייט באַם מאַרטען. אָפּטמאָל זעט ער פֿאַר זיך ניט דאָס בלויע פֿלעמל, נאָר דאָס שטיבל אין דאָרף, ווען ער איז פּונקט אזא יונגאַטש, ווי גרישע, געווען.

א צעצוויטעטער קאַרשנבוים באַם פּלויט, מיט געקאַרבטער קאָרע, ווי די הויט אַפֿן זיידנס פּאָנעם, — און דאָ האָב גאָר צו טאָן מיט אָט דעם באָכערעץ!

◇

גרישע קײַפּעץ שטייט באַם שמעלץ־אויוון. אַרום אים שפּריצט מיט פֿײַער, ער אַליין שווימט אין פֿונקען, עס שפּריצט פֿונעם קויש, פֿון אונטערן טירל, פֿון דער קאָרעטע, דער מאַרטען בליצט און דונערט. פֿלאַמען קושן זיך, געבירן רעגנבויגנס, ראַנגלען זיך אין גרוי־סער היץ.

גרישע שטייט מיטן האַטשיק, ווי דער דיריזשאָר מיטן שטעקעלע. די כוואַרע רינגלט אים אַרום, מע פּרוּווט דעם שטאָל, וואָס קאָכט זיך אַף סאַראַטאָווער גאַז, מיט דעם זעלבן ציטער, ווי די בוידעכע פֿאַרזוכט פֿונעם הילצערנעם לעפֿל מאַלענע־סאָק, וואָס זי פּרעגלט אַפֿן טרײַ־נישקעלע.

איוואַן וואסיליעוויטש שמייכלט פֿון גרויס פֿאַרגעניגן.

דער שטאָל, מיינט מוראַשאָוו, איז שוין אינגאַנצן פֿאַרטיק.

דער מײַסטער נעמט דעם ראַהאַטש, טוט א מיש אין קאָרעטע דאָס ביסל פּײַערדיקע „מאַ־מעליגע“: יאָ, ס׳איז פאַרטיק.

איינמאָל גאַנצפרי איז מוראַשאָוו געקומען וועקן גרישען, ער זאָל אַרויסגיין אױף דער ערשטער סמענע. דאַשע איז געלעגן מיט גרישען אויפן בעט. אירע נאַקעטע הענט האָבן גע־בליאַסקעט. ליפּן צו ליפּן זײַנען זיי געשלאָפן...

אָט אַזוי פלעגט איוואַן וואַסיליעוויטש אין דער יוגנט שלאָפן מיט זײַן ניוסיען — פּיסקעלע צו פּיסקעלע... פון איר מויל האָט געשמעקט, אַזוי ווי פונעם אויוון פרישע געבעקס. גיי ריכט זיך, אַז זי וועט פון אים אַזוי גיך אַוועקגיין אױף יענער־וועלט.

יאָ, אױף צעבערעכן א בוים דאַרף מען איין מינוט, נאָר אױף אים אויסכאָוען, ער זאָל אויס־וואַקסן, ווי זײַן אַסקע, דאַרף מען יאָרן.

אין יענעם פרימאָרגן טאַקע האָט איוואַן וואַסיליעוויטש בא זיך אין האַרצן געפּויעלט: ע, כּעוורע, איר זײַנט פון מײַנע לײַט. אויב איר האָט זיך בעעמעס אַזוי שטאַרק ליב, וועט זיך בא אײַך אין לעבן אַלץ מיטאַנאַנדער באַקומען.

◇

דאָס לײַטערל שטייט זיך אין ווינקל, ווי א הונט, וואָס האָט א מענטשן צעביסן. דאַשע איז פון דעם דאָזיקן לײַטערל אַראָפּגעפאַלן. מער קריכט זי ניט אויפן „בוידעם“.

— וואָס דרייסטו זיך, דאַשע, אַרום לײַטערל, ווי אַרום א טשיריק... — האָט זי איוואַן וואַסיליעוויטש באַגעגנט דעם ערשטן טאָג, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון שפּיטאָל.

— איך וויל ניט שלײַפן קיין פאָרמעס, אָנטאָן דעם לעדערנעם פאַרטעך...

— אונדזערע אורעלטערן, דאַשע, האָבן געטראָגן לעדערנע קליידער, געגעסן ווילדן האָניק...

מוראַשאָוו האָט פּײַנט צו שמועסן אינמיטן קאָן, רופט ער זי אין קאָנטאָרקע צו זיך.

— אױף מײַן טיש, ווי דו זעסט, דאַשענקע, ליגט א שטיין מיט א שלאַנג, זי דראַפּעט זיך, די שלאַנג, אַרויף א באַרג, ווי איך אַלע מײַנע יאָרן...

דאַשע האָט ליב ייִנגלש אָנטאָן. אָפּטמאָל טוט זי אָן א פּאָר הויזן. מײלע, זי וועט אָנטאָן א לעדערנעם פאַרטעך אויך. נאָר הײַנט איז זי נאָך פאַרפּוצט אין שוואַרצן סאַקעלע. די ליפּן זײַנען אָנגעשמירט, די האָר שיין פאַרקעמט, ווי זי וואָלט געקומען אין טעאַטער. אַסקע איז איר שטענדיק מעקאַנע אױף איר שיין קליידן זיך.

◇

אַסקע שפּילט דען מיט קוזנעצאָוון אין א שפּיל: ער א פּאַטש מיט דער ראַקעטקע, זי א פּאַטש? זי דאַרף מיט אים אָפּלעבן א לעבן, מיט ניקאָלײַען.

וויפל מאָל איז ניקאָלײַ מיט איר געשווומען אין איין זומערדיק טײַכל, געהאַלטן זי, ווי א פעדער, אױף זײַנע הענט, געקושט אירע נאַס געוואָרענע האָר, זי געדריקט צום האַרצן. איז אַסקע צוגעזאָגט געוואָרן צו זײַן ברוסט, האָט ליב געקראָגן זײַן לײַב, זײַנע אויגן, ווי בא א שפּאַרבער. אָן שרעק שווימט ער איבער דעם טײַך אין דער לענג און אין דער ברייט. זעצט ער זיך מיט איר שיפל, פליט עס, אַלציינס ווי א שטערן.

— אַסקע, — נעמט ער זי אױף זײַנע געזונטע הענט, — ביסט גרינגער פון א קעצל, דראַפּע זיך ניט...

צוויי לעפל זופּ פלעגט זי עסן מיידלווײַז פאַרן גאַנצן טאָג, מיט א גלאָז טיי אָפּקומען, אַבי ניט גראָב ווערן, ניקאָלײַ זאָל זי נאָך א פּאָר מינוט האַלטן אױף די הענט.

יאָ, אין טײַך איז גרינג צו שווימען. אָבער אױף דער ערד?

זיי זיצן ביידע באַם טײַך. אַסקע שטעלט אָן אױף אים אירע פאַרליבטע אויגן:

— פאַרוואָס הייסט דאָס טײַכל „גאָלדן קוואַלכל“?

— „פאַרוואָס, פאַרוואָס“, — קרימט ער זי איבער. — די פּריצע מאַרפע האָט דאָ פאַר־לוירן א גאָלדן פינגערל... אַכט מאָל איז אָט דאָס דערפל דאָ באַם טײַכל געווען באַם דײַטש אין די הענט. מע האָט אים שוין פון ניקיטאָווקע אַרויסגעשמיסן, מאָזשײַסק גענומען, און ער, דער פּריץ, ליגט נאָך אינעם קוימען פונעם ציגל־זאַוואָד, עס גלוסט זיך אים ניט איבער־לאָזן דאָס „גאָלדן קוואַלכל“, מאַרפעס פינגערל...

ניקאָלײַ לאָזט אַראָפּ דאָס האַטשיקל מיטן וואָרעמל אין טײַך אַרײַן, אַסקע זיצט שטיל באַם בערעג, און ער רוימט איר אין אויער:

— דער נאַלים האָט א גוטן שמעקער, באַטאָג פּילט ער פאַר א ווערסט דאָס „פישל“, מיט וועלכן מע וויל אים מעכאַבעד זײַן. באַנאַכט פרעסט ער זיי, ווי א היישעריק. פלאַטעצעס איז זײַן בעסט מײַכל, דעם נאַלימס.

קוזנעצאָוו כאַפּט אַרויס א פּליושענעם פיש. דערפרייט זיך אסקע, ווי א קינד, טאַנצט, נעמט אָן וואַסער אין עמער, פאַלט פון פרייד אין וואַסער. וואַרפט ער זיך, ניקאָלײַ, ווי א ווילדער הירש, נאָך איר אין טײַך אַרײַן. קושט זי, לעקט אויס יעדער טראָפּנדל פון איר פּנים.

א גאַנצן זומערדיקן טאָג איז דער נאַרישער נאַלים געלעגן צווישן די שטיינער, געהיט זײַן לעבערל. גערייצט די פישער. נאָר באַנאַכט פּאַקט ער זיך בעמיילע אָף דער ווענטקע.

אסקע זאָל זיך ניט געווען דערמאָנען, אַז זי האָט פאַרגעסן אָנצוהאָדעווען די פישעלעך אין אַקוואַריום, געבן עסן די פייגעלעך באַם פענצטער, וואָלטן זיי געזעסן באַם טײַך א גאַנצע נאַכט. איר איז דעמלט אַזוי גוט געווען מיט ניקאָלײַען. וואָס זשע קומט מיט אים פאַר אַצינד, נאָך דעם, ווען זי האָט געבוירן דאָס ערשטע קינד — א מיידל?

ער איז שוין מער ניט יענער ניקאָלײַ?

די שפּיל האָט געהייסן „דער יעגער און די ענטלעך“. מע האָט זי דעמלט, אסקען, פאַרמישפּעט א קוש טאָן דעם שענסטן מאַנצבל. האָט זי באַדײַ געוואָלט איבערלאָזן איר מאַשקן — דאָס זייגערל, — נאָר קיינעם ניט קושן. כאַפּט זי א קוק אין ווינקל: ניקאָלײַ זיצט פאַרכאָלעמט, איז זי צוגעלאָפן. מיט אירע מיידלשע פײַערדיקע ליפּן און פאַרן גרויסן עולם אין די אויגן א קוש געטאָן ניקאָלײַען. דאָס איז געווען איר ערשטער קוש.

אסקע מוראַשאָווא איז געבוירן געוואָרן אָף פּאַנפילאָוו־גאַס, באַם פּאַוולאָווער וואַלד, ווו די וואָלגע האָט זיך אַרײַנגעשפּאַרט מיט אירע ברייטע קליבעס אין מאָסקווע־טײַך. זי פלעגט זיך, אסקע, דאָ באָדן, רײַסן ניסלעך, קלײַבן שוועמלעך, פאַרקרימען זיך פון די זויערע אַגרעסן, אָנרײַסן קוויטן.

אסקע... ווער פון דער „ייִדישער שטוב“ געדענקט ניט דאָס דאַרינקע מיידעלע? גאַנצע זומער־טעג לויפט זי אַרום אין ציצן קליידעלע, ווערט הייזעריק, נאָר זינגט סײַווי איר באַליבט לידעלע:

А я не папина,
А я не мамина,
А я на улице росла.
А меня курочка снесла...[1]

די מאַמע ניוסיע פלעגט ציילן אירע ביינדעלעך בעשאַסן באָדן. גאָטעניו, ווען וועט אסינקע שוין נעמען לײַב אָף זיך? הויט און ביין. נאָר פונעם קלײַענדיק פּענעמל האָבן געקוקט צוויי קלוגע קוקערלעך — מוראַשאָווס אויגן: „וואַרט, וואַרט, מאַמע, איך וועל אויסוואַקסן. דערצו נאָך א שיינע מוידן!“

◇

אָט, זעט איר, די דאָזיקע שטיפערן, אסקע מוראַשאָווא, איז זי שוין א מאַמע פון צוויי קינדער.

גרישע כייפעץ און דאַשע זײַנען שוין טאַטע־מאַמע פונעם ערשטלינג. א באָכער האָט זי געבוירן, די קראַנאָווּשטשיצע. נאָך א שטאָלגיסער וועט וואַקסן באַ דער „ייִדישער שטוב“. און אסיע האָט ווידער געבוירן א מיידל.

אין יענעם פאַרנאַכט, ווען קוזנעצאָוו האָט זיך דערוווסט, אַז אסקע האָט נאָכאַמאָל געהאַט א מיידל, איז ער פונעם שפּיטאָל געלאָפן קריגן פאַר דער געווינערן פרישע בלומען. וואָס זשע, ער האָט זי ניט ליב, אסיען? ער וועט נאָך א פּרווו טאָן א דריט מאָל זײַן מאַזל, ניקאָלײַ. קיין פאַרוויאַנעטע קוויטן דאַרף ער ניט. איז ער אַוועק אין וועלדל. דערזען דאָרט בלימעלעך, פרישע, ווי די וועסנע אַליין, האָט ער אָנגעריסן פאַר אסקען א בוקעט, אַז די שטערן וואָלטן געמעגט מעקאַנע זײַן.

---

[1] א רוסיש לידל:
און איך בין ניט דער מאַמעס,
און איך בין ניט דעם טאַטנס,
און איך בין אין גאַס געוואַקסן,
מיך האָט א הינדעלע געבראַכט...

די ערד האָט זיך צעפּאַרעט פונעם וואַרעמען רעגן, ווי נאָך א באָד. דער באַנאַכטיקער הימל אפילע איז אויך היינט ליכטיקער ווי שטענדיק. בינעם „וואָלף“ כאַפּט א קוק אף דער ערשטער שיין, וואָס קומט פונעם ניי־אויסגעבויטן פליגל.

יאָ, טראַכט בינעם „וואָלף“, אַז מע בויט, איז עס א גוטער סימען.

אין הימל פליט דער גרויזאַמער „טו“, און וואָס העכער דער אַעראָפּלאַן הייבט זיך אוף, ציטערט מער די ערד.

„גוט צו פליִען אין דער וועלט אריין“, — טראַכט בינעם. ער איז מעקאַנע מיר, דעם שאָפער: איינגעשפּאַנט קאַיאַר דעם סאַמאָסוואַל — פאַר וווהין די אויגן קוקן...

◇

אָט אַזוי לעבן די מענטשן אין דער „יִדישער שטוב“.

די „יִדישע שטוב“, וועלכע מע רופט שוין אַזוי ווער ווייסט וויפל יאָרן, צי דערפאַר, וואָס דאָ וווינען, קיין איינהאָרע, א וויל ביסל יִדן, צי עפשער ווייל עמעצן איז פּאָשעט געפעלן געוואָרן אַזוי צו אָנרופן (מוראַשאָוון, דעם מעטאַלורג, לעמאָשל, שאַט ניט די דאָזיקע צונעמעניש אויסשמעלצן א פּאָר מייעס טאָן שטאָל פאַר א נייעם ספּוטניק, וואָס דרייט זיך ארום דער ערד), — האַקלאַל, די „יִדישע שטוב“ פאַרמאָגט נאָך גענוג, וואָס מע זאָל באַשרייבן. ווי זאָגט בינעם „וואָלף“, זיס איז ניט צו זאַט, ביטער איז ניט צו שיקער.

דער פּאָעט מוישע טייף האָט מיסטאַם געמיינט אונדזער שטוב, ווען ער האָט געזאָגט:

א גוטע ליד איז ווי א שטוב,
אַוווּ עס ווילט זיך לאַנג פאַרברענגען,
און ווען דו גייסט פון איר ארויס,
דו וועסט די שטוב נאָך לאַנג געדענקען.

בראָניק

ראָטערדאַמער יִדישע קעהילע — 1400 יאָר

אין מיי ווערט 1400 יאָר, זינט עס עקזיסטירט די ראָטערדאַמער יִדישע קעהילע. צו דער דאָזיקער דאַטע איז אין ראָטערדאַם געעפנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג, אף וועלכער עס איז באַוויזן דאָס לעבן פונעם אָרטיקן יִדישן יִישעוו. אין שטאָטישן טעאַטער וועט אין די יובילייטעג פאָרקומען א קאָנצערט פונעם היגן פילהאַרמאָנישן קאַמעראַלן אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פונעם באַוווּסטן דיריגענט האַרי באַרטיני.

בלומען אפן קייווער פון עסטער־ראָכל קאַמינסקאַיאַ

אין 100־טן געבורטסטאָג פון „דער מאַמען פון יִדישן טעאַטער“ עסטער־ראָכל קאַמינסקאַיאַ האָבן אפן גענשער בעסוילעם אין וואַרשע זיך פאַרזאַמלט דער קאָלעקטיוו פון יִדישן מעלוכע־טעאַטער בעראָש מיט אידע קאַמינסקאַיאַ, פאָרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יִדן אין פוילן, מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „פאָלקס־שטימע“, פונעם זשורנאַל „יִדישע שריפטן“ און פונעם פאַרלאַג „יִדיש בוך“.

די פאַרזאַמלטע האָבן געלייגט בלומען אפן קייווער פון דער גרויסער יִדישער פאָלקס־קינסטלערן.

איליוסטרירטע אויסגאַבע פון „טעוויע דער מילכיקער“ אין דייטש

אין דרעזדענער פאַרלאַג „קונסט“ (דייטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק) איז דערשינען אין א דייטשישער איבערזעצונג שאָלעם־אַליכעמס „טעוויע דער מילכיקער“. דאָס איז א פּראַכטפולע אויסגאַבע פון גרויסן פאָרמאַט, איליוסטרירט מיט 47 ליטאָגראַפיעס פונעם באַקאַנטן יִדישן סאָוועטישן קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן. דעם בוך האָבן איבערזעצט אַלעקסאַנדער עליאַסבערג און מאַקס רייך.

דאָקומענטאַלער טעלעוויזיע־פילם „וואַרשעווער געטאָ“

אף די עקראַנען פון דער לאָנדאָנער טעלעוויזיע איז באַוויזן געוואָרן א נייער דאָקומענטאַלער פילם „וואַרשעווער געטאָ“. אוווטאָר פונעם פילם איז דר. אַלעקסאַנדער בערנפעס, א געוועזענער אָסיר פון וואַרשעווער געטאָ, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט אַדאַנק דער הילף פון זיינע פוילישע פריינט. בערנפעס האָט די מאַטעריאַלן פאַרן פילם געזאַמלט אין מעשעך פון 20 יאָר.

הירש בלאָשטיין

נײַע לֿידער

מײַן הויז שטייט אינמיטן דער וועלט

מײַן הויז שטייט אינמיטן דער וועלט
צעעפֿנט פֿון אַלֿע פֿיר זײַטן,
און ווער נאָר עס קומט פֿון דער ווײַט,
און ווער נאָר עס גייט אין די ווײַטן,
לאָזט איבער א סלֿיאַד אין מײַן אויג,
לאָזט איבער אַן אָפּקלאַנג אין אויער.
מיך גייט קיינעמס פֿרייד ניט פֿארבײַ,
און ס׳לאָזט מיך ניט קאַלט קיינעמס טרויער.

איך זע, ווי עס גייען צום יאם
די טײַכן אין אייגענע ברעגן
און ס׳גיסט מיט געזאַנג זיי צונויף
דער יאם — די באַזונדערע וועגן,
און יעטווידן טראָפּן איז גוט:
ער איז פֿונעם יאם דאָך א טראָפּן!

מײַן הויז שטייט אינמיטן דער וועלֿט,
ס׳איז שטענדיק די זון מיר צוקאָפּנס,
און כ׳קאָן ניט געפֿינען דעם שטריך,
וואָס ביידן עס טיילֿט אונדז פֿאנאנדער:
דאָס פּיצעלֿע לאַנד פֿון מײַן איך,
די וועלֿט אין איר זוניקן וואַנדער...

אונדז באַגלֿייט געזאַנג

אונדז באַגלֿייט געזאַנג
נאָך פֿון וויגלֿ אָן.
...ס׳האָט א לֿעבנלאַנג
א פֿארבענקטער קלאַנג
און א שטילֿער טאָן
מײַן געמיט באַגלֿייט —
און עס האָט געפֿרייט,
און ס׳האָט וויי געטאָן...

ווען דער טאָג זיך טרינקט
אין צעשמאָלֿצן גאָלד
און די נאַכט שוין הענגט
איבער באַרג און טאָלֿ,
הער איך, ווי עס בענקט
עמעץ אױפֿן קאָלֿ
טיף אַזוי און שיין —
עפּשער איך אַליין?..

א זון מיט א רעגן...

א זון מיט א רעגן! א זון מיט א רעגן!
עס לאַכן מיר גאָלדענע טראָפּנס אנטקעגן...

לייב נײַדוס

א זון מיט א רעגן! א זון מיט א רעגן!
גיי איך ארויס אױף צעלֿויף פֿון די וועגן,
עס האָט מיך א פֿרילֿינגשער האַלבטאָג באַגעגנט,
און פֿריידיק ער האָט מיר געטראָגן אנטקעגן
א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן...

איך האָב מיך אין ברויזיקן פֿרייד־שטראָם פֿארכלֿינעט
פֿון לאָנקעס, אַזוי ווי מײַן יוגנט, פֿריש גרינע,
געפֿרייט זיך באַנאַנד מיט א ווערבע א דינער,
ווען ס׳האָט מיר געפּאטלֿט דער ווינט די טשופּרינע.
און כ׳האָב מיך אין גאָלֿד־גרינעם פֿרייד־שטראָם פֿארכלֿינעט.

און בין מיר אַלץ ווײַטער און
ווײַטער געגאַנגען.
ניט אַלעמאָל גרינג איז א וועג
אזא לאַנגער!
ס'האָט אָפט אויך גאָר פּלוצלינג
א כוישעך געפאַנגען
די זון און מיט שוואַרצטיכער
נאַסע פאַרהאַנגען.
נאָר איך בין אַקשאַנעסדיק
ווײַטער געגאַנגען:
כ'בין זיכער געווען, אַז עס
אײַלט מיר אַנטקעגן
א זון מיט א רעגן, א זון מיט
א רעגן!

* * *

סאשען

גייט א טײַכעלע א טאָליקס,
אזא שטילס,
א פלאַכס,
א שמאַלינקס,
האָט זיך ניט מיט וואָס צו רימען
און מיט וואָס זיך צו באַווײַזן —
ס'קאָן א פליג עס איבערשווימען
און א הון אריבערשפּרײַזן.
נאָר אַז ס'טרעפט א שאָ פון
רעגן —
ס'לויפט ארויס באַלד פון די
ברעגן!

נאַרוואָס פויל און קוים
באַוועגט זיך,
לויפט עס איצט
און שרײַט,
און רוט ניט,
זאַמדיק־געלבלעך,
כמאַריק־מוטנע,
ביזן גרונט ס'האָט אופגערעגט
זיך...

כראָניק

ביאָגראַפיעס פון הערשעלע אַסטראָפּאָליער און עפראַים גריידיגער אין „טעאַטער־לעקסיקאָן“

צווישן די 500 ביאָגראַפיעס מיט בילדער אין נײַעם באַנד (6־טן) פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“, וואָס געפינט זיך איצט אין דרוק, גייען אויך ארײַן די ביאָגראַפיעס און לעבנס־באַשרײַבונגען פון די צוויי באַרימטע יידישע פאַרווײַלער, הערשעלע אַסטראָפּאָליער און עפראַים גריידיגער.

ביידע דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי די פאָרגייער פון יידישע טעאַטער־שפּילער, ווײַל זיי האָבן ניט נאָר צוגעטראַכט זייערע וויצן און פאַסיקע שטיקלעך, נאָר זיי האָבן זיי אויך אָפּגעשפּילט אפן מאַרק, אין בעסמעדרעש, אין הײַזער און אין שטובן. וועגן ביידע פאָלקס־פאַרווײַלער זײַנען דאָ אָן א שיר מײַסעלעך, וואָס האָבן עטלעכע דורות יידן פאַרווײַלט און ארויסגערופן בא זיי א סאַך געלעכטער.

וועגן הערשעלע אַסטראָפּאָליער זײַנען אפילע געשאַפן געוואָרן עטלעכע טעאַטער־שטיק (פון פישל זינגער, מוישע ליוושיץ, מאַקס געביל), וואָס זײַנען געשפּילט געוואָרן פון מאַקס געביל און מאָריס שוואַרץ אין ניו־יאָרק און איבער דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, ביז קאָמעדיעס פון יאַקאָוו באַטאַשאַנסקי און מוישע גערשענזאָן אין אַרגענטינע און סאָוועטנפאַרבאַנד.

זאַלמען זילבערצווײַג, רעדאַקטאָר פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“, האָט געאַרבעט א סאַך יאָרן צונויפצוקלײַבן די אַלע מאַ־טעריאַלן וועגן הערשעלע אַסטראָפּאָליער און עפראַים גריידיגער און זיי פאַרפיקסירט אין דעם נײַעם באַנד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“.

„מאָרגן־פרײַהײַט“ 23 פעוראַל, 1968

קינסטלערישע אויסשטעלונג פון מייער אַקסעלראָד

אין דער שטאָט ראַסטאָוו האָט דעם 13 אַפּרעל זיך געעפנט א גרויסע אויסשטעלונג פון די בילדער פונעם יידישן סאָוועטישן מאָ־לער מייער אַקסעלראָד. עס ווערן עקספּאָנירט דעם קינסטלערס ווערק אין געביט פון מאָלערײַ, גראַפיק, טעאַטראַל־דעקאָראַטיווער קונסט. די אויסשטעלונג שליסט אײַן העכער 300 עקספּאָנאַטן, צווישן זיי פּאָרטרעטן פון יידישע ערדאַרבעטער, פּייזאַזשן פון אַמאָליקן ווײַס־רוסלאַנד, פון מיטלאַזיע, רוסלענדישער פעדעראַציע, קרים, קאַווקאַז אאַוו. א באַדײַטנדיק אָרט פאַרנעמען אף דער אויסשטעלונג פּאָרטרעטן פון יידישע און רוסישע שרײַבער, בילדער, וואָס שילדערן דאָס לעבן אין די געטאָס בעשאַס דער היטלערישער אָקופּאַציע.

●

שירע גאָרשמאַן

כריזאַנטעמעס

(אַנשטאָט אַן אַרײַנפיר צו דער דאָקומענטאַלער דערציילונג פון ראָזע לײקינאַ)

די זון האָט געשײַנט, און מיר איז געווען קאַלט. איך בין געגאַנגען אין „ספּראַוואָטשנע", פון „ספּראַוואָטשנע" אין מיליציע, און איך האָב ניט געפונען קיין איינעם פון די וווּנדערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן ראָזע איסאַקאָוונען אין דער גרויזאַמער אָקופּאַציע־צײַט. אפילו יאַנקעלעוויטשן, ראָזע איסאַקאָוונעס שוואָגער, וואָס האָט אָפּט אַרײַנגעקוקט אין איר מאַנוסקריפּט, האָב איך אויך ניט געפונען. „אַזאַ ווױנט ניט אין דניעפּראָפּעטראָווסק", — האָט מען מיר געזאָגט.

פון „ספּראַוואָטשנע" גיי איך אַף קאָראָלענקאָ־גאַס. דאָרט שטייט אַ גרויס, שטרענג פאַרומערט הויז. אין דעם הויז האָט זיך געפונען די געסטאַפּאָ. איך גיי איבער די טרעפּ, וועלכע פירן צום צווייטן שטאָק. איבער די טרעפּ איז געגאַנגען „רעגיסטרירן די פּעסער" ראָזאַליע איסאַקאָוונע לײקינאַ.

פון דעם „פרײלעכן" הויז גיי איך אַף טשיטשערין־גאַס. איך וויל זען דאָס הויז, וווּ ראָזע איסאַקאָוונע האָט געוווינט. אָט איז טאַקע נומער זעקס און צוואַנציק. דאָס הויז איז אַ נידעריקס, אַן איינשטאָקיקס. דרײַ טרעפּלעך, אַ פאַרזשאַווערטע אײַזערנע טיר. ס'גלייבט זיך ניט, די טיר זאָל זיך עפענען. איך קלאַפּ אָן.

די טיר עפנט זיך. אַ פרוי מיט אַ לענגלעך פּנים און טונקעלע אויגן קוקט מיך אָן פאַרוווּנדערט:

— איצט וועל איך ניט קאָנען שמועסן מיט אײַך. הײַנט איז אַקוראַט דרײַ יאָר, ווי ראָזע איסאַקאָוונע איז געשטאָרבן. באַלד וועט קומען איר שוועסטער. מיר קלײַבן זיך פאָרן אַפן בעסוילעם.

ערשט איצט האָב איך דערזען אַ סאַך ווײַסע כריזאַנטעמעס אין טעפּלעך מיט ערד. אינגיכן קומט אַרײַן אַ קליינוווּקסיקע פרוי, אירע גראָווע האָר האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון טיכל. איך דערצייל דער פרוי וואָס און ווען. מיר נעמען די בלומען, זעצן זיך אין אַ טאַקסי און פאָרן.

ס'האָט היפּש געדויערט, ביז אַנע האָט געבראַכט אין אָרדענונג דעם קייווער, נאָכדעם האָט זי אַוועקגעשטעלט די בלומען. מיר זײַנען שווײַגנדיק געשטאַנען עטלעכע מינוט, און מיר זײַנען אַוועק צום אווטאָבוס. איך האָב דערציילט אַנען, אַז איך קאָן ניט געפינען יאַנקעלעוויטשן.

— יאַנקעלעוויטשן? ער איז דאָך מײַן מאַן, — זאָגט ראָזע איסאַקאָוונעס שוועסטער, מינע איסאַקאָוונע.

איך רייד אָפּ מיט מינע איסאַקאָוונע, אַז זונטיק קום איך צו זיי. איך רייד אויך אָפּ מיט אַנען, אַז שאַבעס קום איך צו איר.

כאָטש איך בין געקומען צו אַנע אַבראַמאָוונען פּונקט ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, איז זי נאָך געווען פאַרנומען. אַפן טיש איז געלעגן אָנגעבראָקטע קרויט, אין אַ שיסל — אַ רעכטע שטיק פלייש. אַנע אַבראַמאָוונע האָט זיך פלינק געדרייט איבערן קליינעם צימער און האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך בין זיכער, אַז איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך האָב געהאַט אַ פאַרזאַמלונג אין שול, איך בין דאָך אַ לערערקע.

אַנע אַבראַמאָוונע לייגט די קרויט אין טאָפּ און דערציילט:

— איך געהער ניט צו די, וועלכע האָבן געראַטעוועט ראָזע איסאַקאָוונע. פאַרקערט, זי האָט מיך געראַטעוועט, כאָטש פריִער האָבן מיך געראַטעוועט אַנדערע. איצט בין איך אַלט אַזויפיל, וויפל מײַן מאַמע איז אַלט געווען, בײַס זי איז אומגעקומען מיט מײַנע שוועסטערלעך. ניין, איך בין עלטער מיט אַ יאָר. מײַן מאַמע איז דאַן אַלט געווען אינגאַנצן זיבן און דרײַסיק. בײַס מע האָט אונדז אַלעמען צונויפגעטריבן צום נײַעם אוניווערמאַג, האָט מען גלײַך אָפּגעטיילט די מאַנצבילן און מע האָט זיי אַוועקגעפירט. דאַן האָט מען אַוועקגעפירט מײַן טאַטן מיט מײַנע צוויי ברידערלעך. דער עלטערער ברודער האָט זיך געראַטעוועט מאַמעש פון גרוב. די מאַמע, מיך און נאָך צוויי שוועסטערלעך, קלענערע, האָט באַהאַלטן איינע אַ קאָמיוגיסטקע. די קאָמיוגיסטקע איז געווען אונדזער שאָכנטעס אַ כאַווערטע. זי האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אונדזער שטוב, און מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין איר שטוב.

כאָטש איך בין אַלט געווען אינגאַנצן צען יאָר, בין איך געוואָרן די פאַרזאָרגערן. וואָס איך פלעג אויסבײַטן און ברענגען אין שטוב, מיט דעם האָבן מיר דערהאַלטן די נעשאָמעס. איינמאָל זאָגט די מאַמע:

— קינדער, זאָל זײַן וואָס עס וועט זײַן, מיר גייען אַהיים.

מיר זײַנען געוואָרן אַזוי אומרײַן, אַז ס'איז אוממעגלעך איבערצוגעבן. געקומען אַהיים, האָט אונדז די מאַמע אַרומגעוואַשן. אַ שכיינע האָט געבראַכט אַ טאָפּ אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפליעס. מיר האָבן אָפּגעזשיפּעט.

דאָס איז שוין געווען האַלב מאַרט פון צוויי־און־פערציקסטן יאָר. באַטאָג האָט די זון גוט געוואַרעמט. די מאַמע האָט אַרופגעוואָרפן אויף מיר די גרויסע שאַל, אַז דער מאַגנדאָוויד זאָל זיך ניט זען, און איך בין אַוועק אין אַ דאָרף עפּעס אויסבײַטן. דאָס מאָל האָט מיר זייער אָפּגעגליקט. איך האָב געקראָגן אַ גרויסן קאַבאַק און אַ היפּש שטיקל געזאַלצענע סאַלע. געחוינט האָבן מיר אויף קײַדאַק. ווי איך גיי אַזוי באַרג־אַרויף צו אונדזער גאַס, יאָגן פֿאַרבײַ צוויי שליטנס, געפּאַקטע מיט פֿרויען און קינדער. איינע אַ פֿרוי שרײַט צו מיר עפּעס, פּאַכעט מיט די הענט, נאָר איך גיי ווײַטער. איך קום צו צו אונדזער שטוב. די טירן זײַנען פֿאַנאַנדערגעפּראַלט. אַ געזעמל מענטשן. אַ פֿרוי טוט מיך אַ שלעפּ פֿאַרן אַרבל און זאָגט צו מיר:

— מע האָט דאָך אַוועקגעפֿירט דײַן מאַמען. די מינוט זאָלסטו פֿונדאַנען אַוועקגיין.

זי האָט צוגענומען בײַ מיר דעם קאַבאַק, אַרויסגעטראָגן אַ שטיקל ברויט, און איך בין אַוועק צום דניעפּער. דער טײַך איז נאָך געווען פֿאַרפֿרוירן, אָבער ערטערווײַז איז דאָס אײַז געווען פֿאַרפּלייצט. איך בין ביזן בויך אַרײַן אין וואַסער. שפּעט אין אָוונט בין איך געקומען אין אַ דאָרף. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין אַ כאַטע. אַן אַלטע פֿויערטע האָט מיך אַרײַנגעלאָזט. זי פּאָרעט זיך בײַם אויוון, און מיך וואַרפֿט, ווי אין קאַדאַכעס. איך בין ניט טויט — ניט לעבעדיק. ס׳איז אָנגערונען פֿון מיר אַ לוזשע וואַסער אויפֿן דיל. איך ציטער, — אָט טרײַבט זי מיך אַרויס. אָבער ווען די אַלטע האָט דערזען די לוזשע, האָט זי אויסגעשריִען: „אוי, לישענקאָ, דיטינאַ, סערדענקאָ מאַיע"[1]. זי האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון מיר די וואַליקעס, דאָס אָנטאָן, האָט מיר געגעבן אירס אַ העמד און אַ מאָלטן קלייד. איך בין אַרופֿגעקראָכן אויפֿן אויוון, אַנשלאָפֿן געוואָרן. אויפֿגעכאַפּט האָב איך זיך פֿון דעם, וואָס די אַלטע האָט מיט עמעצן גערעדט. ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען, האָט זי גערעדט מיטן מאַן. זי האָט צו אים געזאָגט, ער זאָל מאָרגן גיין אין דאָרפֿסראַט און מעלדן, אַז זי האָט געפֿונען אַ פֿאַרבלאָנדזשעט מיידעלע, וועלכע הייסט מאַרוסקע איוואַנאָווא. אַז די דאָזיקע מאַרוסקע איוואַנאָווא האָט זיך עוואַקויִרט מיט אַ קינדערהיים פֿון קיִעוו, האָט זיך אָפּגעשלאָגן פֿון עשעלאָן און בלאָנקעט אַזוי אַרום איבער די דערפֿער. אַזוי בין איך געוואָרן מאַרוסקע איוואַנאָווא, און בײַ די דאָזיקע אַלטע בין איך געווען, ביז די פֿאַשיסטן האָבן גענומען כאַפּן אוקראַיִנישע קינדער און יאָגן אויף אַוועקצושיקן קיין דײַטשלאַנד אויף קאַטאָרגע. דאַן האָט מיך דער אַלטער אַוועקגעפֿירט אין אַ דאָרף צו זײַן אַ באַקאַנט פּאָרפֿאָלק. בײַ זיי בין איך געוואָרן אַ ניאַניע. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך געסטאַרעט, ווי ווײַט איך האָב נאָר געקענט. איך פֿלעג קיין מינוט אָן אַרבעט ניט זיצן. מײַנע באַלעבאַטים זײַנען געווען זייער גוטע מענטשן. ער איז געווען אַ וועג־מײַסטער, זי אַ לערערקע. זיי האָבן געהאַט אַ קליין מיידעלע. אַנומלטן זיץ איך מיטן קינד אויף די הענט בײַם פֿענצטער, איך הער, עס טראַסקעט און ס׳איז אַ ראַש אין גאַס. איך טו אַ קוק דורכן פֿענצטער — טאַנקען מיט רויטע שטערנס! מיטן קינד אויף די הענט לויף איך צו צו אַ טאַנקיסט:

— פֿעטערל, טאַנקיסט, איר זײַט אונדזערע?

ער טוט מיך אַ כאַפּ מיטן קינד אײַנײַנעם אויף די הענט, זאָגט צו מיר:

— דײַנע, דײַנע, אונדזערע! — און צעוויינט זיך.

אין אָוונט זײַנען די באַלעבאַטים געקומען. זאָג איך צו זיי:

— איך גיי פֿון אײַך אַוועק.

— דיר איז שלעכט בײַ אונדז? פֿאַרוואָס ווילסטו אַוועקגיין?

— איך וועל גיין קיין דניעפּראָפּעטראָווסק, עפּשער לעבט עמעצער פֿון מײַנע.

— גיי ניט, וועסט קײנעם ניט געפֿינען. די פֿאַשיסטן האָבן אומגעבראַכט אַלע ייִדן.

אַזוי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס פּאָרפֿאָלק האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ ניאַניע זיי האָבן.

ווען איך בין געקומען קיין דניעפּראָפּעטראָווסק, פֿלעגט מיך מײַן שכיינעס טאָכטער אָפּט מיטנעמען אין שפּיטאָל, וווּ ראָזע איסאַקאָוונע האָט געאַרבעט. דער שכיינעס טאָכטער האָט אויך געאַרבעט אין דעם זעלבן שפּיטאָל אין רעגיסטראַטור. איינמאָל זאָגט דאָס מיידל צו מיר:

— איך האָב דערציילט ראָזע איסאַקאָוונען וועגן דיר, האָט זי געהייסן, זאָלסט אַרײַנגיין צו איר.

דעם זעלבן אָוונט בין איך אַוועקגעלאָפֿן צו ראָזע איסאַקאָוונען, ווײַל איך בין געווען זיכער, אַז זי ווייסט עפּעס וועגן מײַנע נאָענטע. ווען זי האָט מיך אויסגעהערט, האָט זי געזאָגט:

— איך ווייס נאָר, אַז מײַנע נאָענטע און דײַנע נאָענטע ליגן הינטער דעם טראַנספּאָרט־אינסטיטוט. גערופֿן האָב איך דיך, ווײַל איך וויל בײַ דיר בעטן, דו זאָלסט מיך נעמען אָנשטאָט דײַן מאַמען. דו ווילסט, איך זאָל זײַן דײַן מאַמע?

— איך וויל.

פֿון דעמאָלט אָן בין איך געבליבן בײַ ראָזע איסאַקאָוונען. איך האָב זיך געלערנט, איך האָב געענדיקט דעם אוניווערסיטעט. איך בין אַ לערערקע. ראָזע איסאַקאָוונע וואָלט נאָך געקאָנט לעבן, ווען זי וואָלט געטראַכט וועגן זיך. זי האָט אָבער געהאַט אַנדערע דאגות. זי האָט שטענדיק געהאַט וועמען צו העלפֿן.

איך בין געווען באַלוינט — עס האָט זיך באַשטעטיקט דאָס, וואָס איך האָב געטראַכט. אַנע אַבראַמאָוונע האָט געפֿרעגט:

— אויב מאָרגן וועט זײַן אַ שיינער טאָג, וועט איר פֿאָרן מיט מיר אויפֿן בעסוילעם? איך האָב געזען, מ׳האָט געבראַכט אַזוינע שיינע כריזאַנטעמעס אין מאַגאַזין...

זונטיק האָבן מיר טאַקע פֿאַרביטן די פֿאַרוועלקטע כריזאַנטעמעס אויף פֿרישע.

---

[1] אוי, אַ ווייטיק האָט מיך געטראָפֿן, קינד מײַנס האַרציקס.

ראָזע לײקינא

מײַנע וואָגלענישן

(דאָקומענטאַלע דערציילונג)

*

אויב פּײַן און אומגליק ווערט בײַ אַ מענטשן אָפּגעטעמפּט פון דער צײַט, וועט אָבער מײַן פּײַן קיין שום צײַט ניט לינדערן, מײַנע וווּנדן ניט היילן, דאָס געשריי פון אומשולדיק פאַרשניטענע — ניט פאַרטויבן.

וויפל מײַן ניכטערער געדאַנק זאָל מיר ניט אײַנריידן, אַז דאָס איז פאַרגאַנגענהײַט, איז אין מײַן נשמה, אין מײַן באַוווּסטזײַן — אַלץ לעבעדיק.

עס איז קיין איין טאָג ניטאָ, אַז איך זאָל ווידער ניט לעבן אין דער וויי־צײַט פון יענע געשעענישן, פון די אומגעדאַכטע געשעענישן בײַ׳ס דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע.

איך בין אַלט פיר און פופציק יאָר, כ׳האָב קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געשריבן, נאָר איצט לאָזט מיך דאָס איבערגעלעבטע ניט שווײַגן. יאָ, איך מוז אַלץ דערציילן, קעדיי קיין איין מענטש זאָל מער קיינמאָל ניט טראַכטן, אַז פאַשיסטן זײַנען כאָטש מיט עפּעס וואָס ענלעך אָף מענטשן.

עס פּלאַצט דאָס האַרץ פון ווייטיק, וואָס די אומשולדיקע קאָרבאָנעס האָבן ניט זוכה געווען צו זען, ווי די גאָרגלשנײַדער ווערן פאַריאָגט פון אונדזער ערד!

דאָס גאַנצע לעבן מײַנס האָב איך געלעבט אין דניעפּראָפּעטראָווסק. ביז דער אָקופּאַציע האָב איך געאַרבעט אַלס דאָקטער. מײַן מאַן לעוו אַבראַמאָוויטש קאָנסטאַנטינאָווסקי איז עלטער פון מיר. שוין עטלעכע יאָר, אַז ער האָט ניט געקאָנט אַרבעטן צוליב די שווערע אַטאַקעס פון סטענאָקאַרדיע.

דעם אַכטן אויגוסט 1941 האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון דניעפּראָפּעטראָווסק. די אַלגעמיינע צערודערטע שטימונג, די אויפרעגונג, דער טומל האָבן אַרויסגערופן בײַ מײַן מאַן טאָגטעגלעכע אַטאַקעס. איך בין געווען זיכער, אַז איך טאָר אים ניט רירן פון אָרט. ער פלעגט מיר דערווײַזן, אַז מע וועט דניעפּראָפּעטראָווסק ניט אָפּגעבן — עס איז אַ שטאָט פון שווער־אינדוסטרי...

צו מײַן גרויסער באַדויערונג, איז מײַן מאַן אין זײַן יוגנט געווען אין בערלין. ער האָט שטענדיק געזאָגט:

— די דײַטשן זײַנען אַן אייראָפּעיִש פאָלק, אַ פילאָסאָפיש־געבילדעט פאָלק.

איך אַליין האָב ווייניק וואָס געהערט וועגן דער פאַשיסטישער מענטשנפרעסערײַ. ווען איך וואָלט געהאַט אַ פאָרשטעלונג, אָף וואָס זיי זײַנען פייִק, וואָלט געווען גאָר אַנדערש. נאָר די הויפּט־סיבע, וואָס האָט מיך געבונדן, איז געווען — מײַן מאַנס צושטאַנד. איך אַליין בין אויך אַ קראַנקער מענטש.

מײַן נאַטשאַלניק, דאָקטאָר יאָזעפאָוויטש, האָט צו מיר געזאָגט:

— איר זײַט פאַרפליכטעט צו בלײַבן אָף אײַער אַרבעטס־אָרט.

אין אַ טאָג אַרום דערוויס איך זיך, אַז ער מיט זײַן מישפּאָכע האָבן זיך עוואַקויִרט.

דעם זעכצעטן אויגוסט 1941 האָבן די דײַטשן באָמבאַרדירט דעם וואָקזאַל. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט אונדזער אַרמיי פאַרלאָזט די שטאָט.

דאָס אומזיניקסטע, סאַמע שרעקלעכסטע איז געשען — מיר זײַנען געבליבן.

פון ערשטן טאָג אָן, זינט די פאַשיסטן האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָבן פון אַלע ווינקלען גענומען אַרויסקריכן פינצטערע באַשעפענישן. ס׳האָבן זיך געלאָזט הערן אַנטיסעמיטישע רייד

און פּאָגראָם־העצערײַ. עס איז אופגעשטאנען טכיִעס־האמייסים דאָס אלץ, וואָס האָט געשטעקט אין דער פארבאָרגעניש. ס'האָט באלד גענומען געוועלטיקן ווילקיר און זײַנע טרויעריקע רעזולטאטן — רויב, פארגוואלטיקונג, טויט. בייס די באָמבארדירונגען פלעגן מיר, ווי א סאך אנדערע אײַנוווינער פון אונדזער גאס, זיך אראָפּלאָזן אין קעלער. איינמאָל איז אין קעלער ארײַנגעלאָפן די דײַטשקע אגנעסא גענריכס. זי איז געווען בלייך, אירע אויגן זײַנען פול געווען מיט גרויל. אף מײַן פראגע, וואָס איז געשען, האָט זי געענטפערט:

— עסעסאָווצעס האָבן דערהארגעט דעם אלטן מאָנינען.

מיר אלע האָבן געקענט מאָנינען. ער האָט קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. דעם זעלבן טאָג האָבן די עסעסאָווצעס געצווונגען אן אלטן יִדישן שנײַדער, ער זאָל גראָבן א גרוב פאר זיך. זיי האָבן אים דערשאָסן און א האלב לעבעדיקן ארײַנגעוואָרפן אהין. אין א צוויי טעג ארום האָבן זיי אף דער פילאָזאָפישער גאס אומגעבראכט יִדן, וועלכע האָבן טפילע געטאָן אין שול.

דעם דריטן סענטיאבער איז אין מאגאזין, אפן ראָג טשיטשערין־ און פושקין־פּראָספעקט, ארײַנגעפאלן א צינד־באָמבע. צו אונדז אין קעלער האָבן זיך ארײַנגעריסן פאשיסטן מיט קוילעס:

— הערויס, יודען!

ווען זיי האָבן ארויסגעפירט מײַן מאן, בין איך נאָכגעלאָפן, איך האָב געהערט, ווי ער זאָגט:

— איך וועל גיין נאָך עמערס דאָס פײַער צו לעשן.

די פאשיסטן האָבן אים אָפּגעלאָזט. ער איז אוועק צו אונדזערע שכיינים, וועלכע האָבן אים באהאלטן. דער אײַנפאל מיט די עמערס האָט אים געראטעוועט, און ער האָט אויסגעמיטן דעם גוירל פון די, וואָס זײַנען אוועק צו דער סרייפע. פון דאָרטן האָבן זיך געטראָגן אומענטשלעכע געשרייען, וואָרעם די פאשיסטן האָבן געשלײַדערט אין פלאם ארײַן די, וועלכע זיי האָבן גערופן לעשן דאָס פײַער.

אינדערפרי האָבן מיר באשלאָסן ניט גיין אהיים. מיר זײַנען אוועק צו אונדזערע שכיינים — צו די יאראָשענקאָס. בא זיי זײַנען מיר געווען צוויי וואָכן. יאראָשענקאָס פרוי, כאָטש זי איז לויט דער נאציִאָנאליטעט געווען א דײַטשקע, האָט אונדז מיטגעפילט. צוגלײַך מיט דעם האָט זי זייער געזאָרגט וועגן אונדזער פארוואָרלאָזטער שטוב מיט די זאכן. זי האָט בא אונדז געבעטן די שליסל פון אונדזער שטוב. פארשטייט זיך, אז מיר האָבן איר געגעבן די שליסל, וואָרעם ווען דער טויט האָט געלויערט אף שריט און טריט, איז אונדז געווען אלציינס, צו וועמען עס וועט ארײַנפאלן אונדזער האָב־און־גוטס.

אָבער יאראָשענקאָס פרוי איז דאָס געווען ווײַט ניט אלציינס. זי האָט געשלעפּט פון אונדזער שטוב טשעמאָדאנעס מיט זאכן, בעטגעוואנט, געפעס, געארבעט אף טיש און אף בענק. ניט פון ליבע צו אונדז...

אינגיכן האָבן די דײַטשן ארויסגעגעבן א באפעל, אז אלע יִדן דארפן טראָגן אפן ארבל א צוגענייטן מאָגנדאָוויד. בא די יאראָשענקאָס האָבן מיר מער ניט געקאָנט בלײַבן, און מיר זײַנען צוריק געגאנגען אין אונדזער צעראבירטער שטוב.

אונדזער איצטיקער צושטאנד האָט שוין ניט געקאָנט אָנגערופן ווערן מיטן מערקווירדיקן וואָרט — לעבן... אָבער פונדעסטוועגן זײַנען מיר נאָך געווען לעבעדיקע. מיר האָבן געדארפט עסן. איך האָב געפּרוּווט בא דער יאראָשענקאָ ארויסקריגן עפּעס פון אונדזערע זאכן, נאָר דאָס איז געווען אן אומזיסטע טירכע.

באנאכט האָט מען גענומען פויקן אין דער טיר. מײַן מאן האָט באוויזן נעלעם צו ווערן. איך האָב געעפנט די טיר, און עס זײַנען ארײַנגעגאנגען צוויי פאשיסטן. זיי האָבן צוגעשטעלט די רעוואָלווערן צו מײַן הארצן. איינער פון זיי האָט צו מיר געזאָגט:

— אין אײַער טאלמוד שטייט, אז אלע מענטשן כוץ יִדן זײַנען ערגער פון הינט. ווו איז דײַן מאן?

— איך בין אן אלמאָנע, אפילע קיין קינדער האָב איך ניט געהאט, ווײַל איך בין שטענדיק געווען קראנק.

נאָכדעם האָב איך פארשטאנען פון זייער געשפרעך, אז מײַן „קראנקײַט" האָט מיך געראטעוועט פון פארגוואלטיקונג, ווײַל איינער האָט געזאָגט צום צווייטן, אז נאָר געפערלעך קראנקע פרויען האָבן קיין קינדער ניט. אזוינע „באזוכן" זײַנען געווען זייער אָפט. און אלעמאָל, ווען דער כאלעף איז געלעגן אף מײַן האלדז, פלעג איך ווי פארשטארט ווערן. אלץ פלעגט אין מיר אָפּגעטעמפּט ווערן. ערשט שפּעטער פלעגט דערגיין צו מײַן באוווסטזײַן, אז איך האָב אויסגעמיטן דעם טויט.

דעם אכטן אָקטיאבער האָבן די דײַטשן ארויסגעלאָזט פאָלגנדן יעזויִטישן צירקוליאר: „ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס דניעפּראָפּעטראָווסק געהערט איצט דעם דריטן רײַך, ראבעווען די זשי־

דעס די שטאָט, דעריבער באַפעלט די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט: די זשידעס דאַרפן אַרײַנטראָגן דרײַסיק מיליאָן מאַרק. ווער עס וועט ניט צאָלן, וועט באַשטראָפט ווערן לויט די שטרענגע קריגס־געזעצן".

די ייִדן זײַנען האַלב־טויטע געזעסן אין זייערע אויסגעראַבעוועטע שטיבער, און זיי האָט מען באַשולדיקט אין רויבערײַ.

די קאָנטריבוציע־פּלאָג האָט געצוווּנגען די ייִדן צו אָרגאַניזירן אַ קעהילע בעראָש מיטן יוריסט גראָנבערג. אַף כאַרקאָווער גאַס אין הויז נומער דרײַ זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן טאָ־לאָנען, לויט וועלכע דער באַנק וועט אָננעמען געלט.

דער ערשטער אַפּצאָל פון צענטן אָקטיאַבער איז פאַר דער מערהײַט געווען דער לעצטער. דעם עלפטן אָקטיאַבער האָבן די פאַשיסטן אַרויסגעגעבן אַ נײַעם באַפעל: „די הויז־פאַר־וואַלטונגען זײַנען פאַרפליכטעט צוזושטעלן פּינקטלעכע רעשימעס פון די געבליבענע ייִדן".

ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די רעשימעס פאָדערן זיך, קעדיי אַרויסצוגעבן ברויט־קאַרטלעך. אָבער אינדערעמעסן זײַנען זיי צונויפגעשטעלט געוואָרן פאַר די שוין פאַרמישפּעטע אַף טויט.

אין דער נאַכט אַפן דרײַצנטן אָקטיאַבער זײַנען אַלע ייִדן געטריבן געוואָרן צו דער נײַער קראָם אַפן פּראָספּעקט פון קאַרל מאַרקס. ס'האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, האָבן מיר אַף אונדזער גאַס דערזען אַן אומגעווײנלעכע פּראָצעסיע — אַלטע און יונגע, שוואַנגערע פרויען, קליינע קינ־דער. מיט קלומקעס אין די הענט זײַנען זיי געגאַנגען אַהין, וווּ די פאַשיסטן האָבן זיי געטריבן.

מײַן מאַן איז פּלוצעם אײַנגעפאַלן, אַז די פּראָצעסיע באַשטייט פון בייזווילקע, וועלכע האָבן ניט באַצאָלט די קאָנטריבוציע. מיר זײַנען נאָך געזעסן אין שטוב. באַטאָג האָבן זיך צו אונדז אַרײַנגעריסן פּאָליצײַען, זיי האָבן אונדז אַרויסגעיאָגט, און מיר זײַנען אויך אַוועקגעגאַנגען צו דער נײַער קראָם.

ווען מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָבן מיר באַגעגנט ייִדן, וואָס זײַנען שוין געגאַנגען צוריק. זיי האָבן אונדז געזאָגט:

— עס איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז מאָרגן.

וואָס איז, אייגנטלעך, „אָפּגעלייגט" געוואָרן, האָבן מיר ניט געוווּסט.

דער צוריקוועגס האָט בא מיר אַרויסגערופן אַ מאָדנע געפיל. איך האָב ווי זיך אַליין באַגלייט צום קייווער און זיך אַליין געבראַכט צוריק צו דער כאַרעווער שטוב. די שטוב האָט אויך אויס־געזען ווי אַ מעס. ווי אַ מעס, וועלכן ס'האָבן צעריסן רויבפייגל.

אַף מאָרגן זײַנען מיר ווידער געגאַנגען, און ווידער האָבן אונדז אַנטקעגנקומענדיקע מענטשן געזאָגט:

— עס איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז אַ נײַער פאַראָרדענונג.

דעם פופצעטן אָקטיאַבער באַגינען האָט עמעצער שטיל אָנגעקלאַפּט. איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, געעפנט און דערזען דעם בלעכער מוישע קאַפּעלענקאָ. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ מעס, וועלכן מע האָט אַרויסגענומען פון אַ בלאָטיקן קייווער.

— וואָס איז מיט אײַך געשען? — האָב איך אַ פאַרציטערטע געפרעגט.

— איך און נאָך צוויי ניט דערשאָסענע ייִדן האָבן זיך אַרויסגעקראַפּקעט פון גרוב. הינ־טער דעם טראַנספּאָרט־אינסטיטוט האָבן זיי אַלעמען דערשאָסן.

ער האָט זיך געריייניקט פון דער בלאָטע און געשלוכצט. איך האָב אים געגעבן עפּעס אָף איבערצוטאָן זיך, און ער איז אַוועק.

אַזוי האָבן מיר זיך דערוווּסט, וואָס ס'איז „אָפּגעלייגט" געוואָרן ביז מאָרגן, ביז אַ נײַער פאַראָרדענונג...

די אַריער האָבן הינטערן טראַנספּאָרט־אינסטיטוט אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס איז אויסער דער מענטשלעכער פּסיכיק, אַזוינס, וואָס די געשיכטע פון דער מענטשהײַט האָט ניט געוווּסט קיינ־מאָל. דאָרטן זײַנען געפאַלן אומשולדיקע קאָרבאָנעס מיט אַ לעצטן הימל־געשריי:

— פאַר־וואָ־אָס?!

ביז איצט קלינגט אָט דאָס געשריי אין מײַן נעשאָמע.

דעם דרײַצטן און דעם פערצעטן אָקטיאַבער 1941 זײַנען אין דניעפּראָפּעטראָווסק אויס־געשאָכטן געוואָרן זיבן און דרײַסיק טויזנט ייִדן. עס איז פאַרשניטן געוואָרן מײַן דרײַסיקיאָרי־קער ברודער דער קינסטלער לעוו איסאַקאָוויטש לייקין, מײַן מומע בערטע יעפּימאָוונע לייקינאַ מיט איר טאָכטער און מיט אירע אייניקלעך.

פאַר אונדז, די לעבעדיק פאַרמישפּעטע, האָט זיך אָנגעהויבן איין אויסגוס פון פּײַן. מיר זײַנען מעקאַנע געווען די, וואָס זײַנען שוין אומגעקומען.

דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן אָקטיאַבער זײַנען צו אונדז „געקומען" פֿאַשיסטישע אָפֿיצערן. דאָס זײַנען געווען „קולטורעלע" הענקער. זיי האָבן אונדז העפֿלעך דערקלערט:

— אײַער וווינונג איז נייטיק פֿאַר מיליטערישע צוועקן.

אויף מײַן פֿראַגע, ווו זאָלן מיר גיין, האָט איינער פֿון זיי געענטפֿערט:

— צו די אַנדערע יודען.

איך בין אַוועק צו מײַן מאַנס פֿלעמעניצע, וועלכע האָט נאָך דאַן געוווינט אין אונדזער הויף. ווי נאָר ס'איז אָוונט געוואָרן, האָבן זיך אַרײַנגעריסן פּאָליצײַען מיט ברענענדיקע פֿאַקלען. צום גליק, איז מײַן מאַן מיט אונדז ניט געווען. איינער פֿון די באַנדיטן האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער פּלייצע און אויסגעשריִען: „דאָס איז אַ רײַכע זשידאָווקע!" נאָכדעם האָבן זיי אונדז אַלעמען אַרויסגעטריבן אין הויף. זיי האָבן אונדז אַ שלײַדער געטאָן אויף דער ערד, געמיימעסט און געשאָטן ניבלפֿע. נאָכדעם האָבן זיי געקאָמאַנדעוועט „אויפֿשטיין".

אויסגעשמירטע אין בלאָטע, זײַנען מיר געשטאַנען קעגן די אויסוווּרפֿן, באַ וועלכע הארג־נען אַ מענטשן איז געווען אַלצאיינס, ווי צעקנאַקן אַ ניסל. נאָכדעם האָט איינער פֿון די באַנדיטן מיך אַ כאַפּ געטאָן און באַפֿוילן:

— דו וועסט גיין מיט מיר אין פּאָליציי־באַצירק.

איך בין געווען זיכער — איך גיי שטאַרבן.

איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין גענעם־קאַבינעט. באַם טיש זײַנען געזעסן דרײַ פֿאַרעטער. זיי האָבן צו מיר אויסגעשריִען:

— ווו איז דײַן מאַן?

— מײַן מאַן איז אַוועק אין דאָרף קריגן עפּעס עסן.

זיי האָבן זיך דורכגעשושקעט און פּלוצעם מיר געהייסן גיין אַהיים.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן מיך אָפּגעלאָזט, כּדי ניט צו פֿאַרלירן מײַן מאַנס שפּורן.

שטאָקנאַכט. איבער די פּוסטע גאַסן טראָגן זיך אומענטשלעכע קולעס. אָנשטאָט צו אַנט־לויפֿן בין איך אַוועק אַהין, פֿונוואַנען די קולעס האָבן זיך געטראָגן. אַ פּאָליצײַ האָט מיך אָנ־געכאַפּט און גענומען שלאָגן מיט דער האַנט איבערן האַלדז. איך האָב זיך געבעטן באַם הענקער:

— ראַטעווע מיך, הארגע מיך אַוועק.

אין דער רעגע איז צוגעלאָפֿן אַ צווייטער און אַ געשריי געטאָן:

— נעם זי, זי טויג!

צום ערשטן מאָל האָב איך געשריִען אַזוי, ווי אַ מענטש איז ניט פֿײַיק צו שרײַען. דער רעצייעך האָט צעריסן מײַן בלוזקע און דערזען געלט, וואָס איך האָב באַהאַלטן. ער האָט עס אַרויסגעכאַפּט און אויף אַ רעגעלע פֿאַרגעסן אָן מיר. איך בין אַנטלאָפֿן. ווידער האָט מיך דער טויט אויסגעמיטן, און נאָך ערגער פֿון טויט — איך האָב אויסגעמיטן געשענדט צו ווערן. איך בין געגאַנגען מיט אַ הינטערגעסל. פּלוצעם איז דערשינען אַ געשפּענסט. דאָס העמד איז אויף אים געהאַנגען שטיקערווײַז, די צונויפֿגעקאָלטנטע באָרד — פֿאַריסן. ער האָט טפֿילע געטאָן אויף העברעיִש. גרויליקער אומעט האָט זיך געהערט פֿון זײַן טפֿילע. איך האָב געוואָלט אַוועק, נאָר איך בין צוגעגאַנגען — ס'האָט מיך געצויגן צו אים. און איך האָב אים דערקענט — דאָס איז געווען אונדזער שאָכן, דער אַלטער פֿעלדמאַן. איצט האָט ער אויסגעגאָסן זײַנע טײַנעס אויף יידיש: טאַטע אין הימל, איך האָב קיינמאָל ניט געגאַנוועט, כאָלילע קיינעם ניט געהאַרגעט, געהאָלפֿן מײַנע נאָענטע ווי ווײַט איך האָב געקאָנט, און דו האָסט מיך געשטראָפֿט מיט דער ביטערסטער שטראָף. פֿאַרוואָס קומט דאָס מיר? פֿאַרוואָס האָבן מײַנע אויגן געדאַרפֿט צוזען, וואָס די ראָצכים טוען מיט מײַן קינד?..

איך האָב עס ניט געקאָנט הערן. איך האָב אַוועקגעבלאָנקעט דורך דער פֿינצטערניש אַהין, ווו מײַן מאַן האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

אויף מײַנע פֿראַגן: „מע האָט אים געפֿונען, מע האָט אים צוגענומען?" — ענטפֿערט קיי־נער ניט.

בלאָנקע איך ווײַטער. קוים לעבעדיק, בין איך אַרײַן צו מײַנער אַ באַקאַנטער יידישער מישפּאָכע. לעכאַטכילע איז דאָ געווען שטיל, נאָר פּלוצעם ווערט די שטילקײַט צעריסן פֿון אַ מוירעדיקער קלאָגערײַ.

...עס קלאָגט פֿעלדמאַנס טאָכטער. בייס זי הערט אויף צו קלאָגן און קוקט אויף דער זקיינע, וואָס זיצט אַנטקעגן איר, איז נאָך שרעקלעכער ווי איר קלאָגן. איך טראַכט: „ווען די פֿאַשיסטן וואָלטן געהאַט בלויז אָט די־אָ שולד, פֿון פֿאַרגוואַלטיקן דאָס מיידל, וואָס קוקט איצט מיט אַזאַ ברענענדיקער קינע אויף דער אויסגעדאַרטער געלער זקיינע, וואָלטן זיי נאָר דערפֿאַר געדאַרפֿט אָפּגעווישט ווערן פֿון דער ערד".

ס'איז אומעגלעך צו זען, ווי פעלדמאַנס טאָכטער קוקט אַף דער אַלטער. איר בליק טרײַבט מיך אַרויס פון שטוב. פּלוצעם דערמאָן איך זיך, אַז מײַן מאַן האָט געהאַט אַ גוטן באַקאַנטן אַ מוליער פּיאָטער זשוטשקין. איך שלעפּ זיך אַהין. דאָרט איז מײַן מאַן ניטאָ. איך שלעפּ זיך צוריק צו אונדזער הויף. מע זאָגט מיר, אַז נאָרוואָס איז פונדאַנען אַוועק מײַן מאַן. מײַן אויסגעמאַטערטער מויעך מאָלט בילדער איינס שרעקלעכער פון דעם צווייטן: איך הער געפּערלעכע קולעס — דאָס שרײַט מײַן מאַן. איך זע, ווי די מערדער ברענגען אים אום... מײַנע האַליוצינאַציעס זײַנען ווי די גרויליקע ווירקלעכקייט.

אין אַ מעסלעס אַרום האָב איך זיך באַגעגנט מיט מײַן מאַן.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געבלאָנקעט איבער הינטערגעסלעך אין אַ ביסן ברויט, און אַ דאַך איבערן קאָפּ. ס'האָט אָנגעהויבן פינצטער ווערן.

ווו טוט מען זיך אַהין?

אויסגעשעפּטע, פאַרוואָרלאָזטע — ביז צום לעצטן גראַד דערשלאָגענע, זײַנען מיר אַוועק אַף סווערדלאָוו-גאַס צום דאָקטער ווערניגאָרא. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט.

מע האָט אונדז אַרײַנגעלאָזט. געגעבן עסן. און מיר זײַנען אָפּגעווען בא זיי גאַנצע צוויי טעג. און ווידער פאָכען אונדזערע שוואַרצע שאָטנס איבער גאַסן. ווידער איז אָוונט. אומבאַהאָלפענע, פול מיט פאַראַכטונג צו זיך אַליין, קלאַפּן מיר ווידער אין אַ פרעמדער טיר — צום דאָקטער יעווגעניאַ פּאָפּקאָוואַ.

מע האָט אונדז אָנגעקאָרמעט, אַוועקגעלייגט אין אַ ווייך וואַרעם געלעגער. גאַנצפרי גייען מיר אַוועק.

קעדיי קריגן וועלכע-ניט-איז פּראָדוקטן, האָבן מיר געדאַרפט האָבן אונדזערע זאַכן, וואָס זײַנען געווען בא אונדזערע שכיינים. די ערשטע צײַט פלעג איך עפּעס יאָ אַרויסבאַקומען בא שקוואַריאַ און פריכאָדקען, נאָר וואָס אַמאָל איז דער איניען געגאַנגען אַלץ שווערער.

אָבער הונגער איז אַ ביטערע זאַך, און איך האָב זיך געצוווּנגען נאָכאַמאָל אַ פּרוּוו טאָן. איך בין ווידער אַוועק צו פריכאָדקען. זי האָט אַרויסגעשלײַדערט מײַנעם אַ טישטעך און ווילד אויסגעשריִען:

— מער זאָלט איר אַהער ניט קומען! אײַערע זאַכן האָב איך אַוועקגעטראָגן אין פּאָליציי, איך קען אײַך ניט און איך ווייס אײַך ניט!

דרײַ-פיר טעג האָב איך זיך מיט מײַן מאַן באַהאַלטן בא דער מעדיצינישער שוועסטער דאַניעץ. זי איז מיט מיר געגאַנגען צו שקוואַריאַ מיר העלפן אַרויסבאַקומען עפּעס וואָס. שקוואַריאַ האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּאָרל נײַ וועש פאַר מײַן מאַן און געזאָגט גאַנץ געלאַסן:

— איר זעט, איך גיב אײַך טאַקע אײַער נײַ וועש און ניט קיין אַלטס, אָבער אַף וואָס דאַרפט איר עס? מע וועט אײַך סײַוויסײַ אַוועקהאַרגענען ווי אַלע ייִדן. קיין איינער וועט ניט בלײַבן, איך ווייס דאָס פּינקטלעך.

אַזוינס וואָלט איך געקאָנט דערציילן און דערציילן, אָבער עס ווילט זיך ניט ריידן וועגן דעם... איך האָב דאַן שטענדיק געטראַכט, אַז איינער, וואָס ראַטעוועט, וועגט אַריבער אַ סאַך טאַליאַנים.

*

גרעסער ווי די פּײַן פון אייגענעם הונגער איז די פּײַן צוצוזען, אַז דײַן נאָענטסטער מענטש גייט אויס ווי אַ ליכט און דו קאָנסט אים מיט גאָרנישט ניט העלפן. טויזנטער זײַנען אַוועקגעריסן געוואָרן, איך מיט מײַן מאַן האָבן געלעבט.

...איך האָב מער ניט געוואָלט זײַן פאַרמישפּעט צום לעבן.

איך האָב באַשלאָסן צו קריגן מאָרפי, אָבער דאָס האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן.

ווען מײַן מאַן האָט זיך דערוווּסט, אַז איך האָב קיין מאָרפי ניט געקראָגן, איז ער געוואָרן איבערגלייבעריש. ער האָט אָפּט צו מיר געזאָגט:

— ראָזע, דער גורל איז שטאַרקער פון דיר, מיר וועלן לעבן.

און מיר האָבן געלעבט. איך האָב אַפילו באַשלאָסן צו גיין אין פאַרוואַלטונג פון געזונט-פאַרהיטונג. ווען איך בין אַרײַן אין קאַבינעט און דערזען דעם פאַרוואַלטער, איז מיר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער קאַרלאָוויטש סטאַנקעוויטש — אַ סאָוועטישער דײַטש. כ'האָב מיט אים לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין פּאַלאַץ פאַר געזונט-פאַרהיטונג. איך האָב אים גאָרניט געדאַרפט דערקלערן, ער האָט גוט פאַרשטאַנען מײַן לאַגע.

— איך פאָר גלײַך צום גענעראַל-סעקרעטאַר, איר בלײַבט דאָ, — און צום שווייצאַר, וואָס איז געשטאַנען בא דער טיר: — אַהער קיינעם ניט אַרײַנלאָזן!

אין א שאָ ארום איז דער דאָקטער סטאַנקעוויטש געקומען א דערפרייטער. ער האָט מיר באַוויזן א פּאַפּירל און מיט א שמייכל געזאָגט:

— דאָס איז פאַר אײַך א דערלויבעניש. איר וועט ארבעטן אלס אָטאָלאַרינגאָלאָג צוזאַמען מיט אײַערע קאָלעגן ייִדישע דאָקטוירים, וועלכע האָבן אויך אַזוינע דערלויבענישן.

די פינף ייִדישע דאָקטוירים זײַנען געווען: די כירורגן מאָטשאַן און טשערטאָק, דער ווענעראָלאָג קאָרסונסקי, דער סטאָמאַטאָלאָג שולמאַן און דער טעראַפּעווט גענבוים. מיר אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונדזער ארבעט איז א צײַטווײַליקע. דער דאָקטער מאָטשאַן איז קראַנק געוואָרן און איז אינגיכן געשטאָרבן. אַליין געשטאָרבן — אַזאַ גליק! מאָטשאַנס פרוי איז ניט געווען ענלעך אַף קיין ייִדישקע, זי האָט באַשלאָסן אַנטלויפן און טאַקע אַזוי געטאָן, נאָר זי איז ארײַנגעפאַלן אין די געסטאַפּישע לאַפּעס און איז אומגעקומען. אומגעקומען זײַנען אויך די איבעריקע דאָקטוירים. איך האָב נאָך געארבעט. איך האָב געזוכט א מיטל, ווי זיך אריבערצופּעקלען אַף אַמור (אַזוי הייסט א גרויסער ראַיאָן אין דניעפּראָפּעטראָווסק), ווו דער דאָקטער סטאַנקעוויטש האָט מיך איצט געשיקט ארבעטן. כאָטש קיין שום זאַכן האָב איך שוין ניט געהאַט, האָב איך באַשלאָסן, אַז פריִער וועל איך אַהין אַליין גיין און ערשט נאָכדעם וועל איך נעמען דעם מאַן. וועגן מײַן געזעגענען זיך מיט אים וועל איך בעסער שווײַגן... נאָר איך האָב געבעטן דאָקטער פּאָפּקאָווא, אַז זי זאָל מײַן מאַן ווי א סקאַרלאַטין־קראַנקן אוועקלייגן אין אינפעקציע־שפּיטאָל, וווּ זי ארבעט. אַזוי איז טאַקע געווען. דאָס האַרץ האָט זיך געריסן אַף שטיקער פון ווייטיק — ווי לאַנג וועט זיך מײַן מאַן קאָנען געפינען אין שפּיטאָל? ניט קוקנדיק אַף אַלע שלעק, האָט ער אויסגעזען גוט. כאָטש ער איז אַלט געווען עטלעכע און זעכציק יאָר, איז ער געווען שיין, פול מיט לעבן, מיט גוטמוטיקײַט. ער האָט מיך פאַרזיכערט:

— גיי, פאַר מיר זאָרג זיך ניט, מיר וועלן דורכלעבן. זײַ נאָר קלוג און פאָרזיכטיק.

*

ס'האָט געגאָסן א מוירעדיקער רעגן. כ'האָב קוים געפּלאָנטעט מיט די פיס איבער דער בלאָטע, וואָרעם גיין קיין אַמור מיט דער בריק, וואָס איבערן דניעפּער, האָבן די פאַשיסטן ניט געלאָזט. די פּאָנטאָנען־בריק איז געווען צעבראָכן. ערשט אין עטלעכע שאָ ארום בין איך קוים א לעבעדיקע געקומען צו די לאָדקעס, וואָס שיפלען אריבער אַף יענער זײַט. עס איז געווען א מוירעדיקע ריי צו די לאָדקעס. אַפן ברעג דניעפּער האָבן געארבעט קריגסגעפאַנגענע — אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע — הויט און ביינער. די פאַשיסטישע מענוואָלים האָבן ניט אופגעהערט צו פּאַסעווען מיט נאַהײַקעס די אומגליקלעכע געפאַנגענע.

איך האָב געקוקט און געשוויגן. איך האָב נאָר געוואָלט, עס זאָל אַזאַ כליופּע טאָן פון הימל, אַז אַלץ זאָל מיט מיר אינאיינעם אָפּגעשווענקט ווערן פון דער ערד.

ערשט אַזייגער צוויי באַטאָג איז דערגאַנגען מײַן ריי. זיבן מענטשן זײַנען ארײַן אין לאָדקע, מיך, די אַכטע, נעמט דער שיפלער ניט. דער קאַלטער בײַסיקער רעגן שמײַסט און שמײַסט, קיין טרוקענער פאָדעם איז אַף מיר ניט געבליבן.

באַלד איז צוגעגאַנגען א צווייטע לאָדקע. איך זעץ זיך שוין באָרעך־האַשעם. אָפּגעשוווּמען א שטיקעלע וועג, האָבן מיר דערהערט שרעקלעכע קוילעס:

— ראַטעוועט, מיר טרינקען זיך!

דאָס האָט זיך איבערגעקערט די לאָדקע, אין וועלכער מ'האָט מיך ניט ארײַנגענומען. אונדזער שיפלער האָט זיך ניט געלאָזט שווימען אַהין ראַטעווען די מענטשן, ער האָט נאָר עטלעכע מאָל א פּאָכע געטאָן מיט די וועסלעס און אויסגעשריִען:

— ווײַטער פאָר איך ניט, דער ברעג איז נאָענט, קריכט אין וואַסער!

צום ברעג איז טאַקע ניט ווײַט, דאָס וואַסער גרייכט מיר קימאַט ביז די אַקסלען. איך גליוער פון קעלט, מײַן דראַפּענער מאַנטל איז ווי פון בלײַ, עס שלעפּט מיך צום גרונט. נאָר וואָס האָב איך געוואָלט אוועקגעשווענקט ווערן, און איצט שלעפּ איך זיך ארויס מיט אַלע מײַנע געבליבענע קויכעס. אַבי וואָס גיכער ארויס פון דעם אײַז־קאַלטן שוואַרצן צערונצלטן וואַסער. איך בין שוין אַפן ברעג. די ציינער פּויקן, דאָס האַרץ — פאַרגליווערט. איך קוק זיך אײַן: כ'האָב די שיך אַף די פיס? יאָ. שטיי איך א ווײַלינקע. ס'רינט אראָפּ דאָס וואַסער פון מיר. די מענטשן, וואָס זײַנען מיט מיר געגאַנגען, זײַנען אויך נאַס, אָבער זיי גייען אוועק, ערגעץ וואַרט אַף זיי א וואַרעם ווינקל. איך שטיי א צעטומלטע — וווּהין זאָל איך זיך קערן און ווענדן? טו איך א פאַל אַפן זאַמד, און דאָס ערשטע מאָל אַף מײַן לעבן טו איך טפילע:

— גאָטינקע, נעם מיך שוין צו, מאַך א סאָף!

איך הער:

— מומינקע, וואָס איז מיט אײַך, וואָס וויינט איר?

א מענטשלעך קאָל איז געווענדט צו מיר? בין איך שוין לעבעדיק? איך הייב אוף די אויגן און זע א יונגן באָכער.

— זונעלע, זעסט, וואָס מיט מיר איז. איך דאַרף אין שפּיטאָל און וויס ניט ווו צו גיין.

דער יונגערמאַן נעמט מיך אונטער דער האַנט און פירט מיך צו ביז דער טיר פון שפּיטאָל. איך בין אַזוי דערפרייט, וואָס עס זײַנען דאָ אַזוינע גוטע מענטשן אָף דער וועלט, אַז איך פאַר־געס אים צו באַדאַנקען.

איך ווײַז דעם דאָקטער סטאַנקעוויטשעס צעטל, אַז איך בין געשיקט אַהער אַרבעטן. דער דאָקטער פּאַנאַמאַרענקאָ לייענט איבער דאָס צעטל, הייסט ברענגען ברויט פאַר מיר. און עפּעס אָף איבערצוטאָן זיך. א ווײַ־לינקע שפּעטער האָלט איך שוין א גאַנצן ברויט אין די הענט. סאַראַ טײַערע מענטשן איך באַגעגן הײַנט! א גאַנץ האַלב ברויט וועל איך אָפּשיקן מײַן מאַן. אין אָוונט פרעג איך באַם דאָקטער פּאַנאַמאַרענקאָ:

— ווו קאָן איך איבערנעכטיקן?

— אין וואַרט־צימער. מאָרגן וועל איך עפּעס צוטראַכטן פאַר אײַך, — זאָגט ער.

אין וואַרט־צימער איז א קעלט, וועלף צו פאַרטרײַבן. נאָר איך בין אָנגעטאָן אין א טרוקע־נעם כאַלאַט. איך לייג זיך אָף דער הילצערנער באַנק און טראַכט, וויאַזוי אַריבערצופּעקלען דאָס ברויט פאַר מײַן מאַן, וואָס געפינט זיך אין אינפעקציע־שפּיטאָל באַם דאָקטער פּאָפּקאָווא. אָפּ־געאַרבעט דעם מאָרגעדיקן טאָג, פרעג איך ווידער דעם דאָקטער פּאַנאַמאַרענקאָ:

— ווו וועל איך דאָ האָבן א ווינקל?

— צײַטווײַליק אין וועשערײַ, — זאָגט ער.

די וועשערײַ איז א מוירעדיק גרויסער צימער מיט א צעמענטענער פּאָדלאָגע, די פענצטער זײַנען אויסגעהאַקט און פאַרקלאַפּט מיט פּאַניער. דער ווינט הוליעט דאָ ווי אין דרויסן. עמעס, ס׳איז דאָ א פּליטע, אָבער אָנהייצן דעם דאָזיקן אויסגעקילטן מאָקעם־מיקלעט איז אומעגלעך. איך האָב צוגערוקט דאָס אײַזערנע בעטל צו דער פּליטע, אָבער איך האָב קיין אויג ניט צוגע־מאַכט. כ׳האָב באַהאַלטן דאָס ברויט אונטערן קישן. נאָר די פּאַצוקעס האָבן דאָס דערשמעקט, האָב איך א גאַנצע נאַכט געהאַט אַרבעט.

ווען איך האָב זיך א ביסל צוגעוווינט, זיך באַקענט מיטן כירורג קאָרסונסקי, ווען ס׳איז דאָ אויך דערלויבט געווען צו אַרבעטן, פלעגן מיר אָפּט שמועסן. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז מיר זײַנען דאָ צײַטווײַליק.

איך מוז זאָגן אָפנהאַרציק, אַז איך האָב זיך געפילט אין שפּיטאָל ניט גאָר גוט. באַזונדערס שווער איז מיר געווען צו אַרבעטן אין איין קאַבינעט מיטן נעווראָפּאַטאָלאָג זשיוואָטאָווא. כאָטש זי איז געווען א יונגער דאָקטער און בילדונג האָט זי, פאַרשטייט זיך, באַקומען אין א סאָווע־טישער הויכשול, האָט עס איר ווינציק געהאָלפן. אַמאָל אין א שלעכטן וועטער פלעגט זי בלײַבן נעכטיקן אין שפּיטאָל. זי פלעגט דאַן אָפּרוקן מײַן בעטל פון דער פּליטע, צורוקן אַהער דאָס אייגענע בעטל, זיך צודעקן מיט דרײַ קאָלדרעס און אָנהייבן אירע לירישע דערמאָנונגען.

— בייס איך האָב געאַרבעט אין שפּיטאָל אָף איגרען, האָב איך געהאַט, וואָס מײַן האַרץ האָט געגלוסט. איך האָב קימאַט גאָרנישט ניט געקויפט, ווײַל באַם שפּיטאָל איז געווען אַן אייגענע ווירטשאַפט... איך האָב שוין ניט איין מאָל געזאָגט דעם מאַן, ער זאָל גיין אַרבעטן אין דער פּאָליציי, נאָר ער האָלט זיך בא זײַן צעך אין צעשמעטערטן זאַוואָד און פאַרדינט וואַסער אָף קאַשע.

איך האָב באַשלאָסן צו זײַן פּאָרזיכטיק מיט איר. אָבער איינמאָל האָט זי מיך פאַרוווּנדערט. מיר זײַנען גראָד געווען אין קאַבינעט נאָר זאַלבעצווייט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און שטיל צו מיר געזאָגט:

— נאָרוואָס האָט מיר איינע א מיטאַרבעטערן דערציילט, אַז אין שפּיטאָל אָף איגרען האָבן זיך אַרײַנגעריסן פאַשיסטן און האָבן אומגעבראַכט די קראַנקע, אַלע יידישע דאָקטוירים און דעם פראַוויזאָר פראַנק. איך אייצע אײַך, אַז איר זאָלט אוועק פונדאַנען.

זשיוואָטאָוועס אייצע איז געווען א ריכטיקע. נאָר וווהין האָב איך געקאָנט גיין?

דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן נאָיאַבער האָט דער פּאָליציי־אָפּטייל אַרויסגעפּאָדערט מיך און דעם כירורג קאָרסונסקי. דער אויספאָרשער, א רוסישער דײַטש, האָט אונדז געמאָלדן:

— דאָ וועט מען בויען א מיליטערישע אונטערנעמונג. איך וואָלט אײַך געקענט באַפוילן, איר זאָלט באַלד פאַרשווינדן, נאָר איך בין א קאָרעקטער מענטש און איך גיב אײַך צען טעג.

בייס מיר זײַנען געקומען אין שפּיטאָל און דאָס דערציילט דעם דאָקטער פּאַנאַמאַרענקאָ, האָט ער אונדז געטרייסט, און מיר זײַנען געבליבן אַרבעטן. אַלע טאָג פלעג איך באַקומען נײַן

הונדערט גראם ברויט און צוויי טעלער סופ. איך האָב אָפּגעשפּאָרט ברויט פאַר מײַן מאַן, נאָר ניט געהאַט מיט וועמען עס איבערצוגעבן.

אין פעווראַל האָט מען אופגעהערט ארויסצוגעבן ברויט. נאָר פײַנלעכער פונעם הונגער, ביטערער פון דער קעלט אין דער וועשעריי איז געווען דאָס ניט וויסן, וואָס מיט מײַן מאַן טוט זיך. ווידער האָט מיר דאָס מאַזל צוגעשפּילט צו טרעפן הארציקע מענטשן. דאָס מאָל האָב איך באַגעגנט א יונגע כיינעוודיקע פרוי, די קינדער־דאָקטערן פרימאַק. זי האָט געלעבט שווער — זי האָט אויסגעהאַלטן איר אַלטע מוטער און א שוועסטער. זי האָט מיך ניט איין מאָל געצוווּנגען צו נעמען בא איר א שטיקל ברויט. זי פלעגט מיך אויך נעמען צו זיך אין שטוב. דאָרט פלעגט דאָס האַרץ מײַנס א ביסל אָפּגיין פון אירע הארציקע רייד. זי האָט מיר דערציילט, אז איר מאַן איז אין דער רויטער ארמיי. איך האָב איר אויך פאַרטרויט מײַן סאָד. זי האָט גענומען בא מיר ברויט, און זי האָט עס איבערגעגעבן מײַן מאַן.

דאָקטער פּאַפּקאָווא איז געווען אזוי אופמערקזאַם און ליב, אז זי האָט איבערגעגעבן א צעטעלע פאַר מיר. איצט האָב איך געוווּסט, אז לעוו אבראַמאָוויטש לעבט, אז ער ליגט נאָך אַלץ אין סקאַרלאַטין־אָפּטייל. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אז לאַנג קאָן דאָס ניט דויערן. אָבער אים נעמען צו זיך איז געווען אויסגעשלאָסן.

סאָף דעקאַבער רופט מען מיך מיט קאָרסונסקין ווידער אין פּאָליציי־אָפּטייל. קאָרסונסקי האָט צו מיר געזאָגט:

— א סאָף. איך גיי אָף פּאוולאָגראַד־לאָזאָוואיא. עפשער וועל איך זיך דורכרײַסן צום פראָנט. בא די פאשיסטן בלײַב איך מער ניט.

ער איז אוועק אין זײַן זומערדיקן לײַכטן מאַנטל. צי האָט ער זיך טאַקע דורכגעריסן צו אונדזער ארמיי, צי ער איז פאַרפרוירן געוואָרן ערגעץ אָפּן וועג, דאָס ווייס איך ניט. איך האָב אים מער קיינמאָל ניט געזען.

אַליין בין איך אוועק אין פּאָליציי־אָפּטייל. דער „קאָרעקטער" אויספאָרשער קוקט מיך אָן אזוי, אז עס קילט אזש דאָס בלוט.

— איר האָט פאַרגעסן, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט? איצט זאָלט איר וויסן — אין דריי טעג ארום זאָל איך אײַך דאָ מער ניט זען!

דעם באַדײַט פונעם אויספאָרשערס דראָונג האָב איך אָפּגעשעצט ערשט שפּעטער. אין איינעם פון די הינטערגעסלעך האָב איך צופעליק באַגעגנט דעם בוכהאַלטער פון אמורער שפּיטאָל. ער האָט מיר דערציילט, אז פונקט אין דריי טעג ארום נאָך דעם, ווי איך בין אוועק פונעם אויספאָרשער, האָבן די פאשיסטן צונויפגעטריבן די יידישע דאָקטוירים, די געבליבענע יידן און אַלעמען אומגעבראַכט. איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אז דעם אויספאָרשערס שטרענגער באַפעל האָט מיך געראַטעוועט.

שוין דאָס ווײַפלטע מאָל האָט מיך דער טויט אויסגעמיטן. דעם איין־און־דרײַסיקסטן דעקא־בער האָב איך זיך געזעגנט מיט דאָקטער פּאַנאָמאַרענקאָ. ער האָט מיר דאַן געגעבן א דער־לויבעניש צו קומען קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. זיך באַגיסנדיק מיט טרערן, האָט ער מיר גע־וווּנטשן, איך זאָל ניט ארײַנפאַלן אין די פאשיסטישע לאַפּעס. דעם צווייטן יאַנוואַר האָב איך זיך געלאָזט גיין. א פּראַסטיקער געדיכטער נעפל האָט אײַנגעוויקלט די בריק. קיין איין מענטש, כוץ מיר, איז אָף דער בריק ניט געווען, אויסער די וועכטערס בא די קאָנטראָל־בודקעס. איך שלעפּ זיך און שלעפּ זיך. די בריק האָט קיין סאָף ניט. נאָר אָט בין איך שוין אין שטאָט. אין מײַן אייגענער שטאָט, ווו איך האָב אָפּגעלעבט מײַנע יאָרן און וואָס איז מיר געווען אזוי נאָענט און איז מיר איצט אזוי ווילד־פרעמד! די ערשטע זאַך וויל איך זיך עפּעס דערוויסן וועגן מײַן מאַן, נאָר גיין אין שפּיטאָל, ווו ער ליגט, קאָן איך ניט. איך האָב דאָרט געאַרבעט יאָרנלאַנג אין אינפעקציע־אָפּטייל. אַלע קענען מיך. גיין צו דאָקטער פּאַפּקאָווא? ניין! ס'איז דאָך פאַרט נײַ־יאָר, עפשער האָט זי געסט? גיי איך צו מײַן שטוב. נאָר ארײַנגיין אהין האָב איך ניט געקאָנט. איך קום ארײַן צום שאָכן — צו וואָלקאָוון. ער האָט זיך זייער איבערגעשראָקן. איך האָב אים באַרויִקט, זיך א קאָפּ אָנגעוואָרעמט און בין גלײַך אוועק. איך בין ארײַנגעגאַנגען צו מײַן מאַנס פּלעמעניצע, וועלכע האָט נאָך דאַן געלעבט אין אונדזער הויף. זי האָט מיר דערציילט, אז צו דער רעגיסטרא־ציע, וואָס די פאשיסטן האָבן געמאָלדן סאָף דעקאַבער, איז מײַן מאַן ניט געגאַנגען, ער איז ווידער אוועק צום דאָקטער פּאַפּקאָווא, און יענע האָט אים אוועקגעלייגט אין דעם זעלבן שפּיטאָל, נאָר אין אַנדער אָפּטיילונג. איך בין ווידער אוועק צו דאָקטער פּאַפּקאָווא. זי האָט מיר איבער־געגעבן א גרוס פון מײַן מאַן, אָבער נעכטיקן דאָרט האָב איך ניט געקענט. קוים א לעבעדיקע בין איך געקומען צום שפּיטאָל אָף דער פּילאָזאָפישער גאַס, ווו דאָקטער ווערניגאָראַ איז געווען די פאַרוואַלטערן פון דער גינעקאָלאָגישער אָפּטיילונג. איך האָב זי געבעטן, זי זאָל מיך אוועק־

ליגן אין שפּיטאָל. זי איז אוועק צום הויפּט־דאָקטער זשוקאָוון. ער האָט געגעבן זײַן האַסקאָמע, אַז מע זאָל מיך ווי אַ קאַנצער־קראַנקע אַוועקלייגן אין שפּיטאָל. עס האָט זיך נאָר געענדערט מײַן נאָמען און פֿאָטערנאָמען. פֿון איצט אָן האָב איך געהייסן ראַיִסאַ איוואַנאָוונאַ לייקינאַ. ווי נאָר איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אין געלעגער און זיך צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, האָט מיך אַרומגענומען אַזאַ גערמיטלעכקײַט, אַזאַ וואַרעמע רויִקײַט, אַז איך בין אײַנגעשלאָפֿן.

עסן האָט מען געגעבן זייער ווייניק — צוויי הונדערט גראַם ברויט, צוויי טעלער שיטערן זופּ אַ טאָג. די איבעריקע קראַנקע פֿלעגט מען ברענגען עסן פֿון דער היים. פֿונדעסטוועגן פֿלעג איך אָפּשפּאָרן פֿון די צוויי הונדערט גראַם.

אין שפּיטאָל איז לעבן מיר געלעגן אַ שווער־קראַנקע פֿרוי, וואָס האָט געוואַרט אויף אַן ערנסטער אָפּעראַציע. איך פֿלעג זי טרייסטן, ווי איך האָב נאָר געקענט. זי פֿלעגט מיר אויך אויסדריקן איר מיטגעפֿיל. איינמאָל האָט זי בײַ מיר געפֿרעגט:

— ראַיִסאַ איוואַנאָוונאַ, פֿאַר וועמען באַהאַלט איר דאָס ברויט, פֿאַרוואָס עסט איר עס אַליין ניט אויף?

איך האָב איר פֿאַרטרויט מײַן אומגליק, און איך האָב קיין טאָעס ניט געהאַט. אָט דער קראַנקערס טאָכטער האָט גענומען בײַ מיר דאָס ברויט, און זי האָט עס איבערגעגעבן מײַן מאַן.

אין איינעם אַן אָוונט איז צוגעגאַנגען צו מיר דאָקטער זשוקאָוו און שטיל מיר געזאָגט:

— דער דאָקטער סטאַנקעוויטש האָט געהייסן אײַך איבערגעבן, איר זאָלט זיך ניט באַאומרויִקן, ער וועט אײַער מאַן אײַנאָרדענען אויף אַרבעט.

איך האָב גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען. איך האָב געבעטן דאָקטער ווערניגאָראַ, אַז זי זאָל מיך שיקן צו זשוקאָוון קלוימערשט אויף אַ קאָנסולטאַציע. אים האָב איך געזאָגט:

— אין פּאַלאַטע איז מיר געווען אומבאַקוועם צו ריידן מיט אײַך. זאָגט מיר, ביטע, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט קאָן דער דאָקטער געפֿינען פֿאַר מײַן מאַן?

— אין דניעפּראָפּעטראָווסק ווערט אָרגאַניזירט אַ געטאָ. דער דאָקטער סטאַנקעוויטש מיינט, אַז ער וועט דאָרטן אײַנאָרדענען אײַער מאַן אויף אַרבעט.

פֿון דעם האָב איך ערשט גאָרניט פֿאַרשטאַנען. פֿאַר וועמען ווילן די פֿאַשיסטן אָרגאַניזירן אַ געטאָ? פֿאַר די אויסגעהאַרגעטע ייִדן?

נאָכדעם האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די געטאָ איז פֿאַר לעבן־געבליבענע ייִדן פֿון אַנדערע שטעט.

אין איינעם אַ טאָג האָט מיך ווידער אַרויסגערופֿן דאָקטער זשוקאָוו.

— איך האָב געקראָגן אַ טעלעגראַמע פֿון דאָקטער סטאַנקעוויטש, אַז איך זאָל אײַך באַלד אויסשרײַבן. די פֿאַשיסטן ברענגען אום אַלע ייִדישע קראַנקע אין די שפּיטאָלן. גייט געשווינד נאָך אײַערע זאַכן.

נאָך די פֿערציק טעג, וואָס איך בין געלעגן אין שפּיטאָל, בין איך קוים געשטאַנען אויף די פֿיס. אָבער דער געדאַנק, אַז דאָקטער פּאָפּקאָווא האָט פֿאַרשפּעטיקט אויסצושרײַבן מײַן מאַן, האָט מיך אונטערגעיאָגט. איך האָב זיך אויסגעגליטשט, געפֿאַלן. איך בין קוים אויפֿגעשטאַנען. גיין אַזש אויף טשעטשעלאָווקע צום דאָקטער פּאָפּקאָווא האָב איך שוין ניט געקענט. מאַמעש פֿויזענדיק בין איך אַרײַנגעפֿאַלן צו אַנטאָן דיינעקאַ, וועלכער האָט געוווינט אויף דער טשיטשערין־גאַס אין אונדזער הויף. דיינעקאַ און זײַן פֿרוי האָבן מיך באַגעגנט זייער האַרציק, זיי האָבן מיך ניט אָפּגעלאָזט. בײַ זיי בין איך געבליבן צוויי טעג, און כאָטש דער פֿוס איז געווען געשוואָלן און האָט זייער וויי געטאָן, בין איך אַוועקגעגאַנגען צום דאָקטער ווערניגאָראַ. ווי נאָר איך האָב באַוויזן אַרײַן אין שטוב, האָט עמעצער אָנגעקלונגען. ווען מע האָט געעפֿנט די טיר, איז בײַ דער שוועל אַ פֿאַרענדערטער, קוים צו דערקענען, שטיין געבליבן מײַן מאַן.

דאָס איז שוין געווען דער צוועלפֿטער פֿעוורואַל פֿון 1942. מיר זײַנען געבליבן נעכטיקן בײַ ווערניגאָראַ. גאַנצפֿרי זײַנען מיר אַוועק. דער אומזעבאַרער שלייף האָט זיך אַלץ שטײַפֿער און שטײַפֿער פֿאַרצויגן.

ווידער בלאָנקען מיר, ווערן פֿאַרציטערטע פֿון יעדער טראָט. שטענדיק דוכט זיך אונדז, אַז אָט־אָט כאַפּן אונדז די הענקער און שלעפּן אונדז צו דער שכיטע. בלאָנקענדיק איבער גאַסן און געסלעך, האָבן מיר פּלוצעם באַגעגנט מוישע קאָפּילענקאָ. דעם זעלבן מוישע, וועלכער האָט זיך דעם דרײַצעטן אָקטיאַבער גערעטעוועט פֿון אומקום. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער אַרבעט אַלס בלעכער בײַ אַלימאָוון, וועלכער איז איצט דער גאַנצער באַלעבאָס אין געוועזענעם אָרטעל „מעטאַל־שטאַמפּ“. קאָפּילענקאָ האָט אונדז גענומען צו זיך. אַלע טאָג פֿלעג איך מוזן אַרויסגיין פֿון שטוב קריגן עפּעס עסן. איך פֿלעג בעטן נעדאָוועס. ווען ס׳פֿלעגט בײַ מיר טרעפֿן אַ גוטער טאָג, פֿלעג איך שוין נאָכדעם זיצן אין שטוב. שטעלט זיך פֿאָר, וואָס מיט אונדז איז געווען, בייס מע האָט אין איינער אַ נאַכט גענומען פּויקן אין דער טיר. מײַן

מאַן מיט קאָפּילענקאָן האָבן זיך שנעל באַהאַלטן אַפּן בוידעם. איך האָב געעפנט די טיר. עס זײַנען אַרײַנגעגאַנגען צוויי פאַשיסטן, מיט די לאַמטערנדלעך האָבן זיי באַלויכטן אונדזער דאַלעס און געפרעגט: „קיין דעזערטירן באַהאַלט איר ניט?" און זיי זײַנען אוועק. אַף מאָרגן האָט מוישע קאָפּילענקאָ געזאָגט, אַז מיר זאָלן רעגיסטרירן אונדזערע פּעסער אין געסטאַפּאָ (לויטן לעצטן באַפעל פון דער קאָמענדאַטור האָט אַף די פּעסער געדאַרפט זײַן א שטעמפּל פון געסטאַפּאָ). קאָפּילענקאָ האָט אונדז מאַמעש געטריבן אין געסטאַפּאָ. ער איז געווען זיכער, אַז אויב מיר וועלן ניט רעגיסטרירן די פּעסער, וועט ער אומקומען צוליב אונדז.

עס איז קיין שום אויסוועג ניט געווען... פאַר מײַן גיין אין געסטאַפּאָ האָב איך זיך גע־זעגנט מיט די אַלע, וועלכע האָבן מיר געגעבן א שטיקל ברויט, ווער ס'האָט מיך באַנאַכט ניט אַרויסגעיאָגט פון שטוב. דאָקטער סטאַנקעוויטש און דאָקטער ווערניגאָרא האָבן געזאָגט, איך זאָל ניט גיין, אָבער ווען זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז איך האָב קיין ברייַרע ניט, האָט ווער־ניגאָרא צו מיר געזאָגט:

— אויב זיי וועלן פאָדערן א גרויסע סומע שטראָף, שרעקט זיך ניט. זאָגט, אַז איר וועט מאָרגן באַצאָלן. מיר וועלן אומבאַדינגט קריגן דאָס נייטיקע געלט פאַר אײַך.

סאָף פּעווראַל, מיט א פאַרשפּעטיקונג אַף גאַנצע צוויי כאָדאָשים, בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין גרויען שרעקלעכן הויז אַף קאָראָלענקאָ־גאַס.

אין וועסטיביול האָב איך אָראָפּגענומען די פאַטשיילע, עס זאָל זיך זען דער מאָגנדאָוויד אַף מײַן אַרבל. דער שווייצאַר, שוין אַן עלטערער מענטש, האָט מיך אָנגעקוקט און שטיל געזאָגט:

— איר זײַט באַם זינען? גייט גלײַך אוועק פונדאַנען.

כ'האָב אים ניט באַוויזן צו זאָגן קיין וואָרט, ווי א געסטאַפּאָוועץ האָט צו מיר א געשריי געטאָן:

— קאָם היר!

ער האָט מיך געפירט איבער די טרעפּ צום צווייטן שטאָק. מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין א קאַבינעט. באַם טיש איז געזעסן נאָך א געסטאַפּאָוועץ. ווען איך בין צוגעגאַנגען א ביסעלע נעענטער, האָט ער א רעווע געטאָן:

— וועק, דו ביסט קיין מענטש מער!

איך בין אָפּגעשפּרונגען אַף צוריק און האָב געזאָגט:

— איך בין געקומען רעגיסטרירן די פּאַספּאָרטן.

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט?

— איך אַרבעט אַף אַמור אין שפּיטאָל. כוץ קראַנקע האָב איך קײנעם ניט געזען, דער־פאַר האָב איך ניט געוווּסט.

— פאַרוואָס האָסטו געבראַכט דעם מאַנס פּאַספּאָרט? ווו איז ער?

— מײַן מאַן איז קראַנק.

דער אָפיצער האָט גענומען די פּאַספּאָרטן און געפרעגט באַם צווייטן, וועלכער האָט מיך אַרײַנגעפירט:

— וואָס פאַר א שטראָף זאָל איך נעמען?

— קיין שטראָף!

ווען איך האָב זיך צוריק אָראָפּגעלאָזט אין וועסטיביול, האָט דער אַלטער שווייצאַר זיך גענומען צײלעמען און אין דער שטיל שעפּטשען:

— געלויבט איז גאָט, ביסט געראַטעוועט, איצט וועסטו לעבן בלײַבן, גיי, גיי געזונטער־הייט, זאָל דיך גאָט באַשיצן!

*

איך בין אוועק צום דאָקטער סטאַנקעוויטש. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אַרײַנגיין צו אים נאָך דער געסטאַפּאָ. ער האָט זיך זייער דערפרייט און געזאָגט:

— איצט וועט אַלץ זײַן גוט. בא דער ערשטער מעגלעכקײַט וועל איך אײַך אײַנאָרדענען אַף אַרבעט.

נאָר מײַן מאַן האָט זיך, אַפּאַנעם, ווינציקער פון אַלעמען פאַרגעשטעלט, וווהין איך גיי. ווען איך בין געקומען אין שטוב, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען. זײַ זיכער, די לעבן־געבליבענע וועלן זיי שוין ניט טשעפּען.

*

מיר האָבן ווײַטער געוווינט בא קאָפּיליענקאָ. דאָרטן האָט אויך געוווינט זײַן מוטער און א יונגע פרוי מאַניע. איר מאַן האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט. זי איז געבליבן אליין. אנומלטן האָט זי באַגעגנט א באַקאַנטע רוסישע פרוי, וועלכע האָט איר געזאָגט:

— אַף פּושקין־גאַס וווינט אַן אַלטע ייִדישקע. פאַרוואָס וווינט איר ניט מיט איר? זאָל־בעצווייט וועט אײַך זײַן גרינגער.

מאַניע האָט דערציילט, אַז ניט ווײַט פון זיי אין א כאָרעווער שטוב געפינט זיך א ייִדיש מיידעלע פון א יאָר צען. דעם מיידעלעס טאַטע איז אַפן פראָנט, זי איז דאָ געבליבן מיט דער באָבען און מיט אַן עלטערער שוועסטער. נאָר די שוועסטער מיט דער באָבע האָבן די פאַשיסטן דערשאָסן. איך האָב געזאָגט מאַניען, אַז זי זאָל געבן דעם מיידעלע אונדזער אַדרעס.

אין א שטיקל צײַט אַרום איז טאַקע דאָס מיידעלע געקומען צו אונדז. זי איז געווען שרעקלעך אויסגעצערט, אירע וווּנדערלעכע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אַף מיר מיט שרעק.

— ווי רופט מען דיך? — האָב איך געפרעגט.

— יאָלאָטשקאַ.

— פאַרוואָס זיצסטו אליין אין דער כאָרעווער שטוב?

— דער טאַטע וועט קומען פון מילכאָמע, דאַרף איך פאַר אים היטן די שטוב.

דאָס מיידעלע איז געווען אַזאַ צאַרטס אָדער עפּשער איז זי געווען אַזוי אויסגעבענקט, אַז זי האָט אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אַף מײַן פּלייצע. אָבער בלײַבן בא אונדז האָט זי בעשום־אויפן ניט געוואָלט. ווען זי איז אַוועק, האָב איך געזאָגט:

— אויב מיר וועלן לעבן, וועט יאָלאָטשקע זײַן אונדזער טאָכטער.

— געוויס, — איז מײַן מאַן מאַסקים געווען.

דאָס מיידעלע פלעגט צו אונדז קומען אַלע טאָג. וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך איצט געטיילט אַף דרײַ כאַלאָקים. ווען מיר האָבן שוין ניט געוווינט בא קאָפּיליענקאָ (ווײַל ער האָט אונדז פּאַשעט אַרויסגעטריבן), פלעג איך זיך אַלעמאָל נאָכפרעגן אַף יאָלאָטשקען. ביז איך האָב געפונען ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, האָב איך זיך גוט אָנגעמוטשעט. ביז איינע א מעסירעסנעפּעשדיקע פרוי האָט געזאָגט:

— קומט און וווינט. וואָס גאָט וועט געבן — דאָס וועט זײַן!

גערופן האָט מען די פרוי נינאַ פּיאָדאָראָוונאַ באַיקאָ. איינמאָל האָב איך זי געבעטן, זי זאָל צוגיין צו ליאַשטשענקאָ און דאָרט נעמען א טייל פון אונדזערע זאַכן. דאָס איז איר ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען, ווײַל ליאַשטשענקאָ איז זעלטן געווען אין שטוב. נאָר אַז ליאַשטשענקאָ איז שוין יאָ געווען אין שטוב, האָט זי איר געמאַכט אַזאַ באָד, אַז ווען באַיקאָ האָט זיך אומגעקערט, האָט זי מיט האַרץ געזאָגט:

— ראָזאַליאַ איסאַקאָוונאַ, איר זײַט טאַקע א געלערנטע, נאָר איר זײַט לאַכלוטן ניט קיין מייוון אַף מענטשן! ליאַשטשענקאָ איז ניט קיין פרײַנט, נאָר א בלוטיקער סוינע אײַערער!

דעם פופצעטן יולי 1942 האָט מיך דאָקטער סטאַנקעוויטש אײַנגעאָרדנט אַף אַרבעט אין דער פּערטער פּאָליקליניק אַף קײַדאַק.

דער הויפּט־דאָקטער פון דער פּאָליקליניק יאַרילאָ דמיטרי יעווגעניעוויטש און זײַן פרוי, אויך א דאָקטער, זײַנען געווען עמעסע האַרציקע מענטשן. אַלע טאָג, בייס יאַרילאָ פלעגט קו־מען אין פּאָליקליניק, פלעגט ער די ערשטע זאַך אַרײַנגיין צו מיר. עס איז מיר געווען קלאָר, אַז ווען ער גייט אַוועק פון דער אַרבעט, צווייפלט ער, צי ער וועט מיך מאָרגן געפינען א לע־בעדיקע. ער פלעגט מיר שטענדיק זאָגן:

— מײַדט אויס דעם אויגן־דאָקטער פון אונדזער פּאָליקליניק, זי איז ניט קיין סאָוועטי־שער מענטש.

אין דער זעלבער פּאָליקליניק האָט געאַרבעט דאָקטער גרעטשאַנאָווסקאַיאַ. געוווינט האָט זי אויך אַף קײַדאַק. זי, איר מאַן און איר מוטער זײַנען געווען זעלטענע מענטשן. ניט איין מאָל האָב איך בא זיי געגעסן זייער ברויט. ניט איין מאָל האָב איך געגעסן זייער ברויט.

דעם פינף־און־צוואַנציקסטן יוני האָט באַיקאָס שאָכן איוואַן לאָזאַ אונדז געמאַסערט אין געסטאַפּאָ. מע האָט מיך מיט מײַן מאַן צוגענומען אין פּאָליציי. דאָקטער יאַרילאָ האָט ניט גערוט, ביז מע האָט אונדז אַרויסגעלאָזט. ווידער האָט לאָזאַ געמאַסערט, ווידער האָט מען אונדז גענומען אין דער פּאָליציי. און ס׳איז געווען ניט צו באַגרײַפן, ווי דאָקטער יאַרילאָ האָט אונדז ווידער אַרויסגעראַטעוועט. אָבער ווען דאָקטער יאַרילאָ האָט זיך געווענדט צו סטאַנקע־וויטשעס פאַרטרעטער, צום סאַניטאַר־דאָקטער, אַז יענער זאָל מיר אַרויסגעבן א ברויט־קאַרטל, האָט יענער קאַלטבלוטיק געזאָגט: „וואָס זאָרגט איר אַזוי וועגן ברויט פאַר דער לייקינאַ —

דער זשידאָווקע?״ יאַרילאָ האָט געזאָגט צו מיר: „אין געסטאַפּאָ איז מיר גרינגער געווען עפּעס צו פועלן״.

...אַף איין כוידעש האָט פונדעסטוועגן דאָקטער יאַרילאָ געקראָגן פאַר מיר א ברויט־קאַרטל. נאָכדעם, ווען די קאַרטל־ביוראָ האָט מיר מער קיין ברויט־קאַרטלעך ניט געגעבן, פלעגט יאַרילאָ פאָרזיכטיק אַריינגיין צו מיר אין קאַבינעט און ברענגען א שטיקל ברויט פאַר מיר. אָבער ווען ער האָט מיר פאַרגעלייגט צו נעמען בא אים זײַן פּײַקע, האָב איך צו אים געזאָגט:

— טײַערער דמיטרי יעווגעניעוויטש, איך ווייס, אַז איר האָט אַליין ניט און איך צווייפל, צי וועל איך נאָך מאָרגן דאַרפן עסן...

בייס מײַן ארבעט אין פּאָליקליניק פלעג איך אויך באַזוכן קראַנקע אין זייערע היימען. כ׳האָב פון זיי געזען גרויס מיטגעפיל. ניט איין מאָל פלעגן זייערע נאָענטע מיך אָפּוואַרטן ערגעץ אַף דער גאַס און גיך אַרײַנלייגן א שטיקל ברויט אין מײַן קעשענע. זייער אָפט פלעגט מיר געבן א שטיקל ברויט קריוואָשעיעווא, וועמעס זון איך האָב אויך געהיילט. סאָלדאַטענ־קאָווא האָט מיר אויך אָפט געגעבן ברויט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי איז פאַר־בונדן מיט די פּאַרטיזאַנער. די דאָקטוירים זשוקאָווא און ווערניגאָרא האָבן מיר געוואָלט געבן א רוסישן פּאַספּאָרט. נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב ניט געקאָנט אַוועק און איבער־לאָזן מײַן קראַנקן מאַן. זיי האָבן אַוועקגעגעבן דעם פּאַספּאָרט דעם כירורג טאַמאַרא טשער־טאָק. נאָר דעם פערטן מאַרט האָבן די פאַשיסטן זי צוגענומען, און זי איז אומגעקומען מיט איר מאַן און מיט איר קינד. איך בין געבליבן די איינציקע פון די ייִדישע דאָקטוירים. אַלע טאָג האָב איך געוואַרט אַפן טויט. איינמאָל, גייענדיק פון פּאָליקליניק דורך קײַדאַק אַף שליאַ־כאָווקע, האָב איך דערזען, ווי צוויי יונגעלײַט פאָרן אַנטקעגן מיר אַף וועלאָסיפּעדן. ווען איך בין שוין געווען נאָענט פון זיי, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און מיך א רוף געטאָן. ס׳האָט מיך גלײַך אַרומגעכאַפּט דאָס באַקאַנטע געפיל, ווען אַלע גלידער שטאַרבן אָפּ, מע ווערט ווי צוגעשמידט צום אָרט און דאָס כּיעס גייט אויס. איינער פון זיי פרעגט:

— איר זײַט דאָקטער לייקינאַ? איר ארבעט אַף קײַדאַק?

— יאָ.

— איר לעבט אַף מאַרטענאַוווּסקע?

— יאָ.

און דער געדאַנק קלאַפּט אויס נאָר איין זאַך: „זיי ווייסן אַלץ, א סאָף״...

— ווײַזט אײַער פּאַספּאָרט.

— מײַן פּאַספּאָרט איז אין דער פּאָליציי.

— גייט אײַך, — האָבן זיי שטיל א זאָג געטאָן, זיך געזעצט אַף די וועלאָסיפּעדן און אַוועקגעפאָרן.

ווען זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן, איז מיר פלוצעם אײַנגעפאַלן, אַז דאָס זײַנען פּאַרטיזאַנער. איך האָב זיך מאַמעש אופגעגעסן, וואָס איך האָב גלײַך ניט פאַרשטאַנען.

שפּעטער, ווען אונדזערע האָבן באַפרײַט דניעפּראָפּעטראָווסק, האָב איך באַגעגנט מײַנעם א גוטן באַקאַנטן, וואָס איז געווען א נאַטשאַלניק פון א פּאַרטיזאַנישער טייל. בייס ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין געבליבן אין אָקופּאַציע, האָט ער מיט באַדויערונג געזאָגט:

— ווער האָט דאָס געקאָנט וויסן? איך האָב אַזוי געזוכט א דאָקטער פאַר מײַן טייל.

...איך האָב עס אויך באַדויערט.

דעם נײַנצעטן נאָיאַבער האָט מיר דאָקטער יאַרילאָ געזאָגט:

— זיי כאַפּן די לעצטע ייִדן. נעכטן האָבן זיי אַוועקגעהאַרגעט א ייִדישע לערערקע. איך וועל אײַך פאַרשליסן אין לאַבאָראַטאָריע, איך וועל אײַך ברענגען ברויט און וואַסער. אין שטוב וועל איך זיך אָן אייצע האַלטן מיטן ווײַב, ווו אײַך ווײַטער צו באַהאַלטן.

נאָר דאָס איז געווען אומעגלעך. מײַן מאַן איז געווען אַף שליאַכאָווקע, ווי זשע האָב איך געקאָנט בלײַבן אין דער פאַרשלאָסענער לאַבאָראַטאָריע?

שפּעט אין אָוונט בין איך געגאַנגען אַף שליאַכאָווקע צו נינאַ פיאַדאַראָוונאַ באַיקאָ, ווו איך מיט מײַן מאַן האָבן געוווינט. איך גיי צו צו דער בריק, שטייט וואַסיע — ער האָט אויך געוווינט מיט זײַן מאַמען בא באַיקאָ.

— וואָס שטייסטו דאָ? — פרעג איך.

— נינאַ פיאָדאָראָוונאַ האָט מיך געשיקט אײַך באַגעגענען. ווען איר זײַט אינדערפרי אַוועק צו דער ארבעט, זײַנען געקומען פּאָליצײַען און האָבן אַוועקגעפירט אײַער אַלטן. איצט זײַנען זיי ווידער געקומען און וואַרטן אַף אײַך.

— דו ווייסט ניט זאָגן, אַז דו האָסט מיך געזען? — האָב איך געפרעגט.

— איר שוויַיגט אויך. ווײַל איך האָב געזאָגט די פּאָליציַיען, אַז איך גיי אין קלאָזעט.

...איצט האָב איך שוין ניט געטאָרט גיין אהין. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן מײַנער א גוטער באַקאַנטער — וועגן ווערע קאָטליאר. איך בין געקומען צו איר, און זי האָט מיט מיר איניינעם באַקלאָגט מײַן מאַן. די שרעקלעכע נאַכט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

א גאַנצע נאַכט האָט געשנייט. אַלץ אַרום איז געווען ווי מיט ווײַסע טאַכריכים באַדעקט.

איך האָב זיך זייער געײַלט צום דאָקטער סטאַנקעוויטש, קעדיי איך זאָל אים טרעפן אין שטוב, אײדער ער איז אוועק אויף דער אַרבעט. ער האָט מיך באַגעגנט זייער אַן אומרויִקער:

— איך מיטן ווײַב זײַנען ניט געשלאָפן א גאַנצע נאַכט. מיר האָבן געזוכט א מיטל ווי אײַך אָנצוזאָגן. מע איז געקומען פון געסטאַפּאָ און מע האָט באַפוילן, אַז נײַן אינדערפרי זאָל דאָקטער לייקינא זײַן אין געסטאַפּאָ א לעבעדיקע אָדער א טויטע! אויב ניט, וועלן זיי נאָכאַמאָל קומען און וועלן מיט אונדז איניינעם גיין אײַך זוכן.

— דאָקטער, רײַסט אַרויס פון די מענטשנפרעסער מײַן מאַן. איך זאָג אײַך צו, מיר וועלן אַנטרונען ווערן, מיר וועלן אײַך מער קיינמאָל ניט באַלעסטיקן.

— שוין שפּעט צו ראַטעווען אײַער מאַן.

— האָט ראַכמאָנעס אויף מיר, טײַערער פרײַנט, גיט מיר א שפּריץ מיט מאָרפי.

— איך בין טאַקע אויך א דײַטש, נאָר קיין מענטשן האַרגע איך ניט, און אין דעם פאַל וועט איר פון מיר קיין הילף ניט באַקומען. גייט ניט אויף דער אַרבעט. אויף שליאַכאָווקע זאָלט איר אויך אין קיין פאַל ניט גיין. וואָרעם איך וועל מיט די געסטאַפּאָווצעס איניינעם אײַך דאָרטן זוכן. באַהאַלט זיך, בעט נעדאָווצעס. מע דאַרף איבערקומען...

ער האָט מיר געוואָלט געבן געלט, נאָר איך האָב ניט גענומען. איך בין אוועק אין שפּיטאָל אויף דער פילאָזאָפישער גאַס צו דאָקטער זשוקאָוו, אין דעם זעלבן שפּיטאָל, ווו איך בין אָפּגעלעגן פערציק טעג. איך האָב אים געזאָגט:

— מײַן מאַן איז אומגעקומען, מײַן פאָלק איז אומגעקומען, איך בעט בא אײַך די לעצטע טויווע — גיט מיר א שפּריץ און מאָרפי.

דאָקטער זשוקאָוו האָט געזאָגט:

— קיין מאָרפי וועל איך אײַך ניט געבן. טראָפּנס צום האַרצן יאָ.

טראָפּנס צום האַרצן האָט מיר געגעבן די שוועסטער קוליק. זי האָט מיט אַזא קאַס צוגעטראָגן די גלאָז צו מײַן מויל, אַז זי האָט מיר שיר די ציין ניט אויסגעהאַקט.

— אין זיבן־און־דרײַסיקסטן יאָר האָט מען רעפּרעסירט מײַן שוועסטערס מאַן, זי איז געבליבן אַליין מיט די קינדער און אַזוינע פוילע שטיק ווי איר האָט זי ניט געמאַכט! — האָט זי געשריִען.

דער גרויזאַמער אינסטינקט צו לעבן און דער דראַנג צו שטאַרבן האָבן געלעבט אין מיר איינצײַטיק. גאַנצע עלף כאָדאָשים, פון צוואַנציקסטן נאָיאַבער 1942 ביזן צוואַנציקסטן אָקטיאַבער 1943, האָב איך געבלאָנקעט פון איין אַרבעטער־מישפּאָכע צו א צווייטער. אָט די־אָ פּאָשעטע אַרבעטער־מענטשן האָבן מיך אויסבאַהאַלטן, ניט קוקנדיק אויפן פּאַשיסטישן באַפעל, אַז פאַר באַהאַלטן א ייִדן וועלן זיי דערשאָסן ווערן. אָט די טײַערע העלדישע מענטשן האָב איך געלערנט, אַז זיי זאָלן זאָגן: „מיר קענען זי ניט, די אַלטע, זי האָט געבעטן זי לאָזן איבערנעכטיקן"...

בײַס מײַנע באַהעלטענישן האָב איך איבערגעלעבט אַבלאַוועס. אַנומלטן בין איך געקומען צו דער פעלדשערן סאָלאָוויאָווא, וועלכע האָט געלעבט אויף טשיטשערין־גאַס, זי האָט מיך באַגעגנט פרײַנטלעך, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

— קומט אַרײַן, דאָקטער לייקינא. זײַט בא מיר ווי־פל איר ווילט.

איך בין געבליבן. איך האָב געטראַכט, אַז בא איר וועל איך קאָנען באַגיין זעלבסטמאָרד. דאָ איז עס טאַקע געווען גרינג צו דערגרייכן. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בא איר איז א פּריטאָך. צו איר פלעגן קומען דײַטשן, אָפּט צוואַנציק מיטאַמאָל. זיי פלעגן פרעסן און זויפן, און זי איניינעם מיט זיי. אַנומלטן איז אַרײַנגעגאַנגען א טשעך. איך האָב זיך ניט באַוויזן צו באַהאַלטן. ער האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָס?

סאָלאָוויאָווא האָט זיך ניט פאַרלאָרן:

— דאָס איז מײַן סאַניטאַרקע. — און צו מיר:

— מאַריא, מאַך פאַר מיר און פאַרן פּאַן א פײַנקוכן.

איך האָב געמאַכט. זיי האָבן געגעסן און געלויבט. שפּעטער, נאָך דער באַפרײַונג, האָב איך זיך דערוווסט, אַז סאָלאָוויאָווא איז א ייִדישע.

זיצן אין פינצטערן שפּיַכלער און הערן, ווי סאָלאָוויאָווא פאַרברענגט מיט די דײַטשן, האָב איך ניט געקאָנט.

איינמאָל באַנאַכט שלעפּ איך זיך זוכן א נײַע באַהעלטעניש. פּלוצעם שטעלט מיך אָפּ א מענטש און פרעגט:

— דאָקטער לייקינא?

הענט און פיס האָבן בא מיר אָפּגענומען. און ער:

— איך האָב אײַך איבערגעשראָקן? דאָס בין איך, כאַליאווקאָ. אײַערער א קראַנקער. איך בין אזוי פאַריאָגטער ווי איר. נאָך דער אָפּעראַציע האָב איך ניט געקאָנט אַרויספאָרן. איצט גיי איך פון דאָרף. איך האָב געקראָגן עפּעס עסן פאַר דער מישפּאָכע.

איך האָב זיך טאַקע דערמאַנט, אז האַרט פאַר דער מילכאָמע האָב איך געהיילט א כאַליאווקאָ. און ער זאָגט צו מיר:

— איך בין א פּאַרטיי־מיטגליד, אָט דאָ ניט ווײַט וווין איך. קומט אַרײַן אַף א מינוט.

איך בין אַרײַנגעגאַנגען. ער האָט מיר געגעבן א ברויט און א פלאַש בוימל. פאַרן אוועקגיין האָט ער צו מיר געזאָגט:

— אז ס'וועט בא אײַך זײַן א ביטערע מינוט, קומט צו אונדז. איר וועט שטענדיק זײַן פאַר אונדז א געגאַרטער מענטש.

איז אָט, ווען איך האָב מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן די הוליאַנקעס בא סאָלאָוויאָווא, בין איך אוועק צו כאַליאווקאָן. איך האָב דאָרטן אָפּגעלעבט צוויי וואָכן. און איך האָב זיך טאַקע געפילט ווי אין אייגענע. נאָר אַנומלטן, פיר פאַרטאָג האָט מען אַנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר. איך בין אופגעשפּרונגען פון מײַן געלעגער און בין אוועקגעלאָפן צו מאַריא פּאַוולאָוונא, צו כאַליאווקאָס ווײַב. זי האָט אַנגעהויבן שטיל צו טײַנען:

— גאָט מײַנער, איצט זײַנען מיר פאַרפאַלן, צוליב אײַך.

און די טיר ברעכט מען שיר ניט אויס. מאַריא פּאַוולאָוונא זאָגט:

— שטעלט זיך הינטער דער טיר. ווען די טיר וועט זיך עפענען, אַנטלויפט אין גאָרטן.

איך האָב זיך טאַקע געשטעלט הינטער דער טיר, אָבער ווי נאָר די טיר האָט זיך געעפענט, בין איך אוועקגעפאַלן און גיך־גיך אַף אַלע פיר אוועקגעקראָכן אין קלאַדאָווקע, איך האָב זיך אײַנגעקוטעט אין די זעק פון די קוילן און בין ליגן געבליבן פאַרטײַעט.

איך האָב געהערט, ווי די פּאָליצײַען זײַנען אַרײַן, ווי זיי האָבן געפרעגט:

— ווער וווינט דאָ?

— נאָר אונדזער מישפּאָכע, מער קיינער ניט.

איך הער, ווי דער פּאָליצײַ פּאָדערט דאָס הויז־בוך, איך הער שווערע טריט פון געקאָוועטע שטיוול לעבן דער סאַמע קלאַדאָווקע, וווּ איך ליג.

ווען די מענטשנפרעסער זײַנען אוועקגעגאַנגען, בין איך אַרויס פון מײַן באַהעלטעניש. כ'האָב דערהערט, ווי כאַליאווקאָס ווײַב און זײַן מאַמע טײַנען:

— פאַרוואָס האָט ער זי אהער געבראַכט? זיי וועלן זי כאַפּן און אוועקהאַרגענען. גאָט מײַנער, פאַרגיב אונדז די זינד. איך האָב דאָך אַליין איר געהייסן לויפן אין גאָרטן.

אזוי האָבן זיי געקלאָגט נאָך מײַן קאָפּ.

ווען זיי האָבן מיך, ענדלעך, דערזען, אַן אויסגעשמירטע, ווי א רועך אין קויל־שטויב, איז געוואָרן אזא סימכע, מע האָט מיך אַרומגענומען, געקושט. מאַריא פּאַוולאָוונא האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען:

— כאַכאַמע מײַנע, טײַערע מײַנע, א גליק, וואָס דו האָסט מיך ניט געפאָלגט און ביסט ניט געלאָפן אין גאָרטן.

מע האָט אָנגעוואָרעמט וואַסער, איך האָב זיך אויסגעבאָדן. אינדערפרי זאָג איך צו זיי:

— איך וועל גיין. איר האָט געהאַט צוליב מיר איבערגענוג.

נאָר זיי האָבן מיך ניט אָפּגעלאָזט, און איך האָב בא זיי געלעבט נאָך א שטיקל צײַט.

איך האָב געבעטן כאַליאווקאָס ווײַב, אז זי זאָל פּאָרט פּרוּוון צוגיין צו ליאַשטשענקאָן און אים איבערגעבן מײַנס א צעטעלע.

ווען ליאַשטשענקאָ האָט איבערגעלייענט, האָט ער זיך צעשריִען:

— איך וועל אײַך אוועקפירן אין פּאָליציי, אויב איר וועט אהער גיין נאָך די זשידאָווסקע זאַכן. אָט א פּאַראַזיטקע. אַלעמען האָט מען אוועקגעהאַרגעט, און זי לעבט נאָך. דרײַ און צוואַנציק יאָר קאָנען מיר ניט פּאָטער ווערן פון זיי.

נאָכדעם האָט ער זיך א ביסלע אָפּגעקילט. ווי כאַליאווקאָס ווײַב האָט דערציילט, האָט ער אָפּגעשניטן א האַלב ברויט און געזאָגט:

— דאָס איז פאַר אײַך, דער זשידאָווקע זאָלט איר קיין ברעקל ניט געבן. זאָל זי פּייגערן.

נאדיעזשדאַ כאַליאוואַ האָט זיך אומגעקערט זייער אַ בייזע. זי האָט מיך געמוסערט: וויאַזוי שיק איך זי צו אַזאַ געפערלעכן מענטשן, צו אַזאַ סוינע!

אַנומלטן, ווען איך בין געקומען צו כאַליאוואַן, דאָס איז שוין געווען פרילינג 1943 יאָר, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— באַ מיר איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער, פון כאַרקאָוו איז ער, איך וועל אײַך באַקאַנען, עפשער וועט ער אײַך אַריבערפעקלען צו אונדזערע.

איך האָב זיך זייער דערפרייט, געוואַרט, נאָר אומזיסט: דער פּאַרטיזאַנער איז מער ניט געקומען.

*

לויט אַלע סימאָנים זײַנען די פאַשיסטן געווען פאַר דער מיסע. ערעוו דער באַפרײַונג פון דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן די דײַטשן געמאָלדן, אַז ס'הייבט זיך אָן די עוואַקואַציע פון שטאָט. זיי האָבן אויך געמאָלדן, אַז ווער עס וועט ניט וועלן עוואַקויִרן זיך, וועט באַטראַכט ווערן ווי אַ סוינע פון דריטן רײַך און וועט דערשאָסן ווערן.

די עוואַקואַציע האָבן די דײַטשן אָרגאַניזירט אויסגעצייכנט. די גאַנצע שטאָט איז געווען צעטיילט אויף זעקס ראַיאָנען. יעדער ראַיאָן האָט געוווסט, צו וואָס פאַר אַ צײַט און ווו ער דאַרף גיין. יעדער אײַנוווינער האָט געקראָגן אַ טאַלאָן, ווען ער דאַרף אַרויסגיין. מיר האָט מען אויך געגעבן אַזאַ טאַלאָן. איך האָב באַשלאָסן אַרײַנגיין צו דאָקטער ווערניגאָרע. איך האָב גע־טראַכט: „עפשער וועט זי מיך מיטנעמען ווי אַ שטוב־אַרבעטערן?“ נאָר איך האָב קיינעם אין שטוב ניט געטראָפן. בין איך אוועק צו מאַריאַ קאַטאָלסקאַיאַ, וועלכע פלעגט מיך אָפט לאָזן איבערנעכטיקן. נאָר ווען איך בין צוגעגאַנגען צו איר שטוב, האָב איך באַגעגנט איר פלעמע־ניצע, און זי האָט מיר געזאָגט, אַז די מומע איז נאָרוואָס אוועקגעפאָרן.

דאַן בין איך אוועק צו מאַטריאָנאַ פּעטראָוונאַ גראַטשאָווע — באַ איר האָב איך אויך אַ פּאָר מאָל איבערגענעכטיקט. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי זיך צעוויינט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איר מאַן דאַניִיל פראָקאָפּיעוויטש איז געווען אין בוכענוואַלד. זי וויינט, באַדויערט זיך און מיך. פּלוצעם קלאַפּט מען אין טיר. איך באַווײַז זיך צו באַהאַלטן. דאָס איז אַרײַנגעגאַנגען אַ שכיינע אָנזאָגן, אַז פּאָליצײַען האָבן אַרומגערינגלט די שטוב. מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ שעפּטשעט:

— ראָזאַליאַ איסאַקאָוונאַ, זיי וועלן אײַך דערזען, וועלן מיר אומקומען.

בין איך אַרויס פון מײַן באַהעלטעניש, איך האָב זיך אײַנגעקוקטעט אין מײַן פּאַטשיילע און, ווי אַ זקיינע, קוים איבערשטעלנדיק די פיס, בין איך אוועק צו דער טיר.

באַ דער טיר שטייט אַ פּאָליצײַ.

— זונעלע, איך קאָן דורכגיין?

ער האָט מיך אַ פּעטשל געטאָן איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— גיי דיר, באַבעשי.

איך בין ווײַט ניט אוועק, איך האָב געוואָלט זען, פאַרוואָס די פּאָליצײַען האָבן אַרומגע־רינגלט די שטוב.

כ'האָב טאַקע געזען, ווי זיי כאַפּן יונגע באָכערים און מיידלעך און טרײַבן צו די מאַשינעס. אָבער קיין אַלטע לײַט האָבן זיי ניט געטשעפּעט. פון די הויפן זײַנען אַרויסגעגאַנגען מענטשן מיט פּעק — ווער עס טראָגט צו דער מאַשין אַ געקוילעטע ציג, ווער אַ באַקדייזשע מיט טייג. איך האָב לאַנג געקוקט פונדערווײַטנס. פּלוצעם איז צוגעגאַנגען צו מיר אַן אַלטער מיט אַן איבערגעבונדענעם פוס און האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן מיר.

— וואָס איז מיט דײַן פוס? — פרעג איך.

— דאָס האָב איך אומיסטן איבערגעבונדן, קעדיי די דײַטשן זאָלן מיך ניט אוועקשלעפּן.

איך בין קוים אַנטלאָפן פון אַמור, די פאַשיסטן האָבן מיך שיר ניט דערשאָסן. און דו, באַבע, ווו גייסטו? אַזאַ שוואַכע און אַזאַ אַלטע? פאָלג מיך, קום מיט מיר. איך בין אַ שוסטער. אויפן וועג וועל איך אַלעמאָל פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. און דו וועסט אויך ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, וועסט אָפּקאָכן אַ באָרשטש, פאַרלאַטען אַ העמד. דאָס איז ניט אויף לאַנג, אונדזערע וועלן זיך באַלד אומקערן.

— מיר וועלן דאָך שטאַרבן אויפן וועג, — זאָג איך. און איך האָב זיך אַנטפּלעקט...

ער האָט דערהערט, אַז איך בין אַ ייִדישקע, איז ער געוואָרן געלער, ווי ער איז געווען. אַ דערשיטערטער האָט ער גענומען אויספרעגן:

— ווי ביסטו עס לעבן געבליבן?

איך האָב אים דערציילט וואָס און וויאַזוי.

— אוי, אַן אומגליקלעך פאָלק! איך האָב געזען, וואָס די מערדער האָבן געטאָן. נאָר פון מיר וועסטו קיין שלעכטס ניט זען. איך האָב אַ זון אויף מילכאָמע, איך וועל דיר העלפן. עפשער וועט דערפאַר מײַן זון געראַטעוועט ווערן?

ער האָט זיך געזעגנט און טפילע געטאָן, און אַזוי בין איך מיט אים אַוועק. ניט לאַנג האָב איך געבלאָנקעט מיט אים. אין איינעם אַ טאָג הער איך, ווי פרויען שרײַען:

— אונדזערע, אַן אונדזעריקער גייט!

איך האָב דערזען אַ רויטאַרמייער. אַזויפיל יאָרן איז אַוועק, און ער שטייט פאַר מיר ווי אַ לעבעדיקער! איך בין צוגעלאָפן צו אים:

— זונעלע מײַנער, טײַערער, פיר מיך אין שטאַב.

אַרײַנגעגאַנגען אַהין. עס זיצן אַרום טיש אָפיצערן מיט פּאַגאָנעס (דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאַן דערזען פּאַגאָנעס). אויפן טיש ליגט סאַלע, ברויט, עס שטייען פלעשער ווײַן. אַ ביסעלע ווײַטער איז געזעסן אַן אָפיצער מיט דרײַ שטערנדלעך. איך בין צוגעגאַנגען צו אים.

— איר זײַט דאָ דער עלטסטער?

— ניין, אָט זיצן אונדזערע עלטסטע.

טרערן שטיקן מיך, נאָר איך זאָג:

— איך בין אַ סאָוועטישער דאָקטער, לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ ייִדישקע. נעמט מיך אויפן פראָנט. איך קאָן מער ניט זײַן מיט די פאַשיסטן.

— ע, באָבעשי, ווו וועלן מיר אײַך נעמען אַזאַ? קיין פאַשיסטן וועט איר מער אין די אויגן ניט זען. גייט אין גאָרזדראַוו, ס׳וועט פאַר אײַך דאָ קלעקן אַרבעט.

אָט נאָך דעם שמועס בין איך אַוועק אין דניעפּראָפּעטראָווסק. און איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן. איינמאָל דערציילט מיר וואַליע, וואָס האָט געאַרבעט מיט מיר אינײנעם, אַז אַ ייִדיש מיידעלע איז אַרײַנגעגאַנגען אין שפּיטאָל. איך האָב געזאָגט:

— ווי נאָר זי וועט קומען נאָכאַמאָל, שיק זי גלײַך צו מיר.

אויף מאָרגן איז געקומען צו מיר דאָס מיידעלע. זי איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פערצן, זי איז אָבער געווען זייער אַ מאָגערע און אַ קליינינקע. זי האָט מיר דערציילט, וואָס זי איז אויס־געשטאַנען, ווי עס האָט זי געראַטעוועט פריִער אַן אַלט פּאָרפאָלק און נאָכדעם איז זי געווען אַ ניאַנקע בײַ לערער, און ווי זיי האָבן זי אויסבאַהאַלטן, ווען די דײַטשן האָבן גענומען שלעפּן אונטערוואַקסנדיקע קינדער און יוגנט אויף אַוועקצוטרײַבן קיין דײַטשלאַנד.

— בלײַב מיט מיר, — האָב איך צו איר געזאָגט.

— ווען וואַליע האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט געהייסן, איך זאָל קומען צו אײַך, האָב איך געמיינט, אַז איר ווייסט עפּעס וועגן מײַנע?

— ניין, מײַן קינד. וואָס איז דאָ וואָס צו וויסן?.. וועסט לעבן מיט מיר. איך וועל זײַן דײַן מאַמע, איך וועל פון דיר מאַכן אַ געבילדעטן מענטשן. נאָר זאָג מיר צו, אַז אויב דו וועסט כאָלילע אַמאָל טאָן ניט גוט, זאָלסטו מיר גלײַך דערציילן, וואָרעם אויב דו ווילסט בלײַבן מיט מיר, זאָלסטו וויסן, אַז מע דאַרף זײַן ריין און ערלעך. זאָגסטו עס מיר צו?

— יאָ...

איך האָב פון אָנען קיין אַגמעסנעפּעש ניט געהאַט. זי האָט געענדיקט עלף קלאַסן, נאָכדעם איז זי אַוועקגעפאָרן אין אַ דאָרף און איז געוואָרן אַ לערערקע פון די ערשטע קלאַסן, געאַרבעט און געענדיקט דעם פּעדפאַקולטעט פון דניעפּראָפּעטראָווסקער אוניווערסיטעט. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז זי איז געווען אַ גוטע לערערן, אַ געטרײַע. זי איז געוואָרן מײַן אייגענע טאָכטער. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט געהאַט אַ ייִנגערן ברודער אַבראַשע. ער איז געווען אַזאַ מאַ־זיק, אַז איר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער האָט געמוזט בלײַבן לעבן. און טאַקע, אין איינעם אָן אָוונט גייט אַרײַן צו אונדז אַ ייִנגל און פרעגט:

— ציליע שוואַרץ וווינט דאָ?

— יאָ. און ווער ביסטו?

— איך בין איר ברודער.

— ווי האָסטו זיך געראַטעוועט, ווו ביסטו געווען די גאַנצע צײַט? ווי רופט מען דיך איצט?

— איך בין אַנטלאָפן פון גרוב. איך בין אַנטלאָפן אין אַ דאָרף. דאָרטן האָב איך געלעבט בײַ איינער אַ באָבעשי, ניט ווײַט פון אַלעקסאַנדראָווקע, ווו ציליע האָט געאַרבעט.

— פונוואַנען האָסטו געוווּסט, אַז ציליע אַרבעט דאָרטן?

— די באָבע, וואָס האָט מיך באַהאַלטן, פלעגט אָפט גיין אין אַלעקסאַנדראָווקע. זי האָט מיר דערציילט, אַז בײַ די לערער איז דאָ עפּעס אַ פאַרוואָגלט מיידעלע, אַ ניאַנקע. איינמאָל האָב

איך געבעטן די באָבען, זי זאָל מיך מיטנעמען, און איך האָב געזען, ווי צילי'ע טראָגט צוויי עמער וואַסער.

— און דו ביסט ניט צוגעגאַנגען צו איר?

— די באָבע האָט מיך ניט געלאָזט. זי האָט געזאָגט: „דו ביסט איצטער וואָווקא נאָוויקאָוו, און ווער דאָס מיידעלע איז, ווייס איך ניט, קום גיכער אַהיים״.

איך האָב געזאָגט צו אַבראַשען:

— בלייב מיט מיר, איך וועל אָנשרייבן צילי'ען. זי וועט קומען, מיר וועלן דיך איינאָרדע־נען, דו וועסט זיך לערנען און אַרבעטן.

— ניין, מע דאַרף ניט. איך וועל גיין צו דער באָבען. בא איר זיינען שוין מיסטאָמע די קאָווענעס רייף געוואָרן.

נאָכדעם האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין קריוואָי ראָג, אַז ער האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ רוסישער. עמעס, צילי'ע האָט אים געשריבן, נאָר ער האָט ניט געענט־פערט אויף אירע בריוו. מיר האָבן פאַרשטאַנען, ער האָט מוירע, זיין ווייב זאָל זיך דערוויסן, אַז ער איז אַ ייִד. צילי'ע האָט געזאָגט:

— עס טרעפט, אַז מענטשן, וואָס טרינקען זיך, ליידן אַ גאַנץ לעבן פון וואַסער־שרעק. מיין ברודער, וואָס האָט איבערגעלעבט די שרעקלעכע טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, ליידט פון נאַציאָנאַליטעט־קרענק.

*

איך קער זיך אום צוריק צו די פינצטערע יאָרן פון אָקופּאַציע. בייס איך האָב געאַרבעט אויף קיידאַק אין דער פּערטער פאָליקליניק, בין איך געקומען צו דער בייקאָווא. איר זון איז קראַנק געווען. ווען איך בין דורכגעגאַנגען דורך דער קיך, האָב איך געזען ווי אַ פרוי זיצט איינגעבויגן און קלייבט איבער ווייץ. די בייקאָווא האָט צו מיר געזאָגט:

— האָט קיין מוירע ניט, דאָקטערשע, זי איז פון איישעריקע. זי איז אַ קינסטלערן, גייט איבער די דערפער און מאַכט פּאָרטרעטן. מע גיט איר פאַר דעם האָניק, היינער, אייער. ווען מיר עסן דאָס אויף, גייט זי ווידער אין דאָרף. אַקוראַט נעכטן איז זי געקומען און האָט אַלץ געבראַכט. העלפט זי מיר אין דער באַלעבאַטישקייט.

איך האָב באַטראַכט דעם קראַנקן, געעפנט אַ געשוויר אין זיין האַלדז. ווען ער איז צו־זיך געקומען, בין איך ווידער דורכגעגאַנגען די קיך, און ווידער האָב איך געזען, ווי די איינגעבויגענע פרוי קלייבט איבער דעם ווייץ. יאָ, אין יענע ביטערע צייטן, אַז מע האָט דערזען אַ ייִדיש קינד, האָט מען זיך געמאַכט ניט וויסנדיק.

נאָר ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, האָב איך אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויפן נומער פון שטוב און אים פאַרגעדענקט. ווען איך בין געקומען קיין דניעפּראָפּעטראָווסק, בייס אונדזערע האָבן באַפרייט די שטאָט, בין איך גלייך אַוועק צו דער בייקאָווא און האָב איר אָנ־געזאָגט:

— אויב די קינסטלערן וועט צו אייך אַריינגיין, זאָגט איר, אַז זי זאָל קומען צו מיר, אויף טשיטשערינא, 26.

אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום, גאַנצפרי, הער איך פּלוצעם אַ פרויען־שטים:

— דאָ וווינט דאָקטער לייקינאַ?

איך האָב נאָך ניט באַוויזן צו ענטפערן, ווי לעבן מיר איז שוין געשטאַנען אַ פרוי. און ווידער פרעגט זי:

— איר זייט ראַזאַ לייקינאַ?

— יאָ, דאָס בין איך, און ווער זייט איר?

— איך בין סאָניע לייקינאַ, דעם פעטער וואָלאָדיעס טאָכטער...

...ווי האָב איך זי געקאָנט דערקענען? אַן אויסגעפייניקטע, אָפּגעצערטע, אַ דיסטראָפיק, אין אַ צעריסן קלייד. דאָס איז געווען זי — די זעלבע קינסטלערן, וועלכע איז געזעסן אַן איינ־געבויגענע און האָט איבערגעקליבן בייקאָוועס ווייץ.

אונדזער פרייד, אונדזערע טרערן, אונדזערע אומגעצוימפערטע פראַגן, וואָס מיר האָבן פאַר־געבן איינע דער אַנדערער, איז ניט איבערצוגעבן. אַז מיר זיינען אַ ביסעלע צו־זיך געקומען, האָט מיר סאָניע דערציילט וועגן שרעקלעכן דרייצעטן אָקטיאַבער. איצט האָב איך געוווּסט, ווי אַלע מיינע נאָענטע זיינען אומגעקומען, ווי מיין ברודער לעוו איסאַקאָוויטש לייקין האָט צוגע־נומען בא סאָניען דאָס קינד, וואָס זי האָט געטראָגן, און האָט אים געגעבן אַ שטיקעלע ברויט;

ווי מע האָט זיי אוועקגעפירט הינטערן טראַנספּאָרט־אינסטיטוט און... ווי זי, סאָניע, האָט דער־זען אַ צעבראָכן אָרט אין פּאַרקאַן, ווי זי האָט זיך דורכגעקוועטשט. אין דער סאַמע רעגע איז פאַרבײַגעפאָרן אַ פור. דער באַלעגאָלע האָט באַמערקט סאָניען און האָט צו איר אַ געשריי געטאָן:

— וואָס פּויזעסטו ווי אַ טאַראַקאַן? דו זעסט ניט, וואָס דאָ טוט זיך? קריך אין וואָגן! — און ער האָט זי צוגעדעקט מיט אַ ברעזענט. אַזוי האָט זי זיך געראַטעוועט מאַמעש פון גרוב און שפּעטער זיך אויסבאַהאַלטן בײַ די בײַקאָווס אָף קײַדאַק.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב פאָרגעלייגט סאָניען, זי זאָל לעבן מיט מיר, נאָר זי האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין אַ פּוסטער דירע, טאַקע אין אונדזער הויף. זי איז צו־זיך געקומען, האָט זיך אָנגעטאָן. זי האָט געאַרבעט און גוט פאַרדינט. אײַנגיכן איז איר מאַן געקומען פון פראָנט. ס'איז געווען אַ קאַלטע באַגעגעניש. ער האָט אַפילע ניט געהאַט קיין געדולד אויסצוהערן, ווען זי האָט אים דערציילט, ווי זייער קינד איז אומגעקומען. ער איז אַוועקגעפאָרן און האָט צוגעשיקט אַ קורץ בריוול: „צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט“.

סאָניע איז געקומען צו מיר מיטן בריוול און זיך באַגאָסן מיט טרערן. איך בין געווען אויסער־זיך. איך האָב אויסגעשריִען:

— נאָך אַלץ, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, איז דאָס ניט אַזאַ גרויסע צאָרע. זאָלסט ניט וואָגן צו וויינען. ער איז ניט ווערט דײַנע טרערן!

אָבער איר איז עס ניט גרינג אָנגעקומען. עס האָט גענוג געדויערט, ביז איר ווייטעק האָט זיך געשטילט. זי האָט זיך אַריבערגעקליבן צו מיר. ציליע פלעגט קומען אָפט פון דאָרף. מײַן שוועסטער מיט איר מישפּאָכע האָט זיך אומגעקערט פון עוואַקואַציע. איצט זײַנען מיר געוואָרן אַ גרויסע מישפּאָכע. מיר האָבן איינער דעם צווייטן געטרייסט און געמוטיקט. איך האָב געאַרבעט אָף צוויי שטעלעס — באַטאָג אין פּאָליקליניק, באַנאַכט אָף דעזשורסטוועס. אין איינעם אַ טאָג איז צו מיר אַרײַנגעגאַנגען אין קאַבינעט אַ מיליטערמאַן. ער פרעגט בײַ מיר:

— איר געדענקט דאָס מיידעלע יאַלאָטשקע?

— יאָ, איך געדענק זי זייער גוט.

ער האָט זיך צעוויינט. נאָכדעם האָט ער געבעטן, איך זאָל אים דערציילן, וויִאַזוי יאַלאָטשקע פלעגט קומען צו אונדז. כליפּענדיק און וויינענדיק, האָט ער געזאָגט: „איך בין איר פאָטער“. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי יאַלאָטשקע האָט געזאָגט:

— איך קאָן ניט גיין צו אײַך וווינען, דער טאַטע וועט קומען פונעם פראָנט, דאַרף איך היטן די דירע פאַר אים...

איך האָב געאַרבעט אַ סאַך, געלייענט לעקציעס. ס'איז געווען ווינציק צײַט און ווינציק קויעך. דורך די נעכט האָב איך געשריבן מײַן טאָגבוך. ביז... ס'איז צו מיר אַרײַנגעפאַלן אַ בוך וועגן אָשווענטשים. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מײַן פּײַן, מײַנע ליידן זײַנען גאָרנישט אַנטקעגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענעם לאַגער. איך האָב געטראַכט: „וואָס זײַנען מײַנע איבערלעבונגען פאַר דער געשיכטע, וואָס האָב איך, אייגנטלעך, אויפגעטאָן? ווען האָב איך געראַטעוועט? איך בין געווען בײַ די פּאַרטיזאַנער? צי איך האָב אַוועקגעהאַרגעט כאָטש איין דײַטשישן פאַשיסט?“

איך האָב אויפגעהערט צו שרײַבן. מײַן טאָגבוך איז געבליבן ניט פאַרענדיקט.

דעם מאַטעריאַל האָט פאַרשריבן מ ײ ע ר פּ אָ ל אָ נ ס ק י.
איבערזעצט פון רוסיש — ש י ר ע ג אָ ר ש מ אַ ן.

סקולפטאָר פּייסעך קריוואָרוצקי

די סנײַפּערן, העלד פון סאָוועטנפארבאנד אליע מאָגדאגולאָווא (מאָדעל פאר א דענקמאָל, ליים)

דער אויסשפּירער איוואן מארקעיעוו



דאָס 1941־טע יאָר (גיפּס)

דער מיליטערישער דאָקטער
יע. אָ. באָראָדינא

דער דיכטער
אווראָם גאָנטאר



פאָרטרעט פון א מיידעלע

דער סקולפּטאָר פייסעך קריוואָרוצקי איז אלט 47 יאָר, ער האָט שוין אָבער באוויזן א סאך אופּצוטאָן — צוואנציק דענקמעלער, וועלכע זײַנען אופגעשטעלט לויט זײַנע פּראָיעקטן, פארייביקן דאָס געשטאלט פון לענינען, קויבישעוון, מענדעלייעוון, טשערנישעווסקין, העלדן פון בירגערקריג, העלדן פון סאָציאַליסטישער מי. פּ. קריוואָרוצקיס צענדליקער קאָמפּאָזיציעס און סקולפּטור־פּאָרטרעטן זײַנען עקספּאָנירט אין מוזייען פון לאנד און פון אויסלאנד.

העכער דרײַ הונדערט סקולפּטורן — קלענערע און גרעסערע — האָט פייסעך קריוואָרוצקי געשאפן פאר קארגע צוואנציק יאָר.

קריוואָרוצקי איז געבוירן געוואָרן אין בערדיטשעוו. דאָרט האָט ער פארענדיקט א ייִדישע שול. אין בערדיטשעווער פּיִאָנערן־פּאלאץ האָט ער דאָס ערשטע מאָל אויסגעקלעפּט א קליינינקע סקולפּטור פון קארל מארקס. אין 1936 שיקט אים די בערדיטשעווער סקולפּטור־סטודיע זיך לערנען אין דער אָדעסער קונסט־שול. די דאָזיקע שול האָט ער אָבער ניט באוויזן צו פארענדיקן — ער איז אוועק אפן פראָנט. פונעם 1941 ביזן 1945 געפינט זיך קריוואָרוצקי אין דער אוויִאציע. אומגעקערט זיך פון פראָנט, טרעט ער ארײַן אין דער אלרוסלענדישער קונסט־אקאדעמיע, וועלכע ער פארענדיקט אין 1951 יאָר.

אין דער הײַנטיקער קינסטלערישער בײַלאגע פון אונדזער זשורנאל גיבן מיר פאָטאָגראפיעס, פון א ריי סקולפּטור־פּאָרטרעטן, וועלכע פייסעך קריוואָרוצקי האָט געשאפן אין פארשיידענע פּעריִאָדן פון זײַן שעפערישער טעטיקײַט. פאר די אלע ארבעטן איז כאראקטעריסטיש באדײַטנדיקע מײַסטערשאפט, טיפע פסיכאָלאָגישע אנטפּלעקונג פון די העלדן.

עדואַרדאַס מעזשעלײַטיס

מענטש

אפן ערד־קויל ברייט די פיס צעשטעלט,
כ׳האַלט דעם זון־קײַלעך אף מײַנע הענט.
אָט אזוי איך שטיי אינמיטן
צווישן קוילן צוויי — דער ערד און זון.
קײַלעכיק מײַן קאָפּ איז, ווי די ערד,
און אין טיפעניש זײַנע,
אָנשטאָט ארץ און מינעראַלן,
שפּרייטן זיך די שיכטן פון מײַן מאַרך.
כ׳האַק פון אים אויס, ווי פון שאַכטעס,
און באַקום אַרויס פון זײַנע טיפן
ווערטפולע און וווּנדערלעכע זאַכן:
צוגן, וואָס פאַרצוקן ווײַטן,
שיפן, וואָס באַצווינגען יאַמען,
און ראַקעטעס, פלינקערע פון בליצן,
האַסטיקערע פון געדאַנק...

קײַלעכיק מײַן קאָפּ איז, ווי די זון;
פּונקט ווי זי, פאַרשפּרייט ער שטראַלן,
אַלצדינג, וואָס אַרום, באַלעבט ער
און באַשײַנט די מאַמע־ערד...

וואָס איז דען די ערד אָן מיר?
א ניט לעבעדיקער און צעקנייטשטער קײַלעך,
וואָס פאַרבלאָנדזשעט האָט זיך אינעם וועלט־
רוים,

און, אזוי ווי אין א שפּיגל,
זיך דערזען אין דער לעוואָנע,
אַז ער מיִעס איז און טויט...

יאָ, די ערד האָט מיך באַשאַפן
אין איר שאָ דער סאַמע גרעסטער,
און א קאָפּ־קײַלעך געשענקט מיר,
ענלעך צו דער ערד און זון.
האָט מײַן קײַלעכל דאָס קליינע
ביידע זיי איבערגעשטיגן.

ס׳איז די ערד מיר אונטערטעניק,
איך האָב שיינקײַט איר געשענקט.
זי האָט טאַקע מיך באַשאַפן,
איך אָבער באַשאַף זי איבער —
ווידער, ווידער, נײַער, שענער...
ניין, אַזאַ איז זי נאָך קיינמאָל ניט געווען!

אף דער ערד ברייט מײַנע פיס צעשטעלט,
צו דער זון דערצויגן מײַנע הענט,
בין איך איצט די וווּנדערלעכסטע בריק —
איבער מיר לאָזט זיך די זון אַראָפּ אף דר׳ערד,
איבער מיר הייבט זיך די ערד אויף צו דער זון...
אַרום מיר זיך דרייען, דרייען,
ווי א העלער בונטער קאַרוסעל,
אַלע שאַפונגען און ווערק פון מײַנע הענט:
ס׳דרייען זיך די שטעט די גרויסע
מיט די פילשטאָקיקע הײַזער,
ס׳דרייען זיך אַספאַלט־שאָסייען
מיט די סלופּעס, בריקן, אויטאָס,
צוגן וויקלען זיך, ווי בענדער,
אַרום מײַנע פיס און הענט,
אַרום קאָפּ מײַנעם עס קרײַזן
האַסטיקע אַעראָפּלאַנען,
און פון מײַנע הענט עס פליִען,
ווי די טויבן, ספּוטניקעס...

כ׳שטיי א הערלעכער, א שטאַרקער,
מוסקולירט, געוואַגט, ברייטפּלייציק
אפן אויבנאָן פון אונדזער ערד,
און איך שיק אין אַלע זײַטן
שטראַלן פון מײַן רײַפער גרויסקײַט.
איך — דער מענטש,
איך — דער מענטש, דער קאָמוניסט.

ייִדיש — ה. אָשעראָוויטש

דער עפּל

כ׳שטיי באנאכט אונטערן הימל, ווי אונטער א גרויסן בוים,
טויזנטער עס הענגען פּיירעס — שטערן אין זײַן שוואַרצער קרוין.
גינגאָלד־עפּל אין זײַן קרוין...

ווי באַצויבערט פון דער זעונג, א פאַרגאַפטער כ׳שטיי און קלער:
אויב עס איז א בוים דער קאָסמאָס, וואָס אזוינס איז אונדזער ערד?
ווי זעט אויס דאן אונדזער ערד?..

און ווי כ׳שטיי אזוי פאַרוואונדערט, קוק און קוק אזוי און שווײַג,
איך דערזע: אויך אונדזער ערד־קויל הענגט — אַן עפּל אף א צווײַג.
הענגט און וויגט זיך אף א צווײַג...

איין זײַט פונעם ריזן־עפּל איז שוין לאַנגע יאָרן רויט;
ביסלעכווײַז ווערט ראָז און ראָזער אף זײַן צווייטער זײַט די הויט —
אויך די צווייטע זײַט ווערט רויט.

דאָך א וואָרעם טאַטשעט, טאַטשעט — שעדיקנדיק, ער גענעסט.
דורכפרעסן ער וויל דעם עפּל; ס׳איז אָבער זײַן מי אומזיסט.
יאָ, עס איז זײַן מי אומזיסט,

ווײַל עס איז גענית דער גערטנער, וועלכער כאַוועט אונדזער ערד;
אויך די צווייטע זײַט פון עפּל יעדן טאָג אַלץ רײַפער ווערט.
וואָס א טאָג — אַלץ רײַפער ווערט.

כ׳שטיי באנאכט אונטערן הימל, ווי אונטער א גרויסן בוים.
ס׳הענגען צײַטיק פּיירעס — שטערן אין זײַן מעכטיק גרויסער קרוין,
און ס׳אַנטפּלעקט זיך מיר די צוקונפט:
רויט — דער ג א נ צ ע ר עפּל שוין!

יידיש — ה. אַשעראָוויטש

מײַן מאַמע איז די ערד

מײַן מאַמעס לײַב — פון שטיין, מײַן מאַמעס האַרץ — פון שוים.
מײַן מאַמע איז די ערד. און איך — דער מענטש, דאָס ווײַזן,
וואָס אָט בין איך א דעמב, און אָט בין איך א גרעזל,
און אָט בין איך א וואַלד, און אָט בין איך א בוים.

פון שנייעלע ארויס,
צי פון א קווייט,
צי פון א שווערער פּילניצע אין אָסיען,
צי אויסגעפּיקט זיך פון א זעמדעלע, שוין גאַנצערהייט,
צי אויסגעקנאָספּעט זיך פון קנאָספּן פּראָסטע.

אין פעלד אין רײַפן אופגעגאַן איניינעם מיטן זאַנג,
קאָן זײַן, אז אין דעם גערשטן גיי איך אוף דעריקער,
און אויב איר ווילט, בין איך פון גראָז ארויס שוין לאַנג,
צי פון דעם כמעל, וואָס מונטערט און פאַרשיקערט.

צערײַבן אף דער האַנט א הויפן ערד, און דאָרט
ניט שווער איז אויך מײַן טונקל מענטשן־לײַב געפינען.
ארויסגעצויגן האָב איך פון דער ערד מײַן זינען,
ארויסגעצויגן האָב איך פון דער ערד מײַן וואָרט.

פרײַ איבערגעזעצט — א. ווערגעליס

הערץ ריווקין

דער טאַטע מיטן זון

דער שמועס איז געווען אַ קורצער, אַ זאַכלעכער, די ווערטער — אָנגעשאַרפּטע. ניט פון איין טאָג האָבן זיי זיך אײַנגעשניטן איינס אין צווייטן.

יאַנקעוו זאַושניצער האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ עפנטלעכער באַגעגעניש מיט זײַן אווראָמען. דערזען פונדערווײַטנס דעם דירעקטאָר פונעם קאָמבינאַט מיט אַ בעקאָוועדיקן גאַסט, האָט דער אַלטער באַשלאָסן צו געבן הײַנט איינמאָל פאַר אַלעמאָל די ענדגילטיקע „שלאַכט“.

דער דירעקטאָר פונעם וועבערײַ־קאָמבינאַט ראַוווליאָט סאַלימאָוו איז אַרײַנגעקומען מיטן מאָסקווער פאָרשטייער, קעדיי אים צו באַווײַזן דעם פערטן קאָרפּוס, וואָס מע האָט דאָ ניט לאַנג געלאָזט אין גאַנג. ער האָט באַשלאָסן זיך צו האַלטן רויִק און באַשיידן, ווי שטענדיק, און דאָך אינערלעך זיך געכאַפּט, אַז אַ פרעמד געפיל האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און וויל אַרויסשלאָגן אויף זײַנע מויל־ווינקלען אַ לײַכטזיניקן, באַרימערישן שמייכל.

אָפּנעם אויף אָפּצוטרײַבן דאָס דאָזיקע געפיל האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מע טרײַבט אָפּ אַ זלידנע פליג, כאָטש זי האָט שוין אירס סײַווי מעסאַקן געווען, און אַ זאָג געטאָן מער צו זיך ווי צו דעם טרעסט־פאָרשטייער:

— אַלע אַרבעטער האָבן שוין דורכגעמאַכט טעכמינימום....

דער „מאָסקווער“ האָט געשפּאַנט אין דער טיף פונעם קאָרפּוס. עס איז ניט געווען קלאָר, צי זײַנען צו אים דערגאַנגען סאַלימאָווס לעצטע ווערטער, צי דאָס געקלאַפּ פון די שפּולן האָט זיי אײַנגעשלונגען.

ווי נאָר דער אַלטער בוי־טעכניקער יאַנקעוו זאַושניצער און זײַן זון אווראָם, דער אינזשעניער פון פּראָיעקט־ביוראָ, האָבן דערזען, אַז דער דירעקטאָר דערנעענטערט זיך צו זייער ווינקל, איז זייער וויקועך איבער די אויסגעגראָבענע פונדאַמענט־גריבער פאַר די צוגאָב־מאָטאָרן איבערגעריסן געוואָרן. קענטיק, דעם זון איז פּײַנלעך געווען צו פירן ווײַטער דעם שמועס אין דער אָנוועזנהײַט פון דער דירעקציע. זײַן טאָן איז

ער איז געווען אַ זינגער פון זײַן דאָר

אין אַפּרעל 1908 איז אין קאַפּרעשט (מאָלדאַוויע) געבוירן געוואָרן דער דיכטער און פּראָזאַיִקער הערץ גײַסינער־ריווקין.

שוין פון זײַנע פריִע יוגנט־יאָרן, ווען ער ווערט אַ סטודענט פונעם קעשענעווער בוי־טעכניקום, שטייט ריווקין צו צו דער רעוואָליוציאָנערער אונטערערדישער באַוועגונג. זײַנע סאַטירישע לידער, געווענדטע קעגן דער באָיאַרישער אָליגאַרכיע, גייען פון האַנט צו האַנט. אין 1931 איז הערץ ריווקין איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל „אָנזאָג“. ווען דער זשורנאַל איז קאָנפיסקירט געוואָרן, האָט הערץ ריווקינען געמישפּעט אַ רומענישער קריגס־געריכט. בײַוועזנדיקע דערציילן, ווי ווירדיק און מוטיק דער דיכטער האָט פאַרטיידיקט זײַן קינסטלערישן און געזעלשאַפטלעכן קרעדאָ.

אין 1935, אין בוקאַרעשט, איז ריווקין איינער פון די אַקטיווסטע מיטאַרבעטער פון די פּעריאָדישע פּראָגרעסיווע צײַטשריפטן „די וואָך“ און „שויבן“. אין יענע יאָרן דערשײַנט זײַן ערשט בוך לידער „פון שכײנישן דאָרף“, וווּ דער דיכטער גיט אין ליריש־באַהאַרצטע און בילדערישע פערזן אַ פּאָעטישן טיקן די זוכענישן, גראַנגלענישן און בענקענישן פון זײַן דאָר. מאָטיוון פון פרייד און טרויער, כעזשבן־האַנעפעשדיקע ראַיוינעס, ווייכע לירישע טענער, — דאָס אַלץ האָט גע־

געוואָרן אָפּיציעל, באַפעלעריש, און ער איז מיטאמאָל איבערגעגאַנגען אַף אַ שאַרף אונטערגעשטראָכענעם „איר“.

— איך מיין פונדעסטוועגן, אַז די פונדאַמענט־גריבער זייַנען ניט ריכטיק אויסגעגראָבן. איך פאַרוואָס איך קאַטעגאָריש זיי צו פאַרגיסן. מ׳דאַרף גרינטלעך קאָנטראָלירן די „גאַבאַריטן“... און זייַט אַזוי גוט אַף ווייַטער האָבן באַ זיך שטענדיק דעם געהעריקן עסקיז...

דעם אַלטן האָט פאַרפעלט אָטעם. ניט ווילנדיק האָט זיך זייַן גרויסער ליסע־קאָפּ געגעבן אַ דריי אַף לינקס, וווּ עס איז געשטאַנען דער בריגאַדיר. ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט און געפאַלן אַפן פאַרטיקן טרוקענעם געמיש פון זאַמד, צעמענט און ברוכשטיין. עפּעס ווי פאַרשעמט האָט אויסגעזען דער פולער עמער וואַסער אין די הענט פונעם קליינוווּקסיקן בעטאָנירער, וואָס איז שוין אַרייַן אין די גרויסע ספּעץ־שטיוול, גרייט אָנצוהייבן נעצן דאָס געמיש. אויך די צוויי מישערס זייַנען געשטאַנען אָנגעשטרענגט מיט די רידלען אין די הענט און געוואַרט אַפן באַפעל, וואָס פלעגט באַם אַלטן אַרויסקומען טאָמיד אין דעם זעלבן נוסעך און מיטן זעלבן ווונק פון רעכטן אויג:

— דאַווייַטיע, רעביאַטאַ! קאַכוימער בעיאַד האַיוצער!..

און כאָטש ניט אַלע האָבן פאַרשטאַנען די טייַטש פון די לעצטע ווערטער, האָט אָבער יעדערער געפילט, אַז עס זייַנען ניט קיין בייזע רייד און מיינען מיינט עס: אַ מיש טאָן מיט די רידלען, וואָ, מיטן גראָבן פינגער!

דער באַפעל איז אָבער דאָס מאָל ניט געקומען. דער אַלטער איז געווען שטאַרק אופגערעגט, ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט באַרויִקן.

— האָסטו געהערט אַ ביסל! מי לאָנו גאָדל! ער פאַרוואָרט!

אוראָם האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך נאָר אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט. אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זייַנע העלע צעשויבערטע האָר. די רויטלעכע פאַרב פון זייַנע באַקן איז מיטאַמאָל אַנטרונען. ער האָט אײַנגאַנצן אויסגעזען אַ סאַך איידעלער און העכער ווי טאָמיד. מיט די פינגער האָט ער נערוועז געקלאַפּט אין רעמל פון דער וואַנטצייַטונג, וואָס איז געהאַנגען אין ווינקל, און פון צווישן די ציין, מיט פאַריבל אַראָפּגעזאָגט רויִק, געהאַקט, קימאַט ווי מיט אַ ניגן:

— קאַס, טאַטע, איז, דאַכט זיך מיר, אַווידעזאָרע?..

— אַוווּאַ, טוירע גאָר? מוסער? דאָס הינדל לערנט שוין די קוואָטשקע?

די בעטאָנירער, די נאָענטע וועבערנס זייַנען געשטאַנען מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. פון די „בויער“ האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן:

— דער טאַטע מיטן זון...

אַ מיידל, אַ וועבערן, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט גרויס נייַגער דעם גאַנצן אינצידענט, האָט איבערגעכאַזערט ווי פאַר זיך:

— קאָסאַ נאַ קאַמען[1]...

[1] אַ רוסישער פּראַזעאָלאָגישער אויסדרוק וועגן אַקשאָנעס. בוכשטעבלעך: אַ קאָסע אַף אַ שטיין.

מאַכט ריוווּקינס פּאָעזיע נאָענט און פאַרשטענדלעך פאַר די ברייטע לייענער־קרייַזן. ריוווּקין האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער יונגער ייִדישער בעסאַראַבער דיכטונג.

מיט אַן אָפּן האַרץ איז ריוווּקין אַנטקעגנגעגאַנגען דער פון אים אויסגעכאָלעמטער נייַער סאָוועטישער וואָר. וועגן דעם זאָגן איידעס, לעמאָשל, זייַנע פּרעכטיקע לידער פונעם לענין־ציקל, פאַרעפנטלעכטע אין דעם קיִעווער ייִדישן זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור“.

אין די מילכאָמע־יאָרן האָט הערץ ריוווּקין טיף באַזיניקט דאָס געראַנגל פונעם סאָוועטישן מענטשן פאַרן קיִעם פון זייַן לאַנד און פאָלק. דאָס געזעענע און געהערטע און דאָס מיט אַלע רעמאַך איבערגעלעבטע אין דער עוואַקואַציע האָט ער געשילדערט אין אַ ציקל הויךקינסטלערישע נאָוועלן און דעריקער אין דער גרויסער דערציילונג „אַרום קעסל־צעך“. דאָס מאָלן דעם בעסאַראַבער ייִדישן פּערסאָנאַזש, וואָס אַ טייל פון אים האָט ערשט אין יענער צייַט אָנגעהויבן דורכצומאַכן די שול פון סאָוועטישן לעבן, האָט געגעבן דעם מעכאַבער די מעגלעכקייַט אופצודעקן אַ ריי ווידערשפּרוכן, אַ ריי שטעטלשע פּאָסטעמקעס, ווייַזן דאָס געראַנגל צווישן אַלטן און נייַעם. עס האָט זיך אין אָט דער דערציילונג ווי איבער נאַכט אַנטפּלעקט אַ רייַפער שרייַבער מיט אַ קלוג געמיט, מיט אַ ניכטערער פּען, וועלכער האָט מיט אייגענע פּלאַסטישע מיטלען, מיט אַ געווירצלטן אידיִאָמאַטישן נוסעך אופגעבויט אַן אייגנאַרטיקן שפּאַנענדיקן סוזשעט. ריוווּקינס „אַרום קעסל־צעך“ איז געווען אַ געשעעניש אין דער דעמאָלטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע.

הערץ ריוווּקין, דער אַכרייַעספולער ערנסטער דיכטער און דערציילער, איז טראַגיש אומגעקומען אין 1951. זייַן טויט איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

י. יאַקיר

דער טומל האָט זיך מיטאמאָל איבערגעריסן. ס'איז אונטערגעקומען דער דירעקטאָר. ער קען דעם אַלטן זאושניצער ניט פון נעכטן. ער האָט, אפּאָנעם, פאַרשטאַנען, אז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס א סיכסעך. דער אַלטער האָט זיך באַמיט צו זײַן רויק. סאַלימאָװו האָט אים פאָרגעשטעלט: „דער בעסטער טעכניקער אױף דער בױונג" און, אַנווײַזנדיק אױף אוראַמען, ארופגעלייגט גוטברו־דעריש די האַנט אױף זײַן אַקסל:

— אָנפירער פון פּראָיעקט־ביוראָ — אינזשע־ניער זאושניצער.

— געהערט, געהערט, — האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ דער טרעסט־פאָרשטייער, און די בליקן זײַנע האָבן אָפּגעמאָסטן אָט דעם פאָטער, אָט דעם זון.

יאַנקעוו זאושניצער האָט זיך אויסגעגליכט און גיך געגומען פארקנעפּלען די בלױע ספּע־צאָוועק. עס האָט געהייסן: דעם „געהערט" נעמט ער אָן אינגאַנצן אױף זײַן כעזשבן.

דער טרעסט־פאָרשטייער האָט אָנגענומען אונטערן אָרעם דעם יונגן זאושניצערן, אזוי ווי מע נעמט אָן אַן אַלטן גוטן באַקאַנטן. שפּאַנענ־דיק לענגאויס דעם צעך, האָט ער אויסגעהערט מיט קאָוואָנע אוראַמס אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם צושטאַנד פון די פּראָיעקט־ארבעטן און אויך וועגן דער בױונג גופא. ער האָט אױף קיין רעגע ניט אראָפּגענומען פון אים דאָס אויג.

דער אַלטער איז געבליבן א װײַלע שטיין ווי פאַרלוירן. ערשט איצט האָט אים ווידער א קלונג געטאָן אין די אויערן אוראַמס באפעלע־רישער טאָן. ער האָט מיטן געדאַנק א נישטער געטאָן אין אוראַמס ווערטער און, ווי אפּצולאָ־כעס, ניט געקאָנט געפינען אין זיי קיין שמעץ פון כוצפּע, פון אָנגעבלאָזענער טקיפעס. די וואָ־רענונג האָט איבערגעלאָזט א שטאַרק געפיל פון רײַפקײַט, פון מעגלעכן קויעך.

„פונוואַנען האָט זיך עס פונדעסטוועגן געגנו־מען צו אָט דעם שנעק אזא אַנטשלאָסנקײַט, אזא גוורע?"

גיך, גיך, קוים וואָס די פאַרזשמורעטקײַט פון די בליקן האָט באַוויזן אראָפּצוצי‏ִען דאָס נעפּל־האַפטע הײַטעלע פונעם געזעענעם, האָט א שוועב געטאָן פארן אַלטנס אויגן א גרויסער הילצערנער גאַנעק פון א ווײַטער, אַלטער בע־סאַראַבער שטעטל. א זומערדיקער שאַבייסצו־נאַכטס, פּעטערס, מומעס, שכיינים.

זײַן ראַכלען האָט זיך פאַרוואָלט מעכאַבעד זײַן די געסט מיט א קאַלטן טרונק. זי נעמט די גרויסע מעשענע קוואָרט אױף צו צעגיסן דאָס וואַסער אין די גלעזער, לאָזט אראָפּ אָוורעמ־טשיקן פון די הענט, און פון איר ברוסט רײַסט זיך ארויס א פריידיקער קוויטש:

— אָורעמלס ערשטער טראָט...

...פון שכיינעסדיקן קאָנטאָר־צימער הערט זיך דאָס קלינגען פון א זייגער. אָוונט. איינס... צוויי... ס'איז שוין נאַכט. פון אַלע לאָמפּן טוט א פלייץ מיט ליכט. דאָס געקלאַפּ פון די וועבמאַ־שינעס ווערט מיטאמאָל שטאַרקער, האַסטיקער, צי ס'דאַכט זיך נאָר אזוי. דער אַלטער שלעפּט ארויס פון דער הינטערשטער קעשענע דעם קײַלעכדיקן בלישטשענדיקן מעטער און דעם „שלימאַזלדיקן" עסקיז. דאָס ערשטע מאָל, וואָס זײַן אָוורעמס כסימע אױף א צייכענונג גיט א קוק אױף אים מיט אזא פרעמדער קאַלטקײַט. אפילע דער געביטענער סאָף פון זײַן פאַמיליע־נאָמען, וואָס האָט שוין די לעצטע צײַט אויסגעזען בא אים נאָר ווי א ווויליונגעריש כיינדל, האָט ווי־דער באַקומען א בײַטאַם פון אױוער זײַן אױף קיבעד־אָוו.

„וואָס איז עס מיט אים? איז ער טאַקע שוין אינדערעמעסן אויוער־באָטל, צי וואָס?.." ער קוקט זיך אײַן אין די אויסגעגראָבענע פונדאַ־מענט־גריבער, אין אָוראַמס אונטערשריפט, און פלוצעם, ווי אומיסטן, לויפט אָן דאָס ערשטע מאָל א געפיל פון ניט־זיכערקײַט: „פונדעסטוועגן געדאַרפט באַווײַזן אָוראַמען די צייכענונג. גע־דאַרפט קאָנטראָלירן אינײנעם מיט אים די פּאַר־טיקע גריבער..."

א קוועטש אפּן מעטער־שײדעלע, און די גלאַנציקע, שטאָלענע סטענגע ליגט שוין לענגאויס דעם ערשטן פונדאַמענט.

די בריגאַדע שטייט און וואַרט. א מאַך מיט דער האַנט:

— דאַווײַ! קאַכוימער!

צוריק כאַפּן איז שוין שפּעט. דאָס וואַסער פון די עמערס גיסט זיך. ראַנד צו ראַנד קלאַפּן די רידלען. דאָס „טויטע" געמיש הייבט זיך אָן צו באַוועגן, טרינקט גיריק די פליסיקײַט און ווערט פאַרוואַנדלט אין „לעבעדיקן" בעטאָן.

ער גיט זיך א כאַפּ צום מעטער. עס טוט אים פלוצעם א פּיק אין מויעך, ווי מיט דער שפּיצי־קײַט פון א שפּול. יאָ, אָפּגעבראָכן א שטיקל סטענגע. ער דערמאָנט זיך, אז שלימקע האָט נעכטן מיט אירע קליינע פוכקע הענטלעך אים געשטופּט דאָס שטיקל מעטער אין מויל ארײַן.

שלימקע — דער בלאָנדער, קוטשעראַוועוער „אייניק" זײַנער, מיט די ראָזע בעקעלעך ווי שאַפראַן־עפּעלעך... דאָס איז איר שטיקל אַר־בעט...

די פונדאַמענט־גריבער שלינגען אײַן דעם אַלטנס געדאַנקען. זיי זעען אויס, די גריבער, עפּעס ברייטער, טיפער און גיסן זיך צונויף אין איין גרויסן שעטעך. מעסטן איז שוין ניטאָ וואָס. קלאָר, דער מעטער האָט אונטערגעפירט. סײַ די פונדאַמענטן און סײַ די דורכגאַנג זײַנען גע־גרײַזט. געגרײַזט ניט אױף קאַטאָוועס. „ניט שוין זשע האָט דער באָכער באַקומען אזא שאַרפן

קוק? — האָט דער אַלטער אַ טראַכט געטאָן. — ווײַזט אויס. איבערגעשטיגן די „קוואַטשקעס!״.

די בריגאַדע האָט געענדיקט מאַכן דאָס ער־שטע „געמיש״. דער פײַכטער בעטאָן־שיכט ליגט „אויסגעצויגן״ ווי אַ באַרמינען. קיין סאַך וואַרטן טאָר ער ניט, ער ווערט ביסלעכווײַז „פּאַר־שטאַרט״.

אין אַ צווייטן צעך האָט דער אַלטער געפונען אַן אָרט, וווּ אים צו „פּאַרטאָן״. און אַליין איז ער אַוועק „איבערצוצייכענען״ די פונדאַמענט־גריבער. דער פּלאַנטער האָט זיך אַרויסגעוויזן גרעסער, ווי ער האָט געמיינט. אייניקע גריבער דאַרף מען איבערוקן, אייניקע גיסן זיך אײַנגאַנצן צונויף. קעדיי זיי איבערצוטיילן און ניט באַנוצן קיין איבעריקן בעטאָן, וועט מען מוזן אָפּגיך מאַכן הילצערנע ווענטלעך. דאָס געהילץ געפינט זיך אין רעשוס פונעם „באַשטעלער״, אָן דער אונטערשריפט פון דער פּראָיעקט־ביוראָ קאָן מען קיין ברעטער ניט קריגן. גיין בעטן אווראָמס כסימע הייסט „אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און... צייל, זונעניו, אַרײַן דעם טאַטן דײַנעם וויפל ס׳וועט אַרײַן״...

ער פאַרשנורעוועט די ליפּן, דאָס לינקע אויג פאַרמאַכט זיך פון זיך אַליין: יאָ, אַפּאַנעם עפּעס צוגעטראַכט.

מיט קליינע טריטעלעך לויפט ער גלײַך אַוועק צו דער זעגמיל. אין אַזוינע מינוטן דאַרף ער ניט קריכן אין קיין פרעמדער קעשענע נאָך אַ וואָרט. קוידעמקאָל מאָנט ער ניט קיין „מאַטעריאַל״, נאָר „אָפּשניצן״. וועהאַשייניס: „אָף אַ ווײַלע, אָף איין מעסלעס״. דאָס געהילץ האָט ער אויסגעפּויעלט און, ניט פאַרלירנדיק קיין צײַט, אַליין עס, בי־מכילע, אַריבערגעפירט.

ער איז אַרײַן אין דער „טשײַכאַנאַ״[1] און ווי אָפּצולאָכעס ניט געטראָפן דאָרט קיין איין היי־מישן. פון יענער זײַט גרויסן „אַריק״[2] ווינט איס־מאַיִלאָוו. כאַסיל איסמאַיִלאָוו איז אַ גוטער ערדגרעבער. אַז זאָושניצער האָט אים דערציילט האַלב אין רוסיש, האַלב אין אוזבעקיש, אַז ס׳איז אַ דרינגענדיקע באַנאַכטיקע אַרבעט, האָט איס־מאַיִלאָוו קיין סאַך ניט געטראַכט, ער האָט אָנגע־טאָן צוריק די אַלטע יאַרמלקע, אַרומגעגאַרטלט דעם לאַנגן כאַלאַט מיט דער צונויפגעקאַטשע־טער פּאַטשיילע, אַ נעם געטאָן דאָס רידל מיט דער קירקע, און מיט אַ ברייטן „באַיער!״[3] זײַנען זיי אַרויס פון שטוב.

זיי זײַנען געגאַנגען ביידע און געשוויגן, עס האָט זיך נאָר אַלעמאָל געלאָזט הערן דאָס קלאַפּן פון איסמאַיִלאָווס רידל, — ער האָט עס געטראָגן ווי אַ שטעקן. ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער, נאָר די פאַבריק האָט פונדערווײַטנס געלויכטן, אַ וואַכע, אַ מונטערע, מיט אָנצאָליקע קליינע שײַבעלעך פון אירע הויכע ברייטע פענצטער.

אָנגעוויזן איסמאַיִלאָוון, ווי צו דערגראָבן די פונדאַמענט־גריבער, האָט דער אַלטער אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דאָס העמד און איז געבליבן אין דער הוילער מײַקע:

„לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן, רעב יאַנקעוו, ווי דער „כוימער״ וועט באַ דיר אַ קרעכץ טאָן „בעיאַד האַיויצער״.

— אָן עמעסער פּראַראַב, — גאַפן די שכיי־נעסדיקע וועבערנס.

זאָושניצער האָט ניט ליב דאָס דאָזיקע וואָרט, ס׳איז אים ליבערשט דער נאָמען טעכניקער. „עלטערער״, „מיטעלער״, „ייִנגערער״ — אַבי טעכניקער.

אָף דער בוינג ווייסט מען פון דער דאָזיקער שוואַכקײַט זײַנער. איצט, ווען ער האָט צונויפ־געקלאַפּט די ערשטע ווענטלעך, האָט אים אַ ברי־גאַטאָן דער נאָכקלאַנג פון אָט דעם וואָרט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמעצער איז אַהער געקומען אים אַ יאַדע טאָן:

— כאָווער טעכניקער, אַז מע קאָן ניט מיטן מעטער, מעסט מען מיט דער זעג...

איסמאַיִלאָוו פּוצט נאָך אַלץ די פונדאַמענט־גריבער. זאָושניצער האָט שוין אײַנגעפּאַסט די ערשטע ווענטלעך. די צײַט לויפט, גלײַך מע יאָגט זי נאָך.

אווראָם האָט זיך פאַרהאַלטן אין קאָמבינאַט און איז געקומען אַהיים שפּעטלעך. דאָס צימער, ווי טאָמיד ציכטיק אופגעראַמט, האָט הײַנט אויסגעזען נאָך זויבערער, שטרענגער, ערנסטער. די אָרדענונג אָפן פּאָטערס טישל האָט אָנגע־זאָגט: ער איז נאָך אין דער היים ניט געווען.

שלימקע איז געשלאָפן. דאָס עסן האָט זיך געוואַרעמט. ראָכל, די „זאָושניצערקע״, איז גע־זעסן לעבן בעטל און עפּעס פאַריכט. אויסגעזען האָט זי אַ סאַך ייִנגער פונעם מאַן. אין אַ סאַמע פּאַשעטן קליידל פלעגט זי אויסזען יאָמטעוודיק. די שנור אַרבעט אויך אָפן קאָמבינאַט, און די גאַנצע שטוב־אַרבעט פאַלט אָף ראָכלס פּלייצעס.

דערהערט, אַז דער פּאָטער איז ניט געקומען אײנײנעם מיטן זון און אַז קיין באַראַטונג איז אָף דער בוינג הײַנט ניטאָ, האָט ראָכל אָנגעהויבן ווערן אומרויִק. אווראָם האָט זיך עטלעכע מאָל דורכגעדרייט אין ענגן צימער. געכאַפּט אַ קוק צו דער „קליינער״ אין בעטל, אויסגעגלײַכט די ביכער אָף זײַן טישל, כאָטש זיי זײַנען געלעגן אין דער פולסטער אָרדענונג. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. אַ מאָדנער געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן. ער איז אײַליק אוועק אין קאָמבינאַט. ס׳האָט אים אַ צי געטאָן צום צווייטן קאָרפּוס. דערזען דאָרט דעם פּאָטער באַ דער „אווידע״, האָט ער זיך געוואָלט צוריקציִען. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. זײַערע בליקן

[1] אַ טיי־הויז; [2] באַוואַסערונג־ריוו; [3] אַ גוטע נאַכט.

האָבן זיך באַגעגנט. דאָס איַיז האָט אָנגעהויבן לאָזן.

— דער מוידס שטיקל אַרבעט, — האָט ער אים אויסגעשטרעקט דעם מעטער.

ס׳איז געווען אין דעם אי היסנאַצלעס, אי יינגלשער פאַרענטפער, מע האָט עס אָבער געקאָנט טיַיטשן אויך: „ביסט א שותף צו דער אווירע, ס׳איז דיַין שלימעקס שפּיצל״.

לויטן פּאַרנעם איז געווען קלאָר: פאַרקאָכט א פיַינע קאַשע. ריידן אָבער איצט וועגן דעם האָט ניט געהאַט קיין שום זין.

— ווּ האָסטו געקראָגן די ברעטער, טאַטע? איבער דיַינע „אָפּשניצן״ וועט מען האָבן צו זינגען און צו זאָגן מיטן „באַשטעלער״...

פאַרפאַלן. די ווערטער האָבן זיך אַליין אַרויסגעריסן.

— טאַטע...

נאָכן היַינטיקן געשפּרעך איז אין דעם געווען אי עפּעס אָפּגעפרעמדטס, אי גאָר־גאָר אייגנס. דער אַלטער האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך פאַרהוסט. עס האָט געהייסן: „וואָס מיר „באַשטעלער״, אבי די פונדאַמענטן זאָלן מיר זיַין צו דער ציַיט״.

אווראָם איז געשטאַנען נאָך א וויַילע. עפּשער זיך אויסטאָן, זיך נעמען אים העלפן? ער ווייסט: דער אַלטער וועט עס ניט דולדן. עס האָט זיך אים פּלוצעם פאַרוואָלט זאָגן דעם פאָטער עפּעס א גוט וואָרט, גאָר א וואַרעמס. ס׳האָט אים נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן וויי טאָן דער טאָן פון דעם היַינטיקן געשפּרעך. ער האָט א קוק געטאָן אפן זייגער און איז אַרויס פון צעך. אפגיך אָפּגעגעסן, פאַרלייגט א טערעץ, אז דער פאָטער איז געבליבן אף „דעזשורסטווע״, איז ער אוועק אים אָפּטראָגן אָונטברויט. די מוטער האָט אי אָנגעקוואָלן, אי זיך געוווּנדערט אפן פּלוצעמדיקן „שאָלעם־באַיִס״ צווישן טאַטן מיטן זון.

דערזען אים מיטן פּעקל עסן אונטערן אָרעם, האָבן זיך דעם אַלטן שיר ניט געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און א ברום געטאָן:

— וואָס פליסטו אַרום ווי א פויגל? די מאַמע איז דאָך אַליין מיטן קינד!

אווראָם האָט א שמייכל געטאָן. ער איז געבליבן שטיין אומבאַהאָלפן און ניט געווּסט, ווּ אַהינצוטאָן די הענט. אינדערגיך, גליַיך ווי ער דאַרף זיך מיט עפּעס באַהאַלטן, האָט ער אוועקגעשטעלט דאָס עסן אפן צעמענטענעם דיל און איז אַרויס פון קאָרפּוס. דער אַלטער האָט ניט מאַפסיק געווען. דאָס זעגל, דער האַמער האָבן זיך באַוועגט לעבעדיק, פריילעך. ער האָט אפילע ניט באַמערקט, ווען די וועבערנס האָבן זיך געביטן. דאָס קלומעקל עסן איז געבליבן ליגן אפן זעלביקן אָרט.

ערשט פאַרטאָג, ווען אַלע פונדאַמענטן זיַינען שוין געווען גרייט צום בעטאָנירן, האָט ער א רוף געטאָן איסמאַיִלאָוון און זיך אוועקגעזעצט מיט אים איַיליק איבערביַיסן. ער האָט זיך געפּרוּווט אים עפּעס זאָגן. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער איז נאָך אָט דער נאַכט ריַיכער געוואָרן מיט א פּאָר געדאַנקען. ס׳האָט אים אָבער מיטאַמאָל פאַרפעלט לאָשן. ער האָט נאָר א ווּנק געטאָן אף די פונדאַמענט־גריבער, אפן גאַנצן קאָרפּוס און גיך גענומען אָנטאָן דאָס רעקל.

איסמאַיִלאָוו האָט אויך געוואָרפן א בליק אפן צעך און אַרויסגעמורמלט:

— יאַקשי קאָרפּוס, דזשודא יאַקשי[1].

באַם אַרויסגאַנג איז אַנטקעגנגעקומען אווראָם. דער אַלטער האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק און איז אוועק אַהיים.

ראָכל איז שוין לאַנג געווען אוף. דאָס קינד האָט זיך געשפּילט. די מידקיַיט פון דער נאַכט איז מיטאַמאָל פאַרשווּנדן.

אז ראָכל האָט אים דערלאַנגט טיי, האָט ער זי אָנגענומען באַ דער האַנט און, ווי פאַרן פאַרטרויען א וויכטיקן סאָד, איר אַריַינגעקוקט אין די אויגן. זאָגן האָט ער אָבער גאָרניט געזאָגט. ער האָט איר נאָר אַריַינגעזונגען, ווי אין די יונגע יאָרן, גליַיך אין פּאָנעם אַריַין זיַין באַליבט לידל, האַלב יידיש, האַלב מאָלדאַוויש:

— לוי אָמוס, קי עכיע! אָפּ דאָאַמנע, דאָאַמנע![2]

שוין לאַנג האָט אים ראָכל ניט געזען אַזא אופגעלייגטן. זי האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז אף אים אַזוי די גדולע.

דער מעטער איז שוין ווידער געווען אין שלימעקס הענטלעך. זי האָט אָפּגעבראָכן נאָכאַמאָל א שטיקל סטענגע. דער אַלטער האָט עס געזען, עס האָט אים ניט אָנגעהויבן אַרן. ער האָט א כאַפּ געטאָן דאָס קינד פונעם בעטל, געמאַכט מיט דעם א פּאָר האַקאָפּעס אַרום דעם טישל. געקושט דעם די אייגעלעך, דאָס נעזל, דאָס מיַילעכל און אַריַינגעשעפּטשעט מיט א געמאַכטן ערנסט, אף א צוגעטראַכטער, קינדערשער שפּראַך, אַן אומפאַרשטענדלעכע מיַיסע.

ראָכל איז געבליבן שטיין אין ווינקל, זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דער אַלטער האָט געהאַלטן אין איין שעפּטשען, אַזוי שטיל, גליַיך ווי דער איקער איז עס א געהיימער שמועס צווישן אים און שלימקען און עס מוז בליַיבן א סאָד פאַר איר, פאַר דער באָבען.

שלימקע האָט געקוקט מיט גרויסע, בלויע אייגעלעך, גליַיך זי פאַרשטייט יעדעס וואָרט. דאָס בלאָנדע קוטשעראַווע קעפּל האָט זיך איַינגעניורעט, געטוליעט זיך צום זיידנס באַוואַקסן פּאָנעם.

---

[1] א גוטער קאָרפּוס, זייער א גוטער.

[2] כ׳וועל ניט שטאַרבן, איך וועל לעבן! אָ, גאָטעניו!

יעשוע לאצמאן

אזא סימכע אף די פעלדער

אזא סימכע אף די פעלדער, אזא שמייכל אינעם קאָרן.
בענעמאָנעס, כ'האָב פארגעסן היינט צו ציילן מיינע יאָרן.

ס'האָט א האנט מיט העלן יאָמטעוו, דוכט, די גאנצע וועלט באצויגן.
קושט דער ווינט מיט הייסע ליפּן מיר דאָס פּאָנעם און די אויגן.

שאָקלען זיך די צארטע בלעטער אזוי ליב און אזוי הארציק.
נאָר ניט טראכטן, נאָר ניט קלערן, אז עס טרעפן ציַיטן שווארציק!

אף די בייטן ליגן טויען, אפן היי עס רוען שטערן.
נאָר ניט האווען, נאָר ניט שרייַען, און דעם יאָמטעוו ניט צעשטערן!

אזא סימכע אף די פעלדער, אזא שמייכל אינעם קאָרן.
בענעמאָנעס, כ'האָב פארגעסן היינט צו ציילן מיינע יאָרן...

אין באגינען-פלאם

עס ליגן טויען אף די פעלדער,
דער ווינט מישט אוף קאפּיטלעך טאָג,
און איך, א פרייַעכער, צעהעלטער —
אָן אָס בין אינעם בוכס פארמאָג.

די זון-שייַן צינדט דאָס גרויסע בוך אָן
(אָ-ווי, עס ווערט, עס ווערט פארברענט!)
כ'לויף צו דעם פלאַם און פרווו א זוך טאָן,
געפין איך גאנץ דעם פּירעק „מענטש"!

מייַן „פארוואָס?" אין יאָר 1941

איך פיל די פינגער מייַנע איצט, ווי מעסערס,
זיי מאטערן מיך יעדע, יעדע נאכט:
פארוואָס האָב איך מיט זיי ניט אופגעריסן שלעסער,
פארוואָס קיין פייַנט מיט זיי ניט אומגעבראכט?

פארוואָס געבליבן זייַנען זיי נאָר פינגער
פון אויסגעמאָרעטע און דארע הענט,
און איך גיי אום, ווי פריַער, נאָך א זינגער,
כאָטש אלץ אין מיר, פונקט ווי ארום, עס ברענט?

פארוואָס, פרעג איך זיך, קאָנען זיי ניט אופרייַסן די בריקן,
וואָס איבער זיי שלאָגט דורך דער סוינע זיך א וועג?
פארוואָס, פרעג איך זיך, ווארפן זיי זיך ניט דעם טאַליען שטיקן
אין אָט די בלוטיקע און סרייפעדיקע נעכט און טעג?

פארוואָס, פארוואָס געבליבן זייַנען זיי נאָר פינגער
פון אויסגעמאָרעטע און דארע הענט,
און איך גיי אום, אזוי ווי פריַער, נאָך א זינגער,
כאָטש אלץ אין מיר עס וויטעקט און עס ברענט?..

דער אלטער דעמב

דאָ, אַף אַן אוראַלטן טײַכס געלעגער,
אין נײַער צײַט א דעמב שטייט פעסט,
ווי ציילן וואָלט די אַלטע טעג ער
פון קריגן, אופשטאנדן און פעסט.

זײַן קרוין — צוויי גרויסע פינגער־צווײַגן,
געווענדט צום הימל, ווי א צוואנג.
דאָ קומט אַמאָל דער אָדלער שווײַגן,
ווען ער ווערט מיד פון פליִען לאנג.

דאָ רעדט פון טויזנט יאָר געשיכטע,
ס'איז יעדער קנייטש אין שטאם — א דאָר.

פארמאכסט דײַן אויג, זעסטו געזיכטער,
הערסט קנעכטשאפט־קייטן קלינגען דאָ.

דאָ האָבן קריגער אָפט געשאָכטן
א הירש פערקונאסן דעם גאָט,
און מיידלעך האָבן קרענץ געפלאָכטן
פארן גערימטן זיגערס קאָפּ.

עס איז דער דעמב דער עלטסטער איידעס
פון אַלץ, וואָס ס'איז געשען ארום.
ער רוישט וועגן די ווײַטע זיידעס
און ווערט, דוכט, דעמבישער דערפון...

ארבעט

דער ווינט האָט צוגעלייגט צום פעלד זײַן אויער,
דערהערט, ווי ס'וואקסט פון דעם דאָס גראָז.
ס'האָט אופגעפּראַלט זיך הימל בלויער,
מיט זון געטאָן אַלץ א פארגאָס.

דער וואלד, דאָס פעלד, די פעטע לאָנקע,
דער מאָך, וואָס וואקסט אַף ברוינעם טאָרף,
זיי האָבן ברייטהארציק באשאָנקען
דאָס שטילע האָרעפּאשנע דאָרף.

דער ווינט געקרײַזלט האָט די פאטלעס
פון פויער אַפן אקער־פעלד.
א גלעט געטאָן זײַן טשוב פון אטלאַס,
האָט זיך דער פויער אָפּגעשטעלט

און אויסשלאָגן גענומען פײַער,
זיך פרייענדיק מיט יעדן פונק...
ניין, ניט דער טאָג בלויז איז א נײַער,
ס'איז אויך דער אַלטער פויער יונג!

מײַן זיידע

מײַן זיידע גאָרנישט האָט פארמאָגט,
אכוץ א בײַטש, א ניגן.
מיט ביידע זיי פלעגט ער פארטאָג
ארויסטרײַבן אין פעלד די ציגן:

„טרי־לי, טרי־לי,
טרי־לי, טרי־לי.
א מענטש מוז זען
דעם אינדערפרי!"

דער יִישעוו — ווײַטלעך פון א וועג,
פון שטאָט און פון דער וועלט.
די ציגן אָבער עס ניט שרעקט —
זיי דאָרפישקײַט געפעלט.

„טרי־לי, טרי־לי,
טרי־לי, טרי־לי, איר ציגן!"
מײַן זיידע האָט פארמאָגט, טרי־לי,
נאָר ציגן און א ניגן.

דאָך ציגן זײַנען שטיפערקעס:
א שפּרונג, א שפּרונג — ניטאָ מער!
דער זיידע זופט פון טיפן קאָס,
זײַן ניגן זינגט און יאָמערט:

„טרי־לי, טרי־לי, איר ציגעלעך,
טרי־לי, טרי־לי, ווּ זײַט איר?
כ'דארף צו מײַן פלעשל, ציגעלעך,
אויך אײַער פולן אײַטער!"

אויסלענדישע נאָוועלן

דזשאָן בערי (פּשא)

דער צוהערער

עס האָט געלעבט אין שוועדן א קליינינקער טשעך, א פידלער, מ׳האָט אים גערופן רודאָלף. א מוזיקאנט איז ער געווען ניט פון די בעסטע. אייניקע פון זײַנע פרײַנט האָבן געהאַלטן, אז דאָס איז דערפאר, ווײַל ער קאָן ניט אײַנזיצן אף אן אָרט. אנדערע ווידער האָבן געמיינט, אז טאקע דערפאר, ווײַל ער איז ניט קיין גוטער מוזיקאנט, קאָן ער אף אן אָרט ניט זיצן.

צי ער האָט אליין אזוי געוואָלט, צי עפשער אויס נויט, נאָר שטענדיק האָט ער ארומגעשמײַעט אף זײַן קליינער זעגלשיף לענגויס די ברעגעס פון סקאנדינאוויע, זיך אָפּגעשטעלט אין קליינע יִישווים, וועלכע געפינען זיך אין די האַפנס, און דאָרט געגעבן זײַנע קאָנצערטן.

אז ער פלעגט געפינען אן אקאָמפּאניִאטאָר, איז גוט; אז ניט, פלעגט ער שפּילן אזעלכע זאכן אפן פידל, וואָס האָבן קיין אקאָמפּאנעמענט ניט געפאָדערט; אז מע האָט זיך ניט געקאָנט באגיין אָן א פאָרטעפּיאנע, פלעגט ער אין געדאנק זיך פאָרשטעלן דעם דאָזיקן אינסטרומענט און שפּילן גאנצע סאָנאטעס פאר פידל און פאָרטעפּיאנע אָן א שום פאָרטעפּיאנע.

עס האָט געטראָפן, אז ער איז דערשווומען ביז איסלאנד. ער איז עס ארומגעפאָרן, זיך אָפּשטעלנדיק אין די יִישווים. איינמאָל, ווען ער איז געשווומען לענגויס א האַלב פּוסטן ברעג אין דער ריכטונג צו איינעם א שטעטל, האָט ער דערזען, ווי פון צאָפן־מיזרעך טראָגן זיך גרויזאמע פינצטערע וואָלקנס. עס האָט געהאַלטן ערעוו א שטורעם.

רודאָלף האָט אקוראט אויסגעמיטן א געפערלעך אָרט, וואָס איז געווען אָפן פאר אַלע ווינטן. ער האָט א קוק געטאָן אף דער מאַפּע: ביזן נאָענטסטן האַפן איז נאָך געווען א גוטער האַלבער טאָג צו פאָרן. ער איז געוואָרן זייער אומרויִק, נאָר מיטאמאָל האָט ער דערזען א לײַכטטורעם, וועלכער איז געשטאנען אף א קליין פעלדזיק אינדזעלע, אן ערעך א מײַל די ווײַט פון ברעג.

צופוסנס פון לײַכטטורעם איז געווען א גוט ערטעלע, א קליינע בוכטע, פארשטעלט פון ווינטן מיט א שטיינערנער וואנט. א כוואַליע האָט אים א הייב געטאָן, און ער איז דורכגעשפּרונגען אהין, צוגעשלעפּט דאָס זעגלשיפל פאר דעם אײַזערנעם רונג צום פעלדז. די טרעפּ, וואָס זײַנען געווען אויסגעהאקט אין שטיין, האָבן געפירט אין דער הייך, צום טורעם. אפן פעלדז איז געשטאנען א מענטש, זײַן פיגור האָט זיך בולעט געצייכנט אפן פאָן פון די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן הימל.

ס׳איז גיך פינצטער געוואָרן. דער וועכטער פון לײַכטטורעם האָט אוועקגעפירט דעם גאַסט דורך די געדרייטע טרעפּ אפן דריטן שטאָק, ווו עס האָט זיך געפונען זײַן וווינונג, און איז אוועק גרייטן זיך צו באגעגענען דעם שטורעם; ער האָט נאָך געדארפט ברענגען אין אָרדענונג אפן טורעם דעם ריזיקן לאמטערן, פון וועלכן דאָס ליכט, וואָס פלעגט פארשטארקט ווערן פון רעפלעקטאָרן, האָט זיך געזען אין ווײַטן ארום.

דער וועכטער איז געווען זייער א הויכער, מיט א גרײַז־גראָווער באָרד, וואָס איז אים געפאַלן אף דער ברוסט. א רויִקער, א לאנגזאמער, ווי א בער, האָט ער זיך גרינג אן אייצע געגעבן מיט זײַן קליינער באַלעבאטישקײַט, ניט מאכנדיק בא דער ארבעט קיין איין איבעריקע באוועגונג. גערעדט האָט ער זייער קנאַפּ. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אז ניט קיין ווערטער, נאָר עפּעס

אנדערש, גאָר וויכטיקס האָט ער אין זינען. נאָר אַפּילע דאָס „עפּעס אנדערש" קאָן אים ניט ארויספירן פון גלײַכגעוויכט.

אופגעהויבן זיך מיט א שטאָק העכער, זײַנען זיי ארײַנגעקומען אין קיך, ווו זיי האָבן אָפּ־געגעסן אָוונטברויט — קאַרטאָפל, הערינג, קעז, שווארץ ברויט און הייסע טיי. נאָכדעם זײַנען זיי געזעסן, געשוויגן, קוקנדיק איינער אפן אנדערן. איבער זיי איז געווען נאָך א שטאָק, און נאָך העכער — דער ריזיקער לײַכטטורעם, וועלכער האָט געשיקט צו אַלע שיפן ווונדערלעכע קלאַנגענלאָזע סיגנאַלן. אין דרויסן האָט געברויזט דער שטורעם: די כוואַליעס האָבן גרויזאַם געקלאַפּט אין די ווענט פון טורעם.

רודאָלף האָט דערלאַנגט דעם וועכטער דאָס טאָרבעלע טאַבעק און האָט זיך א ביסעלע פארשעמט. דער אַלטער האָט ליבלעך א שמייכל געטאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער, וואָס האָט גוט פארשטאַנען און אָפּגעשאַצט דעם גוטן ווילן פון זײַן גאַסט און גלײַכצײַטיק זיך ווי אנטשולדיקט פאַר דעם, וואָס מער דאַרף ער גאָרנישט. אזוי איז ער געזעסן שטיל פארטראַכט און אַראָפּגעלאָזן אַף די ברייט־צעשטעלטע קני זײַנע אָנגעהאָרעוועטע הענט.

רודאָלפן האָט זיך געדוכט, אז פון אַלטן איז קיין איין קלאַנג ניט פארבאָרגן; נאָר ער איז אזוי צוגעוווינט צו די קלאַנגען, זיי זײַנען פאַר אים אזוי נאַטירלעך, ווי דאָס קלאַפּן פון הארצן.

פונקט אזוי האָט ער זיך צוגעהערט צום גאַסט. ער האָט אים העפלעך געהערט. צעשטרייט געענטפערט אַף די פראַגן און איינצײַטיק ווי געפילט צום געקומענעם אַן אומזעעוודיקע צוגע־בונדנקײַט. אזוי איז געבונדן די ערד מיט די יאַמען, אזוי זײַנען געבונדן צווישן זיך די אינדזלען.

צוביסלעך האָט דער אַלטער דערציילט אָפּגעריסענע שטיקלעך פון זײַן לעבן. ער איז געבוירן געוואָרן מיט דרײַ און אכציק יאָר צוריק אין דעם זעלבן טורעם, ווו זײַן פאָטער איז אויך געווען וועכטער. זײַן מוטער (די איינציקע פרוי, וועלכע ער האָט געזען) האָט אים אויס־געלערנט לייענען די ביבל. און פון דאַן אָן לייענט ער די ביבל אַלע טאָג. קיין שום אנדערע ביכער האָט ער ניט. רודאָלף, וואָס האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן נאָר דעריקער מיט מוזיק, האָט אַליין אויך גאַנץ ווייניק געלייענט, נאָר ער האָט פונדעסטוועגן געוווינט אין די שטעט, ער האָט עפּעס וואָס געוווּסט. ער האָט גענומען דעם פוטליאַר און ארויסגענומען דעם פידל.

— וואָס וועט איר מיט דעם טאָן, מײַן הער? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

רודאָלף האָט א טראַכט געטאָן, אז דער אַלטער לאַכט פון אים. נאָר קוקנדיק אַף זײַן פּנים, האָט ער פארשטאַנען, אז דאָס איז ווײַט ניט אזוי. פריִער האָט רודאָלף ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן א מענטשן, וואָס האָט קיין פידל ניט געזען, נאָר איצט, קוקנדיק אַף דעם אַלטן, איז ער לאַכלוטן ניט גענייגט געווען צו לאַכן. פאַרקערט, ער האָט זיך געפילט נישטיק.

— איך מאַך מיט דעם מוזיק, — האָט ער פארשעמט געענטפערט.

— מוזיק, — האָט לאַנגזאַם איבערגעכאַזערט דער אַלטער. — הערן האָב איך וועגן דעם געהערט, אָבער זען איז מיר דאָס קיינמאָל ניט אויסגעקומען.

— נאָר מוזיק זעט מען ניט, מוזיק הערט מען.

— אזוי גאָר! — האָט מיט אָפּשײַ געזאָגט דער וועכטער.

ער האָט דאָס אויך אופגענומען ווי א זעלבסטפארשטענדלעכע זאַך. עס טרעפט. יעדער אַרבעט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס ווונדערלעכס, און אַלץ אַף דער וועלט איז אייביק, און אַלץ אַף דער וועלט בײַט זיך אָן א סאָף.

דעם אַלטנס גרויע גרויסע אויגן האָבן געקוקט אפן פידלער מיט טיפער אכטונג.

דער שטורעם האָט געררוישט אהינטער די ווענט פון טורעם. דער אַלטער, דאָס אינערלעכע אויסזען פון טורעם — דאָס אַלץ האָט זייער אופגערודערט רודאָלפן און ארויסגערופן אין אים אַן אומבאַזיגבאַר געפיל פון ראַכמאָנעס, פון ליבע און אנציקונג. ס'האָט זיך אים פארוואַלט טאָן פאַר דעם מענטשן עפּעס אויסערגעוויינלעכס. ער האָט גענומען זײַן פידל און אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון שטורעם אָנגעהויבן שפּילן בעטהאָווענס קרייצער־סאָנאַטע...

קיינמאָל האָט רודאָלף ניט געשפּילט מיט אזא באַגײַסטערונג. אין דער זעלבער צײַט האָט דער שטורעמווינט ווי מיט גיגאַנטישע הענט מוירעדיק געקלאַפּט אינעם טורעם. אפן סאַמע שפּיץ האָט דער לאַמטערן געלויכטן און פינצטערניש האָט זיך נאָכאַנאַנד געביטן מיט ליכט.

ס'האָט אָפּגעקלונגען די לעצטע נאָטע. רודאָלף האָט, שווער אָטעמענדיק, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איבערן אינדזל האָט מיט טויזנטער קוילעס געררוישט דער אָקעאַן.

קאַלזמאַן דער פידלער האָט געשפּילט, האָט זיך דער אַלטער ניט גערירט, ער האָט מיט אַן אײַנגעבויגענעם קאָפּ געהערט, זײַנע גרויסע פארגרעבטע הענט האָט ער געהאַלטן אַף די קני. א רעכטע ווײַלע האָט ער געשוויגן. נאָכדעם האָט ער אופגעהויבן די אויגן, פּאַוואָליע פאַנאַנדערגענומען די הענט, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— יאָ, יאָ, דאָס אַלץ איז עמעס.

קליפאָרד ד. סימאַק (פשא)

א ווירדיקער קעגנער

עפּעס האָבן זיך די פּיַיווערסן פאַרזאַמט.

מעגלעך, זיי האָבן ניט ריכטיק פאַרשטאַנען, וועגן וואָס מע האָט אָפּגערעדט.

און, מעגלעך, דאָס איז זייערס א נײַ שפּיצל.

מעגלעך, ווידער, אז זיי האָבן אפילו אין זינען ניט געהאַט אויספילן דעם צוזאָג.

— קאַפּיטאַן, — האָט געפרעגט דער גענעראַל לײַמען פלאַד, — וויפל איז דער זייגער?

דער קאַפּיטאַן דזשיסט האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ — ער איז געזעסן אײַנגעבויגן איבער דער שאַך־ברעט.

— זיבן און דרײַסיק און אכט, לויט דער גאַלאַקטישער צײַט, סער.

ער האָט זיך ווידער אָנגעבויגן צו דער שאַך־ברעט. דער סערזשאַנט קאָנראַד האָט אָנגעגריפן אַף זײַן פערד, און אים איז עס שטאַרק ניט געפעלן.

— דרײַצן שאָ פאַרשפּעטיקונג, — דער גענעראַל האָט אזש געבריענט פון קאַס.

— עפּשער האָבן זיי ניט אַלץ פאַרשטאַנען, סער?

— מיר האָבן זיי דיקטירט די פאַרשטענדיקונג וואָרט בא וואָרט. גענומען זיי בא דער האַנט און געטײַטלט אַף יעדן פּונקט באַזונדער. זיי האָבן פּאַשעט ניט געקאָנט ניט פאַרשטיין.

נאָר בא זיך אין הארצן האָט ער געוווסט: ס׳איז ניטאָ די זאַך, וואָס מע זאָל זי פון די פּיַיווערסן ניט קאָנען דערוואַרטן. יענע פאַרשטייען קימאַט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. זיי האָבן עפּעס א גאַנץ מאָדנע פאַרשטעלונג, וואָס אזוינס איז וואָפנשטילשטאַנד, פּונקט ווי זיי וואָלטן קיינמאָל ביז איצט ניט געהערט וועגן דעם. זיי האָבן ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וועגן וואָס מע רעדט מיט זיי, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אויסטויש פון געפאַנגענע. פּראָסט און פּאָשעט קאָנטאַקטירן מיט זיי די צײַט איז געווען אזא שווערע האַלאַכע, ווי זיי וואָלטן ניט געוווסט, אז עס עקזיסטירן געוויסע צײַט־אָפּשניטן, און קיין אנונג ניט געהאַט וועגן עלעמענטאַרער מאַטעמאַטיק.

— עפּשער איז בא זיי פאָרגעקומען אַן אוואַריע? — האָט אַרויסגעזאָגט א האַשאָרע דער קאַפּיטאַן.

דער גענעראַל האָט א בורטשע געטאָן:

— בא זיי טרעפן ניט קיין אוואַריעס. זייערע פלי־אַפּאַראַטן — דאָס איז וווּנדער איבער וווּנדער. זיי זײַנען מעסוגל אויסצוהאַלטן אַלץ, וואָס איר ווילט. זיי האָבן אונדז צעקלאַפּט, ניט עמעס?

— יאָ, סער, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן.

— וויפל זייערע פלי־אַפּאַראַטן, קאַפּיטאַן, האָבן מיר, לויט אײַערע כעזשבוינעס, פאַרניכטעט?

— ניט מער ווי צוויי צענדליק, סער.

— א האַרט ניסל, — האָט זיך אָנגערופן דער גענעראַל.

ער האָט געמאַכט א פּאָר טריט איבערן בײַדל און האָט זיך צוגעזעצט אַף א שטול.

דער קאַפּיטאַן האָט א טאָעס געהאַט. עס האָט זיך געהאַנדלט סאַכאַקל וועגן עלף אַפּאַראַטן. און דערבײַ איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז אומגעקומען איז בלויז איינער פון זיי. די איבעריקע זײַנען אין בעסטן פאַל צעשעדיקט.

קורץ, דער סאַכאַקל פון די פאַרלוסטן איז געווען איינס צו צען לעטויוועס די פּײַוורסן. די ערד האָט נאָך קיינמאָל ניט געליטן אַזאַ מאַפּאָלע, האָט דער גענעראַל געמוזט מודה זײַן זיך אַליין. גאַנצע עסקאַדרעס זײַנען פאַרשווּנדן, ווי אין וואַסער אַרײַן; אַנדערע, ווידער, האָבן געמאַכט פּלייטע, און אויף דער באַזע האָט זיך אומגעקערט בלויז האַלב פון דער צאָל, וואָס איז אַרויסגעפלויגן.

צווישן די פלי־אַפּאַראַטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אויף דער באַזע, זײַנען קיין צעשע־דיקטע ניט געווען. נאָך מער, אויף זיי איז אַפילע קיין מינדסטער ריץ ניט געווען. וואָס איז שייך די פאַרלוירן־געגאַנגענע, האָט קיינער ניט געזען, וויאַזוי זיי זײַנען אומגעקומען. זיי זײַנען פּשוט נעלם געוואָרן, און ס׳איז פון זיי אַפילע קיין פּיצל בראָכוואַרג ניט געבליבן.

„ווי קאָן מען זיגן אין אַזעלכע באַדינגונגען? — האָט דער גענעראַל געפרעגט בא זיך אַליין. — וויאַזוי גיט מען זיך אַן אייצע מיט אַזאַ מין געווער, וואָס פאַרניכטעט אויף אַזאַ אויפן די פלי־אַפּאַראַטן?“

דאָרט, אויף דער ערד און אויף הונדערטער אַנדערע פּלאַנעטעס, וואָס גייען אַרײַן אין דער גאַלאַקטישער קאָנפעדעראַציע, אַרבעטן טויזנטער געלערנטע אָנגעשטרענגט, טאָג און נאַכט — זיי פּרוּוון געפינען אַ מעגלעכקייט זיך צו שיצן קעגן דעם דאָזיקן געווער אָדער לעכאָלאַפּאָכעס פאַרשטיין, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געווער.

נאָר די שאַנסן אויף דערפאָלג זײַנען געווען נישטיקע. דער גענעראַל האָט געוווּסט וועגן דעם, ווײַל עס זײַנען ניט געווען קיין שום ידיעס וועגן דעם כאַראַקטער פונעם געווער. אַלץ, וואָס איז געפאַלן אַ קאָרבן פון דעם געווער, איז פאַרשווּנדן, ווי רויך.

מעגלעך, אַז אייניקע פון די מענטשן, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, וועלן קענען מיטיילן די נייטיקע ידיעות. ווען ניט די דאָזיקע האָפענונג, וואָלט די ערד בשום־אופן ניט אָוועקגעלייגט אַזויפיל טירכע אויף אָרגאַניזירן דעם אויסטויש פון די געפאַנגענע.

דער גענעראַל האָט געקוקט אויפן קאַפּיטאַן און אויפן סערזשאַנט, וואָס האָבן זיך אָנגעבויגן איבער דער שאָך־ברעט. לעבן זיי איז געזעסן דער געפאַנגענער פּײַוורס און האָט מיט אינ־טערעס נאָכגעשפּירט נאָך דער שפּיל.

דער גענעראַל האָט צוגערופן דעם געפאַנגענעם.

יענער איז צוגעגאַנגען אונטערשפּרינגענדיק, ווי אַ פּאַמפּושקע אויף דער סקאָווראָדע. דער גענעראַל האָט געקוקט אויף אים, און ס׳האָט אים ווידער באַהערשט דאָס געפיל פון אָפּגעבראַכט־קײַט, ווײַל דער פּײַוורס האָט אויסגעזען ווי אַ קלאָון אַן עקסצענטריקער, אָן אַ סימן פון מי־ליטערישער געשולטקײַט און קריגערישקײַט. אַ קײַלעכדיקער, אַ קאָמישער, מיט אַ שטענדיק פריילעכער מינע אויפן פּאָנעם, האָט ער ניט אויפגעהערט צו מאַכן מיט די טאַפּ־הערנער — דאָס זײַנען געווען זײַנע הענט. אָנגעטאָן איז ער געווען אין בונטע געבלומטע בגדים, וואָס גופא זייער פאַסאָן האָט אַרויסגערופן בא אַן עכטן מיליטערמאַן נאָר פאַראַכטונג.

— אײַערע פרײַנט פאַרשפּעטיקן, — האָט געזאָגט דער גענעראַל.

— האָט געדולד און וואַרט, — האָט געענטפערט דער פּײַוורס. ער האָט ניט גערעדט, נאָר ווי געפּײַפט. מע האָט זיך געמוזט זייער אויפמערקזאַם צוהערן, כדי צו פאַרשטיין, וואָס ער רעדט.

דער גענעראַל האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן, אָבער שטרײַטן איז געווען אומזיניק, קאַעסן זיך — אַוודאי און אַוודאי.

צי וועט ער, דער גענעראַל, און ביכלל די מענטשן־ראַסע ווען־ניט־איז פאַרשטיין די פּײַוורסן? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. נאַטירלעך, קיינעם איז ניט געגאַנגען אום לעבן זיי צו פאַרשטיין. פּאָטער ווערן פון זיי — אָט מיט וואָס די ערד וואָלט זיך געוויס באַנוגנט.

— האָט געדולד און וואַרט, — האָט אויסגעפּײַפט דער פּײַוורס, — זיי וועלן קומען אין דער מיטל־צײַט פון דעם מאָמענט אָן.

„ווען, דער רוען זאָל עס נעמען, איז עס די „מיטל־צײַט פון דעם מאָמענט אָן“, — האָט געטראַכט דער גענעראַל.

דער פּײַוורס האָט זיך אויסגעדרייט און מיט זײַן קאָמיש גענגעלע זיך אָוועקגעלאָזט צו די שאָך־שפּילער.

דער גענעראַל איז אַרויס פון דעם בײַדל.

די פּיצינקע פּלאַנעטע האָט אויסגעזען נאָך קעלטער, פאַרוואָרלאָזטער און טרויעריקער, ווי פריִער. יעדעס מאָל, ווען דער גענעראַל האָט זי געזען, האָט ער אײַנגעפונען, אַז זי מאַכט אַלץ אַ שווערערן אײַנדרוק.

אַן אומנוצלעכע, אָן אַ סימן פון לעבן, איז די פּלאַנעטע, וואָס האָט ניט געהאַט ניט קיין

עקאָנאָמישע, ניט קיין סטראַטעגישע באַדײַטונג, געווען גרויסאַרטיק צוגעפּאַסט צו שפּילן די ראָליע פון א נייטראַלער טעריטאָריע, הויפּטזאַכלעך דערפאַר, ווײַל קיינער האָט ניט געהאַט קיין כיישעק זי צו פאַרכאַפּן.

דער ווײַטער שטערן — די זון פון אָט דער פּלאַנעטע — האָט בלאַס געלויכטן אויפן הימל. די אײַז־קאַלטע לופט האָט געבריט. שוואַרצע נאַקעטע פעלדזן האָבן געשטאַרצט ערגעץ באַם האָריזאָנט. און ביזן האָריזאָנט האָט זיך געצויגן א גלאַטער שטיינערנער פּלאַטאָ, וואָס איז פון אַלע שטאַנדפּונקטן געווען זייער א באַקוועמער קאָסמאַדראָם.

די דאָזיקע ספּעציפישע פּלאַנעטע, האָט זיך דערמאָנט דער גענעראַל, האָבן פאַרגעלייגט די פּײַוורסן. און דער פאַקט אַלײן איז שוין געווען גענוג, מע זאָל זיך צו איר באַציִען מיט כשאַד. נאָר די ערד איז אויף אָט דער סטאַדיע פון די אונטערהאַנדלונגען געווען אין אַזאַ שווערער לאַגע, אַז ס'איז גאָר ניט שייַך געווען, מע זאָל זיך דינגען מיט די פּײַוורסן איבער אָט דער פראַגע.

ער איז געשטאַנען, דער גענעראַל, און זײַן רוקן האָט זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון געפאַר. וואָס א שאָ ווײַטער האָט דאָס אָרט אים אַלץ מער אויסגעזען ווי א גרויזאַמע פּאַסטקע.

ער האָט געוואָלט אײַנשמועסן זיך, אַז ער איז זיך טועה. אין דעם, ווי עס האָבן זיך אופגעפירט די פּײַוורסן, איז אבסאָליוט גאָרנישט ניטאָ אַזוינס, וואָס זאָל אַרויסרופן אַזאַ פאַרדאַכט. פאַקטיש זײַנען זיי אַפילע געווען גרויסמוטיק. זיי האָבן זיך דאָך געקאָנט פאַרגינען דיקטירן זייערע באַדינגונגען — קימאַט באַליביקע, — און די קאָנפעדעראַציע וואָלט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירע, ווי מיט האַכנאָע אָננעמען זיי. ווײַל די ערד האָט געדאַרפט געווינען צײַט, קויפן זי אום יעדן פּרײַז, קעדיי צוגרייטן זיך צו א נײַעם צוזאַמענשטויס — אין פינף, אין צען אָדער אין וואָר ווייסט וויפל יאָר אַרום.

און דאָך האָבן די פּײַוורסן, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסזען, קיין שום פאָדערונגען ניט אַרויסגעשטעלט. אָבער פון דער אַנדערער זײַט, האָט דער גענעראַל אײַנגעטײַנעט מיט זיך אַליין, קאָן דאָך, נאַטירלעך, קיינער ניט וויסן, ניט וואָס זיי טראַכטן אינדערעמעסן, ניט וואָס זיי פּלאַנעווען.

דער לאַגער פון די ערד־אײַנוווינער, וואָס זײַנען געקומען אויסטוישן די געפאַנגענע, האָט אין דער כמורנער שײַן פון ביינהאַשמאָשעס אויסגעזען כאַאָטיש — עטלעכע בײַדלעך, א מאָבילע עלעקטראָסטאַנציע, א פלי־אַפּאַראַט, וואָס איז געשטאַנען גרייט יעדער רעגע א ריס טאָן זיך אין דער הייך, און לעבן אים — א קליינער אויסשפּיר־סקוטער, וועלכן עס האָט געהאַט פּילאָטירט דער געפאַנגענער פּײַוורס.

און פאַר זיך איז שוין דער סקוטער אַליין געווען אַן אָנשוילעכער בײַשפּיל דערפון, וואָס פאַר אַן אָפּגרונט עס טיילט אָפּ די פּײַוורסן פון די מענטשן.

קיין איין פלי־אַפּאַראַט אין דער גאַנצער גאַלאַקטיק איז אַזוי זאָרגעפעלטיק ניט אויסגעפאַרשט געוואָרן, ווי אָט דער קליינינקער סקוטער. דערוווּסט האָט מען זיך אָבער דערפון קנאַפּ וואָס. מע האָט אויסגעפרעגט דעם געפאַנגענעם פּײַוורס, אָבער ניט געקוקט אויף אַלע באַמיִונגען פון די עקספּערטן — די פּסיכאָלאָגן, האָט דער פאַרהער קיין שום רעזולטאַטן ניט געגעבן.

אין לאַגער האָט געהערשט א טויטע שטילקײַט. קיין מענטשן איז קימאַט ניט צו זען געווען. צוויי וואַכלײַט זײַנען אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק מיט געמאָסטענע טריט. אַלע איבעריקע זײַנען געזעסן אין די בײַדלעך און האָבן זיך פאַרנומען וועמער מיט וואָס, אַבי ווי־ניט־איז אָפּשטופּן די צײַט. דער גענעראַל איז מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען צום בײַדל פון דעם מעדפּערסאָנאַל, האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און איז אַרײַן אינווייניק.

באַם טיש זײַנען געזעסן פיר מענטשן און פויל געשפּילט אין קאָרטן. איינער פון זיי האָט אוועקגעלייגט די קאָרטן און זיך אופגעהויבן.

— פאַראַן נײַס, גענעראַל?

דער גענעראַל האָט א מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— זיי וועלן זיך אָט־אָט באַווײַזן, דאָק. באַ אײַך איז אַלץ גרייט?

— באַ אונדז איז שוין פון לאַנג אַלץ גרייט, — האָט געענטפערט דער פּסיכאָלאָג. — ווי נאָר די כעוורע וועלן קומען, וועלן מיר זיי ברענגען אַהער און באַטראַכטן. די אַפּאַראַטור איז שוין אָפּגערעגולירט. קיין סאַך צײַט וועט עס ניט פאַרנעמען.

— אויסגעצייכנט. איך וויל זיך אָפּטראָגן פון דער דאָזיקער שטיינערנער לאַך וואָס גיכער. עס געפעלט מיר דאָ ניט.

— פאַראַן איין שוועריקײַט...

— וואָס איז דען?

— ווען מיר וואָלטן געוווּסט, וויפל געפאַנגענע זיי וועלן אומקערן...

דער גענעראַל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דאָס האָט זיך אונדז ניט איַינגעגעבן צו דערוויסן. זיי האָבן ניט שטאַרק ליב קיין ציפערן. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז מאַטעמאַטיק איז אוניווערסאַל פאַר דער גאַנצער אַלוועלט. ווי מיינט איר?

— נו, גוט, — האָט געזאָגט דער דאָקטער, — מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס מיר זיַינען בעקויעך.

— קיין סאַך געפאַנגענע וועט מיסטאָמע ניט זיַין, — האָט אים געטרייסט דער גענעראַל. — מיר קערן דאָך אום סאַכאַקל איין פּיַיווערס און איין אַפּאַראַט. וויפל מענטשן, לויט איַיער מיינונג, קאָנען זיי אָפּגעבן פאַרן אַפּאַראַט?

— כ׳האָב קיין אַנונג ניט. איר גלייבט נאָך, אַז זיי וועלן קומען?

— ווער ווייסט, צי זיי האָבן פאַרשטאַנען, צי ניט. אויב שוין ריידן וועגן טעמפּע קעפּ...

— זיי זיַינען גאָר ניט אַזוי טעמפּ, — האָט רויק דערווידערט דער דאָקטער. — מיר האָבן ניט געקענט דערלערנען זייער שפּראַך, האָבן זיי דערלערנט אונדזערע.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט אומגעדולדיק געענטפערט דער גענעראַל. — דאָס פאַרשטיי איך אַלץ. נאָר די גאַנצע געשיכטע מיטן וואַפּנשטילשטאַנד — וויפל טעג האָבן מיר געפּאַטערט, איידער ס׳איז צו זיי דערגאַנגען, וואָס מיר ווילן פון זיי. היַינט דער אויפן פון אויסרעכענען די ציַיט, גאָט מיַינער, דאָקטער, מיר דאַכט, מיר וואָלטן זיך דערשלאָגן בעסערע רעזולטאַטן, ווען מיר דאַרפן זיך אויסטיַינען מיט ווילדע מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען נאָר די שפּראַך פון זשעסטן.

— אַזוי דאַרף זיַין, — האָט געזאָגט דער דאָקטער, — כאָטש ווילדע, זיַינען זיי אָבער געווען מענטשן.

— די פּיַיווערסן זיַינען דאָך אָנגעשטאָפּט מיט וויסן. דער ניוואָ פון זייער טעכניק איז אין אַ סאַך הינזיכטן העכער פון אונדזערן. זיי האָבן אונדז אָפּגעשטעלט.

— זיי האָבן אונדז צעקלאַפּט.

— זאָל זיַין אַזוי, זיי האָבן אונדז צעקלאַפּט. און פאַרוואָס דען ניט? זיי האָבן אַזאַ געווער, וואָס מיר פאַרמאָגן ניט. אין פאַרגליַיך מיט אונדז איז באַ זיי קימאַט ניטאָ קיין שוועריקיַיטן אין הינזיכט פון פאַרבינדונג און באַזאָרגונג. זיי האָבן אונדז צעקלאַפּט, נאָר צי האָט באַ זיי געקלעקט סייכל צו פאַרשטיין עס? צי האָבן זיי עס אויסגענוצט? זיי האָבן אונדז געקאָנט פאַרניכטן, אָנבינדן אַזעלכע שאָלעם־באַדינגונגען, וואָס זאָלן מאַכן פון אונדז טיל־טעל אויף פיל יאָרהונדערטן. אָנשטאָט דעם וואָס טוען זיי? זיי לאָזן אונדז זיך אויסדרייען באַ זיי פון די הענט. דערקלערט מיר דעם זין דערפון?

— איר האָט צו טאָן מיט ניט קיין ערדישער ראַסע, — האָט געענטפערט דער דאָקטער.

— מיר האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַנדערע ניט־ערדישע ראַסעס. און מיר האָבן זיי שטענדיק פאַרשטאַנען. אין דער מערהיַיט פאַלן האָבן מיר זיך מיט זיי צונויפגערעדט.

— מיר האָבן געבויט אונדזערע באַציִונגען מיט זיי אויף האַנדלס־יעסוידעס, — האָט אים דערמאָנט דער דאָקטער. — די מיספאַרשטייענישן, וואָס זיַינען פאָרגעקומען, זיַינען אַנטשטאַנען אַלעמאָל שוין נאָך דעם, ווי עס איז געשאַפן געוואָרן די מינימאַלע באַזע אויף פאַרשטענדיקן זיך. די פּיַיווערסן זיַינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן די באַקאַנטשאַפט פון אַ מילכאָמע.

— דאָס קאָנען מיר ניט באַנעמען, — האָט געזאָגט דער גענעראַל. — מיר האָבן זיך אַפילע ניט געקליבן זיי צו פאַרטשעפּען. זיי האָבן ניט געקאָנט וויסן, ווער מיר זיַינען. און דער איקער — זיי איז עס אַבסאָליוט ניט אָנגעגאַנגען. זיי האָבן זיך פּאַשעט אַרופגעוואָרפן אויף אונדז און גענומען באַשיסן. און אַזוי איז געווען מיט אַלע די, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין זייער גוווּל. זיי פאַלן אָן אויף יעדן איינעם, ווער עס זאָל ניט קומען. זיי האַלטן קעסיידער מיט עמעצן מילכאָמע, טיילמאָל קעגן צוויי אָדער דריַי קעגנער גליַיכציַיטיק.

— באַ זיי איז אַ קאָמפּלעקס פון זעלבשוץ. זיי ווילן, מע זאָל זיי לאָזן צורו. זיי שטרעבן בלויז צו איינס, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן וואָס וויַיטער פון זייער פּלאַנעטע. איר זאָגט דאָך אַליין, אַז זיי האָבן אונדז געקאָנט פאַרניכטן.

— עפּשער זיַינען זיי באַזונדערס פּילבאַר צו פאַרלוסטן? פאַרגעסט ניט, אַז מיר האָבן זיי געגעבן פּעפער צו שמעקן איין מאָל אָדער צוויי מאָל. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן אַריַינגעכאַפּט אַ סאַך מער, נאָר זיי האָבן אויך געלייזט. איך האַלט, אַז זיי וועלן ווידער אָנגריַיפן אויף אונדז, ווי נאָר זיי וועלן זיַין גרייט. — ער האָט אַ זיפץ געטאָן. — מיר דאַרפן עס וויסן. נאָכאַמאָל וועלן זיי זיך עפּשער ניט וועלן אָפּשטעלן. מיר מוזן זיי איבערשפּיצן.

שוער, האָט דער גענעראַל אַ טראַכט געטאָן, זיך שלאָגן קעגן אַ קעגנער, וועגן וועלכן מע

ווייסט קימאַט גאָרנישט. דערצו נאָך אויך דער קעגנער האָט א מין געווער, וועגן וועלכן מע ווייסט שוין לאַכלוטן גאָרנישט.

היפּאָטעזעס זײַנען געווען אָן א שיר, אין בעסטן פאַל זײַנען עס געווען פּרוּוון פון גע־לערנטע טרעפן די רעטעניש. דאָס געווער האָט געקאָנט אָפּערירן אין צײַט — צוריקשלײַ־דערנדיק דאָס, אין וואָס עס האָט געטראָפן, אין אורווילדן כאַאָס אָדער אריבערטראָגן עס אין אן אנדער אויסמעסטונג. מעגלעך, אז דאָס געווער צעשטערט די אַטאָמען פון אינווייניק און פאַרוואַנדלט דעם קאָסמישן פלי־אַפּאַראַט אין אזא אַלץ פאַרלענדנדיק הײַפל אש, וואָס די אַלוועלט האָט נאָך ניט געזען.

איינס האָט קיין צווייפל ניט ארויסגערופן — קיין דעזינטעגראַציע איז עס ניט געווען, ווײַל ס'איז ניט געווען ניט קיין פאַרבלענדיקער ליכט־אויפבליץ, ניט קיין טערמאָ־אויסשטראַ־לונג. דער אָנגעגריפענער אַפּאַראַט ווערט פּאַשעט נעלעם.

— מיך באַאומרויִקט נאָך אָט וואָס, — האָט געזאָגט דער דאָקטער, — פאַרוואָס די ראַסעס, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן מיט די פּײַווערסן, נאָך איידער יענע האָבן זיך ארופגע־וואָרפן אַף אונדז, פאַרוואָס האָבן זיי, ווען מיר האָבן זיך געפּרוּווט צונויפריידן מיט זיי, אונדז אַפילע הערן ניט געוואָלט און האָבן זיך אָפּגעזאָגט כאָטש וואָס־ניט־איז מיטצוטיילן.

— פאַר אונדז איז עס א נײַער סעקטאָר פון קאָסמאָס, — האָט געזאָגט דער גענעראַל, — מע קען אונדז נאָך דאָ ניט.

— לאָגיש וואָלט געווען, — האָט דערווידערט דער דאָקטער, — ווען זיי וואָלטן זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט אין דער מעגלעכקײַט צו אָרגאַניזירן א בונד קעגן די פּײַווערסן.

— מיר קאָנען זיך ניט פאַרלאָזן אַף קיין פאַרבינדעטע. מיר זײַנען אַליין. מיר מוזן אַליין לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם.

— מיר וועלן אָנהייבן טייקעף, — האָט געזאָגט דער דאָקטער, — ווי עס וועלן זיך באַ־ווײַזן די געפאַנגענע. דעם פאַרלויפיקן ראַפּאָרט וועלן מיר צוגרייטן אין מעשעך פון איין שאָ, אויב ס'איז נאָך אין זיי געבליבן עפּעס מענטשלעכס...

— גוט, — האָט געזאָגט דער גענעראַל, זיך אָנגעבויגן און איז ארויס אין דרויסן.

די לאַגע איז געווען א ביז גאָר פּאַסקודנע. געווען פון וואָס צו פאַרלירן דעם קאָפּ, ווען מע זאָל זיך ניט האַלטן אין די הענט.

די געפאַנגענע האָבן געקאָנט ברענגען א געוויסע אינפאָרמאַציע, נאָר בלינד גלייבן אין אָט דער אינפאָרמאַציע האָט מען ניט געטאָרט, ווײַל זי האָט געקאָנט זײַן א פאַרמאַסקירטע פּאַסטקע, פּונקט אזא פּאַסטקע, ווי די, וועלכע מע האָט צוגעגרייט פאַרן קעגנער מיט דער הילף פון דעם געפאַנגענעם פּײַווערס.

ס'איז אוואַדע געווען א כיטרע שפּיצל — ארומרײַזן מיטן געפאַנגענעם און מיט שטאָלץ באַווײַזן אים אַלע אומפּראָטעקטבאַרע, אומגוצלעכע פּלאַנעטעס און מאַכן דערבײַ אָן אָנשטעל, אז דאָס זײַנען די רײַכסטע פּונקטן פון דער קאָנפעדעראַציע. טאַקע א כיטרע שפּיצל, אָבער נאָר באַ דעם באַדינג, ווען דער פּײַווערס וואָלט געווען א מענטש, ווײַל קיין איין מענטש וואָלט ניט דערלאָזט צו קיין קאָנפליקט און שוין אוואַדע ניט צו קיין מילכאָמע צוליב א פּלאַנעטע פון דעם מין, וואָס מע האָט געוויזן דעם געפאַנגענעם פּײַווערס.

נאָר דער פּײַווערס איז ניט געווען קיין מענטש. און קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס פאַר א סאָרט פּלאַנעטע עס קאָן אים געפעלן. דערבײַ איז געווען א געפאַר, אז דער פּוסטער און וויסטער אויסזען פון אָט די פּלאַנעטעס האָט אים געקאָנט ארופברענגען אַפן געדאַנק, אז פאַר־כאַפּן די ערד וועט זײַן א לײַכט שטיקל ארבעט.

די גאַנצע סיטואַציע איז א ביז גאָר פאַרפּלאָנטערטע, — האָט געטראַכט דער גענעראַל. עפּעס איז אין איר פאַראַן פּרינציפּיעל פאַלשס. אַפילע ווען מע נעמט שוין אין אכט, אז די ציוויליזאַציע פון די ערד־אײַנוווינער אונטערשיידט זיך ראַדיקאַל פון דער ציוויליזאַציע פון די פּײַווערסן, אַלציינס איז דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, ניט צו דערקלערן.

ער האָט דערהערט דאָס הודזשען פון מאָטאָרן און א הייב געטאָן דעם קאָפּ אין דער הייך. דער פלי־אַפּאַראַט איז געווען נאָענט און האָט מיט א גרויסער שנעלקײַט, צו א גרויסער, לויט דער מיינונג פון גענעראַל, זיך געקליבן זעצן. ער האָט פאַרטײַעט דעם אָטעם. נאָר אין דער זעלבער רעגע האָט דער אַפּאַראַט מיטאַמאָל פאַרטאָרמאָזירט און האָט מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקײַט זיך אראָפּגעלאָזט באַ א פּערטל מײַל ווײַט פון דעם אָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען דער פלי־אַפּאַראַט פון די ערד־אײַנוווינער.

דער גענעראַל האָט זיך געלאָזט לויפן אהין, דערנאָך זיך געכאַפּט און גענומען גיין גע־מאָסטן און רויִק, ווי עס פּאַסט פאַר א מיליטערמאַן.

די זעלנער זײַנען אַרױסגעלאָפֿן פֿון די בײַדלעך און זיך אױסגעשטעלט אין אַ קאָלאָנע. עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ באַפֿעל, און די קאָלאָנע האָט אַװעקגעמאַרשירט.

דער גענעראַל האָט זיך דערלױבט אַ שמײכל טאָן. זײַנע כװורע זײַנען געװען גוטע זעלנער. זײער רעאַקציע איז אַ מאָמענטאַלע. אױב די פֿײַװערסן האָבן אױסגערעכנט באַװײַזן זיך אומבאַמערקט און אַזױאַרום זיך דערשלאָגן אַ מין פּסיכאָלאָגישע איבערװאָג, האָבן זײ געהאַט אַ טאָעס אין כעזשבן און זײער סטראַטעגיע איז דורכגעפֿאַלן.

די מאַרשירנדיקע קאָלאָנע האָט זיך דערלאַנגט אַ קערעװע אױס און האָט אַװעקגעשפּאַנט צום פֿלי־אַפּאַראַט. די סאַניטאַרע מאַשין איז אַרױסגעפֿאָרן פֿון איר באַהעלטעניש און האָט זיך געלאָזט נאָך זײ. עס האָט זיך צעשאָטן דער שרױט פֿון פֿױקן. אין דער קאַלטער לופֿט האָבן די טרעלן פֿון דעם האָרן געקלונגען באַזונדערס רײן און לױטער.

אָט אַזעלכע מענטשן, האָט מיט שטאָלץ געטראַכט דער גענעראַל, האָבן גאַראַנטירט די אומבאַרירלעכקײַט פֿון דער װאַקסנדיקער קאָנפֿעדעראַציע און גאַראַנטירט איר שאָלעם. אָט אַזעלכע מענטשן װעלן װען־עס־איז, אױב דערױף װעט זײַן גאָטס ראָצן, ליקװידירן די געפֿאַר מיצאַד די פֿײַװערסן.

מילכאָמעס פֿלעגן איצט אױסברעכן זעלטן. דער קאָסמאָס איז געװען פֿאַר זײ צו גרױס, און עס זײַנען געװען פֿיל װעגן אױסצומײַדן אַ מילכאָמע. אָבער אַזאַ געפֿאַר, װי די פֿײַװערסן, האָט מען ניט געטאָרט איגנאָרירן. פֿריער צי שפּעטער, נאָר ס'װעט קומען דער טאָג, װען אָדער די ערד, אָדער די פֿײַװערסן װעלן לײַדן אַ מאַפּאָלע. אַזױ לאַנג װי די פֿײַװערסן װעלן באַדראָען אירע פֿלאַנגען, װעט די קאָנפֿעדעראַציע זיך ניט פֿילן רויִק.

פֿון הינטן האָבן זיך דערהערט אײַליקע טריט. דער גענעראַל האָט זיך אומגעקוקט. דאָס איז געװען דער קאַפּיטאַן דזשיסט, װאָס האָט, לױפֿנדיק, פֿאַרשפּיליעט דעם קיטעל. ער האָט דעריאָגט דעם גענעראַל.

— זײ זײַנען פֿונדעסטװעגן געקומען, סער.

— מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג אױף פֿערצן שאָ, — האָט באַשטעטיקט דער גענעראַל. — לאָמיר כאָטש אױסערלעך פּרוּװן אױסזען װי אַמבעסטן. באַ אײַך האָט זיך אָפּגעקנעפּלט דער קיטעל, קאַפּיטאַן.

— איך בעט אַנטשולדיקונג, סער, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן און פֿאַרשפּיליעט דאָס קנעפּל.

— גוט. גלײַכער דעם רוקן, העכער די ברוסט, פֿעסטער דעם טראָט. אײנס, צװײ, אײנס, צװײ!

מיט אַ װינקל אױג האָט ער דערזען, אַז דעם סערזשאַנט קאָנראַדס אָפּטײלונג, מאַרשירנדיק מיט דער פּינקטלעכקײַט פֿון אַ מעכאַניזם, עסקאָרטירט דעם געפֿאַנגענעם פֿײַװערס אין פֿולן העסקעם מיט די פֿאָדערונגען פֿונעם מיליטערישן סטאַטוט.

די זעלנער האָבן זיך אױסגעשטעלט אין צװײ שערענגעס פֿון בײדע זײַטן פֿון דעם אָנגעקומענעם פֿלי־אַפּאַראַט. עס האָט זיך געעפֿנט דער לױק, בראַזגענדיק, האָט זיך אָנגעהױבן אַראָפּלאָזן דער טראַפּ, און דער גענעראַל האָט אַ צופֿרידענער פֿעסטגעשטעלט, אַז ער מיטן קאַפּיטאַן דזשיסט װעלן צוגײן צום טראַפּ פּונקט אין דעם מאָמענט, װען ער װעט זיך אַראָפּלאָזן אױף דער אױבערפֿלאַך. אין דעם איז געװען אי דראַמאַטיזם, אי פּינקטלעכקײַט, פּונקט װי ער װאָלט אַלײן אױסגעפּלאַנירט די באַגעגעניש־צערעמאָניע ביז דער קלענסטער קלײניקײַט.

דער טראַפּ האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט, און דרײַ פֿײַװערסן, אונטערשפּרינגענדיק, װי זײער שטײגער איז, האָבן זיך אָנגעהױבן אַראָפּלאָזן.

אַ גאַנץ װאָכעדיק דרײַלינג, — האָט אַ טראַכט געטאָן דער גענעראַל. קײן אײן אָנשטענדיקער מונדיר, קײן אײן אָרדען אָדער מעדאַל.

דער גענעראַל האָט, קאָן מען זאָגן, גענומען די דיפּלאָמאַטישע איניציִאַטיװ אין זײַנע הענט, װי נאָר די פֿײַװערסן האָבן באַטראָטן די אױבערפֿלאַך פֿון דער פּלאַנעטע.

— זײַט געגריסט, — האָט ער אַרױסגערעדט הױך און לאַנגזאַם, דײַטלעך און קלאָר אַרױסברענגענדיק יעדעס װאָרט, אַז זײ זאָלן אים קאָנען פֿאַרשטײן.

זײ האָבן זיך אױסגעשטעלט אין אַ רײ. דער גענעראַל האָט געקוקט מיט באַהאַלטענעם כידעש אױף זײערע קײַלעכדיקע פֿרײלעכע פּענעמער. װײַזט אױס, אױף זײערע פּענעמער האָט זיך קײן אַנדער אױסדרוק ניט געהאַלטן. זײ האָבן ניט אַראָפּגענומען די אױגן פֿון אים.

דער גענעראַל האָט פֿאָרגעזעצט:

— די ערד האָט דעם פֿאַרגעניגן מיטצוטײלן, אַז זי פֿילט אױס אױפֿן סאַמע געװיסנהאַפֿטן אױפֿן אירע פֿאַרפּליכטונגען, װעלכע זײַנען פֿאַרפֿיקסירט געװאָרן אינעם פּראָטאָקאָל װעגן װאָפֿנשטילשטאַנד. דאָס איז, האָפֿן מיר אופֿריכטיק, דער אָנהײב פֿון אַן ערע...

— זייער סימפּאַטיש, — האָט געזאָגט איינער פון די פּיַוועורסן. וואָס האָט ער געהאַט אין זינען — דעם גענעראַלס קורצע רעדע אָדער די אַלגעמיינע סיטואַציע, איז שווער געווען צו זאָגן. דער העלדישער גענעראַל איז גרייט געווען פאַרזעצן זײַן אַרויסטרעטונג, נאָר דער פאַרשטייער פון די פּיַוועורסן האָט אופגעהויבן זײַן קורצן, דיקן טאַפּ־האַנט.

— די געפאַנגענע וועלן אינגיכן קומען, — האָט ער אויסגעפּײַפט.

— איר ווילט זאָגן, אַז איר האָט זיי ניט געבראַכט?

— זיי וועלן קומען ווידער, — האָט געזאָגט דער פּיַוועורס. ס'איז צו זען געווען, אַז עס באַאומרויִקט אים זייער קנאַפּ, צי פאַרמולירט ער גענוג פּינקטלעך זײַנע געדאַנקען. ער האָט נאָך אַלץ געשמייכלט צום גענעראַל און דערבײַ געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— דער רועך זאָל עס נעמען, — האָט אַ בורטשע געטאָן דער קאַפּיטאַן קימאַט אין אויער אַרײַן דעם גענעראַל.

— מיר וועלן זיך דורכריידן, — האָט געזאָגט דער פּיַוועורס.

— עפּעס האָבן זיי צוגעגרייט אַ שפּיצל, — האָט געוואָרנט דער קאַפּיטאַן, — מע וואָלט געמעגט אָפּגעבן אַ באַפעל וועגן געפאַרגרייטקײַט, סער.

— מאַסקים, — האָט געענטפערט דער גענעראַל, — נעמט אָן מיטלען, אַז דער באַפעל זאָל אויסגעפילט ווערן שטיל. — ער האָט זיך געווענדט צו דער דעלעגאַציע פון די פּײַ־וועורסן. — איך האָב די ערע צו פאַרבעטן די דזשענטלמענען צו זיך. קיבעד איז גרייט.

בא אים איז געווען אָן אײַנדרוק, אַז זיי וויצלען זיך און מאַכן פון אים כויזעק, נאָר ער איז דערין ניט געווען זיכער. די דאָזיקע פּנעמער זײַנען שטענדיק געווען פריילעך, באַ אַ באַליביקער סיטואַציע.

— מיר זײַנען זייער צופרידן, — האָט געזאָגט דער פאַרשטייער פון די פּיַוועורסן. — אָט דער קי...?

— געטראַנקען, — האָט געענטפערט דער גענעראַל און מיט זשעסטן געגעבן צו פאַר־שטיין, וואָס דאָס וואָרט באַטײַט.

— געטראַנקען — דאָס איז גוט, — האָט זיך אָפּגערופן דער פּיַוועורס. — געטראַנקען זײַנען פרײַנט?

— געוויס, — האָט באַשטעטיקט דער גענעראַל.

ער איז לאַנגזאַם אוועק צו זײַן בײַדל, באַמיִענדיק זיך ניט איבעריאָגן די פּיַוועורסן. מיט באַפרידיקונג האָט ער באַמערקט, אַז דער קאַפּיטאַן האָט אויסגעפילט זײַן באַפעל שנעל און פּינקטלעך. דער סערזשאַנט קאָנראַד האָט געבראַכט זײַן אָפּטיילונג צוריק אין לאַגער. פון די האַרמאַטן האָט מען שוין אַראָפּגענומען די אויבערדעקן, און דער לעצטער מיטגליד פון עקיפּאַזש איז געגאַנגען איבערן טראַפּ פון דעם פלי־אַפּאַראַט.

דזשיסט האָט דעריאָגט דעם גענעראַל סאַמע לעבן דעם בײַדל.

— אַלץ איז גרייט, סער, — האָט ער שטיל ראַפּאָרטירט.

— זייער גוט, — האָט געענטפערט דער גענעראַל.

זיי זײַנען אַרײַן אין בײַדל. דער גענעראַל האָט געעפנט דעם אײַז־קעלטער און אַרויס־גענומען אַ גרויסן גראַפין.

— דאָס, — האָט ער דערקלערט, — איז אַ געטראַנק, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט ספּע־ציעל פאַר אײַער לאַנדסמאַן. אים איז ער שטאַרק געפעלן.

ער האָט אוועקגעשטעלט גלעזער, אַרײַנגעלייגט שטרויעלעך צום טרינקען און האָט געעפנט דעם גראַפין. מער פון אַלץ האָט ער איצט געטרוימט וועגן איינס — ווי פאַרשטאָפּט מען אומבאַמערקט די נאָז, ווײַל דער געטראַנק האָט געאָוועדט, ווי אַ שטשור, וואָס איז געפייגערט מיט אַ וואָך צוריק. דער גענעראַל האָט אַפילע ניט געוואָלט טראַכטן, פון וואָס מע האָט דעם געטראַנק געמאַכט. די כימיקער האָבן אים צוגעגרייט פאַר דעם געפאַנגענעם פּיַוועורס, און יענער האָט אים געשלונגען ליטערווײַז און דערבײַ שטאַרק האַנאָע געהאַט.

דער גענעראַל האָט אָנגעגאָסן די גלעזער. די פּיַוועורסן האָבן זיי גענומען אין זייערע טאַפּ־הערנער און אַרײַנגעשטופּט די שטרויעלעך אין די שמאָלע מײַלער. זיי האָבן אויסגעטרונקען און אַזש פאַרגלייזט די אויגן פון אַנציקונג.

דער קאַפּיטאַן האָט דערלאַנגט דעם גענעראַל אַ גלאָז ווײַן, און יענער האָט מיט איין שלונג אויסגעטרונקען אַ האַלבע גלאָז. אין בײַדל איז געוואָרן דושנע. „נאָר וואָס קאָן אַ מענטש ניט אַריבערטראָגן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אויספילן דעם כויוו פאַר זײַנע פּלאַנעטעס און פעלקער”, — האָט דער גענעראַל אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט זיך צוגעקוקט צו די טרינקענדיקע פּײַווערסן און אַלץ געוואָלט פאַרשטיין, וואָס האָבן זיי אין זינען.

„מיר וועלן זיך דורכריידן“ — האָט אים געזאָגט זייער פאַרשטייער, און דאָס האָט גע־קאָנט באַטײַטן, וואָס איר ווילט. דאָס האָט געקאָנט באַטײַטן, אשטייגער, אַז די אונטערהאַנד־לונגען ווערן פאַרגעזעצט, און האָט געקאָנט זײַן בלויז אַ שפּיצל אַף צו געווינען צײַט.

אויב דאָס באַטײַט אונטערהאַנדלונגען, שטייט אין קאָן דער גורל פון דער ערד. נאָר קיין אַנדער ברירה, ווי פירן אונטערהאַנדלונגען, האָט ער ניט געהאַט. דער פּלאַט פון דער ערד איז ניט בעקויעך צו פירן קריגס־אָפּעראַציעס. די פּײַווערסן האָבן זייער געהיימניספול געווער. וועגן מילכאָמע האַלטן האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. די ערד האָט באַדאַרפט האָבן מינימום פינף יאָר, און נאָך בעסער — צען.

אויב דאָס האָט באַטײַט אַן אָנפאַל, אויב די דאָזיקע פּלאַנעטע איז ניט מער, ווי אַ פּאַ־סטקע, איז דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקאָנט טאָן — שלאָגן זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, און דאָס איז געגליכן געווען צו זעלבסטמאָרד.

אין ביידע פאַלן וועט פאַרשפּילן די ערד, — האָט באַשטימט דער גענעראַל. די פּײַווערסן האָבן אוועקגעשטעלט די גלעזער, און ער האָט זיי ווידער אָנגעפילט.

— באַ אײַך באַקומט זיך גוט, — האָט געזאָגט איינער פון די פּײַווערסן. — פּאַפּיר און אַ גריפעל זײַנען באַ אײַך פאַראַן?

— אַ גריפעל? — האָט איבערגעפרעגט דער גענעראַל.

— ער האָט אין זינען אַ בלײַפעדער, — האָט אונטערגעזאָגט דער קאַפּיטאַן.

— אָ, יאָ. פאַרשטייט זיך. — דער גענעראַל האָט אַרויסגענומען אַ בלאָקנאָט און בלײַפע־דערס און אוועקגעלייגט זיי אַפן טיש.

דער פּײַווערס האָט אוועקגעשטעלט די גלאָז, גענומען אַ בלײַפעדער און אָנגעהויבן צייכע־נען אַ קאָמפּליצירטע דיאַגראַמע. ער איז געוואַלדיק ענלעך געווען אַף אַ פּינפּיאָריק ייִנגעלע, וואָס לערנט זיך ערשט שרײַבן.

זיי האָבן געוואַרט. דער פּײַווערס האָט געצייכנט. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער אוועקגעלייגט די בלײַקע און אָנגעוויזן אַף אַ כוואַליעאַרטיקער ליניע.

— מיר, — האָט ער געזאָגט און אַ טײַטל געטאָן אַף אָט דער ליניע. דערנאָך האָט ער אָנגעוויזן אַף אַ זיגזאַגאַרטיקער ליניע און געמאָלדן: — איר.

דער גענעראַל האָט זיך אָנגעבויגן צום בלאָקנאָט, געוואָלט פאַרשטיין, וואָס האָט אָנגע־צייכנט דער פּײַווערס.

— סער, — האָט זיך אָנגערופן דער קאַפּיטאַן, — דאָס איז ענלעך אַף אַ סכעמע פון אַ שלאַכט.

— אַ סכעמע, — האָט מיט שטאָלץ באַשטעטיקט דער פּײַווערס. ער האָט אויפגעהויבן דעם בלײַער. — קוקט זיך צו.

ער האָט דורכגעפירט עטלעכע גראָדע ליניעס, אוועקגעשטעלט עטלעכע קאָמישע צייכנס אין איינע ערטער און ציילעמלעך אין אַנדערע. ווען ער האָט פאַרענדיקט, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פּלאַט פון דער ערד איז צעקלאַפּט, צעשניטן אַף דרײַ טיילן און מאַכט פּלייטע.

— דאָס, — האָט געזאָגט דער גענעראַל מיט אַ הייזעריקער שטים, עס האָט זיך געפילט, אַז עס שטיקט אים קאַס און צאָרן, — איז די שלאַכט אין קוואַדראַט נומ. 17. אַ העלפט פון אונדזער פינפטער עסקאַדרע איז יענעם טאָג פאַרניכטעט געוואָרן.

— אַ קליינער טאָעס, — האָט געזאָגט דער פּײַווערס און האָט באַרויִקנדיק אַ מאַך געטאָן מיטן טאַפּ־האָרן.

ער האָט אַרויסגעריסן פון בלאָקנאָט דאָס בלעטל מיט דער צייכענונג און אַ שלײַדער עס געטאָן אַף דער ערד. דערנאָך האָט ער ווידער גענומען צייכענען אַ סכעמע.

— אכטונג, — האָט ער געזאָגט.

דער פּײַווערס האָט ווידעראַמאָל אָנגעצייכנט צוויי גראָדע ליניעס, דאָס מאָל האָט ער אַ ביסל געענדערט זייער ריכטונג. איצט האָט די שלאַכט־פּלאַנגע פון דעם ערד־פּלאַט זיך צע־שפּאָלטן אַף צוויי טיילן און זיך פאַרוואַנדלט אין צוויי פּאַראַלעלע קאָלאָנעס, וואָס האָבן פאַר־קלעמט פון די פלאַנגען דעם דרײַעק פון די פּײַווערסן, אָפּגעבראָכן דעם שפּיץ פון דרײַעק, אַרומגערינגלט און צעטריבן זייערע פלי־אַפּאַראַטן.

דער פּײַווערס האָט אוועקגעלייגט דעם בלײַפעדער.

— אַ קלייניקײַט, — האָט ער מיטגעטיילט דעם גענעראַל און דעם קאַפּיטאַן. — איר זײַט בראַווע יונגען. איר האָט געמאַכט איין לײַכטן טאָעס.

דער גענעראַל האָט נאָכאַמאָל אָנגעגאָסן די גלעזער.

וואָס זײַנען זיי אויסן? — האָט ער א טראַכט געטאָן. — פאַרוואָס ווילן זיי ניט ריידן אָפן?

— אזוי איז בעסער, — האָט געזאָגט איינער פון די פּיַוועוערסן, אופהייבנדיק די גלאָז.

— נאָך? — האָט געפרעגט דער פּיַוועוערס דער סטראַטעג און האָט ווידער גענומען דעם בלײַפעדער.

— ביטע זייער, — דער גענעראַל האָט אינגאַנצן געזאָדן פון קאַס. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די מאַנשאַפטן זײַנען געשטאַנען בא די האַרמאַטן. דינע שטראָמען דאַמף האָבן זיך געקרײַזלט אַרום די דיוזן פונעם פלי־אַפּאַראַט. אין עטלעכע מינוט אַרום וועט ער גרייט זײַן אַוועקפליִען, אויב דאָס וועט נייטיק זײַן. דער לאַגער איז געלעגן א שטילער און א פאַרטײַעטער.

ער האָט זיך אומגעקערט צום טיש און געקוקט, ווי דער פּיַוועוערס לייענט ווײַטער פריי־לעך זײַן לעקציע וועגן דעם, וואָס מע דאַרף טאָן, קעדיי אויסשפּילן א שלאַכט. ער האָט גע־צייכנט א סכעמע נאָך א סכעמע און איז געווען אזוי גרויסמוטיק, אַז ער האָט פון צײַט צו צײַט באַוויזן, וויאַזוי עס האָבן געליטן א מאַפּאַלע די פּיַוועוערסן אין א סיטואַציע, ווען זיי האָבן געקאָנט זיגן, נאָר דערפאַר, ווײַל זיי האָבן א ביסל געענדערט די טאַקטיק.

— אינטערעסאַנט, — האָט מיט האַנאָע אויסגעהיכצט דער פּיַוועוערס.

— איך מיין אויך אזוי, — האָט געזאָגט דער גענעראַל, — נאָר איין פראַגע וואָלט איך וועלן שטעלן.

— פרעגט, — איז אײַנגעגאַנגען דער פּיַוועוערס.

— אויב מיר וועלן ווידער אָנהייבן מילכאָמע האַלטן, ווו איז די גאַראַנטיע, אַז מיר וועלן עס ניט אויסנוצן קעגן אײַך?

— אויסגעצייכנט, — האָט מיט היץ אויסגערופן דער פּיַוועוערס. — דאָס ווילן מיר טאַקע.

— איר שלאָגט זיך גוט, — האָט געזאָגט א צווייטער, — נאָר א ביסל צו האַרבלעך. אַן אַנדערשמאָל וועט זיך עס בא אײַך באַקומען א סאַך בעסער.

— האַרבלעך! — האָט זיך אָנגעצונדן מיט רעציכע דער גענעראַל.

— צו גראָב, סער? ס'איז גאָר קיין מוז ניט, אַז די פלי־אַפּאַראַטן זאָלן זיך אופרײַסן.

פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן א האַרמאַטן־זאַלפּ, דערנאָך א צווייטער, און דורכן דונער פון דער קאַנאָנאַדע האָט זיך דורכגעריסן דער אָנוואַקסנדיקער מעכטיקער רויש פון א סאַך מאָטאָרן.

דער גענעראַל האָט זיך א וואָרף געטאָן צום אַרויסגאַנג און איז אַרויסגעלאָפן פונעם בײַדל. דאָס היטל איז אַראָפּגעפאַלן בא אים פון קאָפּ, ער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן אַף די פיס. ער האָט א קוק געטאָן צום הימל און דערזען פלי־אַפּאַראַטן, וועלכע האָבן, עסקאַדרע נאָך עסקאַדרע, אַראָפּגענידערט, באַלײַכטנדיק דעם פינצטערן אַרום מיטן פלאַם, וואָס האָט זיך געריסן פון די דיוזן.

— אופהערן שיסן! — האָט זיך דער גענעראַל צעשריִען. — איר, פינצטערע אידיִאָטן, הערט אוף שיסן!

ער האָט, אייגנטלעך, פאַרשפּאַרט שרײַען. די האַרמאַטן זײַנען שוין אַנשוויגן געוואָרן. און די פלי־אַפּאַראַטן האָבן געגנידערט און געגנידערט לויט אַלע קלאָלים פון מיליטערישן סטאַטוט.

דער גענעראַל איז געשטאַנען א פאַרגליווערטער, דער ווינט האָט געשויבערט זײַנע גרויליקע, מיט מעטאַלענעם גלאַנץ, האָר. זײַן האַרץ איז געווען פול אי מיט שטאָלץ, אי מיט דאַנקבאַרקײַט. א קנויל, אַף ניט אַראָפּצושלינגען, האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז.

עמעץ האָט אים אָנגעריִרט באַם עלנבויגן.

— די געפאַנגענע, — האָט געזאָגט דער פּיַוועוערס. — איך האָב אײַך געזאָגט, אַז אין א שטיקל צײַט אַרום.

דער גענעראַל האָט געפּרוּווט עפּעס ענטפערן, נאָר דער קנויל האָט אים נאָך אַלץ גע־וואָרגן. ער האָט געמאַכט נאָך אַן אָנשטרענגונג און קוים צו הערן אַרויסגעשטאַמלט:

— מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען.

— איר האָט ניט געהאַט קיין כאַפּ־אַפּאַראַט, — האָט געזאָגט דער פּיַוועוערס, — דערפאַר האָט איר זיך געשלאָגן אזוי ברוטאַל.

— אַנדערש האָבן מיר ניט געקענט, — האָט געענטפערט דער גענעראַל. — מיר האָבן ניט געוווּסט. אזוי האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט מילכאָמע געהאַלטן.

— מיר וועלן אײַך געבן אונדזערע כאַפּ־אַפּאַראַטן, — האָט פאַרגעזעצט דער פּיַוועוערס. — דאָס אַנדערע מאָל וועלן מיר שוין שפּילן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. מיט די כאַפּ־אַפּאַראַטן וועט זיך בא אײַך באַקומען בעסער, און אונדז וועט זײַן אינטערעסאַנטער.

וואָס איז דער כידעש, האָט א טראכט געטאָן דער גענעראַל, וואָס זיי האָבן קיין אנונג ניט געהאט וועגן וואָפנשטילשטאנד? וואָס איז דער כידעש, וואָס זיי האָבן קיין פאָרשטעלונג ניט געהאט וועגן אונטערהאנדלונגען און אויסטויש פון געפאנגענע? אלפּי־קלאַל דארף מען ניט פירן קיין אונטערהאנדלונגען, קעדיי אומקערן פיגורן, וואָס מע האָט גענומען בייס א שפּיל.

און ס׳איז געוויס קיין כידעש ניט, וואָס אנדערע ראסן האָבן מיט פאראכטונג און עקל זיך באצויגן צום פאָרשלאָג פון דער ערד — פאריניקן זיך קעגן די פײַווערסן.

— ניט קיין ספּאָרטיווער און ניט קיין נאָבעלער פאָרשלאָג, — האָט געזאָגט דער גענעראַל אין דער הייך. — נאָר זיי האָבן אונדז געדארפט זאָגן. און עפשער זײַנען זיי שוין דערצו געוווינט.

איצט האָט ער אויך פארשטאנען, פארוואָס די פײַווערסן האָבן אויסגעקליבן גראָד די פּלאַ־נעטע. מע האָט געדארפט האָבן גענוג אָרט, אלע פלי־אפּאראטן זאָלן זיך קאָנען זעצן.

דער גענעראַל איז געשטאנען און געקוקט, ווי די פלי־אפּאראטן האָבן זיך לאנגזאם געזעצט, אײַנגעהילט אין ראָזע פײַערדיקע וואָלקנס. ער האָט געפּרוווט ציילן זיי, נאָר אינגיכן פארלוירן דעם כעזשבן, כאָטש ער איז געווען זיכער, אז יעדער אפּאראט, וועלכן די ערד האָט פארלוירן, וועט זיך געפינען.

— מיר וועלן אײַך געבן כאַפּ־אפּאראטן, — האָט איבערגעכאזערט דער פײַווערס. — מיר וועלן אײַך אויסלערנען זיך באנוצן מיט זיי, מיט זיי איז לײַכט צו מאניפּולירן. זיי וועלן קיינמאָל ניט צעשעדיקן ניט קיין מענטשן, ניט קיין פלי־אפּאראטן.

„דערין שטעקט עפּעס גרעסערס, ווי פּאָשעט א נארישע שפּיל, — האָט געזאָגט צו זיך אליין דער גענעראַל, — כאָטש, מעגלעך, אז זי איז גאָר ניט אזא נארישע, אָט די שפּיל, אויב מע זאָל זיך גוט א גריבל טאָן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט, אין די יעסוידעס פון דער ציוויליזאציע און אין די פילאָסאָפישע קאָנצעפּציעס, וועלכע זײַנען מיט איר פארבונדן. איינס קאָן מען אלנפאלס זאָגן: זי איז בעסער, ווי אן עמעסע מילכאָמע“.

נאָר וויבאלד עס זײַנען דאָ כאַפּ־אפּאראטן, באטײַט עס אויס מילכאָמע. צו די קליינע מיל־כאָמעס, וואָס ווערן נאָך געפירט, וועט אויך נעמען א סאָף.

— מיר וועלן זיך נאָכאמאָל באגעגענען? — האָט געפרעגט דער פײַווערס מיט אינטערעס.

— געוויס, — האָט געענטפערט דער גענעראַל. — ווען איר ווילט. איר זײַט ווירקלעך אזוי פלינק, ווי איר האָט דאָ דערציילט?

— איר זײַט ניט קיין גרויסע ספּעציאַליסטן, — איז זיך דער פײַווערס מוידע געווען מיט באַיווער אופריכטיקײַט. — נאָר בעסערע פון די אלע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך ביז איצט באגעגנט. שפּילט מער, וועט זיך בא אײַך באקומען בעסער.

דער גענעראַל האָט א שמייכל געטאָן. פונקט ווי דער סערזשאנט און דער קאַפּיטאן מיט זייער שטענדיקער פארטאָגענקײַט אין שאָך, — האָט ער א טראכט געטאָן.

ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און א פּאטש געטאָן דעם פײַווערס איבערן אקסל.

— לאָמיר זיך אומקערן, — האָט ער געזאָגט. — אין דעם גראַפין איז נאָך עפּעס געבליבן...

ייִדיש — ב. קאָטיק.

אויסלענדישע נאָוועלן

אויג־אויף־אויג מיט זיך אַליין

אין די יינגערע יאָרן האָב איך געאַרבעט אין אַ צײַטונג. עס איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט פאַרשיידענע מענטשן. אינדערפֿרי בין איך געלאָפן אין דער מיליציע כאַפּן אַ שמועס וועגן די געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען באַנאַכט, ווו וואָס האָט געברענט, ווער וועמען האָט דערהאַרגעט, וועלכע פאַרברעכער האָט מען געכאַפּט און וועלכע דאַרף מען נאָך כאַפּן.

מיט וועמען קומט דען ניט אויס צו שמועסן אַ צײַטונגס־מענטש? ער גייט אויף די זאַוואָדן, אויף די בוי־באַצירקן, אין די אַנשטאַלטן, אין די שולן, ער רעדט מיט שלאָסערס, טאָקערס, סטאָליערס, אינזשעניערן, לערער, פּראָפעסאָרן, קעכערס.

איך האָב געהאַט דעם קאָוועד אינטערוויוירן גרויסע שרײַבער און גרויסע אַרטיסטן.

איצט אינטערוויויר איך קיינעם ניט, און איך אַליין בין ניט אויף אַזויפיל באַרימט, אַז מע זאָל מיך אינטערוויוירן. נאָר גאָר ניט לאַנג, סאַכאַקל מיט אַ טעג צוויי צוריק, האָט זיך פּלוצעם אַרײַנגעשטעלט צו מיר אַ מיטלוווקסיק דאַר באָכערל מיט בלײַערס און בלאָקנאָטן אין די קעשענעס פונעם לײַוונטענעם פּידזשאַקל. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זײַן אומגעריכטן וויזיט און מיך געפרעגט, צי איך האָב אַ ביסל פרײַע צײַט. און טאַקע גלײַך ווי איך האָב אים אַרײַנגעפירט אין מײַן צימער און אַוועקגעזעצט באַ דער זײַט פונעם שרײַבטיש, האָט ער זיך גענומען צו דער מלאָכע. קיין פראַגעס האָט ער צוערשט ניט פאַרגעבן, ער האָט געקוקט אויף מיר און באַשריבן מײַן אויסערלעכן אויסזען, דערבײַ אַ פּאָר מאָל אַרויסגעגעבן אַ מאָדנעם קלאַנג, גלײַך עפּעס האָט אים פאַרוווּנדערט אין מיר.

איך האָב דערווײַל אויך זיך אײַנגעקוקט אינעם פאַרשויז, און עס האָט מיר געגומען דוכטן, אַז פונקט אַזוי האָב איך אויסגעזען מיט אַ יאָר דרײַסיק — פינף און דרײַסיק צוריק. ווער האָט אים גערופן? וועלכער גוט־יאָר האָט אים אַראָפּגעבראַכט?

— נו, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זײַן פּאָרטרעט־באַשרײַבונג, און פונעם דאָזיקן „נו" האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז ער איז ניט פון די שעמעוודיקע יונגעלײַט, קאָן, ווײַזט אויס, גוט זיך אײַנעסן אין די ביינער, אַרײַנקריכן יענעם אין די געדערעם ניט ערגער פון מיר אין די אַמאָליקע צײַטן. — נו, וועלן מיר אָנהייבן אונדזער שמועס. אָבער לאָמיר אויסנעמען, אַז איר וועט זײַן אָפּנהאַרציק. איך וועל פרעגן אַלץ, וואָס איך דאַרף, און איר וועט מיר ענטפערן אָן דריידלעך, קלאָר און דײַטלעך. איר האָט רעכט אינגאַנצן ניט צו ענטפערן אויף אַ פראַגע. אָבער פּלאָנטערן דאַרף מען ניט. אַלזאָ, הייב איך אָן. וואָס שרײַבט איר איצט?

— איך שרײַב אַ ראָמאַן.

— אַזוי גאָר? ווי קומט עס? איר האָט דאָך געשריבן דערציילונגען און נאָוועלן. וואָס האָט אויף די עלטערע יאָרן אײַך געצווונגען צו בײַטן דעם זשאַנער?

עס האָט מיך שאָקירט דער פרײַער, כ'וואָלט אפילו געזאָגט, פרעכער טאָן, מיט וועלכן ער האָט גלײַך פון אָנהייב מיר גענומען שטעלן זײַנע קאַשעס. אָבער אַז אַ רעפּאָרטיאָר פרעגט, דאַרף מען ענטפערן.

— דעם עמעס געזאָגט, — האָב איך זיך אָפּגערופן, — אַ ראָמאַניסט קלינגט טאַקע וואַגיקער, סאָלידער, איידער אַ נאָוועליסט. דער אָדער יענער כאַשעווער קריטיקער קאָן זיך פאַרגינען אַ נעם טאָן אין איין אַרטיקל אַ גאַנץ פּעקל נאָוועליסטן און זיי אָפּשמײַסן, ווי די קיידער־יינגלעך, פאַר אָנצאָליקע כעסרוינעס, וואָס ער האָט באַ זיי געפונען. איינעם דערלאַנגט ער אַ

גאָב פאַרן שלעכטן אָנהייב, א צווייטן — פאַרן צעצויגענעם מיטן, א דריטן — פאַרן צו גיכן סאָף. די דערציילונגען רופט ער ניט אָן דערציילונגען, נאָר עסקיזן, עטיודן, סקיצן, און צווישן די שורעס פונעם ארטיקל קאָן מען גאַנץ לייַכט ארויסלייענען, אז די שרייַבער, וועגן וועלכע ער רעדט, האַלט ער ביכלאַל ניט פאַר קיין שרייַבער. א ראָמאַניסט איז עפּעס אנדערש. פאַר א ראָמאַניסט האָט מען אָפּשייַ. ווי שלעכט דער ראָמאַן זאָל ניט זייַן, געפינט מען אָף די דרייַ — פיר — פינף הונדערט זייַטן א פּאָר גוטע ערטער, פאַר וועלכע דעם אווטאָר קומט א יאַשער־קויעך. מע גריבלט זיך אינעם ראָמאַן, מע אַנאַליזירט אים, מע כאַראַקטעריזירט דעם הויפּט־העלד, די צווייטראַנגיקע העלדן, מע רעדט וועגן דער עפּאָכע, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט אָדער האָט געזאָלט ווערן אָפּגעשפּיגלט, מע עפנט א דיסקוסיע און מע לאַדט אייַן די לייענער אָנטיילצונעמען אין איר. דערווייַל ווערט דער מעכאַבער פּאָפּולער, עס הענגט שוין אָף אים א שטיקל לאָרבער־קראַנץ... אָבער היט מיך, גאָטעניו, אויס פון אַזאַ רום און קאָוועד. דאָס אַלץ איז א מייַכל, וואָס מע קאָן נאָך עפּשער ליב האָבן אין דער פריִער יוגנט... איר אַליין, יונגערמאַן, האָט שוין דערעכאַגעוו פאַרענטפערט די פראַגע, פאַרוואָס איך האָב גענומען שרייַבן א ראָמאַן. איר האָט געזאָגט: „אָף די עלטערע יאָרן". איז אָט, טאַקע ווייַל אָף די עלטערע יאָרן, ווילט זיך אַלץ אויספּרוּוון.

— איצט, ווען מע דיסקוטירט אַזויפיל וועגן עצעם ראָמאַן און א סאַך שרייַבער פרעגן אים ביכלאַל אָפּ, האָט איר זיך דאַפקע גענומען פּרוּוון... לייענט איר כאָטשבי די דיסקוסיע־מאַטע־ריאַלן?

— דאָס איז מייַן גליק, וואָס איך לייען זיי ניט. איידער דיסקוטירן וועגן ראָמאַן, איז בע־סער אים שרייַבן...

— א שרייַבער זייַט איר ניט קיין גרויסער, כ'וואָלט געזאָגט, א מיטלמעסיקער, ריכטיקער אפילע — א קליינער שרייַבער, קיין איין ווערק פון די, וואָס איר האָט אָנגעשריבן, איז ניט קיין שעדעווער. איך גלייב, אז איר באַליידיקט זיך ניט, מיר האָבן דאָך מיט אייַך אָפּגערעדט צו זייַן אָפנהאַרציק. זאָגט זשע מיר, ביטע, צי האָט איר ביכלאַל ניט כאַראָטע, וואָס איר זייַט געוואָרן א שרייַבער? ווען ס'וואָלט זיך צו אייַך אומגעקערט די יוגנט, וואָלט איר ווידער אויסגעקליבן דעם זעלבן וועג?

— קעדייַ מייַן ענטפער זאָל אייַך ניט אויסווייַזן צו זייַן לייַכטזיניק, אָדער ער זאָל ניט קלינגען ווי א פאַרלאַנג א ביסל זיך אויסצופּייַנען, לאָמיר פריִער פעסטשטעלן, וואָס הייסט א קליינער שרייַבער. אָף מייַן לעבן האָב איך אָנגעשריבן א סאַך דערציילונגען, און ווי איר האָט ריכטיק באַמערקט, איז קיין איינע פון זיי ניט קיין שעדעווער, קיין רוישעם אָף דער וועלט האָבן זיי ניט געמאַכט. ווען זיי וואָלטן ניט געווען אָנגעשריבן, וואָלט אינעם אָקעאַן דערציילונ־גען געפעלט בלויז א טראָפּן, אפילע קיין טראָפּן אויך ניט, נאָר עפּעס אַזעלכס, וואָס איז נאָענט צום נול. איך דאַרף אָבער זאָגן, אז איך בין צופרידן, וואָס אָט דאָס אומגעהייער קליינע פּיצעלע, דאָס מאַקסימאַל־נאָענטע צום נול, געהערט צו מיר, און נאָר צו מיר...

— איז בא אייַך שטענדיק ריין געווען דער געוויסן? האָט איר געשריבן נאָר דאָס, וואָס איר מיינט, באַוווּנדערט דערשייַנונגען, וואָס דאַרפן טאַקע ווערן באַוווּנדערט, געטאַדלט זאַכן, וואָס דאַרפן טאַקע געטאַדלט ווערן? אויב איר ווילט ניט, אז אייַער ענטפער זאָל פאַרשריבן ווערן, פאַרמאַך איך גלייַך דעם בלאָקנאָט, און קיין איין וואָרט פונעם ענטפער וועט ניט ווערן פאַר־צייכנט. אָט האָב איך אים שוין פאַרמאַכט, דעם בלאָקנאָט, און אויך פאַרמאַכט די פּילפּעדער, אָנגעטאָן אָף איר דאָס קאָלפּעקל.

— עפנט אים ווידער, אייַער בלאָקנאָט, און נעמט אין דער האַנט די פּען. דאַפקע דאָס, וואָס איך וועל באַלד זאָגן, וויל איך, אז איר זאָלט פאַרצייכענען וואָרט אין וואָרט.

א שרייַבער, מעג ער זייַן גרויס אָדער קליין, נאָר אויב ער שרייַבט ניט דאָס, וואָס ער מיינט, אויב ער האָט בייסמייַסע אין זינען ניט זייַן ליטעראַרישע אויפגאַבע, נאָר עפּעס אנדערש, איז ער ניט קיין שרייַבער, נאָר א שווינדלער, ערגער פון א גאַנעוו, — ער קריכט ניט אין קעשענע, ער קריכט אינעם מענטשנס נעשאָמע. ווען איך לייען ווידער איבער מייַנע דערציילונגען, קאָן איך זיך ניט באַשולדיקן אין אַזאַ שווערער זינד. מייַן געוויסן איז ריין.

— א נאַרישע פראַגע, נאָר דאָך וועל איך זי אייַך פאַרגעבן. ווען מע זאָל אייַך שטעלן פאַר אָן אויסוואַל: אָנשרייַבן זייער א גוט ווערק, אַזאַ, וואָס איר האָט נאָך קיינמאָל ניט אָנגעשריבן, אָן עמעסן שעדעווער, אָדער לעבן מיט פינף יאָר ווייניקער, וויפל עס איז אייַך באַשערט, — וואָס וואָלט איר אויסגעקליבן?

— איציק קיפּניס שרייַבט אין זייַנע טאָגביכער, אז דער ראָמאַן זייַנער „אונטערוועגנס" איז אים געווען אַזוי טייַער, אז ווען מע זאָל אים פרעגן: צי זאָל ער בלייַבן לעבן, אָדער דער

קסאָוויאַד זאָל בלײַבן גאַנץ, וואָלט ער געבעטן, דער קסאָוויאַד זאָל בלײַבן גאַנץ. הירשל דיִא־מאַנט, ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט אָפּגעבן דאָס לעבן, אַבי אָנשרײַבן איין ליד, אַן איין־און־איינציקע ליד, וואָס זאָל שטיין אַפן ניוואָ פון גרויסער דיכטונג. איך האָב אויך מיט יאָרן צוריק אַזוי געטראַכט. נאָר איצט שוין ניט. איך וואָלט גע־וואָלט לעבן מיט פינף יאָר מער, און ניט נאָר מיט פינף יאָר — מיט פינף כאַדאָשים מער, מיט פינף טעג. דאָס לעבן איז שענער פון יעטווידן בוך; מעג דאָס בוך אַפילע זײַן דײַנס אַן אייגנס.

— וועלכע שרײַבער האָט איר ליב?

— איך האָב ליב אַלע גוטע און געשמאַקע שרײַבער.

— עס איז מיר ניט אינגאַנצן קלאָר, וואָס איר ווילט דערמיט זאָגן. איז דען דאָס, וואָס עס איז גוט, ניט אויך געשמאַק?

— ניט שטענדיק. ריצנייל איז אַ גוטע רעפּוע, אָבער ניט קיין געשמאַקע. אַ שרײַבעריש שטיקל אַרבעט דאַרף זײַן ניט נאָר גוט, עס דאַרף ניט נאָר אָפּשפּיגלען, דערציִען, לערנען, נאָר אויך זײַן שיין, פאַרשאַפן פאַרגעניגן, געַנוס. דאָס איז אַן אַלטע, אַ לאַנג־באַוווּסטע זאַך, וועלכע מיר, שרײַבער, פאַרגעסן אָפטמאָל, ווען מיר זיצן באַם שרײַבטיש.

— זאָגט, ביטע, פון ווען אָן האַלט איר זיך פאַר אַ שרײַבער?

— אַ שרײַבער בין איך געוואָרן, ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר און ווען אין דער כאַרקאָווער שול נומער נײַן, ווו כ׳האָב דאַן זיך געלערנט, האָט מען אין דער וואַנטצײַטונג אַרײַנגעשריבן מײַנע אַ נאָטיץ. וויִאַזוי זי האָט געהייסן, געדענק איך ניט, אָבער די ערשטע שורע געדענק איך. „אַ קינד האָט געוויינט“ — אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מײַן נאָטיץ וועגן לענינס טויט. דערנאָך, אין אַ יאָר צען אַרום, ווען עס איז אַרויס מײַן ערשט ביכל „נאָוועלן“, בין איך געוואָרן אויס שרײַבער.

— ??

— דאָס ביכל איז דערשינען אין כאַרקאָוו. איך האָב דאַן געלעבט אין מאָסקווע, געלערנט דאָרטן, אָבער אין כאַרקאָוו בין איך שוין געווען פאַרליבט, עס האָט מיך אַהין געצויגן, ווי מיט אַ מאַגנעט, און איך האָב זיך קוים דערוואַרט אַף די קאַניקולן, קעדיי גלײַך אַוועקצופאָרן אַהין. כ׳האָב שוין גוט געהאַט באַקלערט די אויפשריפטן, וואָס כ׳וועל מאַכן אַף די ביכלעך, וועלכע כ׳וועל אונטערטראָגן מײַנע כאַרקאָווער פאַרערער. צום רומל האָט מיר נאָר געפעלט אויסצו־טרינקען און צו פאַרבײַסן. אינעם ערשטן מאַגאַזין, ווו איך בין אַרײַן, האָט מען מיר דעם הע־רינג אײַנגעוויקלט אין אַ דערציילונג פון מײַן ביכל... דערנאָך האָב איך אַ לענגערע צײַט גאָרניט געשריבן.

— דערציילט וועגן אַנדערע אײַערע ביכלעך. וויִאַזוי האָט איר זיי געשריבן?

— זייער פּאָשעט, זיצנדיק באַם טיש. אין די יונגע יאָרן, אין כאַרקאָוו — באַ אַ טישל אין דער קאָראָלענקאָ־ביבליִאָטעק און אין מאָסקווע — אין דער אינסטיטוטישער ביבליִאָטעק אַף קליין־פּיראָגאָווקע. איין ביכל — מילכאָמע־דערציילונגען — האָב איך אָנגעשריבן ניט באַם טיש, נאָר ליגנדיק אַפן אויוון.

— פאַרוואָס עפּעס אַפן אויוון?

— דאָס איז אַ לאַנגע מײַסע. אויב איר ווילט, קאָן איך זי אײַך דערציילן.

— ביטע.

— מילכאָמע־צײַט, נאָכדעם, ווי אין אַן עוואַקאָ־שפּיטאָל האָט מען מיך געמאַכט פון טויט לעבעדיק, אַרויסגענומען דעם מינען־שפּליטער, וואָס איך האָב געקראָגן פונעם דײַטש בייס אַן אַטאַקע אונטער מאָסקווע, האָט מען מיך, ווי אַ סאַך אַנדערע פאַרוווּנדעטע, געשיקט אין אַ קאָלווירט פאַריכטן דאָס געזונט. גאָרנישט ניט טאָן איז דאָך ניט שײַעך, האָט מען יעדן סאָל־דאַט געגעבן אַן אַרבעט, וואָס האָט פאַר אים געפּאַסט. איך בין געוואָרן אַ וועכטער אַף אַ מילך־פערמע, וואָס האָט זיך געפונען ניט גופע אינעם דאָרף, נאָר אַף אַ לאָנקע צווישן בערג. דער איקער אין מײַן אַרבעט איז געווען — היטן, אַז דער אָקס, וואָס האָט געהייסן „פּרינץ“, זאָל זיך ניט אָפּרײַסן פון דער קייט און ניט אָנמאַכן אַ כורבן אין דער שטאָל, און אַז די בעהיימעס, וואָס דאַרפן זיך אָפּקעלבן, זאָלן די מעלאָכע אָפּטאָן אונטער דער אויפזיכט פון אַ מעלקערן. די מעלקערן האָב איך געדאַרפט באַצײַטנס אויפוועקן, ווי נאָר כ׳האָב באַמערקט, אַז באַ דער בע־היימע „הייבט זיך אָן“. מע דאַרף היטן דעם מאָמענט, ווײַל דאָס קעלבל, גלײַך ווי עס פאַרלאָזט דער מוטערס טראַכט, נעמט עס קריכן, און ס׳קאָן פאַרקריכן צו דעם רינשטאָק, אַרײַנפאַלן אַהין, בלײַבן ליגן אין דער נעץ און זיך צוקילן. דאָס נײַ־געבאָרענע באַשעפעניש האָב איך באַדאַרפט נעמען אַף די הענט און עס אַוועקטראָגן צום אויוון אינעם פירהויז פון דער שטוב, ווו איך האָב געוווינט. אינעם איינציקן צימער פון דער הײַזקע האָט געלעבט דער פאַרוואַלטער

פון דער פערמע, אויך א פאַרווונדעטער שלאַכטמאַן, וואָס האָט כאַסענע געהאַט מיט א היגער מעלקערן. דאָס פּירהויז מיטן גרויסן אויוון באַם אַריַינגאַנג האָט געהערט צו מיר און צו די נייַ־געבאָרענע קעלבלעך. געווען איז עס סאָף ווינטער, די רעכטע צייַט, ווען די בעהיימעס קעלבן זיך, נאָר גראָד דאַן איז אָף מיר ארוף דער רועך־האַקוידעש. קיינמאָל ניט — ניט פריִער, ניט שפּעטער — בין איך ניט געווען אזוי אַריַינגעטאָן אינעם שרייַבן. עס האָט זיך געשריבן א סאַך און לייַכט. א דערציילונג האָט זיך אויסגעפּיקט אָן שום מאַטערניש, אָן מעקעניש; א פרישע, א גאַנצע, א וואַרעמע, איז זי יעדער מאָל געבליבן ליגן באַ מיר אָפן פּריפּעטשיק, ווי אַן אייעלע אָף א סידלקע. געשריבן האָב איך אָף די אויסגענוצטע קאָנטאָר־ביכער פון דער פערמע. אין אָנהייב פון יעדער שורע מייַנער איז געשטאַנען א פאַמיליע־נאָמען פון א מעלקערן אָדער א נאָמען פון א בעהיימע, און אינמיטן איז די שורע געווען איבערגעפלאָכטן מיט די ציפערן וועגן בידאָנען און וועגענער היי. ליג איך אזוי איינמאָל באַנאַכט אָפן אונטערגעשפּרייטן וואַטניק, וואָס איז שוין אזוי אייַנגעלעגערט, אז ער איז האַרטער, דאַכט זיך, ווי די ציגל פונעם אויוון, נאָר איך פיל זי ניט, די האַרטקייַט, מיר איז ווייך; דאָס קאַרביד־לעמפּל טשאַדעט, עס ברענט זייער טונקל, נאָר די רוִע איז באַ מיר א גוטע, איך זע יעדעס בוכשטאַבל, וואָס איך שרייַב אָן. פאַרענדיקט איין דערציילונג און גלייַך אָנגעהויבן א צווייטע, און דערווייַל האָב איך גאָר פאַרגעסן וועגן דער בעהיימע, וואָס האָט געדאַרפט זיך קעלבן. דערמאָנט האָב איך זיך שפּעט, לעאַכער־האַמייַסע. ווען איך בין אַרייַן אין שטאַל, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. דאָס קעלבל איז געלעגן אין דעם רינשטאָק און געציטערט פאַר קעלט. איך האָב עס געכאַפּט, אַייַנגעקוטעט אין מייַן שינעל, אַוועקגעטראָגן צו זיך, אין מייַן וואַרעמען פּירהויז. עס האָט אָבער אַלץ ניט געקאָנט זיך דערוואַרעמען, די דינע הויכע פיסלעך זייַנען געווען פאַרגליווערט, די אויגן זייַנען געווען אומעטיקע, גאָר ניט אַזעלכע, ווי זיי דאַרפן זייַן באַ א נאַריש קעלבל, וואָס האָט דערזען די ליכטיקע שייַן. זיי זייַנען אויך געווען ווי פאַרגליווערט, פון זיי האָבן, דוכט מיר, אַרויסגעשטעקט גרייַפּעלעך אייַז, און עפּעס גאָר, ווי א געפערלעך קראַנק קינד, האָט עס מיט א שטילן טרויער געשמוכט. איך האָב אופגעוועקט דעם פאַרוואַלטער און פון אים גלייַך אַרייַנגעכאַפּט מייַן פאַרדינטע גאָב; ער האָט געזאָגט, אז מע דאַרף מיך שיקן אין דער ראָטע פון שטראַפניקעס. איך האָב אויך געקראָגן א כיילעק פון די מעלקערנס. דאָס קעלבל איז געלעגן אָף מייַן שינעל, מע האָט עס געפּרוּווט פּאָיען מיט וואַרעמער מילך, דערוואַרעמען מיט די אייגענע אָטעמס, אָבער אָפּראַטעווען עס האָט זיך ניט אַייַנגעגעבן. מייַן געוויסן מאַטערט מיך ביז איצט. איך האַלט עס פאַרן גרעסטן פאַרברעכן, וואָס כ׳בין ווען־עס־איז באַגאַנגען.

— איך וועל אייַך שטעלן א פראַגע, וואָס וועט אייַך מיסטאַמע ניט געפעלן, נאָר ענטפערט מיר, ווי איר וואָלט געענטפערט זיך אַליין. איר וווינט אין מאָסקווע, זעלטן הערט איר אָף דער גאַס א ייִדיש וואָרט, די מערהייַט ייִדן האָבן זיך אַסימילירט. מע לייענט ווייניק אָף ייִדיש. צי איז אייַך ניט צו לאַסט, וואָס איר זייַט גראָד א ייִדישער שרייַבער? אייגנטלעך, פאַר וועמען שרייַבט איר, און ווו נעמט איר מוט צו שרייַבן פאַר אַן ענגן קרייַז לייענער? באַהערשט אייַך ניט א געפיל פון ייִעש?

— איך וועל אָנהייבן פונעם סאָף פון אייַער פראַגע. וועגן ייִעש. א טיפער ייִעש האָט מיך אַרומגעכאַפּט איין מאָל, און גראָד ניט אין מייַנע רייַפע יאָרן, נאָר ווען איך בין געווען א יונגער באָכער, אַלט געווען אַכצן צי נייַנצן יאָר. איינער א מענטש, א סאַך עלטער פון מיר, און כאָשעווער און געבילדעטער, האָט מיר א זאָג געטאָן (שטאַרק פאַרווונדערט דערפון, וואָס איך ווייס ניט אַזאַ זאַך, וואָס איז לויט אים נאָך שוין אַלעמען פון לאַנג באַוווּסט און פון אַלעמען אָפּגעפּאַסקנט): „ווייסטו דען ניט, אז ייִדיש, די ייִדישע שפּראַך, די ייִדישע ליטעראַטור גייט אונטער, שטאַרבט אָפּ?“ ווי געזאָגט, איז עס געווען מיט א סאַך יאָרן צוריק, ווען איך האָב אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע אָנפאַנגערישע טריט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און מיטאַמאָל אַזאַ מעסער אין האַרצן — מע זאָגט שוין קאַדעש. א טיפער ראַכמאָנעס האָט מיך אַרומגעכאַפּט צו אַלע מייַנע באַליבטע און אַפילע ניט־באַליבטע ייִדישע שרייַבער. און וואָס וועט זייַן מיט מיר אַליין? וואָס זשע ציטער איך אַזוי איבער מייַן העפטל? וואָס זוך איך אַזוי א וואָרט? פאַרוואָס זאָל איך ניט אויסקערעווען די לייצעס און זיך ניט לערנען אָף א בוכהאַלטער צי אָף אַן אינזשעניער? מייַנע קרויווים אייצן מיר שוין פון לאַנג זיך אויסלערנען אָף א זייגערמאַכער, עס איז אויך א גוטע מעלאָכע, מע פאַרדינט ניט שלעכט.

דרייַ טעג צי עפּשער א וואָך האָב איך זיך ניט צוגערירט צום העפט, ניט אָנגעשריבן קיין ייִדישן אָס. דערנאָך האָט פונדעסטוועגן ווידער א צי געטאָן. כאַפּט עס דער רועך, ביז וואָסווען די ליטעראַטור וועט שטאַרבן, וועל איך דערווייַל אַרייַנכאַפּן א דערציילונג. אויב מיר וועלן אַמאָל שטאַרבן, דאַרפן מיר דען איצט שוין ניט לעבן? איך בין דאַן געווען פיל ווייניקער באַהאַוונט אין געשיכטע, איידער איצט.

איצט ווייס איך, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז אַזוי ווי אַ טײַך, וואָס פֿליסט דורך מעקוימעס, וועלכע הייסן בײַ די געאָלאָגן: אַ קאָמפּליצירטער רעליעף — אַרופֿן, אַראָפּן, בערגלעך, טאָלן, אָט ווערט עס גאָר פֿאַרפֿאַלן אונטערן געדיכטן אָנגעוואַלגער פֿון די ביימער, וואָס זײַנען אומגעפֿאַלן בײַס אַ שטורעם, דאָס וואַסערל איז ערגעץ נעלעם געוואָרן, אַרײַן אין דער ערד, עס זעט זיך קוים אַ פּײַכטער שפּור, אָבער ווײַטער אַ ביסל, אַהאַ, מע זעט עס שוין ווידער, עס שלענגלט זיך ווידער, דאָס טײַכל. עס לעבט און ריזלט, עס האָט זיך אַרויסגעריסן און פֿליסט — ערטערווײַז דאָרט, ווו פֿריִער, ערטערווײַז — דורכלייגנדיק זיך אַ וועג אין אַ נײַעם באָדן, און ס'איז גאָר אַ חידוש, פֿונוואַנען האָט עס זיך גענומען אַזאַ ריינס און קלאָרס, פֿונוואַנען קומט צו דעם די לויטערקײַט און זויבערקײַט.

עס ווערט צונויפֿגערופֿן אין מאָסקווע אַ קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישע לייענער. אינעם פּרעזידיום זיצן באַיאָרטע שרײַבער, אינעם צושויער־זאַל זיצן באַיאָרטע לייענער. אַזאַ מאַסעוון צונויפֿקום פֿון באַיאָרטע מענטשן קאָן מען נאָר זען אויף טרעפֿונגען פֿון וועטעראַנען. אָבער טוט נאָר אַ קוק: די שטימונג איז אַ געהויבענע, אַ יאָמטעוודיקע. די לייענער שלינגען יעדער וואָרט, וואָס עס ברענגען אַרויס די שרײַבער. און די שרײַבער זײַנען דאַפֿקע ניט קיין גרויסע, ניט קיין קלאַסיקער; אַז עמעצער פֿון זיי לייענט אַ ליד, אַ דערציילונג, איז בײַ אַלע לייענער אָנגעשטרענגט דאָס געהער — ניט דורכצולאָזן אַ שורע, אַ זאַץ. זײַנען עס נאָר פֿאַרבליבענע סענטימענטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענער יוגנט, דאָס צוקער־לעקעכל, וואָס פֿאַרזיסט אַ ביסל די נעשאָמע, אַ דערמאָנונג, אַז מע האָט אַמאָל שטודירט מענדעלען, פּערעצן, שאָלעם־אַליכעמען? אַוודע דאָס אויך, אָבער ניט נאָר דאָס אַליין. אַ ליטעראַטור שטאַרבט ניט. זי איז דער אָנדענק פֿון אַמאָל, די אָפּשפּיגלונג פֿון הײַנט, די האָפֿענונג אויפֿן מאָרגן.

— כ'וועל אײַך בעטן ניט אַרײַנפֿאַלן אין רעטאָריק, לאָמיר זיך אומקערן גופֿע צו אײַך, צו אײַער שאַפֿונג. אַלע אָדער כּימעט אַלע העלדן פֿון אײַערע דערציילונגען און מיסטאַמע אויך פֿונעם ראָמאַן, וואָס איר שרײַבט, ריידן אין לעבעדיקן לעבן אויף רוסיש. צי פֿילט איר ניט בייסן שרײַבן קיין אומבאַקוועמקײַט דערפֿון?

— אַוודע. צו די שוועריקײַטן, וועלכע עס האָט יעדער שרײַבער, — מע דאַרף די זאַך אויסבויען, אויספֿורעמען, עס זאָל האָבן אַ טאַם, — קומט צו אַ ספּעציפֿישע שוועריקײַט, פֿון וועלכער מעכאַבערים פֿון אַנדערע אומעס־האָוילעם ווייסן ניט. איך קאָן ניט געבן די שפּראַך פֿון מײַנע העלדן, איך דאַרף זי איבערזעצן. כ'מיין אָבער, אַז דער דאָזיקער מאַנגל קאָן ווערן קאָמפּענסירט אין אַ געוויסער מאָס דערמיט, וואָס דער שרײַבער וועט בוילעט און טיף אַרויסברענגען דעם מענטשנס כאַראַקטער. דאַן וועט דאָס איבערגעזעצטע לאָשן זײַן אַ קנאַפּע מעניִע, אינעם ווערק וועט זיך דאַן פֿילן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט, דער נוסעך, דער אויפֿן פֿון אויסדריקן געדאַנקען.

— גיט זיך עס אײַך אײַן?

— מיר זעלבסט — דערווײַל ניט. שאַפֿן אַ כאַראַקטער איז אַ שווערער איניען.

— איך קוק אויף אײַך און וויל זיך פֿאָרשטעלן, וויִאַזוי האָט איר אויסגעזען אין דער יוגנט. נאָר דאָס גיט זיך מיר ניט אײַן... כ'וואָלט וועלן וויסן, וואָס איז איצט אײַער לעצטער פֿאַרלאַנג?

— איר האַלט, אַז איך דאַרף שוין האָבן אַ לעצטן פֿאַרלאַנג?

— גאָט באַהיט. איך בין זיכער, אַז איר וועט לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, נאָר פֿונדעסטוועגן... ווו וואָלט איר, לעמאָשל, געוואָלט, אַז מע זאָל אײַך באַערדיקן? דאָס בעסטע אָרט איז דער קרעמאַטאָריע. איינס־צוויי, און פֿאַרטיק. אַוועק מיטן פֿלאַם, מיטן רויך; דאָס ביסל אַש, אין אַ פֿײַן פּושקעלע, דערלאַנגט מען דעם ווײַב און די קינדער...

— יונגערמאַן, איר זײַט אַ באַל־כוצפּע. איך נעם אַ שטעקן און יאָג אײַך אַרויס.

— איך וויל דאָך אײַער טויווע. אַ דענקמאָל וועט מען אײַך ניט שטעלן, איז כאָטשבי אַ פּושקעלע מיט אַש...

— אַרויס, אַרויס פֿונדאַנען! אײַער פֿוס זאָל דאָ מער ניט זײַן!

איך האָב פֿאַרהויבן די האַנט אויף אים — נאָר...

ס'איז קיינער אין שטוב ניט געווען. אין דער האַנט האָב איך געהאַלטן מײַן פּען, און אויפֿן שרײַבטיש זײַנען געלעגן די דאָזיקע עטלעכע פֿאַרשריבענע בלעטלעך...

צום 150־טן געבורטסטאָג פון קאַרל מאַרקס

קינסטלער נ. זשוקאָוו, 1949.

דעם 5 מײַ 1818 איז געבוירן געוואָרן דער גרונטלייגער פונעם וויסנשאַפטלעכן קאָמוניזם קאַרל מאַרקס.

קיין איין דענקער, קיין איין פּאָליטיקער, קיין איין פילאָסאָף און געלערנטער האָט ניט געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אַף דער מענטשלעכער געשיכטע און אַף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווי קאַרל מאַרקס: מאַרקס האָט געשאַפן אַן אַלזײַטיק האַרמאָנישע טעאָריע וועגן דער געזעצמעסיקײַט אין דער נאַטור און אינעם סאָציאַלן לעבן, וועגן דער דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וועלכע מוז אומפאַרמײַדלעך ברענגען צו דעם זיג פונעם סאָציאַליזם אין דער גאַנצער וועלט, צו אַ גערעכטיקער סאָציאַלער אָרדענונג. דער מאַרקסיזם איז געוואָרן די רעוואָליוציאָנערע פאָן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין אַלע לענדער אין זייער קאַמף פאַר באַפרײַונג, פאַר פּראָגרעס, פאַר אַ גליקלעך לעבן.

קאַרל מאַרקס איז אין דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע דער נאָווי, וואָס האָט געבראַכט די פעלקער נײַע געבאָטן. פאַר אַ קורצער צײַט, סאַכאַקל פאַר העכער אַ יאָרהונדערט, האָט די לערע פון קאַרל מאַרקס געוווּנען דעם גלויבן און די טרײַשאַפט פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין אַלע לענדער, אַף אַלע קאָנטינענטן. צום באַוווּסטזיניקן פּראָלעטאַריער פון אייראָפּע און אַמעריקע, צום רעוואָליוציאָנערן קעמפער פון רוסלאַנד, צו די אונטערדריקטע מאַסן פון אַזיע און אַפריקע — צו אַלע צו זיי איז דערגאַנגען דער פלאַמיקער נאַבאַטן־רוף צו פאַרייניקונג און קאַמף. קיין איין געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע האָט ניט געהאַט אַזויפיל מעסירעסנעפעשדיקע אָנהענגער, ווי דער מאַרקסיזם. די לערע פון מאַרקסן איז געקומען ווי אַ רעוואָליוציאָנערע איבערקערעניש אין דער וויסנשאַפט, אין דער פילאָסאָפיע, אינעם גאַנצן מענטשלעכן באַוווּסטזײַן.

דער טריומפאַלער מאַרש פונעם מאַרקסיזם האָט דערגרייכט זײַן העכסטע שטופע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען לענין האָט אויפגעהויבן די לערע פון מאַרקסן און ענגעלסן אַף אַ נײַעם עטאַפּ אין העסקעם מיט די באַדינגונגען, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

די לערע פון מאַרקסן איז אַלמעכטיק, ווײַל זי איז רעאַל, זי באַזירט זיך ניט אַף אוטאָפּיסטישע טרוימען, נאָר אַף דער ווירקלעכקײַט, אַף די גרונט־יעסוידעס פון דער וויסנשאַפט און פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון מענטשלעכן לעבן און שאַפן.

דער אומגעהייערער דערפאָלג פון די אידייען פון מאַרקסן איז באַדינגט ניט בלויז פון זייער גערעכטיקן אינהאַלט, נאָר אויך אין אַ גרויסער מאָס פון דעם אויפן, וויאַזוי זיי זײַנען געניאַל אַרויסגעבראַכט געוואָרן. קאַרל מאַרקס איז דער שעפער פון אַ נײַעם רעוואָליוציאָנערן ליטעראַריש־פּובליציסטישן סטיל, וואָס האָט קיין גלײַכן ניט צו זיך אין דער בורזשואַזער פּובליציסטיק ביז אים. רעוואָליוציאָנערע לײַדנשאַפט, הויכער פּאַטאָס, פאַרניכטנדיקע סאַטירע, סינטעטישע פאַראַלגעמיינערונג, טיפקײַט פון אַנאַליז, דיאַלעקטישע לאָגיק, דערשיטערנדיקע עמאָציאָנעלע בילדערישקײַט און רײַכער שפּראַך־נוסעך — אָט דאָס זײַנען די גרונט־אייגנשאַפטן פון קאַרל מאַרקס' פּובליציסטישער קונסט.

מיר דרוקן דאָ אַ פראַגמענט פון נ. אויסלענדערס ניט פאַרענדיקטער אַרבעט וועגן פּאָליטישן פּאַמפלעט בא קאַרל מאַרקסן.

נאַכעם אויסלענדער

קאַרל מאַרקס׳ פּאָליטישע פּאַמפּלעטן

אין זייער אומדערמידלעכן קאמף קעגן די פינצטערע קרעפטן פון דער אלטער וועלט האָבן מארקס און ענגעלס צווישן די אנדערע מינים געווער געפּײַלט אויך דאָס געווער פון פּאָליטישער סאטירע. עלעמענטן פון אזא סאטירע געפינען מיר קימאט אין אלע ווערק פון די גרונטלייגער פונעם מארקסיזם. פאראן אָבער צווישן זייערע ווערק אזעלכע, ווו די פּאָליטישע סאטירע פארנעמט דאָס צענטראלע אָרט. מארקס פלעגט זיי געווײנלעך רופן פּאמפּלעטן. צו די פּאמפּלעטן געהערן אזעלכע ביכער, ווי „שעלינג דער פילאָסאָף לויטן נוסעך פון קריסטוס" (1842), „גרויסע מענטשן פון דער עמיגראציע" (1852), „לאָרד פּאלמערסטאָן" (1853), „דעמאסקירונג פון דעם קעלנער פּראָצעס איבער קאָמוניסטן" (1853), „לאָרד דזשאָן ראסעל" (1855), „דער ריטער פון נאָבעלן באוווסטזײַן" (1860), „הער פאָגט" (1860). די דאָזיקע ווערק האָבן זיך גרינטלעך אונטערשיידט פון די פּאמפּלעטן פון יענער צײַט.

אין 1850 האָבן מארקס און ענגעלס געשריבן אין זייער רעצענזיע אפן „פּאמפּלעט פונעם הער גיזאָ": „יאָ, ניט נאָר די קיניגן פארשווינדן — עס פארשווינדן אויך די טאלאנטן פון דער בורזשואזיע".

עס האָט פיל צו זאָגן דער פאקט, וואָס די דאָזיקע פראזע, אָן אָנגעזעטיקטע מיט א טיפן היסטאָרישן זין, טרעפן מיר אין א רעצענזיע אף א פּאָליטישן פּאמפּלעט. דער גורל פונעם מײַרעוו־אייראָפּעיִשן פּאמפּלעט פון יענער צײַט — פון דער צווייטער העלפט XIX יאָרהונדערט — האָט פולקום אָפּגעשפּיגלט דעם גורל פון דער בורזשואזיע, וועלכע איז שוין געשטאנען פאר דער געפאר פונעם אָנקומענדיקן גײַסטיקן דאלעס.

ווען מארקס פלעגט אטאקירן דעם אָדער יענעם פּאָליטישן טוער, אויסלאכן אים אָן ראכמאָנעס, פלעגט ער שטענדיק אכטונג געבן, אז די פּערזענלעכע שטריכן פון אזא טוער זאָלן געשילדערט ווערן ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון די שטריכן פונעם קלאס. דער פּאמפּלעט פונעם נײַעם טיפּ האָט — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער פּאמפּלעטן־ליטעראטור — הארמאָניש פאראייניקט די כאראקטעריסטיק פון דער פּערזענלעכקײַט מיט דער כאראקטעריסטיק פונעם קלאס, צו וועלכן די דאָזיקע פּערזענלעכקײַט געהערט.

א מוסטער פון אזא פאראייניקונג קאָן דינען דער פּאמפּלעט „לאָרד דזשאָן ראסעל". ראסעלס פּערזענלעך לעבן ווערט אינעם פּאמפּלעט לאכלוטן ניט איגנאָרירט, פארקערט, עס געפינט זיך די גאנצע צײַט אין צענטער פון מארקס׳ אויפמערקזאמקײַט און גיט אים מאטעריאל פאר טרעפלעכע אָפּשאצונגען. די דאָזיקע באזונדערע אָפּשאצונגען גיסן זיך אָבער ארײַן אינעם אלגעמיינעם שטראָם פון דער קלאסן־כאראקטעריסטיק. האגאם אינעם פּאמפּלעט איז באוויזן ראסעלס גאנצער לעבנס־וועג, איז אין אים אָבער קיין שפּור ניטאָ פון ביִאָגראפישקײַט, עס פילט זיך דאָ ניט יענע ספּעציפישע לײַדנשאפט צו דער שטייגערישער לעבנס־באשרײַבונג, וועלכע פלעגט אינעם בורזשואזן פּאמפּלעט פארוקן אין הינטערגרונט די כאראקטעריסטיק פון די סאָציִאל־היסטאָרישע דערשײַנונגען. זינקענדיק אינעם געמויזעכץ פון די ביִאָגראפישע פּראָטים, פלעגט דער בורזשואזער פּאמפּלעט פארלירן די איקערדיקע שלאָג־קראפט — די סאָציִאל־היסטאָרישע פאראלגעמיינערונג. אינעם פּאמפּלעט פונעם נײַעם טיפּ ווערט דער ביִאָגראפישער מאטעריאל אויסגענוצט בלויז אף אזויפיל, אף וויפל ער העלפט געבן א פולערע כאראקטעריסטיק פונעם סאָציִאלן מעהוס פון דעם פּאָליטישן טוער, וועגן וועמען עס גייט א רייד. עס ווערן דאָ אויפגעדעקט די טיפע קלאסן־וואָרצלען, פון וועלכע דער אטאקירטער קעגנער שעפּט זײַן יעניקע. אדאנק דעם זײַנען אלע דעפיניציעס און אָפּשאצונגען אין מארקס׳ פּאמפּלעטן שטענדיק טרעפלעך און אין דער העכסטער מאָס פּינקטלעך.

אין זײַנע פּאמפּלעטן פלעגט מארקס שענקען פיל אויפמערקזאמקײַט דעם פּסיכאָלאָגישן אנאליז. אָבער אויך אין דעם פּראט זעען מיר א ראדיקאלן אונטערשייד צווישן דעם פּאמפּלעט פונעם נײַעם טיפּ און דעם בורזשואזן פּאמפּלעט. איינער פון די סימאָנים פון יערידע פון דעם בורזשואזן פּאמפּלעט איז אין דער צווייטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט געווען דער היפּערטראָפירטער פּסיכאָלאָגיזם, די גריבלענישן אין דער נעשאָמע, דאָס אָנהויפּן אָן א שיר בויך־סוואָרעס פון פּסיכאָלאָגישן כאראקטער. ארויסשטעלנדיק זיך אלס מעווינים פון דעם מענטשנס נעשאָמע, זײַנען די אווטאָרן פונעם בורזשואזן פּאמפּלעט פונדעסטוועגן ניט געווען בעיעכוילעס צו געבן א קלאָרע באשרײַבונג פון דער פּאָליטישער אויפירונג פון דעם אָדער יענעם טוער, ניט זעלטן פלעגן זיי אונטער דעם שלייער פון א פּסיכאָלאָגישן אנאליז אונטערטראָגן דעם לייענער אויסגעטראכטע באָבע־מײַסעס. אינעם פּאמפּלעט פונעם נײַעם טיפּ האָט דער פּסיכאָלאָגישער אנאליז צום ערשטן מאָל באקומען א פעסטן באָדן: די כאראקטעריסטיק פון דער פּאָליטישער אויפירונג פון באזונדערע טוער איז פאָרמולירט געוואָרן אין רעזולטאט פונעם שטודירן די אויפירונג פון די קלאסן, זייער סטראטעגיע און טאקטיק, זייערע קאָמפּליצירטע און, ווי עס דוכט זיך אפן ערשטן קוק, אומפארשטענדלעכע מאנעווורען. אָט דער אומשטאנד האָט צעעפנט פארן פּאמפּלעט נאָך ניט אויסגעטראָטענע וועגן.

„מע דארף אנערקענען, — האָט געשריבן וויקטאָר הוגאָ אין זײַן פּאמפּלעט „דער קליינינקער נאפּאָלעאָן", — אז דעם מענטשנס סייכל ביכלאל און דער בורזשואזער ביפראט איז א מאָדנע רעטעניש". אזא אנערקענונג האָט מען געקאָנט אָפּט הערן פון די אווטאָרן פונעם בורזשואזן פּאמפּלעט, באזונדערס אין סאָף פונעם XIX יאָרהונדערט, ווען די קעגנזײַטיקע קלאסן־פארהעלטענישן זײַנען געוואָרן קאָמפּליצירטער און פאר פיל מענטשן האָט די היסטאָרישע סיטואציע אויסגעזען, ווי א רעטעניש.

דער פאמפלעט פונעם נײַעם טיפּ האָט פון אזעלכע „רעטענישן" ניט געוווּסט. דער אַלזײַטיקער שטודיום פונעם קלאסנקאמף אין ענגלאנד, דער טיפער אנאליז פון דער אופירונג פונעם הערשנדיקן קלאס — דאָס אַלץ האָט געגעבן מארקסן די מעגלעכקײַט צו אופדעקן דעם סאָד פון פאלמערסטאָנס אופירונג, זײַן „סיסטעם פון שקאָרים, פון טערוצים, פון אָנהויפּן ווידערשפּרוכן, קונצשטיק, פאנטאסטישע באהויפּטונגען". דער לייענער האָט דערזען די ערד־ און געלט־מאגנאטן, וועלכע זײַנען געשטאנען הינטער פאלמערסטאָנען און האָבן דיקטירט אים זייער ווילן. אין דער זעלבער צײַט אָבער פארלירט ניט פאלמערסטאָן אין מארקס' פאמפלעט זײַנע אינדיווידועלע שטריכן. מיר וועלן עס דערווײַזן דורך א פארגלײַך צווישן די פאמפלעטן אף פאלמערסטאָנען און אף ראסעלן.

פאלמערסטאָן און ראסעל האָבן, ווי באוווּסט, געהערט צו דער פארטיי פון די וויגן. אין דער פּאָליטישער טעטיקײַט פון אָט די צוויי לידערס פונעם וויגיזם איז געווען ניט ווייניק געמיינזאמס, אָבער אין מארקס' פאמפלעטן וועגן יעדן איינעם פון זיי ווערן זיי באוויזן אַלס באזונדערע אינדיווידוומען, מיט אַלע אייגנטימלעכע פאר יעדן פון זיי כאראקטער־שטריכן, מיט יעדערנס אופירונג־ליניע און שפּראכלעכער אינטאָנאציע.

וועגן פאלמערסטאָנען שרײַבט מארקס אין זײַן פאמפלעט:

> „ער איז ניט קיין ערשטקלאסיקער רעדנער, נאָר א געניטער פּאָלעמיקער. פארמאָגנדיק א ווּנדערלעכן זיקאָרן, א גרויסע דערפארונג, אן אויסשליסלעכן טאקט, וואָס פאראט אים קיינמאָל ניט, פארמאָגנדיק די בייגעוודיקײַט פון א וועלטלעכן מענטשן, זײַענדיק א פײַנער קענער פון אלע פארלאמענטישע מאכינאציעס, אינטריגעס, פארטייען און טוער, אָפּערירט ער פּרעכטיק און מיט אָנגענעמער אָפנקײַט בא קאָמפּליצירטע אומשטענדן, פּאסט זיך צו צו פאָרורטיילן און נוצט אויס דעם אײַנדרוק, וואָס ער מאכט אף זײַן פּובליקום. דערבײַ דינט אים זײַן צינישע פרעכקײַט אַלס שוץ קעגן פארשיידענע אומגעריכטע פאלן, זײַן עגאָיזם און פלינקײַט פארהיטן אים פון פארשיידענע אָפּנהארציקע אנערקענונגען; זײַן איבערמאָסיקע לײַכטזיניקײַט, פולער גלײַכגילט, אריסטאָקראטישער ביטל פארהיטן אים פון היציקײַט. מיט זײַנע זייער געראָטענע וויצן קאָן ער בא אלעמען נויסעכיין זײַן. קיינמאָל ניט פארלירנדיק די זעלבסטבאהערשונג, שטעלט ער זײַן צעהיצטן אָפּאָנענט שטענדיק צום נאר. אויב ער איז אפילע ניט פייִק צו באהערשן אוועלכן־ניט־איז קעגנשטאנד, קען ער פונדעסטוועגן זיך באנוצן מיט אים, און ווען אים קלעקט ניט קיין אלגעמיינע אָנשויוּנגען, איז ער אָבער דערפאר שטענדיק גרייט צו שפּינען א פײַן געמעל פון אלגעמיינע פראזעס".

ניט ווייניקער זאָרגפולט שטעלט מארקס אוף דאָס בילד פון ראסעלס רעדנער־מאניר:

> „ער פארמאָגט די אייגנארטיקע מאניר פון קענען צונויפּפאָרן טרוקענע, פוילע, מאָנאָטאָנע רייד, ענלעכע צו די רייד פון יענעם מענטשן, וועלכער שאצט אָפּ די ווערט פון די סכוירעס אף אן אאוקציאָן, מיט שילערישע איליוסטראציעס פון דער געשיכטע און מיט עפּעס א פײַערלעכער פלוידערײַ וועגן די „שיינקײַטן פון דער קאָנסטיטוציע", וועגן די „אלגעמיינע פרײַהײַטן פון לאנד", וועגן „ציוויליזאציע" און „פּראָגרעס". דאָס עמעס פײַערל באווײַזט זיך אין אים דעמלט, ווען מע רירט אָן אים גופע אָדער ווען זײַנע קעגנער צווינגען אים צו אָפּזאָגן זיך פון זײַן צוויִעסדיקער פּאָזע, דער גײַוועדיקער און זעלבסטצופרידענער, און ער ווײַזט ארויס אלע סימאָנים פון פארלירן דאָס גײַסטיקע גלײַכגעוויכט... אַלס אימפּולס דינט ראסעלן ניט דאָס געפיל, נאָר שטענדיק דער כעזשבן, זײַן כעזשבן איז אָבער פונקט אזוי קליינלעך, ווי ער זעלבסט, ער איז שטענדיק בלויז א שפּיצל אף א ווײַל. פונדאנען שטאמען זײַנע קעסיידערדיקע וואקלענישן און דריידלעך, זײַן פּלוצעמדיק פארלויפן פאָרויס, די שענדלעכע צוריקטריטן, די ארויסרופערישע ווערטער, וועלכע ער האָט סייכל ווידער אראָפּצושלינגען, די שטאָלצע היסכײַוועסן, וועלכע ער נעמט אף א שענדלעכן אויפן צוריק, און ווען דאָס אלץ העלפט ניט, קומען טרערן און כליפּענישן, קעדיי די גאנצע וועלט זאָל קריגן אף אים ראכמאָנעס".

אפן ערשטן בליק קאָן זיך אויסווײַזן, אז פאלמערסטאָן איז דער פולער הייפעך פון ראסעלן, נאָר וואָס ווײַטער מיר לייענען דעם פאמפלעט וועגן ראסעלן, אלץ מער איבערצײַגן מיר זיך, אז אָט דער ערשטער אײַנדרוק איז א פעלערהאפטער. אין פאלמערסטאָנס טעטיקײַט באווײַזט מארקס דעם גאנצן „קנויל פון שעקער, וואָס בילדעט די קווינטעסענץ פונעם וויגיזם". פאלמערסטאָנס ספּעציפישע באזונדערקײַט איז באשטאנען דערין, וואָס אָט דעם שעקער האָט ער געקענט אונטערטראָגן אין אן עלעגאנטער פאָרם, ער איז געווען א „מענטש פון עלעגאנטן שעקער". מארקס זאָגט וועגן פאלמערסטאָנען: „ווען ער פלעגט פאראטן פרעמדע פעלקער, פלעגט ער טאָן דאָס מיט דער העכסטער איידלקײַט". ראסעל האָט ניט פארמאָגט אָט די איידלקײַט, אָבער „די קווינטעסענץ פונעם וויגיזם" האָט אין אים געלעבט.

מארקס האָט אין זײַנע פאמפלעטן אף אן איבערצײַגנדיקן אויפן דערוויזן, אז פאלמערסטאָן און ראסעל זײַנען פּאָליטישע טוער פון איין קלאסן־נאטור. עמעס, די אינטערעסן פון זייער קלאס האָט יעדערער פון זיי פארטיידיקט אף זײַן אויפן, אין העסקעם מיט זײַן טעמפּעראמענט און דיפּלאָמאטישע פייִקײַטן. זייערע ארויסטרעטונגען אָבער, וועלכע זײַנען אזוי פארשיידן לויט דער פאָרם, האָבן זיך מיט קיין זאך ניט אונטערשיידט לויטן טאָך. ביידנס ארויסטרעטונגען זײַנען געווען איין „קנויל פון שעקער", וואָס מיט זײַן הילף האָט דער הערשנדיקער קלאס געהאלטן אין זײַנע הענט די מאכט איבער די פאָלקסמאסן פון ענגלאנד. טאקע דאָס אופצודעקן איז בארופן געווען דער פּסיכאָלאָגישער אנאליז אין די דערמאָנטע צוויי פאמפלעטן. אָפּגעבנדיק רעכט דער אינדיווידואליטעט סײַ פון פאלמערסטאָנען, סײַ פון ראסעלן, האָבן מארקס' פאמפלעטן צוגעצויגן די אופמערקזאמקײַט צום איקער — צו די מאָמענטן, וועלכע מאכן קרויווישאָט די צוויי פאָרשטייער פון איין קלאס. אופדעקן די עמעסע קלאסן־נאטור — דאָס איז דער הויפּט־אופטו פונעם פּסיכאָלאָגישן אנאליז אין מארקס' פאמפלעטן.

וועלכן פאמפלעט פון מארקסן מיר זאָלן ניט לייענען, פילן מיר אומעטום די אָרגאנישע פארבינדונג צווישן דעם פּאָליטישן פּאָרטרעט און דער כאראקטעריסטיק פון דער היסטאָרישער סיטואציע. אלס בײַשפּיל קאָן דאָ דינען דער פאמפלעט „די גרויסע מענער פון דער עמיגראציע". אינעם קאפּיטל „באָן, זומער 1838 — זומער 1843" לייענען מיר:

„דאָס יאָר 1840 איז געווען א קערפּונקט אין דער געשיכטע פון דײַטשלאַנד. פון איין זײַט, האָט דאָס קריטישע אָנווענדן העגעלס פילאָסאָפיע צו טעאָלאָגיע און פּאָליטיק רעוואָליוציאָניזירט די וויסנשאַפט; פון דער צווייטער זײַט, מיטן אַרופטרעטן פון פרידריך־ווילהעלם IV אפן קיניגלעכן טראָן האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פון דער בורזשואַזיע, וועמעס קאָנסטיטוציאָנעלע שטרעבונגען האָבן דעמלט אויסגעזען גאַנץ ראַדיקאַל. פון דער נעפּלהאַפטער „פּאָליטישער פּאָעזיע" פון יענער צײַט איז פאָרגעקומען אַן אַריבערגאַנג צו א נײַער דערשײַנונג — צו דער רעוואָליוציאָנערער מעכטיקײַט פון דער פּעריאָדישער פּרעסע. וואָס זשע האָט אין אָט דער צײַט געטאָן גאָטפריד? מאָקעל האָט צוזאַמען מיט אים געגרינדעט דעם „פאַרבאַנד פון די מײַ־זשוקעס". דאָס דאָזיקע בלעטל האָט „געהאַט דעם איינציקן ציל — געבן אַן ענגן קרײַז פרײַנט די מעגלעכקײַט צו קאָנען איין מאָל אין וואָך פריילעך און אָנגענעם פאַרברענגען אַן אָוונט".

אופשטעלנדיק דאָס בילד פון דער היסטאָרישער סיטואַציע, רוקט מאַרקס שטענדיק אַרויס אין פאָדערגרונט די לאַגע פון די פאָלקסמאַסן, זייערע מאַנגלען און לײַדן, זייער לאַנגאָניקע שטרעבונג צו שטעלן א ווידערשטאַנד די אונטערדריקער. אין אַכטן קאַפּיטל פונעם פּאַמפלעט „הער פאָגט" ווענדט מאַרקס די אויפמערקזאַמקײַט פון די לייענער דערויף, אַז עס האָט „אין פראַנקרײַך זיך צעשפּילט א דראַמע, וואָס איז אומגעהערט געווען אין דער געשיכטע פון לאַנד", ער רעדט וועגן א „דועל צווישן לוי באָנאַפּאַרטן, וואָס האָט יאָ געוואָלט א מילכאָמע, און דעם פאָלק, וואָס האָט קיין מילכאָמע ניט געוואָלט". אין שײַן פון דעם אַלעם ווערט נאָך קלאָרער דער רעאַקציאָנערער, אַנטיפאָלקישער טאָן פון דער „ליד וועגן לודוויגן", וועלכע עס האָט דעמלט געזונגען קאַרל פאָגט.

ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקײַט צו אָפּשטעלן זיך אַף יעדן פּאַמפלעט פון מאַרקסן באַזונדער, וועלן מיר זיך באַגרענעצן בלויז מיט אייניקע כאַראַקטעריסטישע סטילמאָמענטן זייערע.

קוידעמקאָל ציט צו די אויפמערקזאַמקײַט דער פאַקט, וואָס די דערציילונגס־פאָרם פון מאַרקס׳ פּאַמפלעט אַנטשפּרעכט שטענדיק דעם אינהאַלט פונעם ווערק. דעם פּאַמפלעט „לאָרד פּאַלמערסטאָן" האָט מאַרקס געשריבן אין יענע יאָרן, ווען די רעגירנדיקע קרײַזן פון ענגלאַנד האָבן געשאַפן אַרום דעם זאָקן פּאַלמערסטאָן אַן אַטמאָספער פון ייִראַס־האַקאָוועד. די באַגײַסטערונג פאַר דער פּערזענלעכקײַט פון „זײַן מאַיעסטעט דעם לאָרד" האָט אָנגענומען אַזאַ מאַסשטאַב, אַז מע האָט פולשטענדיק געמעגט ריידן וועגן א „פּאַלמערסטאָן־מאַניע". אין אָט דער צײַט האָט אָפּגעהילכט די שטים פון מאַרקסן, וועלכער האָט אויסגערופן בעקויל ראָם, אַז עס איז „נייטיק אַראָפּרײַסן די מאַסקע פון אָט דעם כיטרען סוינע פון יעטווידן פּראָגרעס פון דער מענטשלעכער פרייהײַט". די אויפגאַבע פונעם פּאַמפלעט איז געווען — באַלויכטן א גרויסן פּעריאָד פון דער געשיכטע פון ענגלאַנד — א האַלבן יאָרהונדערט — און אַף דעם פאָן באַווײַזן, ווי פון יאָר צו יאָר, פון יאָרצענדליק צו יאָרצענדליק האָט „זײַן מאַיעסטעט דער לאָרד" געפירט זײַנע מײַסים־טאַטויִם. צוליב אָט דעם ציל האָט מאַרקס אויסגעקליבן די פאָרם פון א היסטאָרישן איבערזיכט.

נאָר אויסגענוצט אָט די פאָרם האָט ער אַף זייער אַן אייגנאַרטיקן אויפן. די ראָליע פונעם אַווטאָר־איבערזיכטלער איז דאָ שטאַרק באַגרענעצט. וועגן די פאַקטן, וועלכע דעמאַסקירן פּאַלמערסטאָנען, רעדט דעריקער פּאַלמערסטאָן אַליין. „מיר וועלן געבן דאָס וואָרט אים אַליין" — ווערט געזאָגט שוין אינעם ערשטן קאַפּיטל. אַף דעם זעלבן אויפן האָט דער אַווטאָר געהאַנדלט אויך אין די איבעריקע זיבן קאַפּיטלען. אין אָט דער סיסטעמאַטישער „זעלבסטדעמאַסקירונג" פון פּאַלמערסטאָנען פילט זיך די צילגעווענדטקײַט פונעם ווערק. דערמיט טאַקע איז צו דערקלערן די אייגנאַרטיקע דערציילערישע פאָרם פונעם פּאַמפלעט „לאָרד פּאַלמערסטאָן". לויט פיל סימאָנים דערמאָנט זי א היסטאָרישן איבערזיכט, נאָר די פּאַמפלעט־אייגנאַרטיקײַט לאָזט זיך פילן אַף יעדן טראָט, אין יעדער ציטאַטע, וועלכע מאַרקס נוצט מײַסטערהאַפט אויס אַלס מיטל צו דעמאַסקירן פּאַלמערסטאָנען מיצאַד פּאַלמערסטאָנען אַליין.

מאַרקס׳ סאַטירישע קאָמענטאַרן צו פּאַלמערסטאָנס רעדעס וואַרפן א העלע שײַן אויך אַף א צווייטער זײַט פון פּאַלמערסטאָנס פּאָליטישער טעטיקײַט: דער דאָזיקער אַלמעכטיקער מענטש מיט אַן אומבאַגרענעצטער מאַכט איז געווען ניט בלויז געפערלעך, נאָר אויך קאָמיש. ער איז אומפאַרמײַדלעך געוואָרן לעכערלעך דערפאַר, ווײַל ער האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער ענגלישער אָליגאַרכיע, און זי, די ענגלישע אָליגאַרכיע, האָט, לויט מאַרקס׳ דעפיניציע, רעפּרעזענטירט די „געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, וועלכע האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צײַט, קרעפטן, וועלכע האָבן נאָמינעל נאָך פאַרמאָגט אַלע מאַכט־אַטריבוטן, האַגאַם די יעסוידעס פון זייער עקזיסטענץ זײַנען שוין לאַנג צעפוילט געוואָרן". דאָס איז אויך געווען די סיבע פון די קאָמישע סיטואַציעס, פון וועלכע פּאַלמערסטאָן האָט בא זײַן גאַנצער פלינקײַט קיינמאָל ניט געקאָנט זיך אַרויסדרייען. די דאָזיקע קאָמישע סיטואַציעס ווערן מיט גלענצנדיקן שאַרפזין באַוויזן אין די סאַטירישע קאָמענטאַרן. אין פערטן קאַפּיטל, ווו עס ווערט אויסגעלאַכט דאָס שטענדיקע פאַרופן זיך מיצאַד פּאַלמערסטאָנען אַף די פאָדערונגען פונעם עטיקעט, שרײַבט דער אַווטאָר פונעם פּאַמפלעט: „פּונקט ווי א שפּאַנישער גראַנד, וואָלט דער איידלמוטיקער לאָרד גיכער דערלאָזט, אַז די קיניגן זאָל אינגאַנצן פאַרברענט ווערן, איידער דערלויבן זיך צו ברעכן דעם עטיקעט און צורירן זיך צו אירע קליידלעך". אינעם פינפטן קאַפּיטל ווענדט דער אַווטאָר אין א קורצער רעפּליק די אויפמערקזאַמקײַט פונעם לייענער אַף דעם מאָמענט, ווען פּאַלמערסטאָן ווערט ענלעך צו א „לעץ אין א קאָמעדיע".

ווען מאַרקס וויל אין זײַנע פּאַמפלעטן עמעצן אויסלאַכן, קומט ער אָמערסטן אָן צו די קלאַסישע מוסטערן פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור. באַלד, ווי מע הייבט אָן לייענען דעם פּאַמפלעט „לאָרד פּאַלמערסטאָן", טרעפט מען שוין אַף דער ערשטער זײַט געשטאַלטן, וועלכע זײַנען גענומען פון שעקספּירס און אַריאָסטאָס ווערק. דאָס זעלבע קומט פאָר באַם לייענען דעם פּאַמפלעט „הער פאָגט". שוין אַף דער ערשטער זײַט באַגעגענען מיר זיך מיטן „פּראָטאָטיפּ פון קאַרל פאָגט, מיטן אומשטערבלעכן סער דזשאָן פאָלסטאַף"...

אַז מיר לייענען דעם פּאַמפלעט „די גרויסע מענער פון דער עמיגראַציע", זעען מיר מיט די אייגענע אויגן, ווי ראָדאָמאָנט (א פּערסאָנאַזש פון אַריאָסטאָס פּאָעמע

„דער צעווילדעוועטער ראָלאַנד“) ווערט „איבערגעשטאָל־טעט“ אין קארל הײנצען. עס האנדלט זיך ניט וועגן א צופעליקן פארגלײַך אין רעזולטאט פון אן אומגעריכטער אסאָציאציע. צווישן קארל הײנצען און אריאָסטאָס העלד ראָדאָמאָנט איז פאראן, מעג מען זאָגן, א בלוטיקע קרוי־ווישאפט, עס פארבינדט זיי די פיזישע און זיטלעכע ענלעכקײַט.

„אין די איטאליענישע ריטער־עפּאָפּייען, — שרײַבט מארקס, — פיגורירן שטענדיק מעכטיקע, ברייטפּלייציקע ריזן; זיי זײַנען באוואָפנט מיט קאָלאָסאלע שטעקנס, אָבער אין א געראנגל טרעפן זיי קיינמאָל ניט אינעם קעגנער, נאָר אין די ארומיקעביימער, כאָטש זיי זײַנען בארבא־רישע שלעגערס און גרויזאמע שרײַערס. אָט אזא מין אריאָסטאָווישער ריז אין דער פּאָליטישער ליטעראטור איז דער ה׳ הײנצען. זײַענדיק באַשאָנקען פון דער נאטור מיט א האמעטנער פיגור און סאָלידער קאָמפּלעקציע, האלט ער דאָס פאר א סימען, אז ער איז בארופן צו ווערן א גרויסער מענטש“.

ווײַטער ווערט הײנצענס כאראקטעריסטיק פארברייטערט און בארײַכערט מיט נײַע באָאבאכטונגען, נאָר די ענלעכקײַט מיט „אריאָסטאָס ריז“ פאלט ניט אָפּ, פארקערט — זי וואקסט אלץ מער, און פונדאנען שטאמט דער נאָמען „ראָדאָמאָנט — הײנצען“, ווי דער אווטאָר פונעם פּאמפלעט רופט זײַן העלד.

אין אָנהייב 1880 האָט ענגעלס אין א בריוו צום רע־דאקטאָר פון דער צײַטונג „סאָציאַל־דעמאָקראט“ געהאלטן פאר נייטיק צו מאכן אייניקע באמערקונגען וועגן סטיל. ענגעלס מערקט אָפּ, אז די מיטארבעטער פון דער צײַטונג האָבן צופיל ליב „געפעפערטע ווערטער“, נאָר ער צווייפלט, צי איז צוועקמעסיק צו נוצן אזעלכע ווערטער. ענגעלס שרײַבט:

„ס׳וואָלט געווען צוועקמעסיק, מע זאָל אָנקומען צו אן אנדער מיטל, וואָס זאָל קאָנען פלעטן אָן שטארקע ווערטער. און אזא מיטל איז פאראן. מע דארף אָפּגעבן דעם אויבנאָן איראָניע, כויזעק, סארקאזם, וועלכע פארשאפן דעם קעגנער א גרעסערן ווייטעק, איידער די סאמע גראָבע צאָרן־ווערטער. מיר דוכט, עס וואָלט גוט געווען צו נוצן אין „סאָציאַל־דעמאָקראט“ דעם שוין לאנג אויסגעפּרוּווטן א י ר אָ נ י ש ן טאָן אומעטום, וווּ עס איז נאָר מעגלעך, ווי מע טוט דאָס שוין אין די לעצטע נומערן. דערמיט גופע וועלן הילכן מיט גרעסערן עפעקט די באזונדערע דונער־קלעפּ“.

אין מארקס׳ פּאמפלעטן הערן מיר אָפּט אָט די „דונער־קלעפּ“. אין אזעלכע פאלן רעדט דער אווטאָר מיט דער שפּראַך פון אומיטלבארער דעמאסקירונג, ער דריקט אויס אין אן אָפענער פאָרם זײַן צאָרן און אופגעבראכטקײַט. נאָר א סאך אָפטער זעען מיר, ווי מארקס האלט זיך באם פּרינציפּ פון „בעסער אָפּגעבן דעם אויבנאָן איראָניע, כויזעק, סארקאזם“. אין מארקס׳ פּאמפלעטן פארנעמט איראָניע דאָס ערשטע אָרט לעגאבע די אנדערע מיטלען פון אויסלאכן. צומאָל ווײַזט זי זיך ארויס אין דעם, וואָס ער סאָלידאריזירט זיך איראָניש מיטן קעגנער און איז אויסערלעך פּונקט ווי מאסקים מיט יענעמס געדאנקענגאנג. דאָס דינט מארקסן אלס דעמאסקירונגס־מיטל. אין אייניקע פאלן נעמט די איראָניע אָן די פאָרם פון זינגען קלוימערשט ליב־געזאנגען דעם קעגנער, אופהייבן אים אף אזא הייך, וואָס אנטשפּרעכט ניט זײַן הויכן אמט, רימען אים פאר זײַנע קלוימערשטע פארדינסטן. דער איראָנישער טאָן ווײַזט זיך דאָ ארויס אויך אין דער פאָרם פון מײַסטערהאפטער פּאראָדיע.

יעדער איינער פון מארקס׳ פּאמפלעטן איז אינגאנצן — פון דער ערשטער און ביז דער לעצטער שורע — דורכגעדרונגען מיט איין שטרעבונג: העלפן די אונטערדריקטע מאסן צו דערזען דאָס ריכטיקע פּאָנעם פון זייערע אונטערדריקער. זײַענדיק דורכגעדרונגען מיטן קאמפס־גײַסט, לערנען מארקס׳ פּאמפלעטן צו ארויסווײַזן רעוואָליוציאָנערע שרעקלאָזיקײַט אינעם דעמאסקירן די סאָנים פונעם ארבעטער־קלאס. דערין באשטייט די אויסערגעוויינלעכע באדײַטונג פון מארקס׳ פּאמפלעטן, זייער קאָלאָסאלע קראפט פון אופווירקן אף די מאסן.



קארל מארקס און פרידריך ענגעלס אין דער רעדאקציע „נײַע ריינישע צײַטונג“.

קינסטלער יע. סאפּיראָ.

*

אף די וועגן פון הײַנטצײַטיקײַט

דער גוטער מענטש אין קאַבריאַנסקיס נײַע דערצײלונגען

קאַבריאַנסקיס ביידע דערציילונגען „א גוטע נאכט, גוטערברודער“ („סאָוועטיש היימלאנד“ נום. 2, 1967) און „א גוטער מענטש“ („סאָוועטיש היימלאנד“ נום. 1, 1968) רופן זיך שטארק איבער לויטן סוזשעט. לייבוש און הוגע — ביידע מעכאניקער, פון ביידע אָטעמט מיט גוווּרע, בא ביידע „גאָלדענע הענט און בריליאַנטענע הערצער“ און ביידן גליקט ניט אין ליבע. מאשע און גוסטע — ביידע שלאנקע, בייגעוודיקע, „מעכײַעדיקע“, נאָר ניט גליקלעך אין פאמיליען־לעבן. און מאמעש ווי א צווילינג זײַנען די קינדער, וועמען די טאטעס האָבן פארלאָזט, יאָנטעלע און יאנעק — ביידע מיט קינדערשער טמימעס און „אלטע קעפ“...

צוליב וואָס איז נייטיק געווען ווארײַרן קימאט איין און דעם זעלבן סוזשעט אין צוויי דערציילונגען?

עפשער ווײַל דער אווטאָר האָט דערפילט די געוויסע מאנגלען פון זײַן ערשטער דערציילונג און זיך געפּרווּוט אף א נײַעם אויפן פארטיפערן אין דער פּראָבלעם? און עפשער ווײַל דאָס מאָראליש־עטישע אינעם מענטשן הערט אים ניט אוף צו רעגן און ווערט א ברייטערע טעמע פון זײַן שאפן?

לייענענדיק די קורצע דערציילונג „א גוטע נאכט, גוטערברודער“, האָב איך זיך געכאפּט אפן געדאנק: דער שרײַבער האָט מיך „אָפּגענארט“; איך האָב געמיינט, אז די דערציילונג וועט זיך ענדיקן אנדערש, אז לייבושעס פארטײַעטע האָפענונג וועט טאקע מעקויִעם ווערן, און עס וועט קומען דער „יאָמטעוודיקער טאָג, וואָס וועט אינגאנצן איבעראנדערשן זײַן לעבן“. נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך, אז לייבוש געפינט זיך ניט קיין אָרט אין הארצן פון זײַן געליבטער.

איבערצײַגט זיך, אז דער שרײַבער האָט מיך „אָפּגענארט“, האָב איך גלײַך דערפילט, אז די דערציילונג איז געוואָרן אינטערעסאנטער, אָריגינעלער. אן אידילישער „גוטער סאָף“ וואָלט זי, דאכט זיך, פארבאנאליזירט.

די אומגעריכטע אקאָרד־שורע „א גוטע נאכט, גוטערברודער“ צווינגט מיך זיך אומקערן פון סאָף צום אָנהייב, דורכלייענען די דערציילונג „אף צוריק“.

פארוואָס „א גוטע נאכט, גוטערברודער“? — פארטראכט איך זיך.

דערפאר, ווײַל דאָס לעבן איז שטארקער פון יעטווידער סכעמע — הער איך ארויס פון דער דערציילונג.

מאָזי קאַבריאַנסקי איז פארוואָרצלט אין לעבן און קען עס. ער האנדלט אין זײַן דערציילונג אזוי, ווי עס געשעט אָפט אין לעבן, — ניט לויט דער „גראָדער ליניע“, נאָר לויט זיגזאגן.

לייבוש איז טאקע א טײַערער באָכער און וואָלט געווען דער בעסטער טאטע פאר יאָנטעלען, נאָר מאשע האָט ליב דעם מאן, וואָס האָט זי און דאָס קינד פארלאָזט. „איך האָב אים ליב, — זאָגט זי, — און קאָן מיט זיך גאָרנישט ניט טאָן“...

נאָר פארוואָס האָט מאשע פארהיט אזא געפיל צו אן אכזאָריעסדיקן מענטשן? — קומט די צווייטע פראגע.

ווײַל זי האָט אים ליב „אָן א פארוואָס“.

און וואָס ווײַטער, אלץ מער פיל איך: אין דער דערציילונג בלײַבט עפּעס ניט דערזאָגט.

און דאָ מוז איך אריבערגיין צו די מאנגלען פון קאָבריאנסקיס דערציילונג „א גוטע נאכט, גוטערברודער“.

א ריי פּראָבלעם־סיטואציעס זײַנען ניט מאָטיווירט. די דיאַלאָגן זײַנען שטייגערישע, אָן פּאָעטישן שווּנג.

פאראן אין דער דערציילונג טשאפּלינישע מאָדעלן, נאָר אָן דער טשאפּלינישער עמאָציע:

„לייבוש איז געשטאנען ווי א טאם און געפינטלט מיט די אויגן“ (ז. 77).

„לייבוש האָט גענומען א פּליושענעם בער פונעם טישל, אים לאנגזאם געגלעט און ארײַנגעקוקט אין די גלעזערנע אויגן...

— און איר, לעוו דאווידאָוויטש, מיט וואָס זײַט איר צו מיר געקומען?

— איך? — האָט ער זיך דערשראָקן פאר דער פּלוצעמדיקער פראגע, גענומען ברעכן די פיסלעך באם בער, שיר אים דעם קאָפּ ניט אָפּגעדרייט, דערפאר איז אים, לייבושן, גרינגער געוואָרן צו ריידן. ניין, ניט ריידן, נאָר פּלאָנטערן מיט דער צונג“ (ז. 81).

לייבוש האָט שטײַפע מוסקולן, נאָר האָט ניט קיין פליגל. צוליב וואָס דאַרף א געזונטער באָכער פליגל, קאָן עמעצער פון די לייענער פרעגן, ער איז דען א מאַלעך?..

פאַרוואַנדלען לעבן אין קונסט, ענטפערן מיר, איז ניט פון די גרינגע זאַכן. אינעם געוויינלעכן מוז דער שרײַבער דערזען דאָס אומגעוויינלעכע. אָן דעם באַקומט זיך ניט קיין קונסטווערק. קינסטלערישע געשטאַלטן דאַרפן אין זיך פאַרקערפּערן דאָס ג ע וו יי נ ל ע כ ע און א ו מ־ג ע וו יי נ ל ע כ ע. ליטעראַרישע העלדן, גענומענע פון לעבן, דאַרפן זײַן באַפליגלט.

עפּשער דערפאַר האָט קאָבריאַנסקי דעם פּאָזיטיוון העלד הוגע פון זײַן צווייטער דערציילונג „א גוטער מענטש" ניט נאָר באַשאָנקען מיט פיזישן קויעך. הוגע „וויל א ביסעלע טרוימען. ניטאָ קיין קויעך אף דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען דערווערגן א מענטשנס טרוים".

וועגן וואָס טרוימט ער, הוגע? ניט אַזוי וועגן אייגענעם מאָרגן, ווי וועגן דעם מאָרגן פון די קינדער, וואָס זײַנען נאָך דער מילכאָמע פאַרבליבן אָן עלטערן און פאַר וועמען ער איז ניט נאָר דער עלטערער ברודער, נאָר דער, וואָס קאָן זיי פאַרבײַטן טאַטע־מאַמע. די פּראָבלעם איז געוואָרן א מאָראַליש־עטישע — א פּראָבלעם פון ג ו ט ן מ ע נ ט ש ן.

מיט דער דערציילונג „א גוטער מענטש" האָט זיך קאָבריאַנסקיווירקלעך זעלבסטבאַשטימט אין זײַן נײַער טעמע און פּראָבלעם. ער שילדערט געזונטע און שיינע מענטשן. צווישן זײַן פּערסאָנאַזש וועט איר ניט טרעפן קיין קאַריקאַטורן און מעגושעמדיקע שאַרזשן. די מאַנצבלען — אָט אַזעלכע, ווי הוגע, וואָס קען „א מאַשין אויפהייבן און איבערקערן מיט די רעדער אַרויף", די „מוסקולן איבערגעפלאָכטן מיט אָנגעבלאָזענע דיקע אָדערן, הײַנט די שלאָסביינער זײַנע — עמעסע אײַזערנע פרענטן. יעדער גליד איז בא אים וואָגיק און גרויס, אָבער אַלץ איז אין דער מאָס, לויט זײַן קערפּער. ניט אַלעמאָל איז ער שווער. ער קאָן שפּאַנען, מע זאָל אפילע ניט הערן זײַנע טריט, און אַמאָל גייט ער אַזוי, אַז די ערד טרייסלט זיך אונטער זײַנע פיס. און נאָך א זאַך: דאָס יינגעלע האָט ליב האָרעווען" (ז. 9). און די פרויען — אָט אַזעלכע, ווי אַנע־זשאַנע, שטאָלצע, ריידנדיקע, ווירדיקע, ווינציק, דוכט מיר, נאָך באַוויזענע אין אונדזער ליטעראַטור. אָבער געשטאַלטן רעאַלע און טאַקע — יאָ, יאָ! — נאַציאָנאַלע! איצט איז די בעסטע צײַט פאַר אָט דעם פּערסאָנאַזש. און מאָזי קאָבריאַנסקי, מיין איך, געפינט זיך אף דער מאַגיסטראַלער ליניע פון דער הײַנטצײַטיקער טעמע.

די שיינקײַט פון מענטשן גיסט זיך צונויף מיט דער שיינקײַט פון נאַטור און אַרבעט.

„הוגע שפּאַנט איבער די שטילע גאַסן. די שאָטנס פויזען אַוועק פון די טראָטואַרן. דער הימל איז לויטער־ריין, בלויז אין סאַמע עק איז פאַרבליבן סימאָנים, ווי פון א בעזעם, וואָס האָט פאַרקערט די וואָלקנדלעך. עס ווערט ליכטיק און זוניק אין יעדן ווינקל. דער שיינער טאָג מאַכט לײַכטער זײַן געמיט. די וועלט איז גאָר ניט אַזאַ שלעכטע. אָט שפּאַנען שיינע, גוטע מענטשן. יעדערער אײַלט זיך אף זײַן אַרבעט. די ביימער באַגעגענען זיי, באַגריסן זיי, די קרוינען טוען זיך א נייג און ווערן ווידער פאַרגליווערט" (ז. 49).

ניין, ס'איז ניט קלאָל אידיליע, ס'איז די האַרמאָניע פון מענטש — נאַטור — אַרבעט און בויונג פון אונדזער טקופע.

אָט איז נאָך איין בײַשפּיל.

דער בריגאַדיר גאָדי פּאָרט מיט זײַן מאַשין איבער די וועגן, וואָס האָבן אַמאָל געפירט צום פראָנט, און איצט — צום לעבן.

„איצט איז א שיינע וועלט, מיט קליינע וועלטעלעך. דער הימל איז א ריינער, די טאָלן אין די פעלדער לייגן זיך אויס אף נאַכטלעגער. די ערד איז גרין, אַרום־און־אַרום גרינט. די זון האָט שוין אַריבערגעיאָגט די מאַשין און זי אַראָפּגעקײַקלט פון יענער זײַט דאָרף. דאָ דאַרף מען זײַן פּאָרזיכטיק. מענטשן גייען אויף און אָפּ, א קינד קאָן פּלוצעם אַרויסשפּרינגען פון א הויף גלײַך אפן אַספאַלט. גאָדי הודעט הילכיק, פּאָרט פּאַמעלעך".

יאָ, „די וועלט איז גאָר ניט אַזאַ שלעכטע".

קומען מיר ווידער צום איקערדיקן פון קאָבריאַנסקיס דערציילונג — צו דער פּראָבלעם פון ג ו ט ן מ ע נ ט ש ן. די דערציילונג ענדיקט זיך מיט א דראַמאַטישער סצענע. צו גוסטען האָט זיך אומגעקערט דער צווייטער מאַן מיטן טנײַ, אַז זי וועט איר יאַנעקן אָפּשיקן צו א קרויווע: ער איז א געלערנטער, און יאַנעק וועט אים שטערן אַרבעטן...

דערווײַל האַלט זיך יאַנעק צײַטווײַליק אויף בא הוגען: ער האָט זיך צו הוגען שטאַרק צוגעוווינט און דאַרף ניט קיין מומעס...

אַנע־זשאַנע איז גרייט כאַסענע האָבן מיט הוגען, אָבער אויך מיטן באַדינג, אַז ער וועט זיך צעשיידן מיט יאַנעקן. יאַנעק האָט א מאַמע, און זי דאַרף אויך ניט קיין פרעמדע קינדער...

וויאַזוי זשע וועט הוגע האַנדלען? וואָס פאַר א געפיל וועט אַריבערוועגן?

דאָס געפיל צום קינד איז גוייווער. הוגע האָט זיך מיט יאַנעקן ניט צעשיידט, כאָטש אַנע־זשאַנע, מיט וועמען ער האָט געזאָלט כאַסענע האָבן, איז, ווי מע זאָגט, ווײַטער געבליבן אויס קאַלע, ווידער מויד...

„...פּונקט ווי ביז אַצינד, ברענגט הוגע יעדן אָוונט יאַנעקן פון קינדערגאָרטן. ס'איז שוין פינצטערלעך, ווען זיי קומען אַהיים. מע הייצט אײַן די הרובע, און אין שטוב ווערט א ליבע וואַרעמקײַט. דער לערער מיטן טאַלמיד זעצן זיך אַנידער באַם טיש, און מע הייבט אָן קנעלן. יאַנעק קען שוין אף אויסווייניק א ליד וועגן לענינען, ער ווייסט, אַז לענין האָט ליב געהאַט קינדער און דערפאַר רופט מען די אָקטיאַבערלעך לענינס אייניקלעך".

אַוואַדע איז הוגע א גוטער מענטש. עמעס, אָפּט דאַכט זיך: אפילע צו א גוטער, א גוטינקער. אין אַזעלכע פאַלן דערמאָנען זיך אַנע־זשאַנעס ווערטער: „דו ביסט א גוטער, נאָר יויצע זײַן פאַר דער גאַנצער וועלט דאַרף מען ניט".

עס ווילט זיך, אַז די נעשאָמע פונעם גוטן מענטשן הוגע זאָל זיך אַקטיווער בונטעווען קעגן מענטשלעכער פאַרדאָרבנקײַט.

אין שאַרפע סיטואַציעס בלײַבט הוגע אָפּט פּאַסיוו, אין א „פאַרטערפּעטן" צושטאַנד. „הוגע קערעוועט זיך אויס, ער זעט, ווי עס עפנט זיך די טיר און זי (גוסטע) בלײַבט שטיין אף דער שוועל... א פ א ר ט ע ר פּ ע ט ע ר איז ער שטיין געבליבן מיט אָן אָפן מויל" (ז. 35). „בעסער וואָלט זי אים געגעבן מיט א מעסער אין האַרצן. אין איין רעגע איז ער אינגאַנצן ווי פ א ר ט ע ר פּ ע ט געוואָרן" (ז. 44).

דעם עמעס געזאָגט, שטעל איך זיך ניט אינגאַנצן פאָר דעם צושטאַנד פון „פאַרטערפּעטקײַט", און אַליין

דאָס וואָרט „פארטערפּעט" זעט מיר אויס צו זײַן א ביסל טערפּקע אפן צונג...

נאָר דאָס איז א דעטאל, אן איינצלהײַט.

מער קריטיש קומט אויס זיך באַציִען צו דער פּאטאלער פראזע פון קאָבריאנסקיס העלד, מיט וועלכער עס שליסט זיך די דערציילונג: „עס טרעפט, אז הוגע גייט אמאָל צו צום פענצטער, קוקט ארויס אין דרויסן און שמייכלט ביטערלעך צו זיך אליין. יעדערער — טראכט ער — האָט זיך זײַן גורל".

צי איז עס די פראזע, וואָס דריקט אויס די פילאָסאָפיע פונעם גוטן מענטשן פון אונדזער צײַט?

ס'איז אויך ניט יענע פינאל־שורע, וואָס אקומולירט (לעמאָשל, בא י.־ל. פּערעצן) די אידיי פון דער דערציילונג, דעם אויספיר, צוליב וועלכן ס'איז קעדײַ געווען צו דערציילן.

קאָבריאנסקיס נײַע דערציילונגען „א גוטע נאכט, גרטערברודער" און „א גוטער מענטש" זײַנען אָנגעשריבן אף א געוויסער קינסטלערישער הייך. איצט דארף דער שרײַבער גיין ווײַטער — צום „אויב ניט נאָך העכער".

מוישע נאָטאָוויטש

*

איך קאָן ניט מאסקים זײַן

מוישע נאָטאָוויטשעס ארטיקל „דער גוטער מענטש בא מ. קאָבריאנסקין" האָב איך געהאט א מעגלעכקײַט איבערצולייענען, נאָך איידער עס איז אוועק אין דרוק. דעם עמעס געזאָגט, האָט דער סאָף פונעם ארטיקל מיך ביז גאָר פארכידעשט: די דערציילונגען „זײַנען אָנגעשריבן אף א געוויסער קינסטלערישער הייך"... וואָס הייסט עס — „א ג ע װ י ס ע קינסטלערישע הייך"?

דרײַ גרעסערע דערציילונגען (אין רוסיש רופט מען אזעלכע „פּאָוועסטן") און א קלענערע דערציילונג האָט קאָבריאנסקי אָפּגעדרוקט פאר די לעצטע פינף יאָר אין „סאָוועטיש היימלאנד", און מיט יעדער נײַער דערציילונג איז אלץ קלאָרער געוואָרן, אז עס איז אונדז צוגעקומען א טאלאנטפולער שרײַבער, א שרײַבער פונעם ווײַסנבערג־שניט, וואָס גייט פון פאָלק, א שרײַבער מיט זײַן אייגענעם דערעך, מיט זײַן אייגענעם לאָשן.

מ. נאָטאָוויטש איז פארכידעשט — דער שרײַבער האָט אים „אָפּגענארט" — די דערציילונג „א גוטע נאכט, גרטערברודער" האָט זיך פארענדיקט ניט אזוי, ווי דער קריטיקער האָט עס דערווארט, דעריבער איז ער פארכידעשט און... דערפרייט. מיר מאָלט זיך אויס, אז קאָבריאנסקי דערפרייט אונדז אלע מאָל ניט נאָר מיט אן אומגעריכטער לייזונג פון אײדעלע מאָראליש־עטישע פּראָבלעמען, ער דערפרייט אונדז מיט פרישער טעמאטיק, מיט נײַעם שטייגער, מיט פּערסאָנאזשן און געשטאלטן פון אונדזער צײַט, און דאָס אלץ ווערט דערגרייכט מיט אייגנארטיקע קונסט־מיטלען.

אויב ארויסגיין פון דער האנאָכע, אז קריטיק דארף העלפן דעם לייענער טיפער ארײַנדרינגען אין טאָך פונעם קינסטלערישן ווערק, וועט זײַן בארעכטיקט צו מאָנען בא נאָטאָוויטשן אן ענטפער כאָטש אף איין פראגע:

וואָס פאר א נײַס האָט פאר אונדז אנטפּלעקט דער שרײַבער מאָזי קאָבריאנסקי?

אונדז איז פריִער פאר אלץ קלאָר, אז קאָבריאנסקי האָט צו טאָן מיט מענטשן, וועלכע רינגלען אונדז ארום אין טאָגטעגלעכן לעבן. געוויינלעכע סאָוועטישע מענטשן, מיט וועמענס דײַגעס און פריידן דער שרײַבער לעבט.

צום באדויערן, איז די הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראטור ניט אזוי רײַך מיט ווערק, וואָס זאָלן באהאנדלען פּראָבלעמען פון הײַנטצײַטיקײַט, און ווען עס קומט א שרײַבער מיט א גאנצער סעריע דערציילונגען פון אָט דעם שניט, וואָלט נאטירלעך געווען, עס זאָל קומען די קוואליפיצירטע דערמונטערנדיקע פאָרמולירונג פון דער קריטיק, דער אנאליז פון דעם נײַעם, וואָס דער שרײַבער האָט ארײַנגעבראכט.

דערבײַ דארף געזאָגט ווערן, אז קאָבריאנסקי נייטיקט זיך ניט אין קיין סקידקעס. שוין מיט זײַן דערציילונג „אינמיטן וועג", וואָס איז פארעפנטלעכט אינעם יאנוואר־נומער „סאָוועטיש היימלאנד" פארן 1963, איז קלאָר געוואָרן, אז מיר האָבן צו טאָן מיט א קרעפטיקן שרײַבער, וואָס ווייסט, וואָס ער וויל, וואָס פארמאָגט גענוג טאלאנט אף צו רעאליזירן זײַן פארטראכט.

מוישע נאָטאָוויטש האָט באמערקט, אז די קינדערגעשטאלטן בא קאָבריאנסקין — יאָנטעלע און יאנעק זײַנען ענלעך איינס אפן צווייטן, אז הוגע און לייבוש זײַנען ביידע פיזיש קרעפטיקע יונגען, אז דער שרײַבער כאזערט איבער דאָס וואָרט „פארטערפּעט"... און באלד קומט די פאָרמולירונג: „פאראן אין דער דערציילונג טשאפּלינישע מאָדעלן, נאָר אָן דער טשאפּלינישער עמאָציע..."

איך בין זיך מודע, אז ביז איצט האָב איך געמיינט, אז דאָס טשאפּלין־געשטאלט דריקט אויס דעם גורל פונעם „קליינעם מענטשעלע", וואָס האָט ניט קיין אָרט אין דער קאפּיטאליסטישער וועלט, אז דאָס אויסערלעכע געמעל איז דאָ בלויז א מיטל אף צו אנטפּלעקן דעם קינסטלערישן פארטראכט. נאָר וויִאזוי מע קאָן פארגלײַכן לייבושן אָדער הוגען, אָט די געזונטע, אקטיווע און לעבנספולע אטלעטן, מיט די טשאפּלינישע מאָדעלן, שטעל איך זיך ניט פאָר.

קימאט אין אלע ווערק פון קאָבריאנסקין ווערן געשילדערט קינדער. און קינדער פארשיידענע סײַ לויטן אויסערלעכן געמעל, סײַ לויט זייער פסיכאָלאָגיע. לאָמיר דערמאָנען די כעוורע פון „אינמיטן וועג“ — נעטע, קאָסטיע, מירעלע, בעניע, גאָדעלע און טאקע אויך יאנעקן און יאָנטעלען — דאָס איז א פולע גאמע פון כאראקטערן, אינטערעסן, געווינהײַטן. די אלע קינדער־געשטאלטן דערקענט דער לייענער ניט לויט די נעמען, נאָר לויט זייער האנדלונג, לאָשן, אופירונג. קאָבריאנסקיס קינדער סוסיוקען ניט, זיי זײַנען מענטשן — מענטשן פון צוויי, פינף, נײַן אָדער צוועלף יאָר, און ניט נאָר דער עלטער זייערער באשטימט זייערע אינטערעסן און זייער האנדלונג, נאָר הויפּטזאכלעך די אומשטענדן, אין וועלכע זיי לעבן. סײַ בעניע, סײַ יאָנטעלע, סײַ יאנעק וואָלטן אויסגעזען גאנץ אנדערש, ווען עס זאָל זיי אויספאלן אן אנדער גורל.

ביכלאל זײַנען בא קאָבריאנסקין ניט פאראן קיין פּאסיווע געשטאלטן. דערמאָנט זיך די אויסגעדארטע און אויסגעמוטשעטע אלטיטשקע סארע אבראמאָוונע, א מענטש, אין וועלכן, ווי מע זאָגט, עס האלט זיך קוים די נעשאָמע, — און ווי אקטיוו און טעמפּעראמענטפול זי איז! ניט דער שווערער גורל, ניט קיין פיזישע ליידן האָבן ניט געקענט אײַנברעכן די דאָזיקע פרוי.

אויך די נעגאטיווע געשטאלטן — דער פעטער זײַוול, בומע, ברײַנע (פון דער דערציילונג „א פּוסטער קערן“) — זײַנען קיינמאָל ניט געווען פּאסיוו. פארקערט, זיי האָבן מיט אלע קרעפטן זיך געקלאמערט אין זייער ענג, פארשימלט וועלטל און ניט אָפּגעטראָטן אף קיין שפּאן ביזן לעצטן אָטעם.

ווען ברײַנען, בומעס מאמע, איז פארבליבן געציילטע מינוטן צו לעבן, דערציילט דער שרײַבער וועגן איר אזוי: „זי האָט געעפנט די אויגן, דערזען, אז זי ליגט אין גראָז. סארא פרישע פּאשע! כײַ וואָלט בומע סייכל האָבן ארויספירן אמאָל די קו אהער. די בעהיימע וואָלט זיך מעכײַע געווען...“ איז וועגן וועלכע טשאפּלינישע מאָדעלן קאָן גיין א רייד?

איך גלייב, אז עס קאָן אויך ניט גיין קיין רייד וועגן „מאנגלען“, ווען דער שרײַבער קערט זיך אום צו זײַן באליבטער, שוין באריטער טעמע אָדער פּראָבלעם, און דעריקער ווען עס גייט א רייד וועגן פּראָבלעמען און טעמעס, וואָס זײַנען אין דער ליטעראטור ווייניק אָדער אינגאנצן ניט באריט געוואָרן.

ווי באוווּסט, זײַנען פאראן שרײַבער, און גוטע שרײַבער, וואָס וואריִרן איינע און די זעלבע טעמע קימאט אין אלע זייערע ווערק. די גורלאָלעס פון הוגען און לייבושן, פון גוסטען און מאשען זײַנען גאנץ פארשיידן. פארשיידן זײַנען אויך די געשטאלטן, פארשיידן איז זייער פּסיכאָלאָגיע און אויך זייער האנדלונג, און גראָד דאָס דארף אויפגעדעקט און דערקלערט ווערן.

געוויס קאָן מען אויסזוכן ווערטער, אויסדרוקן און אפילע שטעלן, וואָס כאזערן זיך איבער אין קאָבריאנסקיס דערציילונגען. נאָר ניט דאָס דארף ווערן דער טאָך פון אן ערשט ארטיקל וועגן א שרײַבער, וועמען די קריטיק האָט נאָך ניט פאָרגעשטעלט פארן לייענער און וואָס האָט אָן סאָפעק פארדינט, אז מיט זײַנע ווערק זאָל דער לייענער זיך פארינטערעסירן.

די בלויזן, וועלכע מוישע נאָטאָוויטש דערמאָנט, זײַנען ניט גענוג אף צו מאכן אן אויספיר, אז „א גוטע נאכט, גוטערברודער“ און „א גוטער מענטש“ זײַנען אָנגעשריבן בלויז אף א „געוויסער קינסטלערישער הייך“. א ג ע ו י ס ע קינסטלערישע הייך איז קיין שום הייך ניט, און אוודע קיין שום קינסטלערישע הייך!..

איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאר דער ייִדישער ליטעראטור, איז, ווי איך בין איבערצײַגט, די פּראָבלעם פון היינטצײַטיקייט, און אין דעם בין איך פולקום מאסקים מיט מוישע נאָטאָוויטשן. אויב אונדזערע מיטצײַטלער וועלן אין זייערע ווערק ניט דערציילן וועגן די מענטשן, וואָס האָבן געהאָלפן אָדער געשטערט צו רעאליזירן די אויפגאבן, וואָס די צײַט האָט פאר זיי געשטעלט, וועט דאָס שוין קיינער ניט טאָן. און ווען עס קומט א ייִדישער שרײַבער און טוט דאָס מיט דערפאָלג, איז דער כויוו פון דער קריטיק ווי געהעריק עס אָפּצושאצן.

אווראָם גאָנטאר

אף די פאָטאָס: פון אויבן — אין אזגורס אטעליע; פון אונטן — זאיִר אזגור בא זײַן סקולפּטור פון מיכאָעלסן (1949)

באָריס בוריאַן

דער מײַסטער און זײַנע ווערק

דאָס פענצטער איז הויך, סאמע אונטער דער סטעליע. דורכן פענצטער פאלן ארײַן אהער גאנצע סנאָפּעס גאָלדענע פײַלן. זיי באדעקן אָט איין פּאָנעם, אָט א צווייטס.

דאָס איז דער ווארשטאט פון זאיִר אזגור.

מינסק, וואָסטאָטשנאיא...

עפנסט די טיר, און עס גיט דיר א שפּאן אנטקעגן א מאכנע שווײַגנדיקע מענטשן.

ווער האָט עס געזאָגט — שווײַגנדיקע?

זייער שווײַגן דויערט בלויז איין רגע. דערנאָך הייבן זיי אָן ריידן און דערציילן וועגן זיך אלץ, וואָס א מענטש האָט וועגן זיך צו דערציילן, דאָס סאמע אינטימע און טיף באהאלטענע.

און ער — דער מײַסטער — שטייט א ביסל אין א זײַט און רײַבט די אָנגעהאָרעוועטע הענט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געקליבן עפּעס איבערמאכן, נאָר עפּעס טאָן מיט די מענטשן, ווײַל אָט די אויסגעהאָרעוועטע הענט זײַנע האָבן זיי געבראכט אף דער וועלט.

וועגן אזגורס הענט קאָן מען ריידן א סאך. אָדערן — בלויע, סטארטשענדיקע, אָנגעשטרענגטע. דלאָניעס פון א שמיד, אין וועלכע עס איז פארבאָרגן דער עכאָ פון בראדגעדיקן אײַזן. זיי זײַנען אויך ענלעך, די הענט זײַנע, אף די הענט פון א פּאָעט, וואָס האלטן נאָך שטײַף די פּען, וועלכע האָט נאָרוואָס פארשריבן אפן פּאפּיר די דער־

הויבנסטע געדאנקען. דאָס זײַנען אויך העגט, וואָס זײַנען מעסוגל אופהייבן די שווערסטע לאסט.

און ס'איז קיין כידעש ניט. ערגעץ אין דער טיף פון די טויטע שטיקער ליים און מארמאָר, האָלץ און בראָנזע האָט דער מײַסטער דערזען דאָס, וואָס איז פארהוילן אין זיי, אראָפּגענומען, אָפּגעהאקט, אָפּגעשליפן דאָס איבעריקע, און ס'איז געבוירן געוואָרן א געשטאלט פון א מענטשן.

אויך וועגן אזגורס אויגן איז דאָ וואָס צו דערציילן. דער בליק זייערער — אָט שטראלט ער אויס גוטסקײַט און מיטגעפיל, אָט איז ער פול מיט ווייטעק און צאר, און אָט קאָן ער ניט אויסבאהאלטן דעם קאס און פאראכטונג. צופיל האָט ער געזען אין פרעמדע אויגן, אז זײַנע זאָלן קאָנען אויסדריקן רויִקן גלײַכגילט.

ער האָט צופיל געהערט, און דעריבער קאָן ער אליין ניט שווײַגן.

א סאך שלאָפלאָזע נעכט האָט פארגעדענקט אזגור. באטראכטן דעם מענטשן, פארשטיין זײַן טיפסטן טאָך — איז ניט קיין לײַכטע מעלאָכע.

ביז קאיאָר פארמאכן זיך ניט די וואכע אויגן — עס שטייט אלץ פאר זיי עמעצנס א פּאָנעם און עס קלינגען ווערטער, וואָס פארגעסן זיי איז אומעגלעך, — עמעצער האָט זיך אראָפּגערעדט פון הארצן.

דער מײַסטער פון א סקולפּטור־פּאָרטרעט פילט שטענדיק איבער זיך די מאכט פון דעם מענטשנס גוירל, פון זײַנע פארלאנגען און זוכענישן, פון זײַן גלייבן און האָפן.

גראניט אָדער מארמאָר, בראָנזע און אפילע גיפּס — דער באליביקער מאטעריאל, מיט וועלכן עס האָט צו טאָן דער מײַסטער, זײַנען אן און פאר זיך גוירעם, אז אין דעם געשטאלט פונעם מענטשן זאָל פארשווינדן דאָס פארבײַגייענדיקע, דאָס צופעליקע. דערהויבנס — דאָס איז דאָס כאראקטעריסטישע פאר אלץ, וואָס ווערט פארקערפּערט אין סקולפּטור.

אין דער גאלעריי פּאָרטרעטן, וועלכע עס האָט געשאפן אזגור, פארנעמען גאָר א באזונדער, כ'וואָלט געזאָגט אן אינטים, אָרט די פּאָרטרעטן פון קינדער. אָט איז ליילע (אין דער סוזשעט־קאָמפּאָזיציע, וואָס הייסט אין די קאטאלאָגן — „לענין מיט א מיידעלע"). ווי פריידיק זי דערציילט עפּעס גאָר פאר איר וויכטיקס און אינטערעסאנטס דעם שטארקן און גוטן פעטער איליטש! אין דעם פּאָרטרעט איז פאראן עטוואָס אזוינס, וואָס פארוואנדלט דאָס קינד אין א פּערזענלעכקײַט, אין אן אינדיווידואליטעט. עמעס, ליילע האָט ניט פארלוירן אף קיין האָר איר קינדישקײַט, אָבער ס'איז ניט פאראן אין איר אויך קיין האָר לאקריץ־זיסע אינפאנטילקײַט. ליילע איז צופרידן, וואָס זי האָט באגעגנט אָט דעם מענטשן, וועלכער איז אזוי אומגעריכט גוט צו איר. ווײַל אין איר דערווײַל נאָך קורץ לעבן האָט זי, כוץ דער מוטער, זעלטן באגעגנט גוטהארציקע און ניט פארביטערטע מענטשן. מעגלעך, אז איך האָב א טאָעס. יעדער איינער וועט זען אין דעם פּאָרטרעט דאָס, וואָס עס זאָגט אים אונטער זײַן פּערזענלעכע דערפארונג און זײַן קענען „לייענען" סקולפּטור.

און איצט לאָמיר צוגיין צו אָט דעם כיטרען אלטיטשקן, וואָס די שפּעלטיקלעך אויגן זײַנע קוקן ארויס פון אונטער די האלב אראָפּגעלאָזטע וויִעס. עפּעס דאכט זיך אויס, ווי ער וואָלט קעסיידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — דאָס מוסערט ער אונדז, צי, פארקערט, ער גיט אונדז אָפּ גערעכט?

דאָס איז דער זיידע טאלאש, וואָס האָט אָפּגעלעבט בא זיך, אין זײַן היימישער פּאָלעסיע, א קײַמעלאָן פון הונדערט יאָר מיט א סמיטשעק. עמעס, דער „סמיטשעק" איז שוין גאָר ניט אזוי גרויס, סאכאקל דרײַ יאָר: נאָר ווי די זאך זאָל ניט זײַן, האָט א מענטש אָפּגעלעבט אף דער וועלט העכער הונדערט יאָר. אנו־קא, קוקט זיך צו צום בינטל קנייטשן ארום זײַנע אויגן, וואָס צעלויפן זיך, ווי שטראלן, אין אלע זײַטן.

עפּעס א קלייניקײַט, א יאָרהונדערט. נאָר אָט טרעטסטו אָפּ א ביסל אף צוריק, דערנעענטערסט זיך ווידער, קוקסט זיך צו צו דעם אלטן. אין דעם, ווי אזגור לייזט די אופגאבע פון אײַנפּאסן דעם פּאָרטרעט אין רוים, איז פאראן עטוואָס פון האָמערס העקזאמעטער — ניט געײַלט און איבערצײַגנדיק דערציילט אונדז דער מײַסטער וועגן א מענטשן, וועלכער האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך אונטערגעבן דעם גוירל. אפילע דער, וואָס ווייסט ניט וועגן דעם לעבן פון אָט דעם ווײַסרוסישן פּארטיזאנער, וועט פארשטיין דעם שטאָלצן, אקשאָנעסדיקן כאראקטער זײַנעם. דער צושויער נעמט אוף דעם זיידן טאלאש אין קעסיידערדיקער אינערלעכער באוועגונג, אין פּראָצעס פון דענקען און אָנעמען באשלוסן.

מיסטאמע וואָלט דער זיידע טאלאש אף זײַן שטייגער, ניט אין פערזן, נאָר מיט פּאָשעטע וואָכעדיקע ווערטער געקאָנט זאָגן דאָס, וואָס יאנקא קופּאלא האָט אזוי דרייסט און שטאָלץ געזאָגט נאָך פאר דער מילכאָמע:

און מאכט ווער כויזעק איבער מײַן היימלאנד,
מיך קריוודעט ער צום אלעמערשט...

און אָט איז יאנקא קופּאלא אליין. ער זעט אויס אין אזגורס פּאָרטרעט שטענדיק פרימאָרגנדיק פריש, געלײַטערט.

אין צענטער פון מינסק, אין שאָטן פון שטיל רוישנדיקע ביימער, דורכגעוועבטע מיט די שטראלן פון דער גוטער ווײַסרוסישער זון, שטייט א דענקמאָל יאנקא קופּאלאן.

קוקסט אפן דענקמאָל, און הערסט זיך ניט אוף צו וווּנדערן, וויִאזוי דעם קינסטלער האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערזען און פארקערפּערן דעם מאָמענט פון באגײַסטערונג. איך געדענק ניט, ווען מען עס געהערן די ווערטער,

אז ווען א פּאָעט שווײַגט, בלײַבט אַף זײַנע ליפּן דאָס שטעמפּל פון דעם לעצטן געזאָגטן וואָרט. לויט מײַן מיינונג, איז וויכטיק צו דערזען, אז דער פּאָעט האָט ווירקלעך דאָס דאָזיקע וואָרט אָקאָרשט ארויסגעבראכט. און וואָס דאָס איז געווען פאר א וואָרט, קאָן מען פארשטיין כאָטשבי פון איינער א ציטאטע פון קופּאלאס א בריוו, א פראזע, וועלכע אלע מיר ווייסן: „מיר כאָלעמט זיך ווײַסרוסלאנד“...

און עס מאכט זיך אמאָל אזא מין שפּיל פון ליכט און לויפנדיקע שאָטנס אין סקווער, ווו עס שטייט דער דענקמאָל, אז פון דעם פּאָעטס ליפּן, כ׳קאָן שווערן, רײַסן זיך גראָד אָט די ווערטער.

און אָט איז נאָך איין געשטאלט פון א פּאָעט, וועגן וועלכן עס זײַנען שוין געשאפן געוואָרן לעגענדעס.

יעהודע האלייווי. דער פּאָעט פון מיטלאלטער. פון לאנג פארגאנגענעם XII יאָרהונדערט. און דאָך דערגייען צו די מענטשן פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט די טרויעריקע געדאנקען, וועלכע אזגור האָט אזוי געהיט און זאָרגפעלטיק אנטפּלעקט אין דעם פּאָרטרעט פון יעהודע האלייווי. דער טרויער שטרײַט אין אים מיט דער פרייד. דער קינסטלער דערגרייכט א גוואלדיקע קראפט פון עמאָציאָנעלער אופווירקונג.

אזא איז אזגור — דער פּאָרטרעטיסט.

אפן הילצערנעם דיל פון, אזגורס ווארשטאט איז אויסגעטאָפּטשעט א שטעגעלע — דאָס האָט ער עס אויסגעריבן, ארומשפּאנענדיק הין און צוריק.

איידער ער וועט מיט פײַל און האמער צוגיין צום שטיין, קעדיי אויסשיילן פון אים דאָס געשטאלט פון א מענטשן, דארף ער כאָטש פאר עפּעס דעם מענטשן ליב באקומען, דערגרונטעווען זיך צו דער גײַסטיקער שיינקײַט זײַנער.

צווישן אזגורס ווערק זײַנען פאראן פּאָרטרעטן, וועלכע מע קאָן אָנרופן „אָפיציעלע“. די מענטשן, וואָס האָבן פּאָזירט, האָבן געמאכט א שטארק ערנסטע מינע, מיסטאמע האָט זיך זיי געדאכט, אז די אויגן פונעם קינסטלער זײַנען א שפּיגל, וועלכער וועט אָפּשפּיגלען נאָר דאָס אויסערלעכע, דאָס, וואָס מע וויל ווײַזן... און דאָך קוקט דער קינסטלער ארײַן אין די אויגן און דערזעט דאָס טיף פארהוילענע, דעם סאמע טאָך פונעם מענטשנס נאטור.

זײַן קונסט האָט עפּעס צו טאָן מיט פאָרשונג. פונקט ווי דער געלערנטער שטרעבט ארײַנצודרינגען אין די קאָדשיי־קאָדאָשים פון דער נאטור, אזוי שטרעבט דער קינסטלער ארײַנדרינגען אין די קאָדשיי־קאָדאָשים פון דעם מענטשנס נעשאָמע און באווײַזן דערנאָך דאָס, וואָס ס׳איז אים געלונגען צו פארשטיין.

געווען בא אזגורן א סוזשעטישע קאָמפּאָזיציע — שלוימע מיכאָעלס האלט א קינד אַף די הענט און זינגט א וויגליד. צוערשט דוכט זיך, אז דער פּאָרטרעט פּיקסירט מיכאָעלסן אין א רעגע, ווען זײַן געמיט איז פרײַ פון יעטווידער זאָרג. מיכאָעלס איז דאָ צארט און הארציק. און דאָך... און דאָך איז דעם קינסטלער געלונגען צו אנטפּלעקן אין מיכאָעלסן דעם טיפן אומרו — די צערודערטקײַט פון א מענטשן, וואָס פארשטייט די גאנצע קאָמפּליצירטקײַט פונעם לעבן.



ראבינדראנאט טאגאָר

דער מענטש אין אזגורס ווערק איז שטענדיק אינדיווידועל, און שטענדיק איז אָט דער מענטש איינער פון אונדז, א זון פון זײַן לאנד און פון זײַן עפּאָכע. עס רופן דעריבער ארויס בא אונדז ווארעמע געפילן דער מאטראָס וואסילי קופּרעוויטש, וואָס האָט אין 1917 אָנטיילגענומען אין שטורעמען דעם ווינטער־פּאלאץ (איצט איז ער פּרעזידענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון ווײַסרוסלאנד), דער קאָמיסאר מיכאס לינקאָוו (איצט — פאָלקס־שרײַבער פון ווײַסרוסלאנד), דער זיידע טאלאש, שלוימע מיכאָעלס, דער ווײַסרוסישער דיכטער ארקאדי קולעשאָוו, דער פליִער אלעקסאנדער מאָלאָדטשי, די קאָלווירטניצע פון פּאָלעסיע טאמארא שקורקאָ, די ארבעטערן פון וואָלגאָגראדער טראקטאָר־זאוואָד אליאסאָווא...

געבוירן אין אן אָרעמער מישפּאָכע, אין א קליין שטעטל לעם וויטעבסק, האָט אזגור נאָך קליינערהייט געזען, ווי ביטער עס איז אָנגעקומען דאָס שטיקל ברויט דער שטעטלשער אָרעמשאפט. מע קאָן זאָגן, אז דער טרויעריקער שמייכל און דער גרויסער ווייטעק פון שאָלעם־אליכעמס ווערק זײַנען געווען דער אינדערוואָכן פון אזגורס קינדהײַט.

אלץ, וואָס איז דערנאָך געווען מיטן לאנד, איז געווען אויך מיט אזגורן: ער איז אן אקטיווער אָנטיילנעמער פון אלע גליקלעכע און טראגישע געשעענישן. אין זײַן שאַפונג האָט ער פארקערפּערט אונדזער צײַט, פארקערפּערט זי אין לעבעדיקע געשטאלטן.

כראָניק

אויסגעוויילטע דיכטונג פון פּערעץ מאַרקיש

די לענינגראַדער אָפּטיילונג פונעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" האָט צוגעגרייט אַ באַנד אויסגעוויילטע דיכטונג פון פּערעץ מאַרקיש אין דער רוסישער איבערזעצונג. דאָס בוך גייט אַרײַן אין דער „ביבליאָטעק פון פּאָעטן — גרויסע סעריע" און שליסט אײַן מאַרקישעס לידער און פּאָעמעס, אָנגעהויבן פון די ערשטע פּובליקאַציעס פון 1917.

טעאַטער און עסטראַדע

מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל אין לעטלאַנד

סאָף מאַרט האָט דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פון בינימין שוואַרצער גאַסטראָלירט אין לעטלאַנד. אין ריגע האָט ער באַוויזן שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער" און „200 000", מ. לערמאָנטאָווס „די שפּאַניער" און אַווראָם גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן". צוויי ספּעקטאַקלען האָט ער אופגעפירט אין דאַוגאַוופּילס.

עס זינגט דער שאָפער דאָוויד כײַט

אין ריגער צענטראַלן אויטאָקלוב איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער קאָנצערט פונעם שאָפער דאָוויד כײַט, וועלכער האָט געזונגען רוסישע, ייִדישע און לעטישע לידער. שוין צוואַנציק יאָר, ווי כײַט איז פאַרבונדן מיט דער זעלבסטטעטיקער קונסט און טרעט אַרויס מיט זינגלידער אין די קאָנצערט־זאַלן פון שטאָט. כײַט איז שטענדיקער סאָליסט פון דער וואָקאַלער סטודיע, לאַורעאַט פון רעפּובליקאַנישן דורכקוק פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט.

ייִדישע קאָנצערטן אין וואָלגאָגראַד

אין גרויסן זאַל פון דער וואָלגאָגראַדער קונסט־שול איז אַרויסגעטראָטן נעכאַמע ליפּשיצײַטע. אין קאָנצערט האָט זיך באַטייליקט מיט קינסטלערישע פּאַרלעזונגען די שוישפּילערן דינע רויטקאָפּ.

דער לענינגראַדער ייִדישער אַנסאַמבל פון קאָמעדיע און וואָדעוויל האָט באַוויזן אין וואָלגאָגראַד זײַן ספּעקטאַקל „קאָסרילעווקער גליקן".

ש. יאַפּע

אַ גאַסט אין ביראָבידזשאַן

וועמען איז ניט באַוווּסט בא אונדז אין לאַנד, ווי אויך אין אויסלאַנד, דער דרײַלינג מײַסטערס פון דער סאָוועטישער קאָמעדיע יע. מאָרגונאָוו, ג. וויצין און יו. ניקולין! עס איז גענוג צו דערמאָנען אָט די נעמען, ווי אַפן פּאָנעם באַווײַזט זיך אַ שמייכל, — מע דערמאָנט זיך זייער שפּילן אין די קאָמישע ראָלן פון אַזעלכע פילמען, ווי „די קאַווקאַזער געפאַנגענע", „דער הונט באַרבאָס און דער ניט געוויינלעכער קראָס" אאַ.

איינער פון אָט דעם דרײַלינג — דער אַרטיסט יע. מאָרגונאָוו — האָט עטלעכע טעג פאַרבראַכט אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן, וווּ ער האָט זיך געטראָפן מיט די צושויער אין קולטור־פּאַלאַץ און אין אייניקע אַרבעטער־קלובן.

יע. מאָרגונאָוו האָט געהאַט אַ באַגעגעניש מיט די אַרטיסטן פונעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער.

נײַס פון אויסלאַנד

אַרטיקל פון אַ יוגאָסלאַווישן שרײַבער

דער לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע, דער שרײַבער איוואָ אַנדריטש האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער דערציילט וועגן דעם קולטור־היסטאָרישן ווערט פונעם אַלטן ייִדישן בעסוילעם אין סאַראַיעוואָ. אַנדריטש שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דער טראַדיציאָנעלער פרײַנטשאַפט צווישן די יוגאָסלאַוון און די יוגאָסלאַווישע ייִדן.

אין בוקאַרעשטער ייִדישן טעאַטער

דער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער פון בוקאַרעשט טרעט אַרויס די לעצטע צײַט מיט דרײַ נײַע ספּעקטאַקלען: „שיר־האַשירים" — אַ ספּעקטאַקל־קאָנצערט; „מאַנגעריאַדע" — אַן אינסצענירונג פון די טעקסטן פון איציק מאַנגער; „אוריעל אַקאָסטאַ" פון קאַרל גוצקאָוו, איבערזעצט אין פרײַע פערזן פון ייִסראָעל בערקאָוויטש.

„צען ברידער זײַנען מיר געוועזן"

אין וואַרשעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער ווערט געגרייט די נײַע פּיעסע פונעם פּאַריזשער ייִדישן דראַמאַטורג כאַים סלאָוועס „צען ברידער זײַנען מיר געוועזן". אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אינעם קלוב פון דער ייִדישער שעפערישער אינטעליגענץ פון וואַרשע פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש מיטן דראַמאַטורג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט ייִדישע שרײַבער, זשורנאַליסטן, היסטאָריקער, שוישפּילער און געזעלשאַפטלעכע טוער.

מאָנאָגראַפיע וועגן דעם קינסטלער אַרטור קאָלניק

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5 פון 1965 זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט רעפּראָדוקציעס פון די ליניאָגראַווירן פונעם באַוווּסטן פּאַריזשער ייִדישן קינסטלער אַרטור קאָלניק, גענומען פון זײַן אַלבאָם אונטערן נאָמען „אַ גילגל פון אַ ניגן".

לעצטנס איז אין פּאַריז דערשינען אַ מאָנאָגראַפיע פונעם אָנגעזעענעם קונסט־פאָרשער מאַקסימיליאַן גאָטיע, אין וועלכער עס איז געגעבן אַ גענויע כאַראַקטעריסטיק פון קאָלניקס שאַפונג.

ליטעראַרישע פּיגמייען און פּערעץ מאַרקיש

אזוי פירט זיך אין יעדער ליטעראַטור:

ווען נאָכן טויט פון א גרויסן וואָרט־מײַסטער ווערט פאַרעפנטלעכט עפּעס־וואָס פון זײַן ליטעראַרישער ירושה — זאָל זײַן אפילע א צופעליקע פאַרנאָטירונג צי א ניט־פאַרענדיקטע ליד, — רופט עס בא אלעמען ארויס א געפיל פון ייִראַס־האַקאָווועד צו דעם וואָרט, וואָס דער שרײַבער האָט איבערגעלאָזט. אזא באַציִונג צו ליטעראַרישער ירושה נעמט זיך ניט נאָר פון געשיכטלעך־אײַנגעשטעלטע מאָראַלישע מאָסן, נאָר אויך און דעריקער פון דעם עצעם באַרוף פון יעדער ליטעראַטור איבערצולאָזן פאַר די קומענדיקע דורות אלע אירע ווערטן, ניט פאַרלירנדיק קיין טראָפּנדל פון זיי.

ניט לאַנג צוריק איז אין מאָסקווע דערשינען פּערעץ מאַרקישעס ביז איצט ניט פּובליקירט ווערק — דער ראָמאַן „טראָט פון דורות". וויִאזוי האָט מען אופגענומען אף דער „בירגערלעכער זײַט" פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אין כוץ־לעאָרעץ, די דאָזיקע באַדײַטנדיקע ליטעראַרישע געשעעניש?

ווי באַוווּסט, האָבן די אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־שרײַבער „געענדערט" פאַר די לעצטע יאָרן דעם טאָן בענעגייע דער שאַפונג פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. אויב אף מאַרקישן, בערגעלסאָנען, האָפשטיינען, קוויטקאָן, קושנירעוון, כאַריקן, פעפערן האָט מען באַ זײַער לעבן פּראָסט־פּאָשעט געוואָרפן שמוץ, דערקלערנדיק זייערע ווערק וועגן דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט פאַר „ניט נאַציִאָנאַל־ייִדישע" און זיי אליין פאַר אזעלכע, וואָס האָבן זיך „פאַרקויפט צו די באָלשעוויקעס", האָט מען נאָכן טויט זייערן געענדערט, אזוי צו זאָגן, די טאַקטיק און מע נעמט שוין ריידן וועגן אָט די שרײַבער, ווי וועגן „וואַרעמע ייִדן", וואָס האָבן אין הארצן געוואָלט שרײַבן, אזוי ווי די בורזשואַזע ליטעראַטור־טעאָרעטיקער ווילן, נאָר זײַנען געווען געצוווּנגען צו שרײַבן, ווי עס האָבן „גע־דיקטעוועט די קלאַלים פון סאָציִאַליסטישן רעאַליזם". דער דאָזיקער צוויאַקישער, געוויסנלאָזער פּרווו אויסצונוצן (דורך פאַלשע אויסטײַטשונגען) אין די אייגענע אינטערעסן אידעאָלאָגישע קעגנער, ווײַל יענע קאָנען שוין אליין זיך ניט טײַטשן, ווערט פאַרעכנט פאַר איינעם פון די „מאָדערנסטע דערפינדונגען" פון די פּסיכאָלאָגן פון קאַלטן קריג. ס'איז אָבער באַלערעוודיק, וואָס די דאָזיקע דערפינדונג פּלאַצט ווי א זייפן־בלאָז, גלײַך ווי עס דערגייען צום לייענער די ווערק, וועגן וועלכע עס ריידן מיט העפקיירעס אָט די פּלינקע פאַרשוינען.

פּערעץ מאַרקישעס לעצטער ראָמאַן האָט טאַקע אָפּגעשפּילט אזא „שפּיל" מיט די דאָזיקע פאַרשוינען, וועלכע האָבן, אין דער צײַט, ווען אין מאָסקווע האָט מען געגרייט דעם מאַנוסקריפּט צום דרוק, געליאַרעמט, אז, זעט איר דאָך, „מע וויל מאַרקישעס בוך ניט ארויסגעבן", און ווי נאָר דער גרויסער ראָמאַן (680 בוך־זײַטן!) איז דערשינען, האָבן זיי זיך געכאַפּט, אז דער לייענער וועט פונעם ראָמאַן באַקומען ניט דאָס, וואָס זיי, די „נאַציִאָנאַלע ייִדן", פאַרלאַנגען, און זיי האָבן געעפנט א פײַער סײַ אפן ראָמאַן, סײַ אף זײַן אווטאָר.

אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „צוקומפט" איז מיט אן אַרטיקל וועגן „טראָט פון דורעס" ארויסגעקומען „א ספּעציִאַליסט אפן געביט פון מיזרעך־אייראָפּעיִשן ייִדנטום" אין בראַנדייס־אוניווערסיטעט י. ראָטענבערג. דער ספּעציִאַליסט טוט א סטאַנדאַרטן לויב פּערעץ מאַרקישן, פאַרלירט אפילע א טרער אפן גורל פונעם פּרי פאַרשניטענעם דיכטער, און דאָ גלײַך נעמט ער זיך צו דערווײַזן, אז מאַרקיש האָט אין „טראָט פון דורעס" „פאַרקרימט דעם עמעס". סײַ „אונטער צוואַנג", סײַ מיטן אייגענעם ווילן. „מאַרקיש, — שרײַבט י. ראָטענבערג, — באַלויכט נישט די עפּאָכע און די געשעענישן, נאָר ער פאַרקרימט זיי, אמאָל דירעקט, און אמאָל דורך פאַרשווײַגן זאַכן און געשעענישן".

וואָלט ראָטענבערג געזאָגט אָפן און ערלעך, וואָס ער מיינט, וואָלט עס געקלונגען אזוי: אין „טראָט פון דורעס" ווערט די פאָלקס־קאַטאַסטראָפע און דער העראָישער ווידערשטאַנד פון די ייִדן אין די יאָרן פונעם צווייטן וועלט־קריג געשילדערט אין צוזאַמענהאַנג און אפן פאָן פונעם אלגעמיינעם קויכעס־פאַרמעסט, אין וועלכן עס האָט אין דער ערשטער העלפט פון די פערציקער יאָרן זיך געלייזט דער גורל פון אלע פעלקער פון דער וועלט.

„פון אלע פעלקער פון דער וועלט"... — דאָס טויג ניט די „נאַציִאָנאַלע ייִדן". זיי ווייסן בלויז איין פאָלק — דאָס ייִדישע, און זיי מאַכן זיך צו פאַרגעסן, אז דער גורל פונעם ייִדישן פאָלק בעשאַס דעם שפּרונג פון דער פאַשיסטישער כײַע וואָלט געווען גאָר אן אנדערער, איידער איצט, ווען דאָס ייִדישע פאָלק וואָלט, כאָלילע, געווען אין יענע יאָרן אָפּגעזונדערט פון די אנדערע פעלקער.

ראָטענבערגן ווילט זיך אויך, אַז דער קאַמף אין די געטאָס זאָל געשילדערט ווערן ווי אַ קאַמף פון נאַציאָנאַלע פאַנאַטיקער און ניט פון פּאָליטישע קויכעס, וועלכע האָבן באַוווּסטזיניק פאַרבונדן אַלע זייערע האָפענונגען מיט דער אָנגרײַפנדיקער סאָוועטישער אַרמיי, מיט סטאַלינגראַד.

איז טאַקע פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס י. ראָטענבערגן שמעקן ניט די „פּאָליטיש־היסטאָרישע געקעכצן" אין פּערעץ מאַרקישעס ראָמאַן.

מיט ראָטענבערגן וואָלטן מיר אַזוי ניט פאַרצויגן דעם שמועס, ווען זײַן אַרטיקל זאָל ניט אַרויסגעשטעלט ווערן אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אַלס אַזאַ, וואָס „דאַרף באַגריסט ווערן", און אַליין ראָטענבערג זאָל ניט געלויבט ווערן פאַר דעם, וואָס „אין זײַן צוגאַנג צו מאַרקישעס ווערק ווײַזט ער אַרויס אַ סאַך אַכרײַעס, וויסן און באַלאַנס..." מיט אַזאַ לאָשן באַלאַנסירט אַרום דעם אַמעראַציישן קריטיקער פון פּערעץ מאַרקישן — ווייסט איר ווער? — יאַנקעוו גלאַטשטיין.

דער לייענער וועט פרעגן: נו, און גלאַטשטיין — ער איז דאָך פאַר דער לעצטער צײַט ניט איין מאָל מאַמעש געכאַפּט געוואָרן באַ דער האַנט אין זײַן שאָדן־ראָל, וואָס ער שפּילט אַלס אַנטיסאָוועטישער פּובליציסט, — צוליב וואָס זשע נאָכאַמאָל פּאָלעמיזירן מיט אים?

איז אָבער דאָס מאָל נייטיק אָנווײַזן אַף די מעטאָדן, מיט וועלכע עס נוצט זיך הײַנט גלאַטשטיין. פּאָרשטעלנדיק די אַרויסזאָגונג פון י. ראָטענבערגן אין זשורנאַל „צוקומפט" ווי קלוימערשט אַ פּאָזיטיווע בענעגייע פּערעץ מאַרקישעס ראָמאַן, קומט ער אין זײַן אַרטיקל אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" פאַרן 26 יאַנוואַר 1968 צו באַווײַזן אויך „די הונדערטפּראָצענטיקע נעגאַטיווע מיינונג". צוליב דעם דרוקט ער איבער אין דער צײַטונג, וועלכע דרינגט אַרײַן אין אַמעריקאַנער ייִדישע היימען, אַ פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ן בריוו פון אַן אוויסטראַליער זשורנאַל־רעדאַקטאָר מ. אַלעקסאַנדער. אין דעם דאָזיקן בריוו דערלויבט זיך אַלעקסאַנדער אָנרופן מאַרקישעס ראָמאַן „אַ פאַלסיפיקאַט, אַ שענדן און לעסטערן סײַ די ייִדן אין געטאָ און דעריקער די געטאָ־אופשטענדלער... אַ פּאַשקוויל". יאַנקעוו גלאַטשטיין האָט, ווי מיר זעען, גענומען אַף זיך די אוודע צו פאַרשפּרייטן אַזאַ פּאַטאָלאָגישע „קריטיק". ווײַזט אויס, אַז ער און זײַנע קאָלעגן האָבן שוין באַשלאָסן אויסצונוצן די אונטערוועלט. מיר ווייסן אָבער, אַז צו אַזעלכע זיטן האָט זיי דערפירט זייער שוואַכקײַט.

אין אָט דעם איניען איז ניט שווער צו אײַנזען אויך אַ מאָטיוו פון דער פאַרגאַנגענהײַט; ס'קאָן זײַן, אַז דאָס זײַנען נאָך אַמאָליקע ליטעראַרישע כעזשבוינעס. פּערעץ מאַרקיש האָט אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען די הײַנטיקע באַיאָרטע ליטעראַרישע סקאַנדאַליסטן זײַנען געווען נאָך יונג און האָבן געשאַפן זייערס אַ מיקראָוועלטל אין די קולוואַרן אַף טלאָמאַצקע־גאַס אין וואַרשע, — שוין דעמאָלט האָט פּערעץ מאַרקיש מיט ביטל זיך אָפּגערופן וועגן אָט דעם קראַנקן וועלטל. עס געדענקט זיך, ווי אין אָנהייב 1927, אין אַן עסיי, פול מיט ווירדע און שאַרפזין, האָט מאַרקיש באַוויזן די דעמאָלטיקע „ליטעראַרישע ווונדערקינדער", וואָס זײַנען הײַנט „אויסגעוואַקסן" ביז צו ליטעראַרישע פּיגמייען און זיי פּרוּוון זיך אָפּרעכענען מיטן ריז מאַרקיש.

וועלן מיר געבן אַ וואָרט טאַקע אים אַליין, פּערעץ מאַרקישן. זאָל ער ריידן וועגן זיי פון דער ווײַט פונעם 1927 יאָר:

„...דאָס איז אַזאַ קאַטעגאָריע ליטעראַרישע ווינקל־ראַבאַימלעך, וואָס פאַרמאָגן זייערס אַן אייגענעם מיניען ליטעראַרישע כסידים, דורך וועלכן זיי קאָמוניקירן זיך מיט דער ליטעראַטור. אָט די דאָזיקע ווונדערקינדער פינטלען שטענדיק אַזוי דערשראָקן מיט די קײַלעכדיקע אויגן, ווי די הינער, און ריידן זייער געשיקט ראָזין־דע־ראָזין־לאָשן, קעדיי דער מיניען כסידים זאָל רײַבן די הענט, הייבן די אַקסל, זיך קוויקן און שרײַען:

— גאָניאָל!

מיט ליטעראַטור איז באַ זיי שיטער.

נאָר באַ זיי פרעגט מען ניט אַף ליטעראַטור.

זיי פרעגט מען:

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט קלײַנגעלט?

און דעמאָלט גיבן זיי דעם עמעסן זיפץ, וואָס איז מע־וואַטל די גאַנצע פּאַסקודנע וועלט מיט די אַלע פּאַסקודנע שרײַבערײַלעס, און אָט דער זיפץ קאָסט שוין איינעם אָפּ אַ גמילעס־כעסעדל לעוויאָם־וואָעד, און מע דאַנקט גאָט, וואָס ס'גייט אָפּ בעשאָלעם...

מע דאַרף אַ „רעבעלע". און אַזוי ווי צו אַ רעליגיעזן פּאַסט עפּעס ניט, כאָטש ס'בענקט זיך אפילו יאָ אַמאָל צו אַ „שאַלעשודעסל", איז נו, האָט מען זיך אַ ליטעראַריש רעבעלע, און מע רעדט וועגן דעם אָפן ווונק...

און אינדערעמעסן זײַנען דאָס זייער פּראַקטישע מענטשן, וואָס כוץ ליטעראַטור באַשעפטיקן זיי זיך נאָך מיט עפּעס. זיי מאַכן זיך זייער געשיקט טאַמעוואַטע און פאַרשטייען זיך זייער גוט אַף אַ טשאַד"... (זשורנאַל „שטערן", מאַרט 1927, זז. 23—24).

מאַרקיש האָט געטראָפן אין פּינטל! מיט די אַמאָליקע „ליטעראַרישע ווונדערקינדער" רעדט ער אָן צערעמאָניעס, און זײַן וואָרט איז איצט אַזוי אַקטועל, אַז עס העלפט אונדז צו פאַרשטיין די סיבע, פאַרוואָס עס זײַנען אַזוי פאַרביטערט די הײַנטצײַטיקע ליטעראַרישע פּיגמייען.

דער „קליין בראנט־שפּיגל“

מיט העכער פיר הונדערט יאָר צוריק איז אין װענעציע דערשינען אין ייִדיש א בוך „משלי חכמים“[1] (1566). אין נאָכוואָרט שרײַבט, צווישן אנדערן, דער אווטאָר: „איך, יעהודע בען ייִסראָעל רעגענסבורג, וואָס ווער גערופן לייב שיבערל פון לומפּענבורג, האָף צו לאָזן דרוקן אויך מײַנע פיל אנדערע ביכער, וואָס איך האָב געמאכט“. צי האָט ער באַוויזן צו דרוקן זײַנע „לוסטיקע אלס די לוסט אין דער וועלט“ ביכער, ווייסן מיר ניט. זײַן „משלי חכמים“ האָט אָבער, זעט אויס, זייער אויסגענומען. דאָס איז שוין קלאָר פון דעם אליין, וואָס אין א קורצער צײַט ארום זײַנען אין פּראָג (אין די יאָרן 1581, 1585 און 1589) דערשינען איינע נאָך דער אנדערער דרײַ נײַע אופלאגעס פון דעם בוך. אויך אין XVII יה. איז דאָס בוך פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען פון דעם דעמלט זייער פאַרשפּרייטן „בראנט־שפּיגל“. די אמסטערדאמער אויסגאבעס פון דעם בוך אין די יאָרן 1654, 1698 טראָגן שוין דעם נאָמען „קליין בראנט־שפּיגל“ און ניט „משלי חכמים“.

ביכלאל זײַנען אין יענער צײַט דערשינען א סאך אזעלכע ביכער. כוץ די פריִער דערמאָנטע, האָבן מיר נאָך א „צוכט־שפּיגל“, א „ציאר־שפּיגל“ און אפילע א „שפּיגל דער ארצנייא“[2]. די אלע ביכער שפּיגלען, כוץ אלעמען, אָפּ די „עראָטיקא און רוסטיקא“ אין ייִדישן לעבן פון יענער ווײַטער צײַט. עלכאָנאָן יענטילס אויס מעהרן האלט אפילע, אז זײַן „ציאר־שפּיגל“ וואָלט גוט געווען „אָנצוהענגין אן דיא ווענט אודר טירן, אלי טאָג זיך דרום צו צירין, מאנן און ווייבר אודר דירן, זיך דעם יצר הרע ניט לאָזן פאר פירן“.

[1] מישליי כאכאָמים; [2] היילונג־שפּיגל.

אין אולמא זעליקמאנס ארײַנפירוואָרט צו זײַן „צוכט־שפּיגל“ איז פאראן א מערקווירדיקע ענלעכקײַט מיט אולריך פאָן הוטענס ארײַנפיר צו זײַן „געשפּרעך־ביכל“ (1521). מיט „ווערטער, וואָס שניידן אלס די שווערטער“, עפּנט א. זעליקמאן אויף די סאָציִאלע ווונדן פון דער דעמלטיקער געזעלשאפט:

די וואַרהײַט איז געשטאָרבן,
די פרומקײַט איז פארדאָרבן,
לאסטער און שאנד
האָט גענומען איבער האנט,
שעם און צוכט
נימאנט זוכט...

— — — — — — — — — —

די פרײַנטשאפט
איז פײַנטשאפט,
און די געזעלשאפט
איז מיט נייד באהעפט.
די ברידערלעכע ליב
איז גאנץ טריב,
איין גזעץ:
איין ערען דיב...

— — — — — — — — — —

דאָס איז דער לויף אָף ערדן.
אָ, גאָט, וואָס פאר גוטעס
וויל דארויס ווערדן!

כראָנאָלאָגיש איז יעהודע־לייב שיבערלס „קליין בראנט־שפּיגל“ דאָס ערשטע פון דעם סאָרט ביכער. עס באשטייט פון פארשיידענע אפאָריזמען און עפּיגראמען, שפּריכווערטער און סענטענצן וועגן די „זיטן און ארטן“ פון דעם מענטשן.

אָט איז א קורצער אינהאלט פונעם „קליין בראנט־שפּיגל“:

„בא א קיניג א קעסטלעכן און ווײַזן“ זײַנען זיבעציק כאכאָמים געוועזן „די וואָרן וואָל צו פרײַזן“. איינמאָל האָט דער קיניג פאָרגעלייגט, אז איטלעכער פון זיי זאָל זאָגן „עטוואָס רייד דער נוצלעכקײַט“, קעדיי אויסצופּרוּוון יעדן איינעמס קלוגשאפט. יעדערער פון די כאכאָמים האָט זיך באמיט „איבערצוקלייגן“ דעם צווייטן — ווער מיט טיפקײַט פון געדאנק און קלוגע לעבנס־באאָבאכטונגען, און ווער מיט פּריוואָלע רייד און געפּעפּערטע וויצן.

די ביִאָגראפיע פון יעהודע־לייב שיבערל איז אונדז אומבאקאנט. ביז ער האָט פארפאסט און אָפּגעדרוקט זײַן „קליין בראנט־שפּיגל“, זאָל ער האָבן געווען אן „אָרעמער שרײַבער, דינער פון אלע ציכטיקע און פרומע ווײַבער“, וואָס פלעגט וואנדערן איבער שטעט און קאָפּירן ביכער פאר „געזעליקע פּאטראָנעסעס און קעסטלעכע פולצלס“ (מיידלעך — אלט־ייִדיש. — ל. פּ.).

די קאָפּירער זײַנען געווען פון די אָנהייבער פון דער ייִדישער ליטעראטור, די ערשטע פּראָפעסיִאָנעלע שרײַבער בא ייִדן. אין די ביכער, וואָס זיי האָבן קאָפּירט, פלעגן זיי, קעדיי אויסצונעמען בא זייערע באשטעלערנס, אויך ארײַנשרײַבן רעטענישן און פּאסקווילן, פריילעכע געשיכטן און וויציקע לידער. האָנאָראר פלעגן זיי אָפּטמאָל באקומען „אין נאטורא“. אזויווי איבערשרײַבן א בוך האָט לאנג געדויערט, האָבן די פּאטראָנעסעס זיי פאר דער צײַט געקאָרמעט. אין די יאָמטעוו־טעג און צו פאמיליען־סימכעס פלעגן די פּאטראָנעסעס אויך „ארײַנשיקן א טעלער“ מיט פלייש, פיש און אנדערע געשמאקע מײַכאָלים. עס האָבן זיך אפילע געפונען אזעלכע קאָפּירער, וואָס פלעגן ספּעציִעל ארײַנשרײַבן אין די ביכער א דירעקטע ווענדונג צו זייערע פּראָטעקטאָרשעס: „לײַכט וועט איר געדענקען, לעקאָוועד יאָמטעוו מיר א גוטן ביסן שענקען“.

פאר איינער אזא „גוטער גענערן פריידל“ האָט אויך אונדזער יעהודע־לייב שיבערל געמאכט א קאָפּיע פון דעם בארימטן ווערק פון דער אלטער ייִדישער ליטעראטור, פון דעם „שמועל־בוך“.

אז דער איבערשרײַבער פון דעם „שמועל־בוך“ פאר דער „גוטער גענערן פריידל“ און דער אווטאָר פון דעם „קליין בראנט־שפּיגל“ איז איינע און די זעלבע פּערזאָן, האָבן פעסטגעשטעלט נאָכעם שטיף (1879 — 1933) און בער באָראָכאָוו (1881—1917).

אין דעם נאָכוואָרט פונעם „קלײַנעם בראנט־שפּיגל“ שרײַבט יעהודע־לייב שיבערל, אז פּופּציק פון די „כאכאָמימס רייד“ האָט ער פון א

העברעיִשן בוך ארויסגעלייענט און די איבעריקע צוואנציק האָט ער אליין „געטאָן צו זעצן“.

עס איז שוין אין דער ליטעראטור־געשיכטע פון לאנג פעסטגעשטעלט, אז די ערשטע פופציק סענטענצן האָט יעהודע־לייב שיבערל אנטליִען פון דעם בארימטן בוך „תחכמוני“, וואָס עס האָט פארפאסט צו „אמוזירן און אונטערהאלטן דעם איינגעמאטערטן אוילעם“ דער לוסטיקער טרובאדור, דער העברעיִשער דיכטער און דערציילער יעהודע אל־כאריזי (1165—1225).

ווי מיר שיינט אָבער, זיינען אויך די איבעריקע צוואנציק סענטענצן ניט קיין אָריגינעלע. אף יעהודע־לייב שיבערל האָט געהאט אויך אן איינפלוס אלכאריזיס מיטצייטלער יעהודע שאבסי (1168—1228).

די מאָטיוון פון שיבערלס סענטענצן רופן זיך זייער איבער מיט די שטימונגען אין י. שאבסיס סאטירישן ראָמאן „מנחת יהודה שונא הנשים“ (די גאָב פון יעהודע דעם פרויען־פיינט).

עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אז יעהודע־לייב שיבערל איז געווען פארכאפט פון דעם פאָעטישן געפעכט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם שכיינעסדיקן מאנטוא צווישן פארשיידענע שרייבער, בייס ער האָט אין ווענעציע געגרייט זיין „קליין בראנט־שפיגל“. עס זיינען דאן געשאפן געוואָרן א שלאל פון סטאנסן, סאָנעטן, עפיגראמען און פאמפלעטן פאר און קעגן די פרויען.

אין דעם געוועט האָט זיך באטייליקט דער באקאנטער דראמאטורג און רעזשיסער פון מאנטוער הויף־טעאטער יעהודע לעאָ סאמאָ (1527—1592), וואָס איז, אגעוו, אין דער יוגנט אויך געוועזן א קאָפיסט.

יעהודע־לייב שיבערל איז ניט געוועזן קיין פלאגיאטאָר. ער האָט זייער געלונגען אריבערגעטראָגן טעמעס און מאָטיוון פון איין שפראך־ספערע אין דער צווייטער, זיי זעלבשטענדיק און אָריגינעל איבערגעדיכטעט לויטן גייסט פון זיין עפּאָכע. זיין „קליין בראנט־שפיגל“ איז א וויכטיק קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס באווייזט דעם ניוואָ פון דער יידישער שפראך און ליטעראטור אין יענער ווייטער צייט.

ל. פּאָדריאטשיק

בלעטערנדיק זשורנאלן און צייטונגען

יידישע דראמאטורגן אין בולגאריע

די יידישע ליטעראטור אין בולגאריע — אין דער לאדינאָ־שפּראך — האָט זיך אָנגעהויבן צו אנטוויקלען אין די יאָרן פון באפרייונגס־קאמף, דאָס הייסט אין די פופציקער — זעכציקער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט. עס איז דעמלט אופגעקומען א גרויסע צאָל יידישע שולן און עס איז פאקטיש ליקווידירט געוואָרן דער אנאלפאבעטיזם צווישן דער יידישער באפעלקערונג; עס האָבן זיך באוויזן די ערשטע פעריאָדישע ליטערארישע אויסגאבן אין דער לאדינאָ־שפּראך, די ערשטע דערציילונגען, ראָמאנען, לידער.

מיט א קורצער צייט צוריק זיינען אין ארכיוו פון דער בולגארישער וויסנשאפט־אקאדעמיע געפונען געוואָרן קסאוויאדן פון טראגעדיעס און דראמעס פון ערשטן יידישן דראמאטורג יוסעף־אווראָם פּאפּאָ (1865—1923), דער זון פון דעם באקאנטן דערציילער פון פאָלקס־מייסעלעך פון דער שטאָט רוסע.

אין דעם ארכיוו פון דער העברעיִסטיק־סעקציע בא דער בולגארישער וויסנשאפט־אקאדעמיע געפינען זיך די קסאוויאדן פון דער טראגעדיע „די מאלקע מיריאָם אָדער דער סאָף פון די כאשמוינאָיִם“, פון דער דראמע „יעהודע האמאקאבי“ און פון א ביבלישער דראמע אין פערזן „לאזועטאָ פון נאבאָט“. דער זעלבער פּאפּאָ האָט זיך אויך פארנומען מיט איבערזעצן פון אנדערע שפראכן. צווישן אנדערע האָט ער איבערגעזעצט אין לאדינאָ: די דראמע „שאָול“ פון לאמארטין, „אטאליע“ פון ראסין, „די שיינע יידן“ פון היפּאָליט לוקא, „יעהודיס“ פון מ. זשיראַרדען.

א צווייטער באדייטנדיקער יידישער דראמאטורג און קאָמעדיע־שרייבער איז געווען ארן בען מענאכעם, אויך פון רוסע. זיינע דראמעס, ווי „דרייפוס“, „לייע“, „ארABאנעל“, זיינען געשפּילט געוואָרן אף די בולגארישע סצענעס און אויך אין די יידיש־ספּארדישע קולטור־צענטערס פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, סמירנע, ניו־יאָרק און אנדערע שטעט.

יוסעף פּאפּאָ און ארן בען מענאכעם האָבן גרויסע פארדינסטן ניט נאָר ווי די ערשטע יידיש־בולגארישע דראמאטורגן, זיי האָבן געשליפן און גערייניקט די פאָלקסטימלעכע שפּאניש־יידישע שפּראך (שפּאניאָליש) און דערהויבן זי צו דער מאדרייגע פון א ליטעראטור־שפּראך.

אין די ארכיוו־זאמלונגען פון דער בולגארישער וויסנשאפט־אקאדעמיע געפינען זיך אויך קסאוויאדן פון דראמעס, איבערגעזעצטע אף לאדינאָ, ווי „יִסראָעל“ פון אנרי בערנשטיין (איבערגעזעצט דורך אווראָם מעלאמעד פון רוסע), „עסטערקע און דער מיילעך קעזימיעזש“ (איבערגעזעצט פון יִצכאָק אנדזשעל פון בורגאָס), „דער קארגער“ פון מאָליערן, פון אן אומבאקאנטן איבערזעצער.

די טעאטראלע קונסט האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע אין לעבן פון די בולגארישע יידן. אין דער צווייטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט און אין ערשטן צענדליק פון XX יאָרהונדערט פלעגן די סוזשעטן פון די געשפּילטע פּיעסן זיך שטיצן אף נאציאָנאלע און רעליגיעזע מאָטיוון, דערביי האָט קיין איינע פון זיי ניט געקאָנט אויסמיידן די סאָציאלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער יידישער באפעלקערונג. אזוי, לעמאָשל, איז אין 1909 יאָר שארף קריטיקירט געוואָרן דורך דעם אָרגאן פון בולגארישן ראבינאט „לא לוז“ די פּיעסע פון יידישן דראמאטורג פּערייראָ פון דער שטאָט ווידין, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן אף לאדינאָ און אף בולגאריש (איבערגעזעצט פון טשליבי פּיזאנטי) אין א בולגארישן טעאטער און אין לאָקאל פון דעם סאָציאליסטישן קלוב אין סאָפיע. די רעצענזיע אין דער פריִער דערמאָנטער ראבינאט־צייטונג האָט באשולדיקט די פּיעסע אין „סאָציאליסטישע און אינטערנאציאָנאליסטישע טענדענצן“, אין דערציילן וועגן די אידייִשע דיסקוסיעס צווישן דער יידישער רעוואָליוציאָנערער יוגנט אין צארישן רוסלאנד.

אין 1919 יאָר איז אין דער שטאָט שומען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין בולגאריש די ערשטע דראמע פון שמועל מיגראציאני „די שטימע פון געוויסן“ אין 4 אקטן. איין עקזעמפּליאר פון דער דאָזיקער דראמע האָט זיך אופגעהיט אין דער נאציאָנאלער ביבליאָטעק אפן נאָמען פון „קיריל און מעטאָדי“.

דאָצ. דר. ס. איזראעל,
„פאָלקס־שטימע“,ווארשע.

פאַרשיידנס

די קאָלעקציע פונעם אירקוטסקער אינזשעניער

דער אירקוטסקער אינזשעניער א. ט. אַלייניקאָוו האָט צונויפגעזאַמלט א זעלטענע קאָלעקציע אָרדענס, מעדאַלן און אַנדערע באַלוינונגס־צייכנס פון רוסלאַנד און אַנדערע לענדער. אין דער קאָלעקציע געפינען זיך העכער טויזנט צייכנס, א סך שטעלן מיט זיך פאָר א גרויסע היסטאָרישע ווערט. צווישן די רוסלענדישע באַלוינונגען געפינט זיך דער ערשטער אָרדען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך פּיאָטער דעם ערשטן אין 1698, א פולע סעריע מעדאַלן „פאַר דער פּאַטערלענדישער מלחמה פון 1812 יאָר", די מעדאַלן „פאַר איינעמען איזמאַיל", „פאַר פאַרטיידיקן סעוואַסטאָפּאָל" און אַנד.

ברייט זײַנען פאָרגעשטעלט אין דער קאָלעקציע די אויסצייכענונגען פון דער סאָוועטישער אַרמיי, צווישן זיי — א זעלטענע מעדאַל „דעם ערלעכן שלאַכטמאַן פונעם קאַרעלישן פראָנט", וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין 1922 יאָר, די אויסצייכענונגען „פאַר די שלאַכטן בא דער אָזערע כאַסאַן", „וואָראָשילאָווער רײַטער" און אַנד.

דאָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען דער אוראַלטער עפּעס...

בייס די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אפן אָרט פון דער אוראַלטער שטאָט עפּעס (לעבן איזמיר) איז געפונען געוואָרן דער קאָפּ פון דער סקולפּטור פונעם אַלט־גריכישן גאָט פון ליבע עראָס. די סקולפּטור האָט לויט דער באַשטעלונג פון אַלעקסאַנדער מוקדן געמאַכט דער באַרימטער סקולפּטאָר פון יענער צײַט ליסיפּ. אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט זיך די עסטרײַכישע אַרכעאָלאָגן אײַנגעגעבן צו געפינען עראָסעס קערפּער. דעם קאָפּ האָבן די געלערנטע געפונען בלויז איצט, אין הונדערט יאָר אַרום.

אן „אַנטיפּרעמיע" אין געביט פון ליטעראַטור

אין איטאַליע איז געגרינדעט געוואָרן אן „אַנטיפּרעמיע" אין געביט פון ליטעראַטור און קונסט פאַר... דעם סאַמע שוואַכן ווערק פאַרן יאָר. דער זיגער פון דעם אייגנאַרטיקן קאָנקורס וועט דאַרפן אויסצאָלן שטראָף — א מיליאָן ליר. אין פאַל, אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן באַצאָלן דעם שטראָף, וועט זײַן נאָמען אָפּגעדרוקט ווערן אין אַלע צײַטונגען אונטער דער רובריק „א מענטש, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין געפיל פאַר הומאָר".

קאָנטינענטן באַוועגן זיך

עס זײַנען באַוווּסט געוואָרן נײַע פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן די טעאָריע, אַז אַפריקע און דאָרעם־אַמעריקע זײַנען אַמאָל געווען איין ערד־מאַסיוו, וועלכער איז דערנאָך זיך צעפאַלן.

וועגן דעם זאָגט איידעס דער אַלצייִנער עלטער פון די באַרג־מינים אין מײַרעוו־אַפריקע און צאָפן־בראַזיליע און די ענלעכקײַט פון דער סטרוקטור פון די באַרג־מינים.

אָט די מיטיילונג האָט געמאַכט א גרופּע געלערנטע פונעם מאַסאַטשוזעטסער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט (פשא) און פונעם אוניווערסיטעט אין סאַן־פּאַולאָ (בראַזיליע) אין א פאָרטראַג, וואָס איז פּובליקירט אין וואָכן־זשורנאַל „טעכניקאַל דזשאָרנעל סײַענס", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער אַמעריקאַנער אַסאָציאַציע פאַר מיטווירקן דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט.

וווּ איז פּושקינס סורטוק?

אין ניקאָלײַ אַשוקינס בוך „דער לעבעדיקער פּושקין" ווערן געבראַכט אינטערעסאַנטע פּראַטים וועגן די פּערזענלעכע זאַכן פונעם פּאָעט. אָט איז די געשיכטע פון זײַן סורטוק.

ניט לאַנג פאַרן טויט האָט פּושקין זיך דערוווּסט פון זײַן פרײַנט וו. אי. דאַל, דעם אַוטאָר פונעם באַרימטן טײַטש־ווערטערבוך פון דער רוסישער שפּראַך, אַז דאָס פעלכל, וואָס די שלאַנג וואַרפט פון זיך אַראָפּ, ווערט אָנגערופן „וויפּאָלזינא"[1]. פּושקינען איז זייער געפעלן געוואָרן אָט דאָס וואָרט.

אפן צווייטן טאָג איז דער פּאָעט געקומען צו דאַלן אין א נײַעם סורטוק. „ווי געפעלט דיר די „וויפּאָלזינא"! — האָט ער אויסגעשריִען, לאַכנדיק. — נו, פון דער „וויפּאָלזינא" וועל איך ניט גיך אַרויסקריכן..."

אין אָט דעם זעלבן סורטוק איז פּושקין געקומען צום שוואַרצן טײַכל, וווּ ס'איז פאָרגעקומען די דועל.

דעם שווער־פאַרווונדעטן פּאָעט האָט מען ניט געקאָנט באַפרײַען פון די קליידער, ניט פאַרשאַפנדיק אים קיין ליידן. דעם סורטוק איז אויסגעקומען צעשנײַדן אפן שטאַרבנדיקן.

[1] „וויפּאָלזינא" (выползина) — פון — выползать — אַרויסקריכן.

די רעזולטאַטן פון א רייַזע ארום דער וועלט

דער דאָקטאָר מייַקל ארגיל פונעם אָקספאָרדער אוניווערסיטעט (פשא), א ספּעציאַליסט אין געביט פון פּסי־כאָלאָגיע, האָט געמאַכט א רייַזע ארום דער וועלט מיטן ציל צו דער־לערנען די זשעסטיקוליאַציע, מיט וועלכער ס'באַנוצן זיך באַם שמועסן פאַרשטייער פון פאַרשיידענע ראַסעס און פעלקער. אינעם וויסנשאַפטלעכן פאַרטראָג, וואָס ס'האָט געמאַכט דער געלערנטער, ווערט געזאָגט, אז בעת א קאָנטראָל־באַאָבאַכטונג אין מעשעך פון א שאָ אין איינער א קאַפע איז ער געקומען צו פאָלגנ־דיקן אויספיר: „די ענגלענדער האָבן ניט געמאַכט קיין איין זשעסט, די פינער — איינעם, די איטאַליענער — 80, די פראַנצויזן — 120, און די מעקסיקאַנער — 180“.

א שאָד, וואָס אין קאַפע איז אין אָט דער שאָ ניט אַרייַנגעקומען קיין ייִד...

סטענדאַלס מאַנוסקריפּטן אונטער א שלאָס

ביז הייַנט־צו־טאָג זייַנען א סאַך סטענדאַלס מאַנו־סקריפּטן און מאַטעריאַלן ניט פּובליקירט. אָט וואָס עס שרייַבט וועגן דעם אין זייַן בוך „סטענדאַלס אַלבאָם“ דער ליטעראַטור־פאָרשער פּראָפעסאָר וויקטאָר דעל ליטאָ: „דער טייל פון אונדזער בוך, ווו ס'זייַנען צונויפגע־זאַמלט די צום ערשטן מאָל פּובליקירטע מאַטעריאַלן, וואָלט געווען פיל רייַכער, ווען מיר זאָלן געווען האָבן א צוטריט צו סטענדאַלס ביבליאָטעק אין טשיוויטאַוועקיא (סטענדאַל איז לאַנגע יאָרן געווען דער פראַנצויזישער קאָנסול אין אָט דער איטאַליענישער פּאָרט־שטאָט). צום באַדויערן, האַלט איר איצטיקער אייגנטימער, דער פלאָ־רענטישער פאַרלעגער פ. דזשענטילע, די ביכער און פּאַפּירן אונטער א שלאָס און באַאומרויִקט זיך בלויז, אז ס'זאָל ניט קלענער ווערן זייער קאָמערציִעלע ווערט...“

דער פאַרלעגער האָט זיך באַליידיקט אפן פּראָפעסאָר דעל ליטאָ און אים באַשולדיקט... אין רעכילעס. דער איניען איז איבערגעגעבן געוואָרן אין געריכט.

דערווייַל זייַנען די מאַנוסקריפּטן פונעם גרויסן שרייַ־בער פאַרקאָנסערווירט, און ס'איז ניט באַוווּסט, צי וועלן זיי ביכלאַל אַמאָל פּובליקירט ווערן. דער געזעץ איז אף דער זייַט פונעם סיניאָר דזשענטילע: דאָס פּריוואַט־אייגנ־טום איז הייליק. וואָס איז שייַעך די ליבהאָבער פון לי־טעראַטור, בלייַבט זיי איבער בלויז צו פּראָטעסטירן.

פאַרן טויט האָט פּושקין געזאָגט דאַלן:

— די „וויפּאָלזינא“ נעם זיך...

דאַל האָט א לאַנגע צייַט זאָרגזאַם געהיט דעם סורטוק, און דערנאָך האָט ער אים איבערגעגעבן דעם היסטאָריקער מ. פּ. פּאָ־גאָדינען. פּאָגאָדין האָט געהאַלטן דעם סורטוק אין זייַן הויז אין א גלעזערנעם שויפענצטער אונטער פּושקינס ביוסט.

דער שרייַבער פּ. אי. מעלניקאָוו, אַרויסטרעטנדיק אף א פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט פון ליבהאָבער פון דער רוסי־שער ליטעראַטור דעם 25 פעוורואַל 1873 יאָר, האָט מיטגעטיילט, אז ער פּערזענלעך האָט געהערט פון מ. פּ. פּאָגאָדינען, אז יענער האָט בעדייע אַוועקלייגן פּושקינס סורטוק אין א קופּערנעם קעסטל אין פונדאַמענט פונעם דענקמאָל דעם פּאָעט — אַלס רעליקוויע פאַר די קומענדיקע דורות. אין יענער צייַט האָט מען גראָד געזאַמלט געלט אף שטעלן דעם דענקמאָל אין מאָסקווע.

מ. פּ. פּאָגאָדין איז געשטאָרבן פריִער, איידער ס'איז אַנטהילט געוואָרן דער דענקמאָל אפן טווערסקאָי בולוואַר. דער גורל פון דער פּושקינישער רעליקוויע איז געבליבן אומבאַוווּסט. לויט איין ווערסיע, האָט מען זי צוגעגאַנוועט; ס'איז אויך מעגלעך, אז פּאָגאָדין האָט איבערגעגעבן פּושקינס סורטוק עמעצן פון זייַנע פרייַנט...

צוואַנציק יאָרהונדער־טער אונטער דער ערד

אינעם קליינעם שטעטל באַקאָלי הינטער נעאַפּאָל האָט דער בולדאָזע־ריסט באַם צוגרייטן א פּלאַץ פאַר א נייַ הויז פּלוצעם באַמערקט אונ־טער אַן אַראָפּגענומענעם שיכט ערד אַן אַלטע שטיינערנע וואַנט און א נישע, אויסגעהאַקט אין טוף. די בוי־אַרבעטן זייַנען אָפּגעשטעלט געוואָרן. שפּעטער האָט מען אף אָט דעם אָרט אַנטדעקט א ניט גרויסן אַנטישן טעמפּל, אין וועלכן מ'האָט געפונען די סקולפּטורן פון די אימפּעראַטאָרן וועספּאַסיאַנוס און טיטוס. די סקול־פּטורן זייַנען געמאַכט פון ווייַסן מראַמאָר, זיי שטייען אף פּיעדע־סטאַלן און האָבן זיך פולשטענדיק פאַרהיט, ניט געקוקט אף דעם, וואָס זיי זייַנען געלעגן אונטער דער ערד קימאַט צוויי טויזנט יאָר.

בליומע קאָטיק

דעם 15־טן אפּרעל איז אין עלטער פון נײַן און פופציק יאָר געשטאָרבן בליומע קאָטיק.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט פאַרלוירן איינעם פון אירע טיכטיקע טוער. אין פאַרלויף פון עטלעכע צענדליק יאָר האָט בליומע קאָטיק פרוכטבאַר געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר און איבערזעצער פון קינסטלערישער פּראָזע. עס איז קימאַט ניטאָ קיין ייִדישער סאָוועטישער פּראָזאַיִקער, וועמעס ווערק זאָלן ניט געווען דורכגיין דורך בליומע קאָטיקס דערפאַרענע הענט.

א געבוירענע אין ווילנע, אין דער שטאָט, וואָס איז ברייט באַוווּסט מיט אירע רײַכע טראַדיציעס פון ייִדישער קולטור־ און ליטעראַטור־שאַפונג, האָט בליומע קאָטיק פון קינדווײַז אָן געאָטעמט מיט דער לופט פון דער סוויווע, אין וועלכער עס האָט געלעבט און געשאַפן איר באַרימטער זיידע יעכעזקל קאָטיק, וואָס האָט אין זײַנע מעמוארן־בענדער אופגעשטעלט א מאָנומענט דעם ייִדישן שטייגער פון 19־טן יאָרהונדערט.

בליומע קאָטיק האָט פאַרמאָגט אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר א רעדאַקטאָר פון ליטעראַטור: הויכע קולטור און פאַרשטאַנד פאַרן קינסטלערישן וואָרט, פאַר די אייגנשאַפטן פון דער ליטעראַרישער שפּראַך, פאַר דער באַדײַטונג און פאַר דער פונקציע פון די געשטאַלטן, פאַר אַלע קאָמפּאָנענטן און פאַר דער סטרוקטור פון א קינסטלעריש פּראָזע־ווערק. אין דער זעלבער צײַט האָט בליומע קאָטיק אַרויסגעוויזן געפיל און טאַקט צו דעם אווטאָר און צו זײַן שאַפונג. זי האָט זיך געסטאַרעט ניט קאָמאַנדעווען איבערן שרײַבער, נאָר פרײַנטלעך און כאַוועריש מיטהעלפן אים אין זײַן שווערער מי.

בליומע קאָטיק האָט גוט און גרינטלעך געקענט די ייִדישע און רוסישע שפּראַך, זי האָט אויך געלייענט פּויליש, דײַטש, ענגליש. דאָס האָט איר געגעבן די מעגלעכקײַט צו ווערן א קוואַליפיצירטער איבערזעצער. אין די איבערזעצונגען אַף ייִדיש פון אַנדערע שפּראַכן האָט זי דערגרייכט הויכע מײַסטערשאַפט.

באַזונדערס דערפאָלגרײַך האָט בליומע קאָטיק געאַרבעט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. דעם זשורנאַל אונדזערן האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט לײַב און לעבן, מיטן גאַנצן ברען פון איר הייס האַרץ.

מיט איר קאָכיקער נאַטור האָט זי אומעטום אַרײַנגעטראָגן לעבן, מיט איר אומדערמידלעכער ענערגיע האָט זי אַלעמען גערופן און באַוועגט צו טעטיקײַט און שאַפונג, מיט איר אײַנפאַלערישקײַט און שטענדיקן זוכן האָט זי אַלזײַטיק מיטגעווירקט דער פרוכטבאַרער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

די מיטאַרבעטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ און די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער וועלן מיט אַנערקענונג און דאַנקבאַרקײַט היטן אין זיכּאָרן דאָס געשטאַלט פון דער באַגײַסטערטער האָרעפּאַשניצע פון אונדזער ליטעראַטור בליומע קאָטיק.

דעם אָנדענק פון דאָוויד שוואַרצמאַן

אין עלטער פון 84 יאָר איז געשטאָרבן אָשער שוואַרצמאַנס עלטערער ברודער דאָוויד שוואַרצמאַן.

אַפן ערשטן קוק: צוויי ברידער — צוויי וועלטן.

אָשער — אין אוילעמעס פון שירע, פון דיכטערישע זעונגען.

דאָוויד — א פּראָפעסיִאָנעלער רעוואָליוציִאָנער. אין 1902 יאָר, נאָך גאָר א יונגער, שוין אַרעסטירט געוואָרן, אין 1912 — נאָכן אומקערן זיך פון דער פּראָגער קאָנפערענץ, ווו ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי, איז ער דאָס צווייטע מאָל אַרעסטירט און פאַרמישפּעט אַף אייביקער פאַרשיקונג קיין סיביר.

און דאָך, בא ביידע ברידער — איין געמיט, איין איידעלע נעשאָמע, איין לעבן און שטרעבן צו א וועלט פון יוישער און גערעכטיקײַט.

איינער — אָשער — איז העלדיש געפאַלן אין בירגערקריג און איז געוואָרן דער אָנהייבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דער צווייטער — דאָוויד — האָט דערלעבט צו זייער א בעקאָוועדיקן עלטער, ער איז געווען א פּערסאָנעלער פּענסיִאָנער, אָבער דעם אָרדען, מיט וועלכן די סאָוועטן־רעגירונג האָט אים באַלוינט לעקאָוועד דעם פופציקיאָריקן יויוול פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָט מען שוין געבראַכט צו אים אין שפּיטאָל, צום קראַנקן־בעט.

מיר פאַרנייגן אונדזערע קעפּ פאַר דײַן הערלעך־שיין געשטאַלט, טײַערער, ליבער דאָוויד שוואַרצמאַן!

יאַנקעוו לוואָווסקי

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

דעם 5 מײַ 1858, מיט 110 יאָר צוריק, איז אין אומאַן, קיִעווער גוב., געבוירן געוואָרן דער באַוווּסטער ייִדישער שרײַבער מאָרדכע ספּעקטאָר.



זײַן ערשט ווערק — „א ראָמאַן אָן א נאָמען" — האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין אלעקסאנדער צעדערבוימס „יודישעס פאָלקסבלאַט" אין 1883. אין דער זעלבער צײַטונג איז מיט א יאָר שפּעטער פארעפנטלעכט געוואָרן זײַן צווייטער גרויסער ראָמאַן — „דער ייִדישער מוזשיק".

פאר די העכער פערציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקײַט האָט מאָרדכע ספּעקטאָר אָנגעשריבן א גרויסע צאָל ראָמאַנען. אויסער די צוויי דערמאָנטע זײַנען באַקאַנט זײַנע ראָמאַנען „אַנײִים־וועעוויונים אָדער גליקלעכע און אומגליקלעכע" (1886), „א שטומער גוטער־ייִד — אַן עמעסע מײַסע פון אונדזערע צײַטן" (1887), „רעב טרײַטל" (1889), „קאַליקעס" (1903) און פיל סקיצן און דערציילונגען וועגן ייִדישן לעבנסשטייגער אין שטעטל.

מאָרדכע ספּעקטאָר איז געווען אַן אַקטיווער בויער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין 1887 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין ווארשע דאָס יאָרבוך „דער הויז־פרײַנד", וואָס איז געווען פּאָפּולער צווישן די לייענער. ער האָט אויך אַקטיוו זיך באַטייליקט אין י.־ל. פּערעצעס „יאָמטעוו־בלעטלעך".

מאָרדכע ספּעקטאָר איז געווען א נאָענטער פרײַנט פון מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען און י.־ל. פּערעצן. צוזאַמען מיט זיי האָט ער געשאַפן די נײַע ייִדישע ליטעראַטור, געקעמפט קעגן דערשײַנונגען פון שונד (שאָמעריזם).

געשטאָרבן איז מאָרדכע ספּעקטאָר אין ניו־יאָרק דעם 15 מאַרט 1925.

מיט 90 יאָר צוריק איז אין וואָלינער שטעטל אושאָמיר געבוירן געוואָרן דער זינגער און זאַמלער פון ייִדישע פאָלקסלידער מענאַכעם קיפּניס.

אין דער פריִער יוגנט האָט מ. קיפּניס געזונגען בא פארשיידענע כאַזאָנים, דערונטער באַם באַרימטן בערדיטשעווער כאַזן ניסן בעלזער. שפּעטער האָט ער זיך געלערנט אין דער ווארשעווער קאָנסערוואַטאָריע. אין עלטער פון 24 יאָר איז ער אָנגענומען געוואָרן אַלס טענאָר אינעם כאָר פון דער ווארשעווער רעגירונגס־אָפּערע, ווו ער איז געווען דער איינציקער ייִד. אַרומפאָרנדיק מיט קאָנצערט־טורנעס איבער די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, האָט מ. קיפּניס סיסטעמאַטיש געזאַמלט פאָלקסמײַסעס און פאָלקסלידער און פארעפנטלעכט זיי אין דער פּרעסע.

עס זײַנען באַוווּסט מ. קיפּניסעס דרײַ זאַמלונגען פאָלקסלידער: „60 ייִדישע פאָלקסלידער" (1918); „80 ייִדישע פאָלקסלידער" (1925) און „100 נײַע ייִדישע פאָלקסלידער". דער ווארשעווער פארלאַג „ביכער פאר אַלע" האָט אין 1912 אַרויסגעגעבן מ. קיפּניסעס בוך „באַרימטע ייִדישע מוזיקער". ברייט פארשפּרייט זײַנען אויך געווען זײַנע הומאָרעסקעס „ניסים־וועניפלאָעס" און „כעלעמער מײַסעס".

מענאַכעם קיפּניס איז געשטאָרבן אין 1942 אין ווארשעווער געטאָ.

דעם 15 מײַ ווערט 90 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער ייִדישער דיכטער הײמי (כאַיִם) רויזענבלאַט.

ה. רויזענבלאַט שטאַמט פונעם פּאָדאָליער דאָרף ריסאָשע (ניט ווײַט פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק). זײַן פאָטער איז געווען א מילנער. אין 1891, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט פארטריבן די ייִדן פון די דערפער, האָבן זײַנע עלטערן עמיגרירט קיין אַמעריקע. אין 1910 איז אין ניו־יאָרק דערשינען ה. רויזענבלאַטס זאַמלונג „לידער", וועלכע האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט אויך פון די ייִדישע ליטעראַרישע קרײַזן אין רוסלאַנד. אין 1916 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין דעטראָיט און דאָרט רעדאַגירט די צײַטשריפט „דעטראָיטער וואָכנבלאַט", אין וועלכער עס האָבן מיטגעאַרבעט ד. איגנאַטאָוו, י. אָפּאַטאָשו, פּ. הירשביין, מאַני־לייב, א. ראַבאָי אאַ.

ה. רויזענבלאַט איז איינער פון די ווייניקע אַמעריקאַנער ייִדישע ליריקער פונעם עלטערן דאָר, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט די פארשיידענע

עטאפּן פון דער אנטוויקלונג פון דער ייִדיש־אמעריקאנישער פּאָעזיע. פון זײַנע גרעסערע ווערק טיילן זיך אויס די פּאָעמעס „צווישן הימל און ערד", „באם ברעג פון סאמבאטיען", „דער מעכאשעף".

אין 1921 האָט ה. רויזענבלאט זיך באזעצט אין לאָס־אנדזשעלעס. ער איז געשטאָרבן דעם 6 יון 1956.

עס איז אלט געוואָרן 75 יאָר דער אמעריקאנער ייִדישער הומאָריסט און געזעלשאפטלעכער טוער סעם (שעפסל) ליפּצין.

ש. ליפּצין איז א געבוירענער פון ליפּסק, סוואלקער גובערניע. צו 16 יאָר האָט ער עמיגרירט קיין אמעריקע, ווו ער איז באלד געוואָרן אן אקטיווער טוער אין דער אמעריקאנער סאָציאַליסטישער פּארטיי. אין 1922, ווען עס האָט זיך געגרינדעט די אמעריקאנער ייִדישע פּראָגרעסיווע צײַטונג „פרײַהײַט" (איצט „מאָרגן־פרײַהײַט"), איז ש. ליפּצין געוואָרן איינער פון אירע ערשטע מיטארבעטער. ער איז אקטיוו אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" ביז הײַנטיקן טאָג.

שוין 55 יאָר, ווי סעם ליפּצין טרעט ארויס פאר די לייענער „מיט א פריילעך פּאָנעם" (אזוי האָט ער אָנגערופן דאָס בוך, וואָס איז דערשינען צו זײַן 70־טן געבורטסטאָג אין ווארשעווער פארלאג „ייִדיש בוך"). אין דער ייִדישער פּראָגרעסיווער פּרעסע פון אמעריקע און אנדערע לענדער דרוקן זיך רעגולער זײַנע הומאָריסטישע און סאטירישע סקיצן, לידער, גלײַכווערטלעך, אפאָריזמען, וויצן, וועלכע זײַנען באוווּסט אין פאָלק אונטער דעם שפּילעוודיקן אלגעמיינעם נאָמען „ווי זאָגט דער פּעטער סעם". סעם ליפּצין האָט זיך געדרוקט אויך אין „סאָוועטיש היימלאנד".

אין ליפּצינס אפאָריזמען, עפּיגראַמען, סאטירישע פערזן, קוועקזילבערישע פען־שטיפערײַען (ער שרײַבט זיך צומאָל אונטער אויך „קוועקזילבער") טרעפן מיר אן אויצער שטייגערישע שילדערונגען פונעם ייִדישן שטעטל אין צארישן רוסלאנד און פון דער הײַנטיקער ביזנעסדיקער אמעריקע. די שפּראך פון ליפּצינס ווערק איז זייער פאָלקסטימלעך. אָט וואָס דער באקאנטער דיכטער און עסעיִסט בער גרין שרײַבט וועגן ליפּצינען: „די אפאָריזמען זײַנען פּײַן געשליפן און זײַנען אזוי בליציק און געראָטן, אז זיי קאָנען מיט דער צײַט ווערן פאָלקסווערטלעך, שפּריכווערטער".

ש. ליפּצין איז ליטעראריש ביז גאָר אקטיוו. ער איז דער אווטאָר פון קימאט דרײַסיק ביכער. שוין אין 1923 איז ארויס פון דרוק זײַן בוך פון 160 זײַטן „אף לײַטיש געלעכטער" (הומאָרעסקעס, לידער, אפאָריזמען). איבערעכענען אלע זײַנע ווערק איז ניט נייטיק, זיי זײַנען גוט באקאנט די לייענער. מיר וועלן דערמאָנען בלויז אייניקע פון ליפּצינס ביכער: „אמאָל איז געווען" (1951), „א וואָרט פאר א וואָרט" (1955), „ווי זאָגט דער פעטער" (1960) און אנד.

מיר דערמאָנען אונדזערע אבאָנענטן!

דעם זיבעטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" קאָן מען אויסשרײַבן בלויז ביזן 1 יון.

קעדיי צו באקומען דעם זשורנאל אָן איבעררײַס, דארפן די לייענער, וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אף דער ערשטער העלפט יאָר, באצײַטנס באנײַען די אבאנירונג, וועלכע ווערט אָנגענומען אין אלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאט" און פון דער פּאָטשט.

פּרײַז פאר 6 כאדאָשים — 3 רובל.

לייענט און פארשפרייט „סאָוועטיש היימלאנד"!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания восьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 28-27-91; ответственный секретарь — 94-46-69; отделы прозы и поэзии — 28-49-42; отдел критики — 23-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 16/IV 1968 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10(14). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 182.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 5

1 9 6 8

В НОМЕРЕ:

А. Вергелис. Руки солдата (поэма).
И. Кипнис. В пути (роман. Продолжение).
Стихи Ш. Дриза (к 60-летию со дня рождения), М. Талалаевского, Г. Блоштейна, Э. Межелайтиса, Е. Лацмана.
М. Елин. Посох моего деда (рассказ).
Ш. Кривошеин. Две дуэли (документальный рассказ).
А. Губницкий. Мой дом (повесть).
Р. Лейкина. В трудную годину (предисловие Ш. Горшман).
Г. Рывкин. Отец и сын (рассказ).
Зарубежные новеллы.
Т. Ген. Раздумья.
К 150-летию со дня рождения К. Маркса. Н. Ойслендер. Политические памфлеты К. Маркса.
На путях современности. М. Нотович. О новых рассказах М. Кобрянского.
Б. Бурьян. Мастер и его произведения (о скульпторе З. Азгуре).
Комментарии редакции. Листая газеты и журналы. Заметки букиниста. Разное. Хроника. Заметки на календаре.